# א. אבטשוק

# עטיודן און מאטעריאלן

צו דער געשיכטע פון דער יידישער
ליטעראטור־באוועגונג אין פסר״ר

ליטעראטור און קונסט

10.–

סמינריון למדע יהודי ע״י המחלקה
הפילוסופית של המכללה בטרטו.

נדב ..............................

№ 1672

אינסטיטוט פאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור בא דער אלוקראַיִנישער
וויסנשאַפטלעכער אקאַדעמיע. סעקציע פאַר ליטעראַטור און קריטיק

א. אבטשוק

# עטיודן און מאַטעריאַלן

צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער
ליטעראַטור־באוועגונג אין פסר״ר

ערשטער בוך

1917—1927

ליטעראַטור און קונסט
1934. כאַרקאָוו

Бібліографічний опис цього видання вміщено в „Літописі Українського Друку“, „Картковому репертуарі“ та інших покажчиках Української Книжкової Палати.

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1942. 5409
18423

Редактор — М. Шейнгольд.
Техкер — С. Білокінь.
Коректор — Л. Гілер.

Сьома друкарня ім. Фрунзе. Харків, Донець-Захаржевська, 6. Уповноваж. головліту № 7180 Зам. № 1275. Тир. 1.500

Видання № 38. Папір ф. 72 х 110—50 кг. 4 5/8 пар. арк. 1 пап. арк. 134.000 літ. Здано в роботу 16-IX 1933 р. Підписано до друку 22-III 1934 р.

# באַמערקטע דרוק־פעלערן

| זייטל | שורע | עס שטייט | עס דאַרף זיין |
|---|---|---|---|
| 17 | 12 | ש. דאָבין | כ. דאָבין |
| 24 | 1 | באַם בעסטן טייל | בא א טייל |
| 28 | 26 | פרייַנט | פיינט |
| 28 | 28 | צעפראָט | צעפאָרט |
| 31 | 7 | ריכטונג | דיכטונג |
| 42 | 18 | די | דער |
| 50 | 28 | אויסגאַבן | אופגאבן |
| 55 | 31 | נאָכן אלסן שטיין | נאָכן אלטן שטיין |
| 72 | 18 | פאַקטישער דע־פארונג | פראַקטישער דערפאַרונג |
| 89 | 17 | פארגעלייענט ווערן פון אונדזערע קלאַסיקער | פארגעלייגט ווערן ווערק פון אונדזערע קלאַסיקער |
| 99 | 10 | שרייַבט | שרייַבסט |
| 107 | 19 | אידעאל | אידעאָלאָגישן |
| 153 | 29 | פון די אייניקע | פון אייניקע |
| 188 | 32 | דאַניעל, בערגלסאן | דאַניעל בערגלסאָן |
| 209 | 14 | 1298 | 1928 |

# פאָרוואָרט

די רעזאָליוציע פון צ״ק אל. ק. פּ.(ב) פארן 23־טן אַפּרעל 1932 יאָר וועגן דעם איבערבוי פון די ליטעראַריש־קינסטלערישע אָרגאַניזאַציעס, די ליקווידאַציע פון די פּראָלעטאַרישע שרײַבער־אָרגאַניזאַציעס און דאָס באַשאַפן אן איינהייטלעכן פאַרבאַנד סאָוועטישע שרײַבער,—עפנט אויף א נײַע בלאַט אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור און ליטעראַטור־באַוועגונג. די רעזאָליוציע שליסט אָפּ א גרויסן פעריאָד אין דער אנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור און ליטעראַטור־באַוועגונג, ווען עס זײַנען אנטשטאַנען די פּראָלעטאַרישע שרײַבער־אָרגאַניזאַציעס, וואס האָבן געהאט די אויפגאַבע צו קעמפן קעגן אלערליי פרעמדע ווירקונגען אויף דער ליטעראַטור און צו פאַרשטאַרקן די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור. „מיט עטלעכע יאָר צוריק — ווערט געזאָגט אין דער רעזאָליוציע,— ווען אין דער ליטעראַטור איז נאָך געווען א היפּשע ווירקונג פון פרעמדע עלעמענטן, וואס האָבן זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט אין די ערשטע יאָרן נעפּ, און די קאַדרען פּראָלעטאַרישע שרײַבער זײַנען נאָך געווען שוואַך, האָט די פּאַרטיי מיט אלע מיטלען געהאָלפן צו שאַפן און פאַרפעסטיקן די באַזונדערע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס אין געביט פון ליטעראַטור און קונסט, קעדיי צו פאַרפעסטיקן די פּאָזיציעס פון די פּראָלעטאַרישע שרײַבער און קונסט־טוער״.

די רעזאָליוציע פון צ״ק ווײַזט אויך פולשטענדיק ריכטיק אָן אויף די פעלערן און פאַרקריפּלונגען, וואס די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור־אָרגאַניזאַציעס האָבן דערלאָזן אין זייער ארבעט אינעם לעצטן פעריאָד. די רעזאָליוציע רעדט וועגן „דער געפאַר, אז די אָרגאַניזאַציעס זאָלן פון א מיטל פון דער גרעסטער מאָביליזאַציע פון די סאָוועטישע שרײַבער און

קינסטלער ארום די אופגאַבעס פון דער סאָציאַליסטישער בויונג, פאַר־וואַנדלט ווערן אין א מיטל צו קולטיווירן קרייַזלדיקע אייַנגעשלאָסנ־קייט, זיך אָפּרייַסן פון די פּאָליטישע אופגאַבעס פון דער הייַנטצייַטיקייַט און פון אָנגעזעענע גרופּעס שרייַבער און קינסטלער, וואס פילן מיט דער סאָציאַליסטישער בויונג".

אין צוזאמענהאנג מיטן נייַעם פעריאָד, אין וועלכן די גאנצע ליטע־ראַטור און ליטעראַטור־באוועגונג טרעט איצט אריין, ווערט רייַף די פראַגע וועגן אופזאמלען מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער פּראָ־לעטארישער ליטעראַטור־באוועגונג, קעדיי איבערצוגעבן איר דערפארונג, דאָס בעסטע, וואס די אָרגאניזאַציעס האבן פארמאָגט, דער נייַער פאלאנגע שרייַבער, וואס דער גרעסטער טייל אירער גייט פון זאַוואָד, קאָלווירט, ראַטווירט א. א"וו, ווי אויך ווייַזן, וואס פארא פעלערן האט די ליטע־ראטור־באוועגונג אויסצומייַדן אף דעם נייַעם עטאַפּ.

דער בוך „עטיודן און מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור־באוועגונג אין ראטנ־פארבאַנד" פון כ׳ א. אבטשוק האט דעם צוועק צו ווייַזן דעם קאַמף פאר דער יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראטור אין ראַטנפארבאַנד קעגן בורזשואַזע און קליינבירגערלעכע ליטעראַטור־טעאָריעס, די שווערע פארביטערטע שלאַכטן, וואס זייַנען געגאַן צווישן דער יונגער פּראָלע־טאַרישער ליטעראטור־באוועגונג און די רעשטלעך קליינבירגערלעכע יידישיסטישע, נאַציאָנאַליסטישע שרייַבער־גרופּעס בא אונדז אין פאר־באַנד, ווייַזן דעם קאַמף פאר דער פאַרטייישער ליניע אין פראַגעס פון ליטעראַטור, ווי אויך צו ווייַזן די פעלערן, וואס די יידישע פּראָלעטא־רישע ליטעראטור־באוועגונג האט געהאט. דער בוך באשעפטיקט זיך, ווי עס דרינגט ארויס פונעם נאָמען, וואס דער בוך טראָגט, מיט דער גע־שיכטע פון ליטעראטור־באוועגונג אין ענגן זין פון וואָרט, ד. ה., געשיכ־טע פון ליטעראַרישע אָרגאניזאַציעס, שרייַבער־פאריייניקונגען, ליטערא־רישע דעקלאַראַציעס, קאַמף פאר קינסטלערישע אָנשויונגען און ד. גל. דער אנאַליז פון קינסטלערישע ווערק ווערט געגעבן נאָר אף אזויפיל, אף וויפל עס דארף באלויכטן די אָדער יענע דערשייַנונג אין דער ליטעראטור - באוועגונג. א סאך פּלאַץ פארנעמט אין בוך אויך די באלויכטונג פון דער ראָל, וואס די קאָמוניסטישע און קאָמיוגישע פרעסע

האט געשפּילט אינעם קאַמף פאַר דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און מאַרקסיסטישער קריטיק.

דער בוך באַמיט זיך, ווי ווײַט מעגלעך, אײַנפלעכטן די געשיכטע פון קאַמף פון דער ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור־באַוועגונג אין דעם אַלגעמיינעם קאַמף פון דער ליטעראַטור־באַוועגונג אין לאַנד. ניט אומעטום האָט זיך עס דעם אַוטאָר אײַנגעגעבן. די סיבה דערפון איז: די אָרעמקייט אין פאָראַרבעטן צו דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור־באַוועגונג און די ליטעראַטורן פון פסר״ר.

באַגלײַך מיט אַ ריי אויספאָרשונגען וועגן באַזונדערע עטאַפּן אין דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור־באַוועגונג, ווערן אין דער אַרבעט געבראַכט אַ גרויסע צאָל מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען נאָך גרעסטנטייל אין ערגעץ ניט געווען געדרוקט. מיר האָבן געהאַלטן פאַר נייטיק דידאַזיקע מאַטעריאַלן צו פּובליקירן, ווײַל מיר רעכענען, אַז זיי שטעלן מיט זיך פאָר שוין בײַ הײַנטיקן טאָג אַ גרויסן אינטערעס פאַר דער געשיכטע פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

דער ערשטער בוך באַהאַנדלט בלויז די געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור־באַוועגונג אין ראַטנפאַרבאַנד פאַר די ערשטע צען יאָר רע־וואָלוציע (1917—1927), דער ווײַטערדיקער פּעריאָד וועט געגעבן ווערן אין אַ צווייטן בוך.

דער בוך האָט אָן אַ שום ספק אַ גאַנצע ריי בלויזן. אייניקע פּעריאָדן זײַנען ווײַט ניט פול באַלויכטן. דאָס דערקלערט זיך מיטן צו־שטאַנד פון די אַרכיוו־מאַטעריאַלן, וואָס האָבן אַ שײַכעס צו דער טעמע פון בוך. צוטרעטנדיק צו דער אַרבעט איבערן דאָזיקן בוך, איז דעם כאַווער אַ. אַבטשוק ערשט אויסגעקומען צו שאַפן דעם יעסאָד פאַר אַן אַרכיוו פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור און ליטעראַטור־באַוועגונג, און דערבײַ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַסאַך פּראָטאָקאָלן און דאָקומענטן פון באַדײַטנדיקע ליטעראַרישע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטיי־ניקונגען זײַנען ניט אָפּגעהיט געוואָרן. אין רעזולטאַט בלײַבן אַ גאַנצע ריי איבערגאַנג־מאָמענטן און עטאַפּן אין דער ליטעראַטור־באַווע־גונג ניט גענוג באַלויכטן.

צום סאָף דריקט אויס די סעקציע פאַר ליטעראַטור און קריטיק איר דאַנק פאָלגנדיקע אָרגאַניזאַציעס און כאַווײרים, וואָס האָבן פרײַנט־

לעך געשטעלט אין אונדזער רעשוס זייערע מאַטעריאַלן (פּראָטאָקאָלן, פּארצייכענונגען, זיכרוינעס, מיטיילונגען, בריוו, טאָג־ביכער און אז״וו): קיִעווער יִדישער אָפּטיילונג באַם צענטראַלן ארכיוו, ווײַסרוסישע מע־לוכע־ביבליאָטעק אין מינסק, די כ״כ מ. אראָנסקי, בלאָך, בערלין, ש. גאָדינער, כ. גילדין, י. דאָברושין, ד. האָפּשטיין, ד. וואָלקנשטיין, א. וועוויאָרקע, וועלעדניצקי, מ. טייטש, מ. כאשטשעוואצקי, נויעך לוריע, נאָטע לוריע, א. סערעבריאני, אי. פּעפּער, ד. פעלדמאַן, א. פּיאַטי־גאָרסקע, א. קושניראָוו, י. ראבין, ל. רעזניק און אנדערע.

נאטירלעך, אז אָן די זאמלונגען פון דעם פּרעסע־ארכיוו און ביבליאָטעק באַם אינסטיטוט פאַר פּראָלעטאַרישער יִדישער קולטור און פון דער „ווינטשעווסקי״־ביבליאָטעק אין קיִעוו, וואָלט די גאנצע ארבעט געווען אומעגלעך.

סעקציע פאַר ליטעראטור און קריטיק
באַם אינסטיטוט פאַר יִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור.

קיִעוו, 15־טער יול, 1932.

1־ט קאפיטל

## די „אייגנס"־גרופע* (1917—1920)

די געשיכטע פון דער נאָכאָקטיאַבערישער יידישער ליטעראטור הייבט מען געוויינלעך אָן מיטן אזויגערופענעם „אייגנס" ־ פעריאָד, וועלכער איז פארבונדן מיט דער גרופע בערגעלסאָן—ניסטער—דאָברושין און דער ערשטער נאָכאָקטיאבערישער דיכטער־פאלאנגע (שוואַרצמאַן—האָפ־שטיין—מארקיש—קוויטקאָ). די „אייגנס"־ג־ופע, דאָס איז די ערשטע גרופע שרײַבער, וואָס ווערן באלד נאָך דער פעווראל־רעוואָליוציע טע־טיק אין אוקראַינע, אין קיִעוו, און שאפן אף א שטיק צײַט אין קיִעוו דעם ליטעראַטור־צענטער פונעם גאנצן געוועזענעם רוסלאנד. עס קומט אָן דער אזויגערופענער „קיִעווער־פעריִאָד", וועלכע אייניקע אונד־זערע נאצאָפּאָרטוניסטן האָבן געפּרווט דערקלערן פאר דער „גאָלדענער ערע" אין דער אנטוויקלונג פון דער נאָכאָקטיאַברישער יידישער ליטע־ראטור, שיר נישט פאר דעם אנהויב פון דער יידישער פראָלעטאַרישער ליטעראטור.

קעדיי קלאָר און בוילעט צו פארשטיין דעם כאַראַקטער פון דער „אייגנס"־גרופע, איז נויטיק צו אנאַליזירן די פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכע סיטואַציע אין יענער צײַט אין אוקראַינע און ספּעציִעל אין קיִעוו. או־קראינע האָט מיט זיך אין יענע יאָרן פאָרגעשטעלט אן ארענע פון ביר־גער־קריג און שאַרפסטן קלאסנקאַמף. קיִעוו איז אין די יאָרן 1918 -

* מיר רופן די גרופע אָן "אייגנס"-גרופע לויט די זאמלביכער „אייגנס", וואס זי האט ארויסגעגעבן.

1920 — אויסער געציילטע כאדאָשים ראטנמאַכט—געווען די נעסט פון אַנטיסאָוועטישע קויכעס אין אוקראַינע. דאָ אין קיִעוו האָבן זיך געפונען פארשיידענערליי קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע רעגירונגען, וואָס האָבן פאר־ביטערט געקעמפט קעגן דער ראטנמאַכט. דאָ איז געווען פעטליורע, די צענטראַלע ראַדע, סקאָראָפּאַדסקי און אנדערע. אין קיִעוו זײַנען אויך געווען אמשטאַרקסטן די יידישע בורזשואַזע און נאַציאָנאַל־מענשע־וויסטישע פארטייען; דאָ גייען אין יענע יאָרן ארויס א ריי יידישע בורזשואַזע און נאַציאָנאל־מענשעוויסטישע צײַטונגען; דאָ זײַנען טעטיק פארלאגן און אנדערע יידישיסטישע קולטור־געזעלשאפטן—געטרײַע מיט־העלפער פון דער קאָנטער־רעוואָליוציע אין לאנד.

די יידישע שרײַבער אין קיִעוו—די „אייגנס"־גרופּע—זײַנען קימאַט דורכויס געווען צונויפגעבונדן מיט די יידישע נאַציאָנאל־מענשעוויס־טישע פּאַרטייען און זייערע קולטור־אנשטאלטן.

דער גרעסטער טייל פון דער עלטערער שרײַבערישער אינטעליגענץ (מיט קליינע אויסנאמען), וואָס איז געבליבן אין לאנד פון פאר דער רעוואָליוציע, איז געווען קעגנעריש געשטימט צו דער ראטנמאַכט. דאָס זײַנען געווען אָדער אָפענע קעגנער פון דער ראטנמאַכט, וואָס האָבן גענומען אן אַקטיוון אנטייל אינעם קאַמף קעגן דער רעוואָליוציע, אָדער „נייטראלע" שרײַבער, וועלכע האָבן געפירט א באַהעמע־לעבן און זיך פארנומען מיט „ריינער קינסט".

קימאַט גלײַך נאָך דער רעוואָליוציע (1918 י.) ווערט אין אוקראַינע (מיטן צענטער אין קיִעוו) טעטיק די „קולטור־ליגע", וואָס ווערט א נעסט פון נאַציאָנאל־דעמאָקראַטישער קולטורטרעגערײַ, א שטיצפונקט פאר די יידישע מענשעוויסטישע פארטייען און דער א. ג. נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַווטאָנאָמיע.

די „קולטור־ליגע" הייבט גלײַך אָן אָרגאַניזירן די יידישע ליטעראַ־טור־און קונסט־ארבעט אין אוק־אַינע. עס ווערט בא איר, צווישן אנדערן, געשאַפן א ליטעראַרישע סעקציע. די אָנפירער מיט דער ליטע־ראַרישער אַרבעט אין דער „קולטור־ליגע" זײַנען, אייגנטלעך, די שרײַ־בער פון דער „אייגנס"־גרופּע, וואָס שאפט זיך אין יענער צײַט אין קיִעוו.

פון א באַריכט אפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער „קולטור־ליגע" מײַ 1919, דערוויסן מיר זיך וועגן דער טעטיקייט פון דער ליטסעקציע בא דער ק"ל פאר די עטלעכע כאדאָשים (6־7) פון איר עקזיסטענץ.

ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין באריכט, האָט זיך די סעקציע צווישן אנדערן פארנומען מיט אזוינע פראַגעס, ווי אן אײנהײַטלעכע ייִדישע אָרטאָגראַפיע, ווי שאַפן א טערמינאָלאָגיע. די ליטעראַטור־סעקציע האָט מיטגעהאָלפן צו גרינדן דעם ייִדישן פראָפעסיאָנעלן פאַריין פון ליטעראַטן און זשורנאַליסטן. די סעקציע האָט באַשטעלט א בראָשור וועגן פערעצן, האָט מיטגעהאָלפן אנדערע אינסטיטוציעס באם אויספילן ליטעראַרישע אונטערנעמונגען א. אז. וו.

די גרופע „אייגנס" האט באלד נאך דער רעוואָליוציע פאַרנומען דאָס צענטראַלע אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין אוקראַינע. זי האָט אַרום די עקזיסטירנדיקע פארלאַגן אין קיעוו, ארום דער „קולטור־ליגע", ארום דער פרעסע אָנגעהויבן פירן א היפשע ליטעראַרישע ארבעט.

וואס־זשע האט דידאָזיקע ליטעראַרישע גרופע מיט זיך פאָרגעשטעלט?

אידעאָלאָגיש האט די גרופע „אייגנס" ווײַטער פאָרגעזעצט דעם נאַצדעמאָקראַטיזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכע עס האבן נאָך אָנגעהויבן די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" אין 1908־טן יאָר.

אין 1918 גייט אַרויס דער ערשטער זאַמלבוך „אייגנס" און אין 1919 יאָר זײַנען אינעם טעאָרעטישן זשורנאַל פון דער „אייגנס"־גרופע (אין דער קיִעווער „ביכער־וועלט") אָפּגעדרוקט עטלעכע אַרטיקלען פון די „אייגנס"־שרײַבער. די וויִכטיקסטע פון זיי זײַנען ד. בערגעלסאָנס „דיכטונג און געזעלשאַפטלעכקייט" און י. דאָבּרושינס „ייִדישער קונסט־פרימיטיוו און דאס קונסט־בוך פאר קינדער". עס גייט, אלזאָ, האַנט באַ האַנט קינסטלערישע פראָדוקציע און טעאָרעטישע אַרטיקלען.

ווי אזוי זשע זעט אויס די פראַקטיק און די טעאָריע פון דער „אייגנס"־גרופע?

אין ערשטן זאמלבוך „אייגנס" איז דער צענטער בערגעלסאָן און ניסטער. דער ערשטער „אייגנס" איז אויך אן אָנגעזעענער אידעאָלאָגישער ווענדפּונקט אין בערגעלסאָנס שאַפן.

דאָ האָבן מיר בערגעלסאָנס ראָמאַן „אין פאַרטונקעלטע צײַטן", ווו בערגעלסאָן מאַכט אַ קער צו דער אידעאַליזאַציע פון דער ייִדישער גרויס־בורזשואַזיע, ווו ער פירט אַרויס אין דער פּערזאָן פון אווראָם ראַפּאָפּאָרט דעם פאַרגעשריטענעם קולטורעלן ייִדישן גוויר אונטערן שײַן פון פאַרליבטקייט, צוטרויען און קינסטלערישער רעאַביליטאַציע פון דער ייִדישער גרויס־בורזשואַזיע.

בערגעלסאָן באַגרענעצט זיך נישט נאָר מיט קינסטלערישן שאַפן, ער פרוווט אויך זײַנע ליטעראַרישע אַנשויונגען באַגרינדן טעאָרעטיש.

מיר האָבן אינזינען זײַן אויבנדערמאָנטן אַרטיקל „דיכטונג און געזעלשאַפטלעכקייט" אין „ביכער־וועלט" 1919 (4־5 נומ.).

מיט אַ צענדליק יאָר פאַרן דערשײַנען פונעם „אייגנס" האָט אַ גרופּע ייִדישע נאַצדעמאָקראַטישע אינטעליגענץ, ש. ניגער, א. ווײַטער און ש. גאָרעליק, וואָס האָט זיך אין די רעאַקציע־יאָרן גענומען פאַר ייִדישיסטישער קולטור־טרעגערײַ, אין זייער זשורנאַל „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" פאַרעפנטלעכט אַ דעקלאַראַציע אונטערן נאָמען „צו די לעזער". אין דער דעקלאַראַציע האָבן זיי געשריבן:

„די ליטעראַטור קאָן קיין קיום נישט האָבן, קאָן זיך נישט פרײַ אַנטוויקלען, אויב זי שטיצט זיך אויף אַ ווייניק־אַנטוויקלטן לעזער, אויב זי שטעלט צופרידן די גײַסטיק־עסטעטישע באַדערפעניש נאָר פון די, וואָס האָבן קיין צוטריט ניט צו דער קולטור פון אַנדערע פעלקער. די ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך ביז דער לעצטער צײַט געהאַלטן נאָר אויף אַזוינע לעזער־שיכטן. איר הויפּט־געברויכער איז געשטאַנען אויף אַ נידעריקער קולטור־שטופע, און זי אַליין איז געווען פּרימיטיוו און פּראָסט".

דאָס האָט געדאַרפט באַטײַטן: די ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך ביז איצט (געמיינט, די שטורמישע יאָרן פון דער רעוואָלוציע פון 1905 י.—א. א.) געהאַלטן דעריקער אויף אַרבעטער און האַנטווערקער, איז זי דערפאַר געווען פּרימיטיוו. כדי זי זאָל ווערן העכער, דאַרף זי זוכן אַן אַנדער שיכט, אויף וועלכן זי זאָל זיך האַלטן.

ווער זשע איז עס דער נײַער שיכט, אויף וועלכן עס דאַרף זיך האַלטן די ייִדישע ליטעראַטור לויט דער מיינונג פון א. ווײַטער, ניגער און גאָ־

רעליק (די רעדאַקטאָרן פון די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן"), אויב זי וויל זיך אופהייבן אף א הויכער שטופע? דאָס איז די „ייִדישע אינטע־ליגענץ און אירע שכיינישע שיכטן", דאָס הייסט, דער ייִדישער מיטל־שטאַנד, די ייִדישע בורזשואַזיע.

„דער אַנטשפּרעכנדיקער קולטור־רענעסאנס פאָדערט,—שרייַבן די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" אין זייער ווענדונג,—אז אף זייַן באָדן, אפן באָדן פון העם קולטור־שאפן זאָלן פארייניקט ווערן אלע לעבעדיקע קרעפטן פון פאָלק, פאַרפעסטיקן אונדזערע נאַציאָנאַלע באסטיאָנען. דאָס איז דאָס שלאָג־וואָרט, וואָס הענגט אינדערלופט"!

עס איז געווען א רוף צו נאַציאָנאַלער אַכדעס, קעדיי צו שאַפן א גרויסע ייִדישע קולטור—א קולטור א בורזשואַזע, א קלאַל־ייִסראָעל־ליטעראַטור.

מיט העכער צען יאָר שפעטער, אין 1919 יאר, כאזערט בערגעלסאָן דיזעלבע געדאַנקען איבער אין זייַן אויבנדערמאָנטן ארטיקל באַ א געענדערטער סיטואַציע, שוין נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

ער הייבט אָן מיט דער פעסטשטעלונג, אז אין צייַט פון „שטורעם און דראנג" (ד. ה. בעייס אַ רעוואָליוציע) מוז די געזעלשאפטלעכקייט און די דיכטונג זיך פאנאַנדערגיין. די דיכטונג ווערט איינזאם. נאָך ערגער איז, לויט זייַן מיינונג, די לאַגע פון דער ייִדישער דיכטונג.

„אויב די איינזאַמקייַט פון דער דיכטונג,— זאָגט בערגעלסאָן אין זייַן אַרטיקל „דיכטונג און געזעלשאפטלעכקייַט"—איז אינאַלגעמיין אין איצטיקן מאָמענט זייער גרויס, איז די איינזאַמקייַט פון דער ייִדישער דיכטונג שרעקלעך. אינעם מיטלשטאַנד פון יעדן פאָלק געפינען זיך דאָך אייניקע עפּאָס־עלעמענטן, וואָס נעמען ניט קיין דירעקטן אנטייל אין די איבערבויונג־פּראָצעסן פון דער געזעלשאפט, און דער כאַראַקטער וועלט־צושטאַנד האט זיי ניט אינגאנצן פארכאפט. זייער באַציִונג צו דיכטונג איז ניט געענדערט געוואָרן און אין דערזעלבער צייַט שטעלן זיי מיט זיך פאָר די מער שטאנדהאפטיקע רויִקע פאָרמען, אף וועלכע די דיכטונג באזירט אירע פרווון. באַ אונדז איז אָבער דער מיטלשטאנד ניט פארינטערעסירט מיט דער ייִדישער שאַפונג. פאר דער ייִדישער

דיכטונג בלײַבן אזויארום, פון איין זײַט, דער ניט־אַנטוויקלטער פאָלקס־מענטש, וועלכער איז צו דער טראַדיציע פון בירגערלעכקייט ניט דער־וואקסן און באַנעמט נאָר יענע צייכענונגען, וואָס באַשטייען פון פרימי־טיווע ליניעס, אנדערש געזאָגט, ער באַנעמט נאָר דעם לובאָק, און פון דער אַנדערער זײַט, בלײַבט פאר דער ייִדישער דיכטונג דער אינטעלי־גענטנער לעזער, וועלכער איז, אגעוו, טיילווײַז דערצויגן אף פרעמדער דיכטונג און קומט צו אונדז פון פרעמדע טישן".

אזויארום האָבן מיר דאָ א קלאָרע צעשטעלונג פון די קלאַסן־קויכעס, אף וועלכע עס דאַרף זיך אָריענטירן די ייִדישע ליטעראַטור. פונקט ווי אין די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן", פיגורירט דאָ דער ניט־אַנטוויקלטער פאָלקס־מענטש, וואָס „באַנעמט נאָר דעם לובאָק"—אַף אים קען זיך, פאַרשטענדלעך, לויט בערגעלסאָנען, די ליטעראַטור נישט באַזירן, בלײַבט איבער די ייִדישע אינטעליגענץ און דער ייִדישער מיטלשטאַנד. אָט־אָ די צוויי שיכטן דאַרפן זײַן, לויט בערגעלסאָנען, דער באַזיס פאַר דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור.

און ווײַל דער ייִדישער מיטלשטאַנד איז, לויט בערגעלסאָנען, נישט פאַרינטערעסירט מיט דער ייִדישער שאַפונג, און די ייִדישע אינטעלי־גענץ „קומט פון פרעמדע טישן", איז די אײַנזאַמקייט פון דער ייִדישער דיכטונג א דאָפּלטע.

אזויארום שטייט פאַר אונדז קלאָר און בולט די פּאָליטיש־קינ־סטלערישע אָריענטאַציע פון דער „אייגנס"־גרופּע.

די באַזע פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור איז, לויט זייער מיינונג, דער ייִדישער מיטלשטאַנד, די ייִדישע נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ—דאָס איז א פאָרזעצונג פון די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן", וואָס זײַ־נען דערשינען אין די רעאַקציע־יאָרן.

בערגעלסאָן האָט טעאָרעטיזירט וועגן דער דיכטונג, וואָס מוז זיך באַזירן אף דער אַלטער אָפּגעלעבטער בירגערלעכקייט. דאָבּרושין האָט דאָ דעם געדאַנק דעשיפרירט, געגעבן פּראַקטישע בײַשפּילן וועגן דעם, וואָס עס הייסט קאָנקרעט „זיך באַזירן אף דער אַלטער אָפּגעלעבטער בירגערלעכקייט". אין זײַן אַרטיקל „ייִדישער קונסט־פּרימיטיוו און דאָס

קינסט־בוך פֿאַר קינדער״, קומט דאָבּרושין צום אויספֿיר, אַז דער הויפּט־יעסאָד, אף וועלכן עס דאַרף געבויט ווערן דאָס קונסט־בוך פֿאַר ייִדישע קינדער — איז דער אַלטער ייִדישער קינסטלערישער פּרימיטיוו״.

וואָס זשע איז אַזוינס לויט דאָבּרושינען אָטאָ דער פּרימיטיוו? דער ייִדישער פּרימיטיוו — זאָגט דאָבּרושין — איז:

„די אויסגעמאָלטע שולן, די אויסגעקריצטע מאַצייוועס, אויסגע־שניצטע אָרנקוידעשן, בימעס, אמודים, קעסערטוירעס, אייצכאַיִמס, פּאָ־רויכעסן, האַנטפּאַסן, אַטאָרעס, יאַרמלקעס, שטענדערס, באַלעמערס, מישעבייערעכס, יעהיראָצנס, מיזרעכס, מאַזאָלעס, האַגאָדעס, באַפּוצטע סוקעס, פּייסעכדיקע קויסעס, קאַרעס, האָדעסלעך, האַוודאָלעס, טאַלעס־זעקלעך, טפֿילנזעקלעך, שאַרבלעטלעך, פּינקאָסים, קסובעס, כופּעס, כאַנוקע־לעמפּלעך, יאָרצייט, לאַמטערנס, יאָרצײַט־פֿאַרהאַנגלעך, כאַנוקע־רעדלעך, עסרויגים־פּושקעס, קינדער־פֿאָנען, גראַגערס, פֿײַל־און בויגנס, דריידלעך, טאַבאַק־קעסטעלעך, לולעוו־פֿינגערלעך, האַדויסים־בײַטעלעך, קאַלע־דעקטוכן, געמאָלטע מײַסעס פֿון צאַדיקים, גאַליציאַנער לעקעכער, דעם רעבנס קישעלעך, לאַמעדבייס־קיילעטשלעך, הימל־קוויטלעך, קאַ־מייעס, שאַבעס־טישטעכלעך, פּורימלעך, שטערנטיכלעך, ברוסט־טיכלעך, — אָט די אויבנופֿיקע אַפֿילע רעשימע פֿון דעם פֿאַר־שיידנאַרטיקן קינסטלערישן אינווענטאַר, ווײַזט, אַז דער ייִדישער קונסט־פֿאָלקלאָר האָט געהאַט פֿאַר זיך אַ גאַנץ רײַכן און פֿילפֿאַרביק־זאַפֿטיקן געביט. יאָ, דער ייִדישער קינסטלערישער פּרימיטיוו האָט זײַנע אייגענע טיפֿע סימאָנים, זײַן אייגנאַרטיקן קינסטלערישן דערעך, אייגענעם קונסט־אינהאַלט און אייגענע קונסט־פֿאָרם״ (דאָרטן. 18־19).

נישט נאָר אין פֿראַגעס פֿון אָריענטאַציע און באַזע, נאָר אויך אין שעפֿערישע פֿראַגעס האָט די „אייגנס״־גרופּע געהאַט איר בולטע פּלאַט־פֿאָרם: פֿאַרן בילדער־מאַטעריאַל האָט געדאַרפֿט דינען די רעליגיעז־גווירישע, באַלעבאַטישע בילדערישקייט. און נישט אומזיסט האָט בערגעלסאָן זיך געקלאָגט אף דעם, וואָס איי־ניקע וועלן איצט אַוועקשטעלן מאַרקישן העכער פֿון אַזוינע „גאָטס־געבענטשטע טאַלאַנטן״, ווי האָפּשטיין און קוויטקאָ, וועלכע קומען באַ־

לאָדענע (באַזונדערס האָפשטיין) מיט א רײַכער בילדער־וועלט אין קעגנ־זאַץ צו מאַרקישן, וואס קומט א נאַקעטער, אָן יערושע.

אָט דידאָזיקע רײַכע רעליגיעז־באַלעבאַטישע בילדערשקייט האט די „אייגנס"־אינטעליגענץ באַזונדערס געפונען אין ניסטערס שאַפן, און נישט אומזיסט ווערט ניסטער די קינסטלערישע פאָן פון דער גאנצער נאַצדעמאָקראַטישער יידישער אינטעליגענץ אין יענע יאָרן.

ווי מיר זעען, איז דער שטרײַט, וואָס די „אייגנס"־גרופּע האט געפירט מיט דער „געזעלשאַפטלעכקייט", ד. ה., מיטן פּראָלעטאַריאַט, מיט די קאָמוניסטן, מיט דער אופקומענדיקער יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, געגאַן אי אף דער ליניע פון אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע שטרײַטן, אי אף דער ליניע פון שעפערישע פראַגעס.

ווען מ׳רעדט וועגן דער „אייגנס"־גרופּע, מישט מען אָפטמאל צונויף די עלטערע „אייגנס"־גענעראַציע (בערגעלסאָן, ניסטער, דאָבּרושין און אַנד.) מיט דער ערשטער נאכאָקטיאַבּערישער דיכטער־גרופּע (שוואַרצמאַן, האָפשטיין, מאַרקיש, קוויטקא). מיר שײַנט, אז דאס איז נישט ריכטיק.

נישט ריכטיק איז עס דערפאַר, ווײַל אינעם שאַפן פון אָ דער גרופּע דיכטער האבן מיר דאָך רעוואָליוציאָנערע לידער, ווו די דיכטער נעמען פריידיק אוף דעם אָקטיאַבּער, בעיס אינעם שאַפן פון דער עלטערער „אייגנס"־גרופּע האבן מיר אין יענעם פעריאָד אַזוינס נישט.

די יונגע פאלאנגע נאָכאָקטיאַבּער־דיכטער: (שוואַרצמאַן, האָפשטיין, מאַרקיש, קוויטקא) איז געקומען אין דער ליטעראַטור באַלאָדן מיט פאָרגעפילן פון אן אנקומענדיקער רעוואָליוציע. זייער שאַפן איז גרעסטנטיילס נאָך זייער ניט קלאָר, אבסטראַקט, אלגעמיין־„מענטשלעך", נאַציאָנאַל־באַגרענעצט. אָבער אין באזונדערע פאַלן דערהויבט זיך די־דאָזיקע יונגע דיכטונג צו הויכן רעוואָליוציע־פּאטאָס (א. שוואַרצמאַן—„אופשטאַנד", האָפשטיין—„אָקטיאַבּער", „פּראָצעסיע", קוויטקאָ—„רויטער שטורעם").

אין 919־טן יאָר הייבט אין קיעוו אָן דערשײַנען די „קאָמפאַן", אבער דער גרעסטער טייל שרײַבער פון דער „אייגנס"־גרופּע שטייען גאנץ ווײַט פון דער קאָמוניסטישער פּרעסע. זיי נעמען נישט קיין אנטייל אין „קאָמפאָן". ס׳איז דאך ביז גאָר אינטערעסאנט, אז די בונדישע „פאָלקס־צײַטונג", די „נײַע צײַט" פון די „פאַרייניקטע" איז

געווען איבערגעפולט מיט ליטעראַריש־קינסטלערישן מאַטעריאַל, און צו־
געשטעלט האָבן אים, אייגנטלעך, אין גרונט די שרײַבער פון דער
„אייגנס"־גרופּע. די „קאָמפּאָן" ווערט אין מעשעך פון 1919 קימאַט
אינגאנצן באַיקאָטירט.

אויך אין די בײַלאַגעס צו „קאָמפּאָן"—„רויטע אַרמיי", וואָס זײַנען
ספּעציעל געווען געווידמעט דער רויטער אַרמיי, טרעפן מיר אין יענעם
פּעריאָד ניט אָ די שרײַבער. אין די בײַלאַגעס „רויטע אַרמיי"
טרעפן מיר א ריי לידער פון כאַיִם גילדין. דאָס זײַנען מאַרש־לידער,
געשריבן אין א באַגײַסטערטן טאָן און שטארק אונטער דער ווירקונג
פון האָפּשטיינען. עס דרוקט זיך דארט אויך ציאַנאָווסקי (אומגעקומען
אין קאַמף מיט די ווײַסע), אָבער קיין איינער פון די עלטערע קיִעווער
„אייגנס"־שרײַבער.

אין יענער צײַט—צווייטע העלפט 1919—שאַפט זיך אין קיִעוו א
„פּראָלעטקולט"־אָרגאַניזאַציע.

אינעם אוקראַאינישן זשורנאַל „מיסטעצטוואָ" („קונסט") נום. 1, 1919,
קיִעוו, לייענען מיר א גענויע מיטיילונג וועגן דער ערשטער אלשטאָטי־
שער קאָנפערענץ פונעם „פּראָ־עטקולט". ווײַזט אויס, אז געגרינדעט אין
1919, איז דער קיעווער „פּראָלעטקולט" א פּאָר כאַדאָשים ניט געווען טע־
טיק. דאס ווערט קלאָר פון דער נאָטיץ אין „קאָמפּאָן" פאַרן 5/8־1919
וועגן אַן אַלשטאָטישער קאָנפערענץ פון „פּראָלעטקולט", דאָרט לייענען
מיר פאָלגנדיקע מעלדונג: „שאַבעס 2/8 איז אין זאַל פון פּראָלעט־קונסט
פאָרגעקומען א שטאָטישע קאָנפערענץ פון „פּראָלעטקולט". עס האָבן זיך
אין איר באַטייליקט פאָרשטייער פון אלע פּראָפעסיאָנעלע און בילדונגס־
אָרגאַניזאַציעס, ארבעטער־קלובן און רויטאַרמייִשע טיילן".

וועגן דער געשיכטע און טעטיקייט פון רוסלענדישן „פּראָלעטקולט"
איז ארויסגעטראָטן די כ'טע זשוקאָוואַ. זי דערקלערט, אז „עס ווערן
ארויסגעגעבן ארבעטער־זשורנאַלן, ס'זײַנען געעפנט געוואָרן ארבעטער־
סטודיעס און אנדערע אָרגאַניזאַציעס, ס'זײַנען ארויסגעטראָטן די כ'כ
זשוק און כייפעץ".

פאַר דער געשיכטע פון די צווישנבאַציונגען צווישן דער „קולטור־
ליגע", איר ליטעראַרישע סעקציע און „פּראָלעטקולט" אין קיִעוו זײַנען
כאַראַקטעריסטיש די דעבאַטן, וואס זײַנען פאָרגעקומען אפן ערשטן צו־

זאַמענפאַר פון די „קולטור־ליגעס" אין קיעוו, מײַ 1919, ווי אויך רעזאָליוציע, וואס איז אף דער קאָנפערענץ אָנגענומען געוואָרן וועגן דער פראַגע. וועגן אָט דער פראַגע זײַנען אף דער קאָנפערענץ געהאלטן געוואָרן צוויי פאָרטראַגן. דער כ׳ ליטוואַקאָוו—דאַמאלס א מיטגליד פון דער נאַצ־מענשעוויסטישער פאַרטיי „פאַרייניקטע",—אין נאָמען פון דער „קולטור־ליגע"־אָנפירונג, כ׳ כייפעץ (א קאָמוניסט)—אין נאָמען פון „פראָלעטקולט". פון די פאָרטראַגן און די דעבאַטן ווערט קלאָר, אז געהאנדלט האט עס זיך וועגן דער ראָל פון דער ק"ל. די פאָרשטייער פון פאַרשיידענע נאַצ־מענשעוויסטישע פאַרטייען האבן געקעמפט פאַרן אַוטאָנאָמיזם פון דער „קולטור־ליגע", וועלכע דאַרף זײַן דער אינסטרומענט פון דער קולטורעלער אווטאָנאָמיע אין דער יידישער סוויווע. זיי האבן געהאלטן, אז די „קולטור־ליגע" קען מיטאַרבעטן מ ט דער ראַטנמאַכט, ווען זי (די „קולטור־ליגע") געפינט פאַר נייטיק, אז דער באַשטאַנד אירער דאַרף זײַן פון פאָר־שטייער פון סאָציאַליסטישע פאַרטייען. דער קאָמוניסטישער טייל האט געהאלטן, אז די ק"ל דאַרף העלפן די ראַטנמאַכט שאַפן יידישע סעקציעס בא די אלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס, אז זי דאַרף פראָלעטאַריזירט, קאָמוני־זירט ווערן א. אז. וו.

אנהויב 1920 איז שוין באַם קיעווער „פראָלעטקולט" געווען א יידישע סעקציע. וועגן דעם לייענען מיר א מעלדונג אין קיעווער „קאָמפאָן" 4/3 1920 י.

„אן אָוונט פון ליטעראַטן־אָנפאַנגער

די יידישע סעקציע, וואס איז די טעג אָרגאַניזירט געוואָרן בא דער היגער אלגעמיינער ליטעראַרישע סטודיע, מעלדעט, אז שאַבעס דעם 3־טן אַפּרעל אַכט אזייגער אינאָוונט, וועט אין ליט־סטודיע, פּושקינסקע 22, פאַרקומען א ליטעראַרישער אָוונט געווידמעט די יידישע ליטעראַטן־אָנפאַנגער. די ליטעראַטן־אנפאַנגער, וועלכע וועלן לייענען זייערע ווערק אף דעמדאָזיקן אָוונט, דאַרפן די ווערק איבערגעבן דער ביוראָ פון דער סעקציע פון 7 ביז 9 אָוונט יעדן טאָג אין ליט־סטודיע. דאָרט וועלן אויך אנגענומען ווערן נײַע מיטגלידער אין דער סעקציע".

אָנהויב 1920 פאַרנעמען ווידער די באָלשעוויקעס קיעוו. עס הויבט, נאָך אַן איבעררײַס, צוריק אָן ארויסצוגיין די „קאָמוניסטישע פאָן". אויך

די סאָוועטישע קולטור־ארבעט הייבט אן צו ־וואַקסן. די „קולטור־ליגע" איז נאך אַלץ א מאָקעם־מיקלעט פאר די רעשטלעך פון די נאַצמענשע־וויסטישע לידערס און די „אייגנס"־ליטעראטן. עמעס, א טייל יידישע ליטעראַטן הויבן אן מיטצואַרבעטן מיט די קאמוניסטן. דאס האט א שײַכעס צו דער יינגערער „אייגנס"־גרופּע, צו האפשטיין און אנדערע (אָ. שוואַרצמאַן, איז אין 1919 יאר אוועק פרײַוויליק אין דער רויטער ארמיי און איז אומגעקומען אפן פראָנט). אנהויב 1920 נעמט האפשטיין אן אנטייל אין די ליטעראַרישע אויסגאַבן פון דעם יידישן קאמוניסטישן יוגנט־פארבאַנד (א מין יוגנטלעכער קאמפּאַרבאַנד, וואס האט זיך אינגיכן ארײַנגעגאסן אין קאמיוג). ווי עס גיט איבער איינער פון די טוערס פונעם יידישן קאמוניסטישן יוגנטפארבאַנד אין קיִעוו אין יענער צײַט, דער כ' ש. דאָבין, איז דער כ' האפשטיין ארײַנגעגאנגען אין דער רעד־קאלעגיע פון אן אויסגאַבע פונעם פארבאַנד „דער יונגער קעמפער". דארט האט אויך ד. האָפשטיין איינינעם מיט א. שויכעטן געדרוקט לידער. אויך אין דער בײַלאגע צום „קאָמפאָן"—די „רויטאַרמיי" נומער 7, וואס ווערט נאך א היפשן איבערײַס אנהויב 1920 באנײַט, דרוקט ד. האפשטיין אן ארטיקל וועגן שוואַרצמאַנען.

די עלטערע „אייגנס"־גרופּע געמט אויך א צײַט שפּעטער נישט קײַן אנטייל אין „קאָמפאָן". אין צײַטונג באַגעגענען מיר דאמאָלס די נעמען פון ד. האָפשטיין, ל. קוויטקאָ, עס באַווײַזן זיך שפּעטער פּעפער, וועדעניצקי, מ. שאַפּיראָ און אַנדערע יונגע סאוועטישע דיכטער.

די ייד־סעקציע באם קיעווער פּארטיי־קאָמיטעט הייבט אן פיר'ן א ענערגישן קאַמף מיט דער נאַצמענשעוויסטישער „קולטור־ליגע" פאַר קאָמוניזירן זי. אין „קאָמפאָן" פאר 16/9 1920 לייענען מיר א באַריכט וועגן א פארזאַמלונג פון יידישע קאָמוניסטן קולטור־טוער, אף וועלכער ס'איז געשטאנען די פראַגע וועגן קאָמוניזירן די „קולטור־ליגע". אף דער פארזאַמלונג איז אָנגענומען געווארן פאָלגענדע רעזאָלוציע:

„די אַלגעמיינע פארזאַמלונג געפינט:

1. אז די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פון דער „קולטור־ליגע" האבן אין זייער טעטיקייט אינגאנצן פארגעסן די גרויסע סאָציאַלע איבערקערע־ניש, וועלכע האט אפן גאנצן געביט פון די ראַטנרעפּובליקן אין גרונט אומגעביטן די פּאָליטישע ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע באַציונגען

און איז פאַרבליבן בא איר אַלטער ייִדישיסטישער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער פּלאַטפאָרם.

2. אז די אויסגעהאַלטענע ליניע פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, וועלכע די ראַטנמאַכט פאַרווירקלעכט אין אַלע געביטן פון פּאָליטישן און עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן, האט צוליב די ספּעציפישע אוקראַיִנישע באַדינגונגען ווייניק אָנגערירט די „אומאָפּהענגיקייט" פון דער „קולטור־ליגע" און האט איר געגעבן דערמיט די מעגלעכקייט זיך צו פאַרוואַנדלען אין א מאָקעם־מיקלעט פון אַלע געוועזענע סאָציאַליסטן, וואס זײַנען ארויסגעוואָרפן געוואָרן פון פּאָליטישן שטראָם, ווי אויך פון דער נאַציאָנאַליסטישער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ.

3. די רעאַקציאָנער ־ נאַציאָנאַליסטישע ייִעוש ־ שטימונגען פון דעם ייִדישן קליינבירגער, וואָס הערשן איצט אין דעם ייִדישן שטעטל אלס פּויעליויצע פון די שרעקלעכע רוינירונגען, וועלכע האבן אונטערגעריסן די פּראָדוקטיווע קויכעס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג—די דאָזיקע שטימונגען האבן געפונען פאר זיך דאס פּאַסנדסטע אָרט אין דער „קולטור־ליגע", אין דער „איינהייטלעכער ייִדישער אָרגאַניזאַציע"—די פאַרזאַמלונג באַגריסט דעם באַשלוס צו קאָמוניזירן די „קולטור־ליגע" און באַטראַכט עס אלס א גרויסן רעוואָליוציאָנערן שריט, וועלכער וועט אופרישן די ייִדישע קולטור־טעטיקייט, איז זיכער, אז די רעאָרגאַניזאַציע וועט דורכגעפירט ווערן אף א גרינטלעכן אויפן און וועט שאַפן פון דער „קולטור־ליגע" אן אַפּאַראַט, וועלכער וועט צוזאַמען מיט די ייִדסעקציעס העלפן בויען דעם נײַעם קולטור־ביניען פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט".

אָנהויב 1921 איז די „קולטור־ליגע" קאָמוניזירט געוואָרן. דער גרעסטער טייל „אייגנס"־שרײַבער האָבן שוין צו יענער צײַט פאַרלאָזט קיִעוו. א טייל איז אריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע און דאָרט פאַרבליבן א היפּשע צייט. א טייל האט עמיגרירט קײַן אויסלאנד.

די „אייגנס"־גרופּע איז אופגעריסן געווארן אדאַנק דעם זיג פון דער רעוואָליוציע, וועלכע האט צעשטערט דעם שיכט, אף וועלכן די „אייגנס"־גרופּע האט זיך אָריִענטירט, און האט צעשמעטערט די פאַרשיי־

דענע נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע ייִדישע פּאַרטייען, וועמענס „מינען־זינגער" די „אייגנס"־גרופּע האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט.

ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, פאַרלאָזט סאָף צוואַנציקסטן יאָר דער גרעס־טער טייל פון דער „אייגנס"־גרופּע קיִעוו. א טייל עמיגרירט קיין אויסלאַנד. דאָס איז געווען א לאָגישער פּויעל־יוצא פון דער גאַנצער איינשטעלונג, וואָס די „אייגנס"־גרופּע האָט געהאַט. אין דער פראַגע וועגן די עמי־גרירטע שרייבער האָט בא אונדז ביז דער לעצטער צייט געהערשט נישט קיין קלאָרקייט. אייניקע ליט־טוער און שרייבער אונדזערע האָבן א לאַנגע צייט אָט דעם שריט פון א געוויסער גרופּע ליטעראַטן, וואָס זיינען אין די יאָרן 1920—1921 אוועק פון ראַטן־רוסלאַנד, באַרעכטיקט. איי־נער פון די, וואָס האָט דעמדאָזיקן שריט זייערן באַרעכטיקט, איז אויך געווען דער כ׳ ליטוואַקאָוו.

אין אָט דער פראַגע האָט כאַווער ליטוואַקאָוו אין יענער צייט געמאַכט א שווערן פּאָליטישן פעלער. דער כא׳ועד ליטוואַקאָוו האָט שפּעטער אָט אָ דעם פעלער זיינעם אנערקענט. אָבער אין 1922 יאָר האָט דער כאַוועד ליטוואַקאָוו וועגן די עמיגרירטע שרייבער אָט וואָס געשריבן:

„אין אומדירעקטן באַווייז, אז מיר ייִדישע קאָמוניסטן רוידעפן קלוימערשט די ייִדישע קולטור אין רוסלאַנד, האָבן זיי, די שוואַרצ־ווייסע „פּאַרטיידיקער" אירע אין אויסלאַנד, געהאַט א שטאַרקן: די מאַסן־פּלייטע פון די ייִדישע שרייבער און קינסטלער קיין אויסלאַנד. מיר באַשולדיקן ניט די שרייבער און קינסטלער פאַר דעם, וואָס ס׳האָט זיי אַזוי געצויגן אין די לענדער, ווו ס׳זיינען פאַראַן גרוי־סע דרוק־מעגלעכקייטן. מיר ווייסן אויך די יעסורים פון שעפער און דיכטער, וועלכע האָבן ניט די מעגלעכקייט צו פאַרקערפּערן זייערע זעונגען אין קאָנקרעטע ווערק. אָבער מיר, ווי אויך די מעכאַבּרים פאַר־נעם אויבנגעדרוקטן בּריוו, ווייסן אויך, ווי די בעסערע פון די שריי־בערשע פּלייטים, וועלכע האָבן זיך ווירקלעך דערצויגן אין א רעוואָליו־ציאָנער־פּראָלעטאַרישער סוויווע, פילן זיך אינעם בורזשואַזן איפּעש, וואָס שטייט איצט אין די קאָוונעס, בערלינען און אַנדערע אויסלענ־דישע צענטרען פון דער ייִדישער „פּאָליטיש־קולטורעלער" עמיגראַציע".
(„אין אומרו" ב. 2, ז. 81).

אייניקע קליינבירגערלעכע שרייבער בא אונדז האבן געפרווווט פאר־שטעלן די זאך אזוי, אז דעם כ׳ ליטוואקאָוס מיינונג וועגן די עמיג־רירטע שרייבער איז געווען דער עמעסער אויסדרוק פון דער ברייטער פראָלעטאַרישער געזעלשאפטלעכקייט פון יענער צייט, אז דאס איז גע־ווען די פארטייישע מיינונג. דאס איז, פארשטייט זיך, אינגאנצן פאַלש. דער כ׳ ליטוואַקאָוו אליין האט עס איצט אין זיין ארטיקל „מיינע פע־לערן" קלאָר געמאַכט. מ׳דארף דערמאנען, אז אין דערזעלבער צייט זיינען אין אונדזוערער קאמוניסטישער פרעסע געווען אנדערע, ריכטיקע, פארטייישע ארויסזאָגונגען וועגן אַטאַ דער פראַגע. איך וויל דערמאָנען דעם כ׳ ז. גרינבערגס ארטיקל אין „עמעס", סאָף 1921־טן י., אונטערן נאמען „קיין שום שייכעס נישט", ווו ער נעמט א ריכטיקע שטעלונג צו די עמיג־רירטע שרייבער. אין זיין ארטיקל האט כ׳ ז. גרינבערג געשריבן:

„מענטשן, וואס זיינען געקומען צו פאָרן פון יענער זייט גרענעץ, דערציילן, אז אייניקע שרייבער און טוער אף דעם יידישן קולטורעלן געביט, וואס האבן זיך ניט לאנג „נעבעך ארויסגעכאפט" פון רוסלאנד, זאלן האבן פארשפרייט קלאַנגען, אז איך האב עפעס א מין שייכעס צו די פראָיעקטן און פלענער, וואס זיי קלייבן זיך דארט צו פארווירק־לעכן, און אז איך האב אפילע זיי פאַרשפראָכן מיין שטיצע אלס פאר־אַנטווארטלעכער טוער פון פאָלקאמבילד. איך בין וויניק באקאנט מיט זייערע פלענער, אבער פונעם ביסל אינפארמאַציע, וואס דערגייט צו אונדז פון בריוו און פון לעבעדיקע גרוסן, קאן מען גאַנץ באשטימט פאָרויסזאגן, אַז יעדער איינער פון אונדז קאָמוניסטן האט ניט און קאן ניט האבן קיין שייכעס צו זייערע קלוימערשט נייע, אָבער בעעצעם אַלטע פארשימלטע קלאל־יִסראָעל־פראיעקטן פון דעם „כל ישראל חברים"־שניט־פראיעקטן, אין וועלכע ניט נאר, וואס ס׳איז ניט פאַר־בליבן קיין סימען פון פראָלעטאַרישער אָנגעשטרענגטקייט, נאר אפילע דאס ביסל יידישיסטישע „דעמאקראַטיזם" ווערט באַטל בעשישים, ווערט אינגאנצן פארשוווּנדן.

דערביי מוז איך, אַגעוו, באמערקן, אז אייניקע פון דידאזיקע שריי־בער און טוער פון דער געוועזענער „קולטור־ליגע" האב איך גאַנץ גערן געשטיצט, ווי ווייט איך האב געקאנט. ערשטנס, האב איך געהאלטן, אז זייער אַרבעט ברענגט נוצן דער יידישער ארבעטער־מאסע, וואס איז,

לײדער, נאָך ניט גענוג רײַך געװען מיט אײניקע שפּעריש קולטורעלע קײכעס, און, צװײטנס, האבן זײ זיך דאמאָלט אין ראַטן־רוסלאנד, אין אוקראַינע, יעדנפאַלס, שאַרף אָפּגעגרענעצט פון די אלע „כל ישראל״־עלעמענטן, דערהויפּט אין דעם פּעטערבורגער פּעריאָד פון מײַן אַרבעט, װען איך, צוזאמען מיט נאָך צװײ־דרײַ כאַװײרים־קאמוניסטן זײַנען געװען די געצײלטע מענטשן אין אונדזער פּאַרטײ, װאס האבן געזוכט דעם װעג, װי אזױ צו פאַרבינדן די קולטורעלע ארבעט פון ראַטנמאַכט מיט דער ייִדישער סוױוע, װוּ עס האבן דורכױס באַלעבאַטעװעט די ציױ־ניסטן מיט די „אחדותניקעס״ און נעבן זײ, אין נאָענטער שכײנעס, דאסראָװ פון אנדזערע געװעזענע „סאָציאַליסטישע״ פּאַרטײען, װעלכע האבן אונדז געשטערט אף שריט און טריט אין אלע אונדזערע ייִדישע קולטורעלע אונטערנעמונגען. דאך זײַנען מיר געװען געצװונגען צוציען אָט די דעמאָקראַטיש־געשטימטע שרײַבער און טוער, אז זײ זאלן מיט־העלפן אונדז צו אַרבעטן—אונטער קאָנטראָל, פארשטײט זיך, און פיל װײניק האבן מיר דאַמאלס אין דעם פראט אופגעטאן. װעגן דעמדאזיקן פּעטערבורגער פּעריאָד פון אונדזער אַרבעט װעט מיר נאָך ניט אײנמאל אויסקומען צו שרײַבן. נאר דאָ פאַרבײַגײענדיק, װעל איך זאגן, אז פיל פון דידאזיקע—איצט אין קאָװנע, װאַרשע, בערלין—שרײַבער און טוער האב װירקלעך דאמאלס געהאט אונדזער סימפּאַטיע. צו קײַן װײַסער כאַלע, מיט רעכטאָראַנען, מיט באַנקעטן באַ ייִדישע מי־ניסטאָרן זײַנען זײ נאָך ניט געװױנט געװארן, זײַנען זײ געװען מער־װײניק דעמאקראַטיש געשטימט...

יענע „דעמאָקראַטישע״ צײַט איז שױן אפּאָנעם אינגאנצן פאַרבײַ־געגאַנגען. די ליניע האט זיך אינגאנצן אױסגעגלײַכט—נאָכאַמאל מאס־קילישער ייִדישיזם, שױן אױס רײנע אַרבעטער־קולטור, דערװיזן איז איצט אפּאָנעם: „װאס מיר זײַנען—זײַנען מיר, אָבער „חובבי שפת ייִדיש״ זײַנען מיר״. די אַלטע קעמפער פאַרן ייִדישיזם האבן, װײַזט אױס, ארום דער װײַסער כאלע אין די רעסטאָראַנען מיט מוזיק, ארום די ייִדישע מיניסטאָרישע טישן שאָלעם געשלאָסן מיט אונדזערע אַלטע „פּנײ״ פון פארשײדענע „אױך־מיר״־מעלוכעלעך — האגאַם גאַנץ „דעמאָ־קראַטישע״, װאס רופן ארױס אזא היספּײַלעס באַ בן־אַדירן און א פּשוי־טע שױן באַ זילבערפאַרבן — אױך א געװעזענער מיניסטער פון א

„דעמאָקראַטישער” רעפּובליק... אונדזערע דעמאָקראַטן, געוועזענע טוער אין דער „קולטור־ליגע” אין רוסלאַנד, אָט די ייִדישלעכע קע־רענסקעס פון מענאַכעם־מענדלשן שניט, וואס פאָרן ארויס אין אויסלאַנד מיט רעכילעס אף ייִדיש־קאָמוניסטישע „אוזורפּאַטאָרן”, זייַנען געוואָרן, מ׳שטיינס געזאָגט, „אומאָפּהענגיקע”, וואס גייען אָבער אפן וועג צו ווערן גאַנץ אָפּהענגיק פון דער אַלטפרענקישער „קלאל־ייִסראל”־אידעאָ־לאָגיע. בראמסאָנס „אָרט”, פארשיידענע נאַציאָנאַל־פילאנטראָפּישע כעוו־רעס, א גאנצע מישפּאָכע פון ייִדישע מעקאַבלים—און די „קולטור־ליגע” אויך אינמיטן. פון איין זייַט, דער קאָשערער פּוילישער „בונד”, וועל־כער איז געוואָ־ן אן עכט נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, און פון רוסלאַנד אנטלאָפענע „אויך־מיר־קאמוניסטן”, און פון דער אנדערער זייַט, ציִען זיך פעדים קייַן קאָוונע צום ה. סאָלאָווייטשיק, און קיין בערלין צום „פאָלקס־פארלאַג” מיטן „אליאנס” לאצקי־מיטיא־רובינשטיין. „פאָלקס־פארלאַג” האט דאך שוין מיט מאזל פארקנאַסט זיך מיט דער הייליקער שפראך, מיט לאָשנקוידעש, ס׳מערקט זיך שוין אן אין די „קאָוונער נייַס” דער פראַקטיש־אמעריקאַנישער וועג צו דער כאַסענע... אין קארלסבאד וועט זייַן גרינגער פארענדיקן דעם וועג פון דער „קולטור־ליגע” דורך „דעמאָקראַטיע” און „פאָלקס־פארלאַג” צום „הספר” מיט מיטיא רובינשטיינען ב״י...

אזוי דרייט זיך דער נייַער קאראהאד פון דער ייִדישלעכער עמיגראַציע, אלץ ווי בא לייַטן, שיר ניט קאמוניסטן, דער זיך „לינגלנדיקער” „בונד”, בעקאָוועדיקע שרייַבער, טאַראַראַם־ייִדישיסטן, „פאָלקס־פארלאַג”, „הספר”, און א זיגזאַגישער וועג דורך שוואַרצן דעם גרענעץ פון ראַטן־רוסלאנד דורך וואַ־שע, קאָוונע, בערלין, צו... אמעריקאַנער דאָלערס... איז שוין ניט קייַן ווייַסע כאַלע מיט קלעזמער, דא האט שוין גאָר אן אנדערן טאַם און רייעך...

אלזאָ, פון דאס אויבנגעזאגטע איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז איך און יעדער איינער פון אונדז האט צו דערדאָזיקער קאָמפּאַניע קיין שום שייַכעס ניט. ניט שטיצן וועלן מיר זיי, נאָר ווי ווייַט מעגלעך באקעמפן. דערווייַל באנוגן איך זיך מיט דידאָזיקע ווייניקע באמערקונגען, ביז דער איניען וועט קלאָר ווערן מיט אלע זייַנע פּראָטים.

ז. גרינבערג.

41 נומ. „דער עמעס”. 6 סענט. 1921

איך מוז דאָ ברענגען איין ציקאווען פאַקט, אַן ארויסזאָגונג וועגן דערזעלבער פראגע אין א קאמיוגישן אָרגאַן — א פלוג־בלעטל — אין א פאר־וואָרפן שטעטעלע פאָלאָנע, וואָלין, בא דער פוילישער גרענעץ. דער קאָמיוגישער אָרגאן האט צו די עמיגרירטע שרײַבער אינגאנצן אן אַנ־דער שטעלונג, ווי כ׳ ליטוואַקאָוו. אין דער צײַטונג „דער יונגער קאָ־מונאַר", ארויסגאַבע פון פאָלאָנער אוקאָם פון ק. יו. פ. פארן 20/22־1921, איז אפגעדרוקט א קליינער פעליעטאָן אונטערן נאמען; „אונדזערע שרײַ־בער". אָט וואָס דער אומבאקאנטער מעכאַבער שרײַבט:

„אונדזערע שרײַבער"

„... האט די ראַטנמאכט פארשטאנען, אז ביאַליק וועט ניט ווערן דער פאָעט פון אונדזער רעוואָליוציאָנערער עפּאָכע און האט אים גע־געבן א פּשעפּוסטקע גלײַך קײַן קארלסבאַד. האבן זיך אף אים פאר־קוקט קליינע און גרויסע שרײַבער און מיטאמאָל איז אונדזער גײַסטי־קער צענטער קיִעוו פאריאָסעמט געוואָרן. בערגעלסאָן האט נאך „אַלעמען" באשלאָסן בא זיך מאכן אן „אָפּגאַנג" אף יענער זײַט, וועלכע איז שוין בעמיילע געוואָרן א בייסוילעם פון . . . . . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .
פארגליוועוועטע טראדיציעס. און דער ניסטער איז דורך ניסטערישע פאַרבאָרגענע וועגן אוועק פון די „שיידים" באָלשעוויקעס „צום בארג" פון יידישן גײַסט קיין ווילנע. און קוויטקאָ, פארשטייט זיך, האט ניט געקאָנט שוין ציען די יעניקע פון אונדזער זאַפּטיקן באָדן און האט זיך איבערגעזעצט אין דער פעטער ליטע. איז אפּאָנעם אומעטיק געוואָרן אף דער נעשאָמע בא פערעץ מאַרקישן, וועלכער שפּילט דאס ערשטע פידעלע אין דער מאָדערנער קאַפּעליע, און איז געוואָרן מיד פון גרויס פּאַראַד אף דער כאסענע. ער שרײַבט, אז ער וועט זיך אומקערן אָדער יאָ, אָדער ניין".

ב־ר.

ווי מיר זען, איז דעם כ׳ ליטוואַקאָווס שטעלונג צו דער פראַגע ניט געוועזן קײַן פּאַרטייִשע.

ערשט אין די יאָרן 26 1925, ווען עס קומט פאָר באַם בעסטן טייל אוועקגעפאָרענע שרײַבער אַן ענדערונג אין זייער באַציונג צו דער אקטיאַבער־רעוואָליוציע, קערט זיך אום דער בעסטער טייל עמיגרירטע שרײַבער (בערגעלסאָן, ניסטער, קוויטקאָ, מאַרקיש און אנד.) צוריק אין ראַטנפאַרבאַנד. אייניקע פון זיי שליסן זיך גיך איַין אין דער וואַקס:דיקער כאָוועטישער ליטעראַטור און ווערן אירע אַקטיווע בויער.

2־ט קאפיטל

# דער מאָסקווער קרײַז (פאריין) פון ייִדישע שרײַבער און קינסטלער (1924—1918)

סאָף 1920 איז שוין אין מאָסקווע קאָנצענטרירט א היפשע צאָל ייִדישע שרײַבער און קינסטלער, דעריקערשט פון אוקראַיִנע.

אין „עמעס" 1920 פארן 10־טן נאָיאַבר לייענען מיר א נאָטיץ:

„קרײַז פון ייִדישע ליטעראַטן און קינסטלער אין מאָסקווע

די לעצטע צײַט האט זיך אין מאָסקווע אָרגאַניזירט א קרײַזל פון ייִדישע ליִטעראַטן און קינסטלער, וואָס שטרעבט צו געמיינזאמער אַר־בעט אפן געביט פון ייִדישער ליטעראַטור און קונסט.

פאָרלויפיק האבן זיך אין קרײַז פארעגיסטרירט פאָלגנדיקע שרײַבער און קינסטלער: אראָנסאָן (אָנויכי) בלייכער, בערגעלסאָן, גאָרעליק, ג׳ל־דין, דאָברושין, האלפערן מענאַשע, האלפערן פאַליק, הירשביין, האָכ־בערג, האָפשטיין, וועוויאָרקע, זארעצקי, טאלמי, טײַטש, טשארני, טשײַ־קאָוו, יאָפע יידל, לייזעראָוויטש, לעווין־ליפמאַן, קאהאנאָוויטש, קאפעל, קיטײַ, רעזניק, ריבאק, ראָדין און שאגאל. אין דער פארוואַלטונג זײַנען אויסגעקליבן געוואָרן די כ.כ. אָרשאַנסקי, דאָברושין, האָפשטיין, טשארני, עפשטײן ש., ד״ר קאפעל און ריבאק. די פארוואַלטונג האט אויסגעטיילט פון זיך א פרעזידיום—ש. עפשטיין אלס פאָרזיצער, דאָברושין אלס סעק־רעטאַר, קאפעל אלס קאסיר".

ווי מיר זעען, זײַנען אין קרײַז אריַין אַלע שרײַבער, וואס האבן זיך געפונען אין מאָסקווע. מיר טרעפן דאָ באַגלײַך מיט פּראָלעטאַרישע און סאָוועטישע שרײַבער, באגלײַך מיט ארבעטער־שרײַבער (יאָפֿע, גילדין) אויך אזוינע רעאַקציאָנערע שרײַבער, ווי וווענדראָף און אנדערע. דער קרײַז האט פאריניקט אלעמען, כאָטש שוין דאמאָלס איז צו מערקן א דיפערענציאַציע אין די רייען פון די ייִדישע שרײַבער אין ראט:פארבאנד.

שוין אין אָקטיאַבער 1920, ד. ה., מיט א כוידעש פאר דער אויבנ־דערמאָנטער נאָטיץ אין „עמעס", האבן מיר אן ארויסטרעטונג פון דעם ייִדישן דיכטער כ. גילדין אפן ערשטן אלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער. די ארויסטרעטונג מאכט גילדין אין נאָמען פון א גרופּע פּראָלעטאַרישע שרײַבער.

אזוי, אז גאָר קײַן איינהײַטלעכער איז דער קרײַז פון ליטעראַטן און קינסטלער נישט געווען. אָבער דידאָזיקע דיפערענציאַציע קומט ערשט צום אויסדרוק אביסל שפּעטער.

די געשיכטע פון דעם אויבנאָנגערופענעם קרײַז הייבט זיך אָן נאך מיט צוויי יאָר פאר דערדאָזיקער דאטע. זיין אָנהויב קער צום 1918־טן יאָר.

דער קרײַז האט זיך באם גרינדן געשטעלט דעמזועלבן ציל, ווי עס האבן געהאט די פארשיידענע ליטעראַרישע געזעלשאַפטן באם „אָפּע" פאר דער מילכאָמע,—צו שטיצן און אנטוויקלען די ייִדישע ליטעראטור און קונסט. די ערשטע ארבעטן פונעם ליטעראַרישן קרײַז אין 18־טן יאָר אין מאָסקווע זײַנען טאקע געווען פון אזא מין. די ערשטע ארבעט פונעם קרײַז אין מאָסקווע איז געווען: אײַנאָרדענען א בילדער־און סקולפּטור־אויסשטעלונג פון ייִדן־קינסטלער. אין דער „ווארהייט" פארן 1־טן אַווגוסט 1918 יאָר לייענען מיר:

„בילדער־און סקולפּטור־אויסשטעלונג פון ייִדן־קינסטלער.

דער מאָסקווער קרײַז פון ייִדישע שריפטשטעלער און קינסטלער האָט אין זײַן לאָקאל אף גאגארינסקע פּער. 19, ראָג סטאראָקאָניושנע אײַנגעאָרדנט אן אויסשטעלונג פון די ווערק פון זײַנע כאַווײרים קינסט־לער. די אויסשטעלונג איז רײַך סײַ אין קאַמעס, סײַ אין אײכעס, און

יעדער ליבהאָבער פון קונסט ביכלאַל און פון יידישע ביפראַט, וועט בעעמעס אסאך פארלירן, אויב ער וועט זיך ניט אויסנוצן מיט דער געלעגנהייט און וועט ניט באזוכן די אויסשטעלונג, וועלכע וועט נאָר בלויז א פּאָר וואָכן זיין אָפן.

דער אריינגאַנג־פּרייַז—בלויז 1 רובל 50 קאָפּ".

א צווייטע נאָטיץ: „דער עמעס" 14/12 1918 (נ. 6).

„ליטעראַריש־קינסטלעריש קרייַזל.

מאָנטיק אינאָוונט האט דער מאָסקווער קרייַז פון יידישע ליטע־ראַטן און קינסטלער געמאַכט אין לאָקאל פון דער יידישער אויסשטעלונג א קאַבאַרע, אף וועלכן עס איז זיך צונויפגעקומען א היפּשער אוילעם, איבערהויפּט ליטעראַטן, קינסטלער און פרייַנט פונעם קרייַזל. ס'איז געשאפן געוואָרן א גאנצע היימישע אטמאָספער. דער גוט איינגעאָרדנטער בופעט האט דעם אוילעם אריינגעבראכט אין א גוטער שטימונג און דאָס איז עפשער געווען בא הייַנטיקע צייַטן דער בעסטער נומער פון קאַבאַרע. די „לעבעדיקע צייַטונג", וואס מ'האט געפּרווּוט מאכן, איז געווען אביסל טויטלעך, דערפאַר זייַנען מיט דערפאָלג ארויסגעטראָטן די ליטעראַטן: גערשן ברוידע, מ. דייַכאָווסקע, מענאַשע האלפּערן, ז. ווענדראָף און ד. טשארני.

עס זייַנען אויך פארקויפט געוואָרן אף א היפשער סומע אייניקע אויסגעשטעלטע בילדער און צייכענונגען פון אונדזערע קינסטלער".

א דריטע נאָטיץ: „דער עמעס" 12 אַווגוסט 1918 (נומ. 11).

„ס'פּארמאַכט זיך די יידישע אויסשטעלונג.

דער מאָסקווער קרייַז פון יידישע ליטעראַטן און קינסטלער האט באַשלאָסן צו פארמאַכן דעם קומענדיקן זונטיק די יידישע אויסשטעלונג, וואָס געפינט זיך אף גאַגאַרינסקע פּער. 19 אין דער גימנאַזיע פון פּרוי טשעכאָוואַי.

צום שלוס וועט געמאַכט ווערן א ליטעראַריש־קינסטלערישער נאָכמיטעק, צו וועלכן עס ווערן אייַנגעלאדן אלע כאַווײרים און פרייַנט פון דער יונגער יידישער פּאָעזיע און קונסט".

און א פּערטע נאָטיץ: „דער עמעס“ 28 אַווגוסט 1918 (נומ. 6).

„זונטיק דעם 25־טן אַווגוסט האָט זיך צוגעמאכט די יִדישע אויס־שטעלונג, וואס איז געווען איינגעאָרדנט דורכן מאָסקווער קריַיז פֿון יִדישע ליטעראַטן און קינסטלער.

צום סיעם זיַינען געקומען א גרויסע צאָל פּריַינט און אָנהענגער פֿון קריַיזל.

דער ערשטער האט ארויסגעטראטן אנסקי, וואס האט הייס באַ־גריסט די ענערגישע טוער פֿון קריַיזל, וואס האבן אין אזעלכע שווערע ציַיטן צונויפגעקליבן דאס ביסעלע יִדישע האָב און גוטס.

ניגער האט זיך אויספירלעך אפּגעשטעלט אפן פּסיכאָלאָגישן מאָ־מענט פֿון דער יִדישער מאָלעריַי און סקולפּטור, וואָס האבן זיך פּאָרט דורכגעשלאגן א וועג נישט קוקנדיק אפן געבאָט און פּאַרבאָט פֿון דער יִדישער רעליגיע.

זערובאָוול האט אפּגעגעבן א גרוס פֿון דער יִדישער קינסטלערוועלט אין ניו־יאָרק, ווו עס לעבן און שאַפן הונדערטער טויזנטער יִדישע אַרבעטער, וועלכע ווייסן און קענען שאַצן יִדישע קונסט.

נאך די רעדעס זיַינען געווען א ריי ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע נומערן, בא וועלכע עס זיַינען צווישן אַנדערע ארויסגעטראָטן: אנסקי, בראָדערזאָן, ברוידע, האלפּערן, וועגדאָרף און טשאַרני.

מ'האט זיך אמוזירט ביז שפּעט באַנאַכט און דערמיט איז געשלאָסן געווארן די ערשטע אויסשטעלונג פֿון דעם מאָסקווער ליטעראַריש־קינסטלערישן קריַיז“.

אָט דאס זיַינען די ערשטע יעדיעס אין דער פּרעסע וועגן דער ארבעט פֿונעם קריַיז ליטעראַטן און קינסטלער אין מאָסקווע. ווי ס'איז צו זעען פֿון די אויבנגעבראַכטע מעלדונגען, זיינען אינאָנהייב די טאָנ־געבער אינעם קריַיז אויסגעשפּראכענע פּריינט פֿון דער ראטנמאַכט, און די אַרבעט פֿונעם קריַיז טראגט א נאַצ אנאליסטישן קלאַלייִסראָעלדיקן כאראקטער. אינגיכן צעפּראָט זיך א היפּשער טייל פֿון די אנגערופענע פּערזאָנען. אין סאף 1920־טן יאָר, ווען עס באוויַיזט זיך די אויבנגע־בראַכטע מעלדונג אין „עמעס“ פֿארן 10־טן נאָיאַבער, איז שוין דער באשטאַנד היפּש געענדערט.

דער קרײַז פֿון ליטעראַטן און קינסטלער, וואָס האָט אין 1920 יאָר באַנײַט זײַן טעטיקייט און איז דערפֿרישט געוואָרן דורך דעם, וואָס עס זײַנען אַהין צוגעקומען אַ רײ אָנגעזעענע קאָמוניסטן ליטעראַטור־טוערס, אַ רײ סאָוועטישע שרײַבער, האָט אין יענעם פּעריאָד געהאַט אַ ביז גאָר וויכטיקע פּאָליטישע אויפֿגאַבע: אויפֿזאַמלען דאָס ביסל ליטעראַרישע קויכעס, וואָס איז פֿאַרבליבן אין מאָסקווע (און ניט נאָר אין מאָסקווע) און האָט מיטגעאַרבעט מיט דער ראַטנמאַכט. דער פֿאַריין האָט געדאַרפֿט מיטווירקן דער דיפֿערענציאַציע, וואָס הייבט זיך דאָרטן טאַקע גיך אָן אָנצומערקן.

אין דעמזעלבן 1920־טן יאָר טרעפֿן מיר אין „עמעס“ נאָך עטלעכע מעלדונגען און ידיעות וועגן דער אַרבעט פֿונעם קרײַז. אין אַ מעלדונג פֿונעם 24־טן נאָיאַבער ווערט גערעדט וועגן דעם, אַז די פֿאַרוואַלטונג האָט אויף איר ערשטער זיצונג באַשטימט אַלס סעקרעטאַר ד. טשאַרני. אַ מעלדונג פֿונעם 28־טן דערציילט וועגן אַן אינטימען אָוונט פֿונעם קרײַז, ווי אויך וועגן אַ ווענדונג פֿון קרײַז אין פֿאָלקאָמבילד וועגן אַ סובּ־סידיע פֿאַרן קרײַז.

די ידיעות וועגן דער אַרבעט פֿונעם קרײַז אין 21־טן יאָר זײַנען אויך קנאַפּע. ווײַזט אויס, אַז דער באַשטאַנד פֿונעם קרײַז האָט זיך אָפּט געביטן. סאַך 1920 האָט ווידער אַ טייל ליטעראַטן עמיגרירט קיין אויסלאַנד. סאַך זומער קומט ווידער פֿאָר אַן איבּערעגיסטראַציע פֿונעם קרײַז. ווײַזט אויס, צוליב פּאָליטישע טעמים. עס זײַנען אין קרײַז גע־ווען נישט קיין פּאַסיקע עלעמענטן. אויף אַ פֿאַרזאַמלונג דעם 21־טן סענ־טיאַבער 1921 יאָר איז פֿאָרגעקומען די איבערעגיסטראַציע פֿון די מיט־גלידער פֿון קרײַז. אויסגעוויילט אַ פֿאַרוואַלטונג: וועוויאָרקע, טייטש, ראָסין, מאַרגאָליס.

דעמזעלבן אַווגוסט 1921 יאָר האָט דער קרײַז דורכגעפֿירט אַ ליטעראַריש־קינסטלערישן אָוונט לטובֿת די הונגעריקע. אין אָקטיאַבער — צוויי ליטעראַרישע אָוונטן, אויף וועלכע עס זײַנען אַרויסגעטראָטן אַ. ווע־וויאָרקע מיט אַן אַרײַנפֿיר־וואָרט, און האָפּשטיין, גאָדינער און ראָסין האָבן געלייענט זייערע ווערק. דער קרײַז האָט זיך אויך געקליבן אַרויסגעבן אַ ליטעראַרישע זאַמלונג לטובֿת די הונגעריקע און זיך געווענדט צו די שרײַבער זיי זאָלן צושיקן מאַטעריאַלן פֿאַרן זאַמלבוך.

בכלל האט דער קרײַז דעמאָלסט געפירט א שוואַכע ליטעראַריש־קינסטלערישע ארבעט. ער האט זיך מער פארנומען מיט די פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון זײַנע מיטגלידער, מיטגעהאָלפן די נויטבאַדערפטיקע שרײַבער און קינסטלער מיט געלט־מיטלען, דערנערונג, קליידונג א. אז״וו.

פאר דעם פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן צושטאנד פונעם קרײַז פון ליטעראַטן און קינסטלער איז בּיז גאָר כאַראַקטעריסטיש אן אינצידענט פון דער פארוואַלטונג פון קרײַז מיט ז. ווענדראָף.

סאָף 1920־טן יאָר האט דער קרײַז, ווײַזט אויס, בא אן איבערע־גיסטראַציע, אויסגעשלאָסן ווענדראָפן פון זיין באַשטאַנד. די סיבּע איז, ווי עס שײַנט, געווען ווענדראָפס פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער פּארצעף. ווענדראָף האט אבּער ניט פאַרשוויגן. ער האט זיך געווענדט אין פארוואַלטונג פון קרײַז מיט א לאנגן בּריוו וועגן דעם איניען. אין זײַן בּריוו האט ער צווישן אנדערן געשריבּן:

„צו מיר זײַנען דערגאַנגען יעדיעס, אז אף א זיצונג פון „ליטעראַרישן“ קרײַז איז אופגעהויבּן געוואָרן די פראַגע: צי איז ווענדראָף ראָוי צו זיצן בּעפּאמאליע שעל ליטעראַטן אדער נישט, און עס האבּן זיך געפונען ליטעראַטן, וואס האבּן געוואָלט האבּן, אז אזאַ איינער ווי איך איז פּאָשעט דער פלעק פון דער מישפּאָכע און טאָר דעריבּער בּעשום אויפן ניט צוגעלאָזן ווערן אין ליטעראַרישן קרײַז, מאַכמעס, ריישעס, איז א סוואָרע, אז איך בּין נאך קײַן ליטעראַט נישט, וועהאשייניס, בּין איך, ניט פאר יידן געדאַכט, געכאַפּט אין דער מײַסע: א מוירעדיקער קאָנטער־רעוואָליוציאָנער, וואס האט א שײַכעס אויבּ ניט צו וואַנגלען און מאַכנאָ, איז לעכאָלאַפּאָכעס צו דער קעהילע און דער „האבּימע“.

וואָלט זיך געהאַנדלט בּלויז וועגן אן אַמעריקאַנער „פּאיאָק“, וואלט איך זיך אפילע ניט געגעבּן די טירכע אָפּצולייקענען די פּוסטע ווײַבּעַרישע פּליאָטקעס, נאָר אזוי ווי אכוץ א „פּאיאָק“ דארף א מענטש האבּן נאך א ריינעם נאמען אויך, מוז איך פארלירן א האלבּע שאָ צו ענטפערן אַל רישוין־רישוין וועאַל אַכרוין־אַכרוין.

וואס איז שײַעך מײַן ליטעראַרישע סמיכעס, דארף איך זי ניט האבּן פון ליטעראַרישן קרײַז, פּאר מיר איז גענוג די סטאַטיסטיק פון די בּיבּליאָטעקן און בּיכער־מאַרק, לויט וועלכע איך לאָז הינטער זיך מײַלנ־

ווײַט קימאַט יעדערן פון די געערטע כאַווײרים פון ליטעראַטן־פאַריין. אוואַדע קען איך זיך ניט גלײַכן צו די גרויסע מאָדערנע פּאָעטן און ליטעראַטן, וואָס גייען אַרום מיט פולע בוזעמער קסאָווים און מיט געשוואָלענע אייגנליבעס. דערפאַר אָבער האָב איך, ווי געזאָגט, נאָך אויך אַנדערע לעזער, אַכוץ די מיידלעך, מיט וועלכע איך „פיר א ליבע״ און אַכוץ מײַנע געדולדיקע באַקאַנטע יונגעלײַטלעך.

וואָס איז נעגייע מײַן „קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע״ ריכטונג, טאָ לאָמיר, אַדרעבע, איבערבלעטערן איבער 20 יאָר פון מײַן ליטעראַרישער און זשורנאַליסטישער טעטיקייט אין לאָנדאָנער „אַרבעטער פרײַנט״, „צײַט״, אין ניו־יאָרקער „פרײַע אַרבעטער־שטימע״, אין „אַמעריקאַנער״, אין „זשערמינאַל״ און אַפילע אין וואַרשעווער „הײַנט״ און זען, צי וועט איר דאָרט געפינען איין שורע, וואָס איז ניט א פּראָטעסט קעגן אַלץ, וואָס איז רעאַקציאָנער און אָפּגעשטאַנען! און וואָס זײַנען 2 בענדער „פּראַוואָזשיטעלסטווע״, א באַנד „מעשומאָדים״ און א סעריע „ריטואַליסטן״, אויב ניט איין בײַסיקע סאַטירע קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשונג און איר אָרדענונג?

נאָך א כעט: איך בין דרײַ כאַדאָשים געווען אַדמיניסטראַטער פון „האַבימע״. זאָגט־זשע מיר, מײַנע ליבהאַרציקע כאַווײרים ליטעראַטן, רעוואָליוציאָנערן: וואָס איז פּאַסיק פאַר ווענדראָפּן: זיצן אין „מאָסקוואָכים״ און שרײַבן „אָטנאָשעניעס״ וועגן פּאָטאַש און סאָדע, אָדער מיטהעלפן צו בויען א גרויסן קינסטלערישן טעאַטער. דער איינציקער כעסאָרן פון וועלכן ס׳איז, וואָס ער שפּילט אויף העברעיש — א שפּראַך, וואָס אַפילע ניט אַלע פון די „האַבימע״־אַרטיסטן פאַרשטייען זי? — וואָס פאַר א ציאָניסט איך בין קען מען זען כאָטש דערפון, וואָס אין 10 פעליעטאָנען, וועלכע איך האָב אין מײַן צײַט געשריבן פון פּאַלעסטינע, וועט איר קיין צען שורעס ניט געפינען וועגן יידן!

ביכלאַל מוז איך קלאָר מאַכן, אַז איך האָב קיינמאָל אין מײַן לעבן צו קײַן שום פּאַרטייען ניט געהערט. איך האָב פּײַנט פּאַרטייען פון ציאָניסטן ביז קאָמוניסטן טאַכלעס־סינע. איך בין בעטעווע א סוינע פון פּאַרטיי־דיסציפּלין און א גרויסער צעלאָכעסניק, און אַלע מײַסעס וועגן מײַן שײַכעס צו ציאָניזם זײַנען אָדער ווײַבערישע פּליאָטקעס אָדער מיִעסע „פּײַקאָווע״ רעכילעס.

אין רעכן, אז איך האָב אײַך גענוג קלאָר באַוויזן, ווי גרונטלאָז אַלע לעכערלעך די אַלע „באַשולדיקונגען" קעגן מיר זײַנען. בלויז דאָס אופֿהייבן די פֿראַגע וועגן מיר איז שוין לעכערלעך (איך וועל ניט גיין אַזוי ווײַט ווי שטעלן די פֿראַגע: „און די שאָפּטים וועד זײַנען?"). איך וויל בלויז זאָגן, אַז וואָס איז נוגע צו ליטעראַרישער עטיק און אויסגעהאַלטנקייט און פּאָליטישער קאַשרעס און אָפּריכטיקייט, קען איך זיך דרייסט אַנטקעגנשטעלן יעדערן פֿון מײַנע קאַשערע קאָלעגן פֿון ליט. קרײַז.

אויף דעם סמאָך פֿון דאָס אויבנגעזאָגטע, פֿאַרלאַנג איך צוריק אײַנגעשלאָסן ווערן אַלס מיטגליד פֿון ל. ק., וואָס ס'וועט אַוואַדע זײַן אַ גרויסער קאָוועד פֿאַר מיר, אָבער אויך ניט קיין אומקאָוועד פֿאַרן ליטעראַרישן קרײַז.

ז. װ ע נ ד ר אָ ף.

דעם 7־טן יאַנואַר 1921.

ווענדראָף, אַ מיטאַרבעטער פֿון דעם ערגסטן מין געלער פּרעסע, אַ זאָאָלאָגישער סוינע פֿון דער ראַטנמאַכט, וואָס פֿאַרטיידיקט די העברעישע „האַבימאָ", טרעט אַרויס קעגן די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, ווערט, ניט געקוקט אויף דעם אַלעמען, ניט געקוקט אַף דעם כוצפּעדיקן בריוו, נאָכדעם צוריק אופֿגענומען אין קרײַז פֿאַר אַ מיטגליד.

אין דעמדאָזיקן קרײַז האָבן נאָך געהויזט רעאַקציאָנערע בורזשואַזע שרײַבער צוזאַמען מיט סאָוועטישע שרײַבער, די קלאַסנפֿרעמדע שרײַבער האָבן ניט שטענדיק געקריגן דעם געהעריקן שאַרפֿן ווידערשטאַנד, וואָס זיי וואָלטן געדאַרפֿט קריגן.

דאָס 1922 יאָר איז אַ נײַע דאַטע אין דער געשיכטע פֿונעם מאָסקווער ייִדישן קרײַז פֿאַר ליטעראַטן און קינסטלער. דאָס איז דאָס יאָר, ווען עס פֿאַרשטאַרקט זיך די דיפֿערענציאַציע צווישן די ייִדישע שרײַבער אין מאָסקווע און דידאָזיקע דיפֿערענציאַציע שפּיגלט זיך אָפּ אַף דער אַרבעט פֿון קרײַז.

פֿון אַ פּראָטאָקאָל פֿון אַן אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג פֿונעם קרײַז, יאַנואַר 1922 יאָר, דערוויסן מיר זיך, אַז אין קרײַז זײַנען שוין פֿאַראַן צוויי גרופּעס: אַ פּראָלעטאַרישע גרופּע—גילדין־טייטש און אַנד. (וועגן

דער גרופּע—וואַיטער) און די „שטראָם"־גרופּע(גענויער—וואַיטער). די ערשטע פראַגע אפן טאָג־סיידער איז: וועגן ענדערן דעם נאָמען פון קרייַז—אף „פאַריין פון ייִדישע ליטעראַטן און קינסטלער אין מאָסקווע".

דאניִעל טשארני, דער דעמאלדיקער פאָרזיצער, אינפאָרמירט: אזוי ווי אין קרייַז האבן זיך געבילדעט קרייַזלעך, איז דעריבער צוועקמעסיק, אז דער קרייַז זאל אָנגערופן ווערן פאריין.

גילדין האלט, אז אין פאריין קענען עקזיסטירן ריכטונגען און גרופּעס, און דער פאריין פארטרעט די אינטערעסן פון די אלע. ער איז אויך מאַסקים אף איבערבייַטן דעם נאָמען פון קרייַז אף „פאריין", נאר ער פאָדערט באַשטימען די פאָרם—דעם סטאַטוט פון פאריין. ער לייגט פאָר, אז אלע אונטערנעמונגען פון פאַרשיידענע גרופּעס ווערן געמאַכט אונ־טערן נאָמען און אונטערן שטעמפל פון פאריין.

מאַרגאָליס ווייַזט אן, אז דער פאריין דאַרף זיך דעריקער פאַרנע־מען מיט מאַטעריעלע פראַגעס, מיט באַזאָרגן די שרייַבער. מאַרגוליס לייגט פאָר שאַפן א פארטיילונגס־קאָמיסיע. און ער האלט, אז די פארוואַלטונג דאַרף ניט האבן קיין שייַכעס צו די באַזונדערע ארויסטרע־טונגען און ארויסגאַבן.

די דיסקוסיע, ווי מיר זעען, גייט ארום דער פראַגע וועגן די פונק־ציעס פונעם פאריין (אָדער פארוואַלטונג) פון מאָסקווער ייִדישע ליטע־ראַטן און קינסטלער.

איין גרופּע (גילדין, א. אנד.) האלט, אז דער פאריין דאַרף העלפן, שטיצן די ארויסגאַבן און אונטערנעמונגען פון אלע גרופּירונגען, וואס גייען אהין אַרייַן. א צווייטער טייל (טשארני, דאָברושין, מאַרגאליס) שטעלט זיך דעם אנטקעגן.

אין דער אפן ערשטן קוק זייער אומשולדיקער דיסקוסיע איז שוין צו זען, ווי אזוי אונטער דעם וויקוּעך וועגן די פונקציעס פון פאריין שפּאַרט ארויס דער קאַמף פון דער פראָלעטאַרישער ליט. גרופּע מיט דער „שטראָם"־גרופּע. די פראָלעטאַרישע שרייַבער־גרופּע איז געווען פאַרינטע־רעסירט, אַז דער פאריין זאָל מיט זייַנע מיטלען שטיצן אויך אירע ארויסגאַבן און ארויסטרעטונגען. די איבעריקע האט דאס נישט שטאַרק געלוינט.

עס ווערט קימאַט איינשטימיק (בּא 2 אָפּגעהאלטענע) באַשלאָסן ענ־דערן דעם נאָמען פון „קרייַז" אף „פאריין". די פראַגע וועגן דער

פאָרם פון פאריין, ד. ה., וועגן זײַנע פונקציעס, בלײַבט דערווײַל אָפן. די פראַגע וועגן די עפנטלעכע ארויסטרעטונגען ווערט דעבאַטירט.

דאָ מאַכט גילדין ווידער אין נאָמען פון דער פראָלעטאַרישער גרופּע א מעלדונג, אז די גרופּע בלײַבט אָפּאָזיציאָנעל צו אלע איבעריקע גרופּעס אין פאריין, נישט געקוקט אויף סאַנקציע אף אלע באַשטימונגען פון דער פארוואַלטונג.

שוין אין דער צײַט איז אין די ראַמען פונעם קרײַז געגאַנגען א גאַנץ שאַרפער קאַמף צווישן דער גרופּע גילדין, טייטש, פּערסאָוו און דער „שטראָם“־גרופּע: דאָבּרושין און אנדערע.

אויך בײַ די וואַלן פון פארוואַלטונג קומט צו א דיסקוסיע. די פּראָלעט. גרופּע איז, ווי עס ווײַזט אויס, געווען פאַרינטערעסירט, אז די פארוואַלטונג זאָל צונויפגעשטעלט ווערן אף פּאַריטעטע יעסוידעס — פון פאָרשטייער פון באַזונדערע גרופּעס, דאַמאלסט וואָלטן זיי געקענט האָבן אין פארוואַלטונג א פאָרשטייער. דערדאָזיקער פאָרשלאָג ווערט אָבער, ווי ס׳איז צו זען פונעם פּראָטאָקאָל, אָפּגעוואָרפן.

פון די ווײַטערדיקע פּראָטאָקאָלן פון דער פארוואַלטונג (פון דעם 30/1, 5/2, 7/2, 14/2, 23/5, 12/11 1922 יאָר) איז צו זען, אז די פארוואַלטונג האָט זיך דעריקע־שט פארנומען מיט מאַטעריעלע אינטערעסן פון די שרײַבער.

פונעם פּראָטאָקאָל פאַר 7/2 1922 איז צו זען, אז דער פאריין האָט געהאָלפן אויך די קיִעווער ליטעראַטן. מיט אַן אינפאָרמאַציע וועגן דער לאַגע פון די קיִעווער ליטעראַטן איז אַרויסגעטראָטן דער כאַווער ש. דאָבין.

פונעם פּראָטאָקאָל פאַרן 14/2 איז צו זען, אז דער פאריין האָט באַשלאָסן זיך צו פאַרבינדן מיטן רוסישן ליטעראַטן־פאריין אין מאָסקווע.

ווײַזט אויס, אז אינדערמיט פון 1922 יאָר האָט זיך נאָך אַלץ דעבאַטירט די פראַגע וועגן די פונקציעס פון פאריין.

אף אן אַלגעמיינער פארזאַמלונג פון פאריין דעם 23 מײַ 1922 ווערט ווידער אמאָל ארומגערעדט דער סטאַטוט פון פאריין. אף דער פארזאַמלונג זײַנען אָנוועזנד ראָדין, אנוּיכי, וועגדראָף, לעווין, דאָבּרושין, ראַסין, ווערוויאָרקע, גאָדינער, מאַרגאָלין, טשאַרני, קושנעראָוו, גאָרדאָן און אויס-

לענדער (פון דער פראָלעטאַרישער גרופּע, זעט אויס, איז קיינער ניט געווען). וועגן די פונקציעס פונעם פאריין ווערט באַשטימט: דער פאריין פאַרנעמט זיך הויפּטזאַכלעך מיט פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון די מיט־גלידער. אָוונטן ווערן איינגעאָרדנט אין אויסערגעוויינלעכע פאַלן לויט די אָנווייזונגען פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

ווי ס'איז צו זען פון די דערמאנטע פּראָטאָקאָלן, האט דער פאריין פאָרמעל קלוימערשט געוואָלט פארבלייבן נייטראַל צום גרופּן־קאַמף, (פּראָלעט. גרופּע און „שטראָם״), וואס איז געגאַן אין זיינע רייען, אבער דאָס איז נאר געווען לעפּאָנעם. אין טאָך איז דער פאריין אינגאנצן געווען אף דער זייט פונעם „שטראָם״ און מיט אלע מעגלעכקייטן אים געשטיצט.

איין פאַקט, וואס האט אן אָרט אף דערזעלבער פאַרזאַמלונג, ווו עס ווערט באַשטימט, אז דער פאריין פארנעמט זיך הויפּטזאַכלעך מיט פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון אירע מיטגלידער, באשטעטיקט דעם פריערדיקן געדאַנק.

אַף דערדאָזיקער פאַרזאַמלונג איז אף לעצט באהאַנדלט געוואָרן א אָנקלאָגע פון מ. טייטש אף י. דאָבּרושינען. עס איז געווען אן אָנקלאגע, פארוואָס י. דאָבּרושין, דער פאָרזיצער פון דעם אָוונט „שטראָם וועגן זיך״ (א דיסקוסיע־אָוונט וועגן ערשטן נומער „שטראָם״) האט זיך אָפּ־געזאגט צו געבן טייטשן א וואָרט אין די דעבאטן. אָט וואס דער כ. טייטש האט געשריבן אין פארוואַלטונג פון ליטעראַרישן פאריין.

„אין פאַרוואַלטונג פון ליטערארישן פאריין

אפן ערשטן אָוונט „שטראָם וועגן זיך״ בין איך ניט געווען און האב זיך צום וואָרט ניט געקענט פאַרשרייבן. אפן צווייטן אָוונט האב איך דערלאַנגט דעם פאָרזיצער כ׳ דאָבּרושין א קוויטעלע, ווו איך האב געבעטן א וואָרט אַלס סוינע (לויט דער אַפּישע זיינען אזעלכע אויך געווען איינגעלאָדן). איך האב קיין וואָרט ניט באַקומען אן שום דערקלערונגען, אזוי ווי איך וואָלט גאָר אים ניט געבעטן.

נעמענדיק אין אכט, אז אי־די, וואס שרייבן אין „שטראָם״, אי די, וואס שרייבן אויסערן „שטראָם״, זיינען פאָרמעל גלייכע ליטע־

ראַטן און דאָ זײַנען זיי נאָך פּאַרייניקט אין אײן פאַרײן, געפֿין איך, אַז אַזאַ האַנדלונג ווידערשפּרעכט אַפֿילו די פּרינציפּן פֿון פּאָרמעלער כאַווערשאַפֿט, און עס איז נאָך מער כאָשעד דערפֿאַר, וואָס איך האָב דערקלערט, אַז איך וויל אַרויסטרעטן אַלס אַ קעגנער, וואָס צו אַזעלכע איז די טעווע, אַז מע באַציט זיך נאָך מיט מער טאַקט.

נעמענדיק ווײַטער אין אַכט, אַז דער פּאָרזיצער פֿון אָוונט איז, דאַכט מיר, אויך דער פּאָרזיצער פֿון פאַרײן, אַלנפאַלס, זייער אַן אַקטי־ווער מיטגליד, בעט איך די פֿראַגע ניט אַנדערש שטעלן, ווי אַף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג און זאָל זי אורטיילן דידאָזיקע האַנדלונג.

מיטגליד פֿון פאַרײן מ. טײטש

דעם 9-טן מײַ 1922 יאָר".

די פאַרזאַמלונג האָט באַטראַכט די מעלדונג און באַשלאָסן: „אויס־געהערט דאָבּרושינען. אַזוי ווי טײטש האָט אָנגעגעבן אַ מעלדונג און אַליין ניט געקומען זי דעטאַליזירן, באַפֿרידיקט זיך די אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונג מיט דער דערקלערונג פֿונעם כ׳ דאָבּרושין".

אָט אַזוי „דעמאָקראַטיש" האָבן די „שמראָם" ־אָנהענגער פֿונעם לי־טעראַרישן קרײַז געלייזט די פֿראַגע וועגן פאַרשטאָפּן דאָס מויל אַ יִדישן ליטעראַט נאָר דערפֿאַר, ווײַל ער האָט געוואָלט אַרויסטרעטן מיט אַ קריטיש וואָרט קעגן דעם נאַציאָנאַליסטיש־עסטעטיש־פֿאָרמאַליס־טישן „שמראָם".

האַרבסט 1922 יאָר ענדערט זיך ווידער באַדײַטנדיק דער באַשטאַנד פֿון קרײַז. עס קומען צו נײַע שרײַבער, צווישן זיי: אי. כאַריק, שויכעט, האַלקין, נוסינאָוו. פֿונעם פּראָטאָקאָל פֿון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פֿאַרן 12־טן נאָיאַבער 1922 יאָר איז צו זען, אַז די אויבנדערמאָנטע כאַווײרים זײַנען אָנגענומען געוואָרן אין אָרגאַניזאַציע. אַף דערדאָזיקער פאַרזאַמלונג שטעלט זיך ווידער די פֿראַגע וועגן דער אַרבעט פֿונעם ליטעראַרישן פאַרײן. ראָדין, טײטש, קושניראָוו געבן אָפּ אַ באַריכט פֿון דער קאָמיסיע אַף איבערעגיסטרירן דעם קרײַז. וועגן דער אַרבעט פֿו־נעם פאַרײן ווערט באַשלאָסן: 1) דער קרײַז (אָדער פאַרײן—מ׳פֿלעג אָפֿט פֿלאָנטערן דעם נאָמען) פאַרנעמט זיך מיט פאַרטיידיקן די פּראָפֿע־סיאָנעלע אינטערעסן פֿון זײַנע מיטגלידער, 2) אַף דער נאָענטסטער צײַט

אָרגאַניזירט דער קרײַז א ביבליאָטעק. אלע כאַוויירים טראגן ארײַן אין פאָנד צו צוויי עקזעמפּליאַרן פון זייערע ווערק. עס ווערט געשאפן א קאָמיסיע אף צו פאַרטיילן מאַטעריעלע שטיצע אין באַשטאַנד פון די כ״כ טייטש, קושניראָוו און מאַרגאַליס.

די יארן 1922־1923 זײַנען די יארן, ווען אין מאָסקווע הייבט זיך אן ארום „שטראָם״ אן אינטענסיווע ליטעראַרישע טעטיקייט. ווען מיר טאַקע, אז דעם „פאריין״ בלײַבט איבער זיך צו פאַרנעמען בלויז מיט מאַטעריעלע איניאָנים פון די שרײַבער. אָבער צו יענער צײַט פאַרבע־סערט זיך שוין גאַנץ אנגעזעען די לאַגע אין לאנד, און די לאַגע פון די שרײַבער ווערט אַ בעסערע. דעם פאריין בלײַבט איבער ווייניק וואס צו טאָן. אין 1923 יאר איז די אַרבעט פונעם פאריין ביז גאָר א שוואַכע. פון דער פּרעסע זײַנען צו אונדז דערגאַנגען בלויז א פּאָר מעלדונגען וועגן פאַרזאַמלונגען פונעם פאריין (דעם 8/10, 24/12 1923). דער פאריין הערט אינגאנצן אוף צו שפּילן וועלכע ניט איז ראָל.

אָנהויב 1924 ווערט די אַרבעט פונעם פאריין אביסל אופגעלעבט. דאס איז געווען אין פאַרבינדונג מיטן מעמאָראַנדום וועגן העברעיִשע שולן, וואס א טייל אנגעזעענע בורזשואז־נאַציאָנאַליסטישע קינסטלער און ויסנשאפטלער האבן דערלאַנגט דער רעגירונג. צווישן די געכאַס־מעטע איז אויך געווען דאוויד האָפשטיין — א מיטגליד פון דער „שטראָם״־רעדאַקציע און א מיטגליד פון פאריין פון ליטעראַטן. אָנ־הויב פעוורואַל 1924 איז צונויפגערופן געווארן אן אלגעמיינע פאַרזאַמ־לונג פון אלע יִדישע ליטעראַטן און קינסטלער אין מאָסקווע. נאָך א גענויער באַהאַנדלונג פון דער פראַגע איז אנגענומען געווארן פּאָלגנ־דיקע רעזאָליוציע וועגן דעם מעמאָראַנדום און וועגן ד. האָפשטיין. *

## „1. דער נעפּ און דער אָנגריף פון דער יִדישער בור־זשואַזיע אַפן קולט־פראָנט

באַשאַפנדיק פאר דער בורזשואַזיע די מעגלעכקייט פון מאטעריע־לער אָנזאַמלונג, האט דער נעפּ ארויסגערופן בא איר האפענונג אף דער מעגלעכקײַט צו רעסטאַווירן אויך איר פּאָליטישע ווירקונג. אין

* די רעזאָליוציע—געקירצט.

פאַרשיידענע געביטן פון לעבן. אַמאָל אָפן, אַמאָל פאַרשטעלט ווערן אונטערגענומען אנגריף־אַקציעס קעגן די אדער אַנדערע דעראָבערונגען פונעם אַרבעטער־קלאַס. אזוי איז עס אין אלפאַרבאַנדישן מאַסשטאַב, אזוי איז עס אויך אין דער יִדישער סוויווע.

האַלטנדיק דעם יִדישן אפשניט פון דעם סאָוועטישן און קאָמוניס־טישן פראָנט פאַר דעם שוואַכסטן, שטרעבט די יִדישע בורזשואַזיע דאַפקע אין דעמדאָזיקן אפשניט צו מאַכן אן אידעאָלאָגישן און קולטור־רעלן דורכרייַס, דורך וועלכן עס זאָלן א פלייץ טאָן אידעאָלאָגישע כוואַליעס, וואס זייַנען פרעמד דעם אַרבעטער־קלאַס און דער ראַטנמאַכט אויך אין דער ניט־יִדישער סוויווע, און די יִדישע בורזשואַזיע באַלע־גערט אקשאָנעסדיק און סיסטעמאַטיש די ראַטנמאַכט מיט אירע פאָדע־רונגען וועגן אפשאַפן צו איר גונסטן די רעוואָליוציאָנערע דעראָבערונ־גען פון די יִדישע ארבעטער... אזוי האט זי דורך די געוועזענע פאַר־וואַלטונגען פון די געוועזענע קאָרשולן אין מינסק און אין כאַרקאָוו צוזאַמען מיט די קאָהעלשע קאָכלעפל אין מאָסקווע זיך געווענדט צום אוקראַינישן צ. א. ק., צום אלרוסלענדישן צ. א. ק. און דעם אלפאַרבאַנ־דישן צ. א. ק. (ציק) מיט א באַקאשע, מע זאָל זיי אומקערן צוריק די שולן אין מינסק, כאַרקאָוו און וויטעבסק, וואס זייַנען שוין לאַנג פאַר־וואַנדלט געווארן אין בילדונגס־טעמפלען פון די יִדישע ארבעטער. באַקומענדיק, נאַטירלעך, א מאפּאָלע אין איר דאזיקן כיישעק, האט זי, פונדעסטוועגן, ניט בלויז זיך גיט אָפּגעזאגט פון איר נעפּ־אָנגריף, נאָר, פאַרקערט, זי פרוווט זיך ווענדן אירע קלעפּ גופא אף די יעסוידעס פון דער קאָמוניסטישער בילדונג פון די יִדישע ארבעטער־מאַסן—אף די פּרינציפּן פון דער מוטער־שפּראַך אין דער שול און אף דעם אפּטיילן די רעליגיע פון דער שול.

אלס אזא אָנגריף־אַקציע קעגן די יעסוידעס פון דער נייַער יִדישער קולטור האלטן מיר, יִדישע טוער פון דער יִדישער ליטעראַטור און קונסט, דעם מעמאָראַנדום, וואס א גרופּע מענטשן, וועלכע זייַנען לאַ־כלוטן פרעמד די יִדישע מאַסן און די אינטערעסן פון זייער קולטורע־לער אַנטוויקלונג, האט דערלאַנגט וועגן „אופשטעלן אין אירע רעכט די לאָשנקוידעשדיקע שפּראַך”.

## 2. די קולטור־טעטיקייט פון דער ראַטנמאַכט אין דער יידישער סוויווע

די אינפאָרמאַציע, וואס דער מעמאָראַנדום ברענגט, האלטן מיר פאר א דורכויסיקע אינסינואַציע, וואס האט דעמזועלבן ציל—אונטער־צוריַיסן די קולטור־טעטיקייט פון דער ראַטנמאַכט און פון דער ר. ק. פ. אין דער יידישער סוויווע. מיר זיַינען אָרגאַניש פארבונדן מיט דער סוויווע פון די יידישע אַרבעטער און ארבעטנדיקע, מיר נעמען אנטייל אין דער פּאַרטייישער, סאָוועטישער זשורנאַליסטיק אף יידיש, ארבעטן אין די פּאַרטייישע, סאוועטישע קולטור־אנשטאַלטן, טרעטן ארויס אף אָוונטן פון יידישע ארבעטער, און מיר דערקלערן: קיינמאל און אין ערגעץ אין דער יידישער סוויווע האט זיך ניט געפירט אזאַ אינטענסיווע און פרוכטבארע קולטור־ארבעט אין אלע געביטן פון לעבן, ווי זי האט זיך געפירט און פירט זיך איצט אין ראטנפארבאַנד פאר אלע יארן פון דער רעוואליוציע דורך דער ראטנמאכט און ר. ק. פ., דורך זייערע יידישע ארגאנען. קיינע פארפאלגונגען פון העברעיש, אלס שפּראך, זיַינען ניט געווען, נאר ס'איז געווען א פעסטע און א קלאָרע סאָוועטישע ליניע אין דער זאך פון בילדן די מאסן.

## 3. אויספירן

אפן גרונט פון אויבנגעזאגטן, האלט די אלגעמיינע פארזאמלונג פון די טוער פון יידישער ליטעראטור און קונסט אין מאָסקווע, אז די דער־מאָנטע גרופּע מענטשן, וואס שטעלט מיט זיך פאָר א פארייניקונג פון קאָהעלשע קאָכלעפל פון בורזשואזע אינטעליגענטן, וואס זיַינען באַגייס־טערט דורך די אידעאָלאָגישע אינטערעסן פון נעפּ אין דער יידישער סוויווע, און אויך פון לאכלוטן ניט אינפאָרמירטע ניט־יידישע קולטור־טוער, וועלכע זיַינען אריַינגעפירט געוואָרן אין א טאָעס און זיַינען צו־געצויגן געוואָרן צו דער זאך מיטן ציל צו אימפּאָנירן ווערמען מע דאַרף, ז.ז דידאָזיקע גרופּע האט מיט איר מעמאָראנדום דורכויס ניט געמיינט די אינטערעסן פון דער קולטור און בילדונג פון די יידישע ארבעטער־מאסן, נאר דעם ציל פון אופשטעלן, מעג זיַין טיילווייַז, אין

דער ייִדישער סוויווע די קאָהעלש־קאָנפעסיאָנעלע לעבנס־אָרדענונג אונ־טער דער עגודע פונעם ציאָניזם.

יעדער טוער פון דער ייִדישער ליטעראטור און קונסט, וועלכער פאריייניקט זײַן נאָמען צו ענלעכע ארויסטרעטונגען, שליסט זיך דער־מיט באוווסטזיניק אויס פון דער סוויווע פון די ארבעטנדיקע און פון דער מישפּאָכע פון זייער קולטור־קינסטלערישע טוער.

מאָסקווע, דעם 3־טן פעווראל, 1924. אונטערגעשריבן: אויסלענדער אקסלראָד, גורעוויטש, גילדין, גאדינער, גאָרדאָן, גראיאָווסקי, דאָברושין, וואָפסי־מיכאָעלס, ווערוויאָרקע, טשארני, טייטש, טשייקאָוו, יאָפע, כאשטשעוואצקי, לויטער, מארגאָליס, מייעראָוויטש, פערסאָוו, פינינבערג, קושנירעוו, קיפּניס, ראפאלסקי, ראָדין, ראָסין, רעזניק, שויכעט.

### וועגן דאָוויד האָפשטיין

די אלגעמיינע פארזאַמלונג פון טוער פון ייִדישער ליטעראַטור און קונסט דריקט דערמיט אויס איר טיפסטע באַדויערונג, וואס אונטערן מעמאָראַנדום וועגן העברעיש געפינען מיר די אונטערשריפט פון דיכ־טער דאָוויד האָפשטיין. מיר האלטן, אז דערמיט האט ער זיך אויסגע־שלאָסן פון דער מישפּאָכע פון די ייִדישע קולטור־טוער, וואס ארבעטן אין דער סוויווע פון די ארבעטנדיקע מאַסן. אז קאָלומאַן ער וועט זײַן שריט עפנטלעך ניט פאריכטן, קאָן ער ניט באטייליקן זיך אין אונדזער אלגעמיינער ארבעט אין דער סוויווע פון די ייִדישע ארבעט־מאסן.

דיזעלבע אונטערשריפטן.

די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „שטראָם" האט געפונען פאר נייטיק צו גיבן פאָלגנדיקע דערקלערונג וועגן דעם איניען:

„די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „שטראָם" אין די פּערזאָנען פון די כ"כ אויסלענדער, דאָברושין און קושנירעוו, האבן אף דער פארזאַמלונג געמאכט פאָלגנדיקע דערקלערונגען:

די פּאָזיציע פונעם „שטראָם" איז אין דערדאָזיקער פראַגע א גאנץ קלאָרע און שאַרפע—זי פאלט צוזאַמען מיט דער ליניע פון די ייִדן־קאָמוניסטן.

האָפּשטיין האט ניט געהאט קיין שום רעכט זיך אונטערצושרייַבן אַף אזאַ דאָקומענט אלס רעדאַקטער פון „שטראָם". זייַן אונטערשריפט אף יענעם דאָקומעגט שליסט אים אויס פון דער רעדאַקציע פון „שטראָם".

דידאָזיקע אַקציע האט א שטויס געטאָן דעם ליטעראַטן־פאריין צו ארבעט. וועגן דעם שרייַבט ד. טשארני, איינער פון די טעטיקסטע מיט־גלידער פונעם פאריין אין יענע יאָרן („וועקער" 26/6 1925).

„פאר דער לעצטער צייַט האט זיך אָנגעהויבן מערקן א געוויסע אופלעבונג צווישן די יידישע שרייַבער אין מאָסקווע.

עמעס, דידאָזיקע אופלעבונג איז טיילווייַז פארבונדן מיטן באדויער־לעכן האָפּשטיין־סקאנדאל, אָבער די יידישע ליטעראַטן אין מאָסקווע האבן פלוצים דערפילט, אז אויסער די ריין־ליטעראַרישע זוכענישן און בענקענישן איז נאָך דאָ א ברייט קולטור־געזעלשאפטלעך פעלד, וועלכן מע מוז פון צייַט צו צייַט אויסמעסטן, קעדיי ער זאָל ניט פארוואקסן מיט ווילד־גראָז.

און ס'איז צו באוווּנדערן דעם אכדעס און דעם אימפּעט, מיט וועלכן די יידישע ליטעראַטן (אָן אונטערשייד פון ריכטונג און סטאַזש) האבן זיך געגעבן א לאָז אוועק אף דעם פלוצלונג־אנטדעקטן געזעלשאפטלעכן פראָנט, ווי נאָר מ'האט באמערקט אף אים א וועלכע ס'ניט איז געפאר...

און געזעלשאפטלעכקייט איז דער בעסטער אנזאָג און דער בעסטער מאַשקן פאר דער ווייַטערדיקער קולטור־טעטיקייט.

דער מאַניפעסט פון די אלע יידישע שרייַבער איז ניט נאָר א גע־לעגענהייַט־מאַניפעסט, איז ניט א רעאַביליטאַציע־מאַניפעסט, נאָר א וויכטיקער געזעלשאפטלעכער אַקט. דאָס לייגט ארויף אף דעם גאנצן שרייַברישן קאָלעקטיוו געוויסע היסכייַוועסן.

ס'איז שוין דאָ אפילע א שטיקל רעזולטאַט פון אט דער אַקציע:

די טעג איז פאָרגעקומען אן אלגעמיינע פארזאַמלונג פונעם פאריין, ווו ס'איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן א נייַער רעגלאַמענט, אין וועלכן ס'זייַנען דאָ צווישן אנדערע אויך אזעלכע פונקטן:

„אלס יעסאָד פאר דער אידעאָלאָגישער פלאטפאָרם פונעם פאריין ווערט גענומען די רעזאָלוציע, וואס איז אונטערגעשריבן געוואָרן פון די מאָסקווער יידישע

שרײַבער און קונסט־טוער און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „עמעס", דעם 12־טן פעווראַל.

און די צילן פון דעם פאַריין איז:

1) „הויבן דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן מאַצעוו פון דער ייִדישער ליטעראַטור און די לעזער־מאַסן".

2) „אײַנשטעלן אַן ענגע פאַרבינדונג צווישן דער ייִדישער ליטעראַטור און די לעזער־מאַסן".

ווי מע זעט פון דידאַזיקע פונקטן, האָט דער פאַריין פון די ייִדישע ליטעראַטן סאָפּקאָלסאָף באַשלאָסן ארויסצוגיין אף דעם ברייטן קולטור־געזעלשאַפטלעכן שליאַך און שטעלן זיך אין ענגער פאַרבינדונג מיט די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

„די נאָענטסטע צוקונפט וועט באַווײַזן, אף וויפל די ייִדישע שרײַבער אין מאָסקווע וועלן דאָס פאַרווירקלעכן אין לעבן און אויב יאָ — וועלן זיכער געווינען פון דעם די בײדע צדדים, סײַ דער לעזער אָדער צו־הערער און סײַ דער שרײַבער, ווײַל די וועגן צו דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור ליגן נאָר דורך דער ברייטער נײַער געזעלשאַפטלעכקייט".

ווירקלעך, אין 1924־טן הייבט די ליטעראַטן־פאַריין אָן צו אַרבעטן אינטענסיווער. אין „עמעס" פון דעם יאָר טרעפן מיר אַ גאַנצע ריי מעלדונגען פון דער פאַרייניקונג פון ייִדישע ליטעראַטן אין מאָסקווע וועגן ליטאָוונטן. עס הערן אָפיציעל אויך צו פיגורירן די באַוווּסטע „שטראָם"־דינסטיקן, כאָטש די אָנטיילנעמער פון די אָוונטן, וואָס עס אָרדנט אײַן די פאַרייניקונג, זײַנען קימאַט דיזעלבע, וואָס אין „שטראָם".

אזוינע אָוונטן זײַנען די ערשטע העלפט 1924 דורכגעפירט געוואָרן בײַ אַ צענדליק.

2/3 „עמעס" נומ. 51, מעלדונג פון דער מאָסקווער פאַרייניקונג פון ייִדישע שרײַבער וועגן אַ ליט. אָוונט —

4/3 לייענט: פינינבערג - לידער.

8/3 מעלדונג פון דער פאַרייניקונג פון ייִדישע שרײַבער אין מאָסקווע וועגן אַן אָוונט.

דעם 10/3 לייענט מייעראָוויטש „אין אַ צײַט אזא".

16/3—מעלדונג פון דער פאַרייניקונג וועגן אַ ליט. אָוונט.

דעם 17/3 לייענט א. וועוויאָרקע וועגן „טאָג אנטקעגן" פון ש. גאדינער.

2/4—מעלדונג פון דער פאריייניקונג וועגן א ליטאָוונט.

9/4—עס וועט לייענען כ. רייטבארג: „אָרגאניזאַציע פון ליטעראַטור אף וויסנשאפטלעכע יעסוידעס".

12/4—מעלדונג פון דער פאריייניקונג פון יידישע שרייַבער אין מאָסקווע וועגן א דיספוט־אָוונט וועגן „שטראָם". עס וועלן ארויס־טרעטן די כ"כ אויסלענדער, גאדינער, דאָברושין, וועוויאָרקע, מייראָ־וויטש און קושנירָאוו.

7/5—מעלדונג פון דער מאָסקווער פאריייניקונג פון די יידישע שרייַבער וועגן אן אלגעמיינער פארזאמלונג דעם 17/5.

אין 1924 נעמט אונטער דער פאריין א ביז גאר וויכטיקע אַקציע. ער נעמט אף זיך די איניציאַטיוו צונויפצורופן אן אלפארבאַנדישע קאָנ־פערענץ פון יידישע שרייַבער.

די קאָנפערענץ איז צוליב אומבאקאנטע סיבעס ניט צונויפגערופן געוואָרן, אבער דער פרווו אליין צונויפצורופן אזא קאָנפערענץ האט איידעס געזאָגט, אז עס פארשטארקט זיך די טעטיקייט פונעם פאריין, אז ער הייבט אן צו שטעלן פאר זיך ברייטע אופגאַבעס.

די פארשטאַרקטע ארבעט פון דעם ליטעראַטן־פאריין דארף מען דערקלערן, ווייַזט אויס, מיט די פאָזיציעס פונעם „שטראָם", וואס האבן אין יענער צייַט אונטערן אנגריף פון דער מארקסיסטישער קריטיק אָנ־געהויבן אָפּגעשוואַכט צו ווערן. ווי מירן ווײַטער זעען, זיינען סאָף 1923 יאָר געמאכט געווארן אייניקע ערנסטע פרווון אופצורייַסן דעם „שטראָם". מ'האט דעם „שטראָם" גענומען שאַרף קריטיקירן. אין דעם לי־טעראַרישן פאריין געפינט די „שטראָם"־גרופע א מעגלעכקייט פאָרצוזעצן איר פריערדיקע ארבעט אונטער א נייַער פירמע—ליטעראַטן־פאריין, וואס האט זיך אביסל אָפּגעפרישט דורך דער רעזאָלוציע קעגן דעם מעמאָ־ראַנדום וועגן העברעיש און קעגן האָפּשטיינען.

אָבער אין דעם פאריין איז שוין שווער געווען אריינצובלאָזן א לעבעדיקן אָטעם. עס איז אונטערגעקומען די שפאלטונג פון „שטראָם". די פראָלעטאַרישע שרייַבער־גרופע האט זיך פארוואַנדלט אין א יידסעק־ציע באם „מאפפ", אַרייַנעמענדיק אין אירע רייען דעם לינקן טייל פון

„שטראָם״, א טייל פון דער „יונגוואלד״־גרופע — סײַ די מיטגלידער פון „שטראָם״, סײַ די מיטגלידער פון דער פראָלעטארישער שרײַבער־גרופע האבן אין זייער נײַער אָרגאַניזאַציע געהאט א פעלד פאַר ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכער ארבעט. די, וואס זײַנען געשטאנען אויסער די צוויי גרופעס, זײַנען געווען סײַ ליטעראַריש, סײַ געזעלשאַפטלעך פּאָליטיש אָנמעכטיק, אָן א רוקנביין. דער פאריין האט זײַן ארבעט נישט פאַר־געזעצט.

ליקווידירט האט זיך דער קרײַז, ווײַזט אויס, שוין צום סאַמע סאָף 1924 יאר. אין א פּראָטאָקאָל פון דער פראָלעט. שרײַבער־גרופע (ייִד־סעקציע מאַפּפּ) דעם 11/18 1924 בא דער אנוועזנהייט פון די כ״כ גיל־דין, וועוויאָרקע, שויכעט, ראבין, פּערסאָוו, ווערט אין צווייטן פּונקט פון טאָג־סיידער געשטעלט די פראַגע וועגן ליקווידירן דעם ליטעראַטן־פאריין. עס ווערט באַשלאָסן: געבן א מעלדונג אין „עמעס״ וועגן צונויפרופן אן אלגעמיינע פארזאַמלונג פון קרײַז, קעדיי אים צו ליק־ווידירן.

לויט די אנגאַבעס פונעם כ׳ טייטש, איז די לעצטע אלגעמיינע פאר־זאַמלונג פונעם מאָסקווער פאריין פון די ייִדישע שרײַבער און קינסטלער פאָרגעקומען דעם 11/22 1924. אף דער פארזאַמלונג איז געשטאנען די פראַגע וועגן דעם ערשטן קולטור־צוזאַמענפאר, וואס האט געדארפט אינגיכן פאָרקומען.

3־ט קאפיטל

## די „שטראָם"־גרופּע

איר בוילעטסטע פאַרזעצונג האט די „אייגנס"־אידעאָלאָגיע געפונען אין דער גרופּע שרײַבער, וואס האבן זיך זינט אָנהויב 1922 יאר גרו־פּירט ארום דעם זשורנאַל „שטראָם" (אָנגעהויבן דערשײַנען 1922 אין מאָסקווע). דידאָזיקע גרופּע איז באַשטאנען גרעסטנטיילס פון שרײַ־בער, וואס האבן אין די יארן 1921—1922 אריבערגעוואנדערט פון קיִעוו קײַן מאָסקווע. דידאָזיקע „אייגנס"־טראַדיציעס זײַנען צום „שטראָם" געגאַנגען דורך די שרײַבער, וואס האבן זיך אין 1921 יאר גרופּירט ארום „לירק" (קיִעוו) און האבן בא דער „קולטור־ליגע" אין יענער צײַט בא־וויזן (בעשוטפעס מיט מאָסקווער ליטעראַטן) ארויסגעבן בא א צענדליק קליינינקע ביכלעך דיכטונג און קריטיק.

די צעטומלונג, וואס די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און דער בירגער־קריג האט ארײַנגעבראַכט אין די רייען פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ, ווערט אין די יארן 1920־21 פארשטאַרקט. אף די יידישע קליינבירגערלעכע שרײַבער ווירקן שטאַרק די פעטליורישע פּאָגראמען. צווישן דידאָזיקע דיכטער איז זייער זעלטן עמעצער זאל נישט שרײַבן אף דער טעמע. די גאנצע רעוואָליוציע זעען דידאָזיקע דיכטער דורך דער פּריזמע פונעם פּאָגראָמען־שוידער.

ניט קײַן קלענערע צעטומלונג ברענגט אין די רייען פון דער יידי־שער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ ארײַן דער געניאַלער מאַנעווער פון דער פּאַרטיי—דער נעפּ.

אין די ערשטע יארן פון נעפּ האבן מיר אין לאַנד באנאנד מיטן שטײַגן פון די סאָציאַליסטישע עלעמענטן א באַשטימטן וווּקס פון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן. דאָס ברענגט מיט זיך אויך א געוויסע אופלעבונג פון דער בורזשואַזער און קלײנבירגערלעכער אידעאָלאָגיע בא אייניקע שיכטן אין לאַנד. דער נעפּמאַן לאָזט זיך הערן אין פארשײדענע אידעאָלאָגישע געביטן, דערין אויך אין דער ליטעראַטור.

אין דער ײדישער סוויווע ווערט די לאַגע קאָמפּליצירטער דורך דער אזויגערופענער שטעטל־פּראָבלעם. די רויִנירונג אינעם גאנצן לאנד, ווי א רעזולטאַט פון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע און בירגער־קריג, לאָזט זיך באַזונדערס פילן אפן שטעטל. די ראטנ־רעגירונג מאַכט אין יענער צײַט ערשט די ערשטע אנגעזעענע שריט אפן וועג צו געזונט מאכן די לעבנסבאדינגונגען פון דער ײדישער שטעטלדיקער באפעל־קערונג אין אוקראַינע דורך אריבערפירן זי צו׳ ערדארבעט און אנדערע. דערצו קומען נאָך צו די נאָכווייענישן פון די שוידערלעכע פּאָגראָם־יאָרן. דאס אלץ האט א שטאַרקע ווירקונג אף אונדזער ליטעראַטור אין יענעם פּעריאָד. אף די ײדישע קלײנבירגערלעכע דיכטער, וועלכע זײַנען נאך באלאָדן מיט היפּשער בורזשואַזער יערושע, דריקן אָטאָ די אלע שווע־ריקייטן און באקומען זייער בולעטן אויסדריק אין דער דיכטונג פון יענע יארן.

פריער פאר אלץ לאָזט זיך עס פילן אין דער דעזאָריִענטירטקייט פון דער ײדישער קלײנבירגערלעכער דיכטונג אין יענעם פּעריאָד (1921). פאר אָטאָ דעם מין דיכטער איז „דער וועג פארהוילן”. אין א ליד אין ביכעלע „גינען־געוויעב” („ליריק” — 1921) דערציילט האָפשטיין:

אין דער מיט
פון דער נאַכט
שטייט מײַן וועזן
און וואַכט
אלץ אף דעם,
וואָס דאָרט שפּאנט
איבער נאכטיקע הוילן,
וואָס קיין נאָמען

נאָך האט,
וואָס קיין הילך
גיט זײַן טראָט.
וואס זײַן וועג איז
פארהוילן.

(פון „גינען־געוועב״ — האָפשטיין)

די רעוואָליוציע איז אין נעפל, און ל. רעזניק קלאָגט זיך דאמאָלס אין א ליד אין זײַן ערשט ביכעלע לידער „אין בלייכע אופגאנגען״ (ביבליאָטעק־„ליריק״, 1921).

שנייִקע אנפליִען
האָבן גענומען
פארדרייען, פארשפינען,
מיט גרויען געשווינדל
מײַנע אלע ארומען.
און איך האָב געלויערט
מיט אוראלטן פּאַכעד
אין כוישעך פון היילן.
איך האָב זיך געטוליעט
צום קאלטן גיירטאָמיד —
געיאַרשנטע פונקען
פון דערשראָקענע דוירעס
אין וואַלדישן טונקל.
איך האָב זיך געטוליעט
מיט אוראלטן פּאַכעד
אין הייליקן ווינקל.

(„בלייכע אופגאנגען״)

אין דערזעלבער „ליריק״־ביבליאָטעק גייט ארויס י. דאָברושינס בי־כעלע וועגן דעם רוסישן סימוואָליסט א. בלאָק, אין וועלכן בלאָקס פּעסימיזם, וואס האט אויסגעדריקט דעם גדאַנקענגאנג און עמאָציעס פונעם אונטערגייענדיקן רוסישן אדלטום, ווערט ארויסגעשטעלט ווי שע־

פֿערישער פּעסימיזם, „אָט ווי דער „קהלת״, אשטייגער, איז דער שעפּע־
רישער פּעסימיזם, פון דער גאָרער מענטשהײַט״. די „לִיריק״־ביכלעך
זײַנען די אייגנטלעכע פאָרשפּילן צום „שטראָם״.

ארום דעם „שטראָם״ ווערן אף א צײַט קאָנצענטרירט די רעשטלעך
פון דער „אייגנס״־גרופּע. צו זיי קומט צו א גרופּע יִינגערע, וואס איז
צײַטווײַליק ארונטערגעפאלן אונטערן נאַציאָנאליסטיש־אינדיווידואליסטישן
גײַסט פון די „שטראָמיסטן״ און האבן דערנאך געהאָלפן אופרײַסן דעם
„שטראָם״.

וועגן דעם אידעאָלאָגישן צושטאנד צווישן די יִדישע שרײַבער און
קינסטלער אין מאָסקווע אין יענער צײַט, ווי אויך וועגן זייער קאָנ־
קרעטער טעטיקייט גיט א בילד די פּאָלעמיק, וואס איז יאַנוואַר 1922 יאר
פאָרגעקומען אף די שפּאלטן פון „עמעס״ צווישן דעם כ׳ ליטוואַקאָוו
(רעדאַקטער פון „עמעס״) און צווישן א גרופּע ליטעראַטן.

דער כ׳ ליטוואַקאָוו האט אין זײַן ארטיקל ארויסגעשטעלט א גאנצע
ריי טײַנעס צו די שרײַבער. ער האט אין זײַן ארטיקל געשריבן:

„דרייען זיך ארום אין מאָסקווע ליטעראַטן, „וואס פּילן מיט דעם
קאָמוניזם״, און זוכן קולטורעל־עסטעטישע כּיונע אָדער אין שוים־דער־
שײַנונגען פון בעקיוונדיקע פּאָזעס פון בורזשואַז־ליטעראַרישע פּאַצעטן—
אָדער אין די שטילע מיקלאָטים פון פארצווייפלטע טרוימער פון דער
אָפּגעלעבטער בורזשואַזער קולטור. דעם אָרגאנישן צוזאַמענבונד מיטן
יִדישן ארבעטער־קלאַס, וועלכער האט זיי פּאַקטיש אויסגעהאָדעוועט,
פארלירן זיי מיטן יעדן טאָג, און ווילן זיך באהעפטן מיט אזעלכע
גײַסטיקע שטראָמען, וועלכע ניט בלויז וואס זיי געפינען זיך ניט אין
איינקלאנג מיט דער אופקומענדיקער קולטור פונעם פּראָלעטאַריאַט,
נאָר געפינען זיך אין אָפענער סטירע צו איר. און ווען נאָך א לאנגער
און שווערער האפּסאָקע איז דאָך געשאפן געוואָרן א פּאָליטיש־ליטע־
ראַרישער צענטער, דער „עמעס״, דערקלערט מען זיך אָפּט אין ליבע,
אבער מע באשאפט ארום אים אן אטמאָספער פון פוסטקייט...

ניט אלץ וועט אין „עמעס״ אנגענומען ווערן? אָט דערציילט דאס
ציטירטע ביכל פון דער עפּאָכע פון „זוויעזדא״ און „פּראַוודא״ א פאקט:
„איינער אן אויסלענדישער כאוער פלעגט מיט א זעלטענער פּאר א

ליטעראטער זעלבסטאָפּפּערקייט צושיקן איין ארטיקל נאכן צווייטן, נאר פון די פופציק ארטיקלען זייַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן נאר צוויי: די איבעריקע זייַנען געוועזן געפּאסלט צוליב „ליטעראַטורערייַ“.

האט מען אן אינערלעכן סטיכישן, אָרגאנישן אינטערעס צו דער פּראָלעטאַרישער פּרעסע, שרייַבט מען פאר איר, ניט געקוקט אף אלץ. „מיטפּילן דעם קאָמוניזם“ איז דאך צו עפּעס מעכאַיעו. עפשער וואלט עס געוועזן די ערשטע און איינציקע קאָרבאָנעס, וואס דידאָזיקע ליטע־ראטן וואלטן געבראַכט פאר דער ארבעטער־זאַך.

... נאר די יידישע ליטעראַרישע עמיגראַציע אין מאָסקווע האט איבער־הויפּט ארויסגעוויזן א זייער קליינעם קולטורעל־עסטעטישן כוש. צוויי קולטורעלע דערשייַנונגען זייַנען אַנטשטאנען אין מאָסקווע: מעלוכישער יידישער קאַמער־טעאַטער און, לעצטנס, דער „עמעס“. האט מען ניט פאר־שטאנען אָפּצושאַצן, וואס פאר אן אומגעריכטע פרייד איז פאר אונדז דער טעאַטער—און מע האט קעגן אים א גאנץ יאָר געקעמפּט, ביז מע האט סאָפּקאָלסאָף געמוזט מוידע זייַן, אז ער איז א גרויסער יעש. איצטער עטוואס ענלעך מיטן „עמעס“, וועלכן מע אנערקענט—און וועלכן מע איגנאָרירט פאקטיש.

דער „עמעס“ עקזיסטירט און וועט עקזיסטירן. ער איז און וועט בעעמעס ווערן די צענטראַלע יידישע קאָמוניסטישע צייַטונג. ער ווירקט און וועט נאָך מער ווירקן אפן פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן פון דער יידישער ארבעטער־סוויווע. ער וועט דערציִען קאַדרען מיטאַרבעטער סייַ פון פּראָלעטאַרישער אינטעליגענץ, סייַ פון דער ארבעטערשאַפט גופע. אָבער די אלע כאַוויירים פּובליציסטן און מיטפּילנדיקע ליטעראַטן, וואס העלפן אונדז ניט איצט אין דעם שווערן געבורטס־פּעריאָד מיט זייער שאַפונג, זאלן זיי וויסן: ווען דער „עמעס“ וועט זיך פאַרפעסטיקן און קריגן מער צייַט אף דערמאָנען „אַלטע“ כעזשבוינעס, וועט ער עס טאָן מיט דער לייַדנשאַפט, אף וועלכער ער איז נאָר פייִק!“

9 יאַנוואַר 1922 י.

אף דעם האט א גרופע מאָסקווער ייִדישע ליטעראַטן געענטפערט:

„כאָשעווער כאַווער רעדאַקטער!

מיר, א גרופע ליטעראַטן, וואס „דרייען זיך ארום" אין מאָסקווע, האלטן פאר אונדזער כויוו זיך ארויסזאָגן וועגן דער שווערער באַשולדיקונג, וואס איז אף אונדז געוואָרפן געוואָרן אין נומער 6 פון „עמעס".

דער ייִדישער ארבעטער איז בעפיירעש געוועזן און איז דער איינציקער לעזער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, און ס'וואָלט ווירקלעך געהייסן פאַרלאָזן די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־קולטור, ווען אין איצטיקן מאָמענט וואלטן מיר זיך פארנומען מיט שאַפן „מיקלאָטים" פאר פארצווייפלטע טרוימער פון דער אָפּגעלעבטער בורזשואַזער וועלט.

אונדזערע „דערקלערונגען אין ליבע" צום רעוואָליוציאָנערן טאט פון דעם ארבעטער, וואלט געווען א פוסטער קלאַנג, ווען מיר וואלטן ווירקלעך בלייַבן בלויז באַ די ווערטער.

אָבער צי איז בעעמעס די לאַגע אזוי, ווי עס ווערט דערציילט אין דעם אַרטיקל פון דעם כ' רעדאַקטער?

די „ליטעראַרישע עמיגראַציע" האט באַ די שווערסטע באַדינגונגען פון מאָסקווער לעבן ניט אופגעהערט צו אַרבעטן פאר קונסט און קולטור, שפילנדיק אן אָנפירנדע ראָלע אין ארבעטער־קלוב „3־טער אינטערנאַציאָנאַל", ווו דער אינטערעס פון דער ארבעטער־אַודיטאָריע צו קונסט־פראַג איז באפרידיקט געווען בלויז דורך די ייִדישע ליטעראַטן.

אַלע עפנטלעכע ליטעראַרישע ארויסטרעטונגען און סיסטעמאַטישע לעקציעס אין די מאָסקווער העכערע ייִדישע אנשטאַלטן זייַנען אויסגעפירט געוואָרן דורך די ליטעראַטן, „וואס דרייען זיך ארום אין מאָסקווע".

אויסער דעם, איז די גאנצע ענערגיע פון די ליטעראַטן אין מעשעך פון דעם יאָר געווענדט געווען אף צו שאפן די יעניקע ליטעראַטור־ און קונסט־טריבונע, וואס זאל אויסטיילן און פארטיפן די קינסטלערישע אויסגאבן פון אונדזער צייַט.

בלייַבנדיק אין מאָסקווע אין אזא קליינער צאל, האבן מיר דאך באַוויזן צו שאַפן מיט דער הילף פון דער קאָמוניסטישער „קולטור־ליגע" דעם ליטעראַטן־פארלאג „ליריק", וואס האט שוין ארויסגעלאזט צען

ביכלעך, וועלכע זיינען שוין אָפּגעשאצט פון א יידישן ארבעטער־אָרגאן ווי אן אָנהויב, וואס איז שוין פון זיינע ערשטע דערגרייכונגען באוועכטיקט.

דערצו זיינען מיר בא די ערשטע מעגלעכקייטן צוגעטראָטן צו שאפן דעם ליטערארישן־קינסטלערישן זשורנאל „שטראָם“, ארום וועלכן ס'הויבט שוין אָן צו וועבן זיך יענע סוויווע, וואס באדארף אָרגאניזירן די צעשפּליטערטע ליטערארישע קויכעס, וועלכע האבן ניט פארלאָזט די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־קולטור.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז די יידישע ליטעראטן האבן קיינמאל ניט געשטרעבט צו שאפן די געדאכטע „אטמאָספער פון פוסטקייט“ ארום דעם „עמעס“, וואס איז די איינציקע פּאָליטיש־שעפערישע און קעמפעריש־באגייסטערטע ציַיטונג פון דער יידישער ארבעטערשאפט פון אלע לענדער.

אָבער צי וועט דער יידישער ארבעטער געווינען דורך דעם, וואס די יידישע ליטעראטן וועלן אפילע צוליב דער צענטראלער צייטונג אָפּזאגן זיך פון דער גרעסטער קינסטלערישער פארטיפונג־ארבעט? צי דארף די יידישע ליטעראטור, וואס איז סאָפּקאָלסאָף טאָמיד געגאנגען מיט די ארבעטער־שיכטן און געגעבן אויך אירע קאָרבאָנעס אף די פראָנטן, צי דארף זי נאך ברענגען דעם „איינציקן קאָרבן“, ווי דער כאווער רעדאקטער מיינט—ליגן אין קאָרב פון דעם „עמעס“?

מיט כאווער־גרוס:

אויסלענדער, ש. גאדינער, י. דאָברושין, ד. האָפשטיין, א. ווערויאָרקע

Ex bibl. univ. Tart.

מאָסקווע, 13 יאַנוואַר.

וואס האט דידאָזיקע פּאָלעמיק באטייט? אז די מאָסקווער יידישע ליטעראטן (מיט געוויסע אויסנאמען) זיינען נאך אין טאָך גענומען ענג פארשלאָסן אין זיך, באהעמיש געשטימט, גייען נאָך ארום היפש אָנגע־לאָדן מיט נישט־אויסגעלעבטע פרעמדע שטימונגען, ויינען אמאָל דעקלאַראטיוו־ראדיקאַל, אָבער קיין קאנקרעטע באהעפטונג צו דער רע־וואָליוציע אין איר אלטעגלעכקייט איז נישט פאראן.

באזונדערס פעלט זי אויס אין זייער קינסטלערישן שאפן.

אָנהויב 1922 יאָר דערשיינט דער ערשטער „שטראָם.“ איניינעם מיטן דערשיינען פונעם „שטראָם“ ווערט נאך מער צעמענטירט די גרופּע,

וואס איז ארום זשורנאל פארייניקט. עס הייבט זיך אן אן אינערלעכע ארבעט אין דער גרופע.

די ערשטע אינערלעכע ליטעראַרישע אָוונטן פון דער „שטראָם"־גרופע הייבן זיך נאך אָן סאָף 1921 יאר. דאס זײַנען עטלעכע ליטעראַרישע דינסטיקן, וועלכע עס אָרדנט איַין די גרופע „ליריק". דעם 1־טן פעוורואל 1922 יאר איז נאך אין „עמעס" דא א מעלדונג וועגן דעם 4־טן ליטדינסטיק פון דער גרופע „ליריק", אבער אין דער צווייטער העלפט פון 1922 יאר פיגורירן שוין ליטעראַרישע דינסטיקן פון „שטראָם". אין מײַ קומען פאָר צוויי אָוונטן געווידמעט דעם זשורנאַל. דאס האט, ווײַזט אויס, געהאט א שײַכעס צום ערשטן נומער „שטראָם", וועלכער האט ארויסגערופן שטאַרקע אָנפאלן פאר זײַן נאציאָנאליסטישן כאראקטער. אין הארבסט ווידער עטלעכע „שטראָם"־אָוונטן און דינסטיקן, ווו נ. אויסלענדער לייענט א פאָר־טראג: „וועגן און צילן". עס לייענט ווערויאָרקע, האָפשטיין, דער ניסטער.

אין 1923 יאר קומען די „שטראָם"־אָוונטן פאָר רעגולערער. דעם 2/1־טן לייענט גאָדינער א דערציילונג: „נאקעט". דעם 9/1־טן—וואָלקנשטיין „נײַע וועגן". דעם 16/1־טן—פערסאָוו „אימפעט". 23/1־טן—שפיל־ריין וועגן יידיש (פארטראג). 6/2־טן ל. רעזניק—הילכיקע נעכט. 13/2 און 20/2־טן מ. ליטוואַקאָוו—אונדזער פראָזע. 27/2־טן—ליסאק דער מידבער. 6/3־טן—ד. קלאצקין—דערציילונג „זיקאָרן". 20/3־טן—ז. אַקסלראָד—דורך טויערן. 25/3־טן—נ. אויסלענדער—ערינערונגען וועגן שווארצמאַנען.

מיר האבן אומיסטן געבראכט די גענויע יעדיעס וועגן די ליטעראַרישע דינסטיקן פון „שטראָם", קעדיי צו ווײַזן, אז די „שטראָם"־גרופע האט אין יענער צײַט געפירט ביז גאר א רעגולערע ארבעט, אז אסאך פון די מאטעריאַלן, וואס זײַנען נאך דעם געדרוקט געוואָרן אין „שטראָם", זײַנען געלייענט און באהאנדלט געווארן אף די שרײַבער־פארזאַמלונגען.

שוין דער ערשטער נומער „שטראָם" האט ארויסגערופן קעגן זיך העפטיקע אָנפאלן. און נישט אומזיסט.

דער „שטראָם" האט גלײַך אינעם ערשטן נומער דעמאָנסטרירט זײַן קלאל־יישראָעלדיקייט, זיין „אויסערקלאסעוודיקייט". ער האט זיך געמאָלדן פאר א טריבונע פון „די בעסערע יידישע שרײַבער, דיכטער און קינסט־

לער פון מאָסקווע, קיִעוו, וואַרשע, בערלין, נוי־יאָרק". אפן לעצטן זײַטל פון „שטראָם" נומער 1 איז אָפּגעדרוקט א גרויסע מעלדונג־מוידאָע פונעם „שטראָם", וואס אנטהאלט שוין אין זיך א שטיק פּלאטפאָרם. דאָרט ווערט געזאָגט:

„שטראָם" — ליטעראַריש־קינסטלערישע כוידעש־העפטן, דערשײַנט אין מאָסקווע בּאַ דער מיטאַרבּעט פון די בּעסערע ייִדישע שרײַבּער, דיכטער און קינסטלער פון מאָסקווע, קיִעוו, וואַרשע, בּערלין, ניו־יאָרק. „שטראָם" וויל פאראייניקן די אלע אכרײַעספולע קונסט־קרעפטן, וואס שמידן בּאַ הײַנטיקן טאג די עסטעטישע ווערטן פון אונדזער טקופע. „שטראָם" וויל ווערן דער שפּעפּרישער אויסדרוק פון אונדזער נײַע און באנײַענדיקע אקטיווע קונסט־שטרעבּונגען. „שטראָם" וויל פארבּאוווסט־זיניקן די אָנגעוואָקסענע שאפונג־פּראָצעסן פון דער ייִדישער קונסט־קולטור. בּאַ די ערשטע שווערע שריט זײַנע האָפט דער „שטראָם" אף ווירקלעכער הילף פון אלע איבּערגעגעבּנסטע כאוויירים־שרײַבּער און לעזער פון אלע לענדער. אין „שטראָם" געפינען זיך שוין ווערק פון: אויסלענדער, אָנויכי, גאָרדאָן, גאָדינער, דאָבּרושין, האָפשטיין, וואלקנשטיין, וואָפסי, וועוויאָרקע, לוריע, פינינבּערג, קושניראָוו, קליאַצקין, רעזניק, ראַבּינאָוויטש, ראָסין, שאגאל. „שטראָם" ווארט אף די פארשפּראָכענע ווערק פון בּערגעלסאָן, זינגער, מארקיש, מײַזל, ניסטער, קוויטקאָ, ראַוויטש, ריבּאק. „שטראָם" איז בּאַגלויבּט אין דער מיטאַרבּעט פון די גײַסט־נאָענטע אמעריקאַנער כאַוויירים—שרײַבּער און דיכטער."

אין צעטל פון די, וואס „האבּן געגעבּן און האבּן פארשפּראָכן ווערק", געפינען זיך די נעמען פון אָנויכי, נאכמען מײַזל און נאך עמיגראַנטן אויסגעשפּראָכענע פײַנט פון דער רעוואָליוציע.

מיט וואס פאר א קינסטלערישן מאטעריאַל איז ארויסגעטראָטן דער ערשטער נומער „שטראָם"? ער האט אָנגעהויבּן מיט האָפשטיינס אויסגעשפּראָכן נאציאָנאַליסטישער „ליד פון מײַן גלײַכגילט", אין וועלכער האָפשטיין האט זיך אויסגעטײַנעט מיט די אומעס־האָוילעם פאר די ייִדישע פּאָגראָמען, אויסגערעכנט דעם גאנצן ייִדישן ייִכעס פון בּאָרוך ספּינאָזע בּיז לייבּ בּראָנשטיין און דערוויזן, אז כאטש העגריך היינעס עלטערן זײַנען געווען הענדלער, האבּן זיי דאך געשענקט דער וועלט אזא גרויסן

דיכטער. עס איז געווען אינגאנצן נישט קיין פארמאסקירטער גלײַכגילט צו דער רעוואָליוציע, צוגעשמאָלצן מיט א ווילן —

איבער גרויען קאָפּ
פון מײַן פאָלק
זײַן
א יונגע ליכטיקע שײַן!

דער קינסטלער—מארק שאגאל (א הייסער „שטראָמעוועץ״) האט געגעבן א פּובליציסטישן פּיירעש צו האָפּשטיינס פּאעזיע, ער האט אין זעלבן נומער „שטראָם״ געשריבן:

„איך ווייס גאנץ גוט, וואס אָט דאס פּאָלקעלע קען אויפטאָן. צום אומגליק בין איך באשיידן און קאָן ניט ארויסרעדן, וואס ער קאָן אויפטאָן.

א ווערטל צו זאָגן, וואס דאס פּאָלקעלע האט אָפּגעטאן! האט זיך אים פארגלוסט—האט ער באוויזן קריסטוסן און קריסטנטום!

האט זיך אים פארוואלט—האט ער געגעבן דער וועלט מארקסן און דעם סאָציאַליזם!״

נאכדעם איז געגאן א. קושניראָווס „האזקאָרע״—א מין איבערוף מיט האָפּשטיינען, א ליד, אין וועלכער א. קושניראָוו איז אויסגעגאן פאר פארצווייפלונג:

„איז פאַר וועמען, פאַר וועמען איצט פאַלט מען
בעטן ראַכמים פאר זיך און פאר אײַך,
ווען דערשראָקענע שטערן באהאַלטן זיך
אין די שטאָלענע קנייטשן פון טײַך.

קושניראָוו האט אויסגעזאגט דעם סאָד (דאס האט געהאט א שײַכעס נישט נאָר צו אים, נאָר צו אסאך יידישע דיכטער אין יענער צײַט).

אין נעשאָמע א מײַזעלע שקראבעט,
צי טאטנס, צי זיידעס א ניגן.

ווײַטער איז ע. פינינבערג ארויס מיט א קלאָג וועגן דעם, אז ער איז נאָך געפּעטעט, אז „אף ווערמדיקן קויט, אף קרעץ פון שטיין מײַן זיידנס מיטוואָך דויערט נאך און דויערט״.

דורך קינסטלערישע ־הויכרעדערס האט דא א רעד געטאן דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענט, וואס האט פארבלאָנדזשעט אין דער רעוואָליוציע, זיך דערשראָקן און נישט געקענט געפונען דעם וועג צוריק.

אין דעם אויבנדערמאנטן ארטיקל האט מארק שאגאל געגעבן די טעאָרעטישע באגרינדונג פון דעם נאַציאָנאַליסטישן קאצניאָמער.

ער האט אָפנהערציק דערציילט: „וואס פאר א נאַפקעמינע איז אייגנטלעך פאראַן צווישן מייַן פארקריפלטן מאָלעווער עלטערזיידע סעגאַלן, וואס האט באמאָלט די כאָלעווער שול, און צווישן מיר, וואס האט געמאָלט דעם יידישן טעאַטער (א גוטער טעאַטער) אין מאַסקווע? דערצו בין איך זיכער, אז ווען איך ווער אויס גאָלועך, וואלט איר דער־זעען זייַן פינקטלעכן פּאָרטרעט״ (זייַטל 45).

דער ערשטער נומער „שטראָם״ האט, ווי געזאגט, ארויסגערופן א שטורעם אין די יידישע קאָמוניסטישע קרייַזן. מע האט געפּרוווט קוויטי־קירן דעם נאַציאָנאַליזם פון „שטראָם״. אויסערלעך אין דער פּרעסע איז עס צו יענער צייַט געקומען צום אויסדרוק אין כ׳ ליטוואַקאָווס ארטיקל אין „עמעס״ וועגן דעם „שטראָם״.

דער „שטראָם״ איז געווען ענג פארבונדן מיט די יידישע שרייַבער, וואס האבן אין 1920־1921 יאר עמיגרירט קייַן אויסלאַנד (בערגעלסאָן, ניסטער, קוויטקאָ, און אנד.

די שרייַבער פון דער עמיגראַציע האבן רעגולערע צוגעשטעלט מאַ־טעריאַל דעם „שטראָם״. דער 3־טער נימער „שטראָם״ האט זיך גע־עפנט מיט ל. קוויטקאָס א ציקל־מאָרעשכוירעדיק־נאציאָנאַליסטישע לידער, וואס האט געדאַרפט רעפּרעזענטירן די שטימונגען פון דער יידישער שרייַבער־גרופּע אין עמיגראַציע.

דער צווייטער „שטראָם״ האט, ניט געקוקט אף דער שארפער קריי־טיק, וואס ער האט באגעגנט, פּאָרגעזעצט די פריערדיקע ליניע. האָפּשטיין איז ארויס מיט זייַן ליד „אוקרייַנע״, ווו גאנץ אוקראַינע ווערט גע־שטעמפּלט אלס א פּאָגראָם־לאַנד. אין דעמזעלבן נומער גייט האָפּ־שטיינס א ליד—„אין לאַנד אָן דאַך אף האלב״, ווו האָפּשטיין בענקט „נאך בלויען יאַם״, נאכן „אלס שטיין באוואשן מיט געוויין״, נאָך דער וואָנט, וואס אן א דאַך״ (אָטאָ די קויסל־מייַראָווי־ליד, איז, אויב

איך האָב קיין טאָעס נישט, אפילו אריין אין אונדזערע כרעסטאָמאַטיעס פאר דער שול).

אין דעמזעלבן נומער 2 „שטראָם" איז אָפּגעדרוקט די דעקלאַראַציע פון דער „שטראָם"־גרופּע. צו יענער צייט האָבן די „שטראָמיסטן" שוין געהאט קלאָר־אויסגעשפּראָכענע ליטעראַריש־קינסטלערישע פּאָזיציעס, וועלכע זיינען געקומען צום אויסדרוק אין דער דעקלאַראַציע.

די דעקלאַראַציע, וואס איז א מוסטער פון עסטעטישער מעליצע, אנטהאלט אין זיך א ברייטפּאַנאַנדערגעוויקלטע פּלאַטפאָרם פון א קליינבירגערלעך־נאַציאָנאַליסטישער פאָרמאַליסטיש-עסטעטישער ליטעראַטורגרופּע, וואס איז אָריִענטירט אף בורזשואַזער קונסט.

אין „שטראָם" נומער 2 איז אָפּגעדרוקט די „שטראָם"־דעקלאַראַציע מיט א קורצער פאָרדערקלערונג. מיר ברענגען דאָ די דעקלאַראַציע:

„אין צוזאַמענהאנג מיטן דערשיינען פון ערשטן נומער „שטראָם", איז אין מאָסקווער קלוב „דריטער אינטערנאַציאָנאל" פאָרגעקומען צוויי „שטראָם"־אָוונטן.

אין א ריי ארויסטרעטונגען איז באלויכטן געוואָרן די שטעלונג פון „שטראָם" צו דער קונסט פון אונדזער קעגנווארט, דערביי איז אין נאָמען פון דער גרופּע „שטראָם" פארעפנטלעכט געוואָרן פאָלגענדע דערקלערונג:

1. „שטראָם" האט אנגעהויבן צו דערשיינען אין דער צייט פון א גרויסער ענדערונג אין דער קרעפטן - פארהעלטעניש פון אונדזער קונסט.

די שארפע גרענעץ־ליניע, וועלכע די רעוואָליוציע האט דורכגעפירט צווישן „אונדזער" רוסלענדישער און „אונדזער" ניט־רוסלענדישער ליטעראַטור, האט אין טאָך אריין אָפּגעצייכנט צוויי טקופעס, וואס שליסן זיך ניט איין אין די באגריפן פון אלטער און נייער קונסט. יעדן דאָר איז געגעבן צו זיין מאָדערן בענעגייע צו זיינע פאָרגענגער. דערדאָזיקער מאָדערן באַציט זיך אבער ס׳ראָוו אף די אָדער יענע ניואנסן פון איין און דערזעלבער קולטור. אין דער ליטעראַטור פון אונדזער רעוואָ-

ליוציאָנערן פּעריִאָד האָבן זיך אומעטום באַוויזן דורכלויכטן פון גאָר א נײַער קולטור־טראַדיציע, פון גאר א נײַער קולטור־ערע. און דאס האָט דורכגעצויגן די שאַרפע גרענעץ־ליניע צווישן אונדזער רוסלענדישע און אונדזער ניט־רוסלענדישע קונסט.

2. בא דער שוועל פון אָט דער נײַער קולטור שטייען מיר מיט האָפּערדיק־מונטערע פאָרגעפילן. עמעס, א פולשטענדיק צוואָלגערטער לעבנסשטייגער, א מעכטיק אופגעטרייסלטער קונסט־בינין, א געמיט פון וועלכן עס איז ארויסגעפאלן דער געפיל פון רויִקער זעלבסט־באַטראכטונג, א געוויסן, אין וועלכן עס וויבּרירט דער „שוידער פון הארמאָניע”, א הילכיק געדרודער פון אן איבערגעבויט לעבן—אָט דאָס אלץ טרעפן מיר בא דער שוועל פון דער נײַער ליטעראַטור.

אָבער אין „שעלטנדיקן הימן פון שטרײַטן” פארנעמט דאָוויד האָפּ־שטיין דעם רוף פון אונדזער עפּאָכע און צוזאַמען מיט אים פארנעמען מיר אין דעם רוף פון דער צײַט אויך דעם באַרוף פון דער ליטעראטור אין דער רעוואָליוציאָנערער טקופע. און אונדזערע פאָרגעפילן זײַנען מונ־טער און האָפּערדיק, אונדזערע דערוואַרטונגען אף דער נײַער עפּאָכע זײַנען פעסטע און זיך געטרײַע.

3. אָבער די נײַע עפּאָכע האט שוין א געשיכטע, א פארגאַנגענהײַט. אז מע ברענט בריקן, בויט מען נײַע, און אז מע בויט נײַע בריקן, נוצט מען מאַטעריאַלן, וואס וואַקסן אין מעשעך פון יאָרן. דער „שטראָם”, וואס גייט צילבאַוווסט דער צוקונפט אנטקעגן, פארגעסט ניט, אז די דוירעסדיקע מאַטעריאַלן מוזן אָפּגעשאַצט ווערן.

דאס רעוואָליוציאָנערע געשעען האט ביז א געוויסער צײַט געוועקט בא דעם קינסטלער מעכטיקע, נאר אף האלב־באַוווסטזיניקע אימפּולסן. דער ערשטער פּעריִאָד פון רעוואָליוציאָנערן קינסטלערישן שאַפן איז געווען כאַראַקטעריזירט דורך דעם, וואס דער קינסטלער האט אימפּראָ־ווּיזירט, אנטבלויזנדיק דאָ און דאָרטן אין דער גאָרער נאַקעטקייט די אימפּולסן, וואס האָבן אף אים א שליטע געהאט. אין דער צײַט פון דעם אימפּולסיוון שאַפן איז דער דיכטער מעסוגל געווען צו רעאגירן בלויז אף דאס הערויִשע, וואס האט אין רעוואָליוציאָנערן געשעען זיך אנטפּלעקט. באַפרײַען די אַסאָציאַציעס, וואס האבן זיך מאַסנווײַז גע־שטויסן אין דיכטערישן געמיט—אָט דאס געזעצלעכע און נאַטירלעכע

שטרעבן האט כאַראַקטעריזירט דעם ערשטן פעריאָד פון דער רעוואָליר־
ציאָנערער ייִדישער דיכטונג.
4. דעם „שטראָם“ איז לײדער ניט באַשערט געווען צו קומען אין
יענעם גליקלעכן העראָישן נימרעד־פעריאָד פון דער רעוואָליוציאָנערער
קונסט, אָבער דאס אָרגאַנישע שאַ־ן פאַרלירט קײנמאל גארניט. די
טראַגישע אַטמאָספער, וואס לויערט אײביק און אומעטום ארום דעם
העראָישן געשעען, איז ניט פארלאָרנגעגאַנגען און האט זיך אָפּגעזעצט
אין דער טיף פון דעם קינסטלערס געמיט. און ווען דער „שטראָם“
קומט מיט קושניראָוון צו זאָגן:

„איך פאַרמאָג שוין אפילע אין טרוים ניט
קײן לאַנד פון האָניק און מילך“

איז נויטיק אין דעם צו דערהערן ניט קײן פעסימיסטישע גוזמע, נאר
אן אנזאָג דערוף, אז די קינסטלערישע אַכרײַעס האט גענומען אונטער
איר קאָנטראָל יענע דיכטונג, וואס האט ניט לאַנג נאך אזוי זאָרגלאָז
אימפּראָוויזירט.
דאס באַטײַט אויך, אז די פּלאַקאַט־ליטעראַטור האט אפּגעזאגט אירס.
דאס באטײַט, אז אלע ראַדיאָ־אימפּראָוויזאַציעס, וואס זײַנען געווען גע־
בונדן צו דער צײַטונג, צום קאַלענדאַר און צום שטאָט־זײגער—וועלן
איצט אויסזעען נאַיִוו און פאַרשפּעטיקט.
5. וואס צײכנט זיך פארן „שטראָם“ אין די ברעגן פון דעם איצ־
טיקן פעריאָד פון דער נײַער עפּאָכע? דער וועג פונעם „שטראָם“ איז
געווענדט קוידעמקאָל צו דעם סינטעז פון אונדזער נײַער צײַט־דער־
פארונג. נאָר דער אַנסאַמבל פון אלע קונסט־צווײגן, אָט די ליבע
פרײַנט די מאָלער, וואס האבן די טעווע אויסצוזאָגן סוידעס, אָט די
ערנסטע מוזיקער, וואס שטרעקן שוין דעם האלדז נאך „וואָרט“ איס,
אָט דער „עקיק־פארשפּיצטער“ עקספּרעסעווער שוישפּילער, וואס זוכט
און מאָנט און פילט זי שוין, אונדזער נײַע עסטעטיק—נאר דער סינטעז
פון די אלע וועט אונדז דערנעענטערן צו דער פארקערפּערונג פון
אונדזער צײַט־דערפארונג.
6. דער „שטראָם“ געדענקט, אז פון אָנהויב איז געווען דאס וואָרט.
דער ווינקלשטײן פון אלע קונסט־געביטן איז דאס אכרײַעספולע קינ־

סטלערישע וואָרט, אָבער דאס וואָרט איז א נאַציאָנאַלער מאַטעריאַל. אין צײַטן פון „רעוואָליוציאָנערע אופליען" דריקט דידאָזיקע אייגנשאַפט אף דער וואָרט־שאַפונג און שלעפט זי אָפט צום מעסוירעסדיקן נאַציאָנאַלן אלטוואַרג. אָבער גראד דידאָזיקע אייגנשאַפט מאַכט די וואָרט־שאַפונג פאר א קינסטלערישן מוסטער פון אָרגאַנישע ווערטן, וואס זינדיקן ניט מיט צופעליקע פריידאַרטיקייטן פון דער סינקרעטישער טקופע. דער „שטראָם" נעמט אין אכט דאס וואָרט, ווי א מאַטעריאַל, דער „שטראָם" היט אָפּ די קולטור פון וואָרט און שטעלט אויף די קלאוויאטור פון דער נײַער שפּראַך, פאר דעם וואַקסנדיקן נײַעם געדאַנק.

7. קלאָר איז פאר דעם „שטראָם", אז פאָרמולירן דעם נײַעם ייִדיש־קאָלעקטיוויסטישן געדאַנק וועט אף ווײַטער אויך ווי ביז אהער דער וואָרט־שעפער. קאָנסטאַטירנדיק דעם „קרעך פון שטיין, אף וועלכן ס׳דויערט דעם זיידנס מיטוואָך", קאָנסטאטירנדיק דאס צעפוילטע און אָפּגעלעבטע, זוכט די אונדזעריקע דיכטונג די אינעווייניקסטע שעפערישע אכיזע פון אופגעוואַכטן נײַ־גײַסט. אין די טיפענישן פון די נײַע־גע־בוירענע פאָלקס־פראָצעסן וועט די ליטעראַטור אופדעקן די אָנגעוואַקסענע נײַע קויכעס און דערמיט גופע באשטימען דעם פאָרקומענעם איצט אינהאלט פון דער ייִדישער רעוואָליוציאָנערער גזועלשאַפטלעכקייט. די ליטעראַטור האט באַוויזן דעם נעס אין די צײַטן פון דעם ייִדיש־וועלטלעכן קריזיס, די ליטעראַטור וועט באוויַזן דעם נעס אין די צײַטן פון דעם ייִדיש־אינטערנאַציאָנאַלן איבערבוי. דער „שטראָם" וועט זיך מיִען, אז דער דיכטערישער דאָר זאָל זײַן צו דעם נעס צו־געגרייט.

8. „שטראָם" ווענדט זיך צו די אַלע, וואס קאָנען און ווילן גיין אף זײַן שווערן פאראנטוואָרטלעכן וועג, צו די אלע, וואס קאָנען מוכל זײַן שוואַכקײַטן און שטרויכלונג, צו די אלע, וואָס ווילן וואַך זײַן און אָפּהיטן די יונגע פליִענדיקע פויגלען, זיי זאָלן ניט אומקומען פון דעם פײַערדיקן אָטעם, מיט וועלכן ס׳מוז אף זיי עפענען די ריגאָריסטיש־דאָגמאַטישע קאַמף־מיינונג.

9. אין „שטראָם" פליסט די קינסטלערישע ענערגיע פון אונדזער צײַט, דער צײַט פון א נײַ־געבאָרענער ווייטיקדיקער טאָגטעגלעכקייט,

דער צײַט פון דער רעוואָליוציע. האַרט בײַ די שאַרפסטע ראַנדן פון אונדזער עפּאָכע פּליסט דער „שטראָם". ער ווייסט זייער האַרטע אומבעראַכמאָנעסדיקע שלײַפקייט צו שעצן. און ער לאָזט זיך פון זײַן שווערן וועג ניט אָפּשרעקן. וואָרום: „שטראָמען פּליסן קיינמאָל ניט אָף צוריק. „שטראָם" גייט זײַן עפּאָכע אַנטקעגן".

שטראָם 2 נומער. 1922.

אינטערעסאַנט איז זיך צוצוקוקן צו דער קנאַפּער אָבער דאָך פאַראַנענער פּאָליטיש געזועלשאַפטלעכער טייל פון דער דעקלאַראַציע. ווי אַזוי ווערט אין דער דעקלאַראַציע כאַראַקטעריזירט די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע? אין פּונקט נום. 9 דערציילט די דעקלאַראַציע, אַז „אין „שטראָם" פּליסט די קינסטלערישע ענערגיע פון אונדזער צײַט, דער צײַט פון אַ נײַ־געבאָרענער ווייטיקדיקער טאָגטעגלעכקייט (אונטערגעשטראָכן דורך מיר. א. א.), דער צײַט פון דער רעוואָליוציע". די רעוואָליוציע איז עס „די ווייטיקדיקע טאָגטעגלעכקייט". אַזוי אופאַסן די רעוואָליוציע האָבן געקאָנט נאָר שרײַבער, וואָס האָבן באַזונגען אַ שיכט, וועלכער איז דורך דער רעוואָליוציע צעבראָכן געוואָרן און די רעוואָליוציע איז פאַר אים געוואָרן „ווייטיקדיקע טאָגטעגלעכקייט".

אין פּונקט נומער 2 ווערט גערעדט וועגן דעם, וואָס די נײַע ליטעראַטור טרעפט אין דער רעוואָליוציע? „אַ פולשטענדיק צעוואַלגערטער לעבנסשטייגער, אַ מעכטיק אופגעטרייסלטער קונסט־בנין, אַ געמיט, פון וועלכן עס איז אַרויסגעפּאַלן דער געפיל פון רויִקער זעלבסט־באַטראַכטונג, אַ געוויסן, אין וועלכן עס האַרמאָנירט דער „שוידער פון האַרמאָניע", אַ הילכיק גערודער פון אַן איבערגעבורטס לעבן—אָט דאָס אַלץ טרעפן מיר בײַ דער שוועל פון דער נײַער ליטעראַטור".

עמעס, דער „שטראָם" זעט נישט נאָר דעם צעוואַלגערטן לעבנסשטייגער,—זאָגן די „שטראָמאָוועס". דער „שטראָם" האָט אויך פאָרגעפילן פון אונדזער עפּאָכע... אין „שעלטנדיקן הימן פון ש׳ זרײַטן" פאַרנעמט דאָוויד האָפשטיין דעם רוף פון אונדזער עפּאָכע און צוזאַמען מיט אים פאַרנעמען מיר אין דעם רוף פון דער צײַט אויך דעם באַרוף פון דער ליטעראַטור אין דער רעוואָליוציע־טקופה".

ווי אזוי ד. האָפּשטיין פארנעמט דעם „רוף פון דער עפּאָכע״ אין „שטראָם״ האבן מיר אויבן געזען; דא ווערט ער ארויסגעשטעלט, ווי די פאָן פונעם „שטראָם״, ווי זײַן אָריענטאַציע.

דאס איז די אזוי גערופענע פּאָליטישע פּלאַטפאָרם פונעם „שטראָם״. ווײַטער גייט די קינסטלערישע פּלאַטפאָרם זײַנע.

די דעקלאַראַציע גיט די כאַראַקטעריסטיק פון דער יידישער נאָכ־אָקטיאַבערישער דיכטונג ביזן „שטראָם״. ווײַזט זיך ארויס, אז „דער ערשטער פעריאָד פון רעוואָליוציאָנערן קינסטלערישן שאַפן איז געווען כאַראַקטעריזירט דורך דעם, וואס דער קינסטלער האט אימפּראָוויזירט אנטבלויזנדיק דא און דאָרט אין דער גאָרער נאַקעטקייט די אײַנפלוסן, וואס האבן אף אים א שליטע געהאט. אין דער צײַט פון דעם אימפּול־סיוון שאַפן איז דער דיכטער מעסוגל געווען צו רעאַגירן בלויז אף דאס העראָישע, וואס האט אין רעוואָליוציאָנערן געשען זיך אַנטפּלעקט״.

דער פּאָשעטער זין פון דער לאַנגער טיראדע איז: אין ערשטן פעריאָד האט דער יידישער דיכטער ניט באַזיניקט, וואס ער שאַפט, ער האט רעאַגירט בלויז אפן העראָישן, ער „האט אנטבלויזט די גאָרע נאַקעטקייט פונעם אימפּולס״, מיט איין וואָרט, עס האט אין דער דיכטונג געהערשט די „נאַקעטע ליניע״, קעגן וועלכער די „אייגנס״־גרופּע און ספּעציעל ד. בערגעלסאָן איז ארויסגעטראָטן אין זײַן ארטיקל „דיכטונג און געזעל־שאפטלעכקייט״, פאָדערנדיק קונסט, וואס זאל זיך באזירן נישט אף דער „נאַקעטער ליניע״, נאר אף אַלטער „אפּגעזעצטער״ בילדערישקייט. אָבער דער „שטראָם״ ווייסט, אז „דער אָרגאַנישער שאַפן פארלירט קיינ־מאל גארנישט. די טראַגישע אַטמאָספער, וואס לויערט אייביק און אר־מעטום ארום דעם העראָישן געשעען, איז ניט פארלאָרן געגאַנגען און האט זיך אָפּגעזעצט אין דער טיף פונעם קינסטלערס געמיט״. אזוי־ארום — „די נאַקעטע ליניע״ האט אָפּגעזאגט אירס, דאס אָרגאַנישע אין דער דיכטונג איז „די טראַגישע אַטמאָספער, וואס לויערט ארום דעם העראָישן״, און דערפאַר פּראָקלאַמירט ווײַטער דער „שטראָם״, „אז די פלאַקאַט־ליטעראַטור האט אָפּגעזאגט אירס; דאס באַטײַט, אז אלע ראַדיאָ־אימפּראָוויזאַציעס, וואס זײַנען געווען געבונדן צו דער צײַטונג, צום קאַלענדאַר און צום שטאָט־זייגער, וועלן איצט אויסזען נאַיִוו און פארשפּעטיקט״.

דערדאָזיקער פּונקט וועגן פּלאַקאַט און צײַטונג איז שטאַרק ענלעך צו דער אימאַזשיניסטישער פּלאַטפאָרם (די גרופּע מאריענהאָף, שערשענעוויטש, יעסענין און אנד. רוסישע אימאַזשיניסטן), וואס איז געווען פארעפנטלעכט אין 1923 יאר אין „רוסקי זשורנאַל״ נומ. 2. אין אן ארטיקל: „קימאט א דעקלאַראַציע״, האבן די אימאַזשיניסטן געשריבן: „צוויי פּאָליוסן—פּאָעזיע, צייטונג. דאס ערשטע: וואָרט־קולטור, ד. ה., בילדערישקייט, ריינקײַט פון שפּראַך, הארמאָניע, אידייע; דאס צווייטע: בארבארישע שפּראַך, ד. ה., טערמינאָלאָגיע, העסלעכקייט, ריטמלאָזיקייט און אפּן אָרט פון אן אידײ״ע—באנאלע עמעסן״. נידער הייסט עס, מיט רעוואָליוציע־ליטעראַטור, וואס האט א שײַכעס צו דער צײַטונג, צום קאַלענדאַר,—עס גייט די דיכטונג פון „דער טראַגישער אַטמאָספער ארום דעם העראָישן״, פון „דעם צעוואַלגערטן לעבנשטייגער״ אין דער רעוואָליוציע.

פּונקט ווי אין „דיכטונג און געזעלשאפטלעכקײַט״ בא ד. בערגעלסאָן ווערט אויך דאָ אנטקעגנגעשטעלט האָפשטיין דער דיכטער פון דער „טראַגישער אַטמאָספער״, מארקישן—דעם זינגער פון פּלאַקאַט.

מיט דרײַ יאר שפּעטער נאכן „אייגנס״ איז נאך דער „שטראָם״ אין טאָך געשטאנען אף דיזעלבע קינסטלערישע פּאָזיציעס ווי די „אייגנס״־גרופּע.

די „שטראָם״־גרופּע האט זיך באטראכט, ווי א „צאַד אין דער מישפּאָכע״ בענעגייע צו דער קאָמוניסטישער געזעלשאפטלעכקייט. וועגן דעם האט זיך דער „שטראָם״ אפילע נישט געשעמט דעקלאַרירן, עמעס, פארהוילן, אין זיין דעקלאַראַציע. „קלאָר איז פאר דעם „שטראָם״,—ווערט געזאגט אין פּונקט 7,—אז פּאָרמולירן דעם נײַעם יידיש־קאָלעקטיוויסטישן געדאַנק וועט אף ווײַטער אויך, ווי ביז אהער, דער וואָרט־שעפער״. עס איז דאָ לויט דער „שטראָם״־דעקלאַראַציע א באזונדער „יידיש־קאָלעקטיוויסטישער״ געדאנק, וואס ווערט א נטקעג.געשטעלט דעם קאָמוניסטישן געדאנק און פּאָרמולירן אים האבן פולמאַכטן בלויז די „וואָרט־שעפער״ (פונעם „שטראָם״, נאטירלעך).

וועגן דעם קאַמף פון דער „שטראָם״־גרופּע קעגן דער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפטלעכקייט, רעדט אויך דער פּונקט נומער 8 פון דער דעקלאַראַציע.

„שטראָם" ווענדט זיך צו די אַלע—ווערט דאַרט געזאָגט,—וואָס קע־נען און ווילן גיין אויף זייער שווערן און פאַראַנטוואָרטלעכן וועג, צו די אַלע, וואָס קאָנען מויכל זיין שוואַכקייטן און שטרויכלונג, צו די אַלע, וואָס ווילן וואַך זיין און אָפּהיטן די יונגע פליענדיקע פויגלען זיי זאלן נישט אומקומען (מיין קורסיוו. א. א.) פון דעם פייערדיקן אָטעם, מיט וועלכן ס'מוז אויף זיי אָטעמען די רעגאַריסטיש־דאָגמאַטישע קאַמף־מיינונג".

ווער איז עס דער פייערדיקער אָטעם, וואָס קאָן אומברענגען די יונגע „פליענדיקע פויגלען" פון „שטראָם"? דאָס איז די קאָמוניסטישע רעוואָלוציאָנערע געזעלשאַפטלעכקייט, די קריטיק, וואָס איז שאַרף אַרויס־געטראָטן קעגן דעם „שטראָם".

דער „שטראָם" איז נישט נאָר געווען די פעסטונג פון נאַציאָנאַליזם, יערידע־שטימונגען און אינדיווידואַליסטישע גריבלערייען, וועלכע האָבן קיין שום שייכעס נישט געהאַט מיט דער רעוואָלוציע, ער איז אויך געווען די פעסטונג פונעם בורזשואַזן פאָרמאַליזם און עסטעטיזם אין דער ליטעראַטור. „דער „שטראָם" געדענקט, אַז פון אָנהויב איז געווען דאָס וואָרט"—אַזוי הייבט זיך אָן דער 6־טער פונקט פון דער „שטראָם"־דעקלאַראַציע, ווו עס ווערט געגעבן די קינסטלערישע פּלאַטפאָרם פון דער גרופּע. די פּראַקטיק פונעם „שטראָם" איז געווען דורכויס אַ פאָר־מאַליסטיש־עסטעטישע, באַזונדערס די קריטיק פון דאָברושין, אויסלענ־דער, ש. גאָרדאָן און אַנדערע ספּעצן פון פאָרמאַליסטישער און אימ־פּרעסיאָניסטישער קריטיק.

דער „שטראָם" האָט קולטיווירט דעם „הויכן סטיל", די עסטעטישע מעליצע, די אומפאַרשטענדלעכקייט פון שפּראַך. אפילע אין 5—6 נומער, ווו עס איז דאָ אַן איבערבראָך, ווו עס ד.־וקן זיך שוין אייניקע פּראָלעטאַ־רישע און רעוואָלוציאָנערע ייִדישע דיכטער, קומט נאָך ע. פינינבערג אין זיין אַרטיקל וועגן ל. רעזניקס „סאָמעט",—אַ דורכויס רעאַקציאָנער־סימוואָליסטיש ביכל לידער,—צו פאַרטיידיקן אָטאָ דעם סימוואָליזם, זיין אומפאַרשטענדלעכקייט. פינינבערג שרייבט:

„ל. רעזניק האָט שוין אין זיין ערשט ביכל „אין בלייכע אופגאַנ־גען" געבראַכט דאָס שטייפע צימצעם־וואָרט, דאָס בילד מיט מאַקסימום

דערפאַרונג און יענעם בא אונדז גאר ... פרישן אייגנטימלעכן ריטם, וואס האַרמאָנירט אמערסטן מיט פאַרקערפערונג פון געפרעסטער דערפאַרונג.

שוין דאָרט איז געווען דאַפקע ניט אפגעריסנקייט, ניט דערוויַיטערט־קייט, ניט ניטערדישקייט, ווי ס׳מיינען בא אונדז לַיַט, נאר דאַפקע קאנקרעטע ערדישער, ניט פלאַכער, קאָנקרעט מיט נאָענטע און וויַיטע, געזעענע און אומגעזעענע פענעמער זיַינע. די „דורכלויכטן געשלי־פענע", די „האַרנטעס וויַיסע פון מיזרעך", די „שטענדיקע קאַיאָרן", די „יונגע ריַיטער ריַיטן אף א גרויסן בראר", דער „פרעמרער ברודער־ריגל אף דיַין טיר"—זיַינען דאך קאָנקרעטע מיַיסעדיקייט, רעאלע לע־גענדארישקייט פון הי׳.

... דער גלאַט געפילדער ארום דער דיכטונג אונדזערער וואלט זיך שוין פעלן געמעגט. ציַיט זיך באקאָנען מיט איר: ס׳לוינט באקענען זיך.

„סאָמעט" איז צווישן די באוויַיזן (ז. 98—99). „שטראָם" נומ. 5־6 1924 יאר.

דער כ׳ פינינבערג האט טיַינעס: „דער געפילדער ארום דער דיכ־טונג—שריַיבט ער—וואלט זיך שוין געמעגט פעלן", די סימוואָליסטישע הימלדיקע פאָעזיע האט ארויסגערופן שאַרפע קריטיק. דידאָזיקע קריטיק הייסט בא פינינבערגן „געפילדער" און אקעגן איר פראָטעסטירט ער.

ווי מיר האבן שוין געזאָגט, הייבט זיך אין „שטראָם" אינגיכן אן (שוין סאָף 1923 יאר) אינערלעכע ריַיבונגען. די ראַדיקאַל־געשטימטע שויַיבער—שויכעט, קושנירעווו, ווערוויאָרקע א״א—זיַינען נישט צופרידן מיטן רעאַק־ציאָנערן כאַראַקטער פונעם „שטראָם". דאס האט אן שום סאָפעק אָפגעשפיגלט די ענדערונג אין די שטימונגען פון טייל יידישע אינטע־ליגענץ, וועלכע הייבן אָן ענגער מיטצואַרבעטן מיט דער ראַטנמאַכט און מיט דער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

אין דער ציַיט, ווען האָפשטיין, צום ביַישפיל, דערקויקלט זיך פון די „שטראָם"־לידער צו דעם מעמאָראַנדום וועגן העברעישע שולן, הייבט זיך דער לינקער טייל פון „שטראָם" אָן צו בונטעווען אקעגן דער רעאַקציאָנערער „שטראָם"־אידעאָלאָגיע. עמעס, זיי טרעטן אין דער עפנטלעכקייט נישט שאַרף ארויס. סאָף 1923 יאר האבן מיר א פרווו פון אייניקע שריַיבער אופצוריַיסן דעם „שטראָב". אין „עמעס"

פאַרן 18/10־טן 1923 לייענען מיר א מעלדונג וועגן דעם, אז א גרופּע שרייַבער טרעטן צו ארויסצוגעבן א זשורנאַל „עקראַן". אין די רייען פון „שטראָם" הייבט זיך אן א דיפערענציאַציע. אין דער מעלדונג ווערט געזאגט:

„צום 15־טן נאָיאַבער דערשייַנט אין מאָסקווע דער ערשטער נומער „עקראַן" (ליטעראַריש־קינסטלערישער ביולעטען), רעדאַגירט דורך א. ווע־וויאָרקע, א. קושניראָוו און א. שויכעט. ווי די רעדאַקציע מעלדעט, זייַנען די אויפגאַבן פונעם זשורנאַל פאָלגנדיקע: אָרגאַניזירן די ליטעראַרישע קויכעס, וואס שטעלן די רעוואָלוציע אלס יעסאָד פון זייער שאַפן, פאַרבינדן דעם שרייַבער מיטן לעזער און מיטווירקן דער אויס־בילדונג פון אן אקטיווער אָקטיאַבערישער סוויווע.

דער זשורנאַל וועט דערשייַנען רעגולער יעדן כוידעש און וועט אין א באַדייַטנדיקער מאָס טראָגן אן אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער.

די רעדאַקציע האט בעדייע צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט כאַוויירים (שרייַבער, לעזער, ליטעראַטור־ און קונסט־טוער) פון דער פּראָווינץ, שאַפן לעקטאָרן, וועלכע זאָלן באַלויכטן די ליטעראַרישע און קינסטלערישע ארבעט אף די ערטער (אָוונטן, נייַע ביכער און ווערק, פאָרשטעלונגען, ביבליאָטעק־ארבעט א. אז"וו.)".

נאָך בוילעטער ווערט דער כאַראַקטער פונעם זשורנאַל „עקראַן"— דעם אָרגאַן פון דער ראַדיקאַלער גרופּע־שרייַבער, וואס האט זיך גע־קליבן אָפּרייַסן פונעם „שטראָם", ווען מיר באַקאָנען זיך מיט דער פּלאַטפאָרם פון דערדאָזיקער גרופּע, וואס איז פאַרפיקסירט אין א פּראָ־טאָקאָל פון דער גרופּע דעם 24/12־טן 1923 יאר.

מיר ברענגען דאָ דעמדאָזיקן ביז גאָר וויכטיקן פּראָטאָקאָל.

## פּראָטאָקאָל

די איניציאַטיוו־גרופּע פון דער ליטעראַרישער פאַרייניקונג ארום זשורנאַל „עקראַן" אף איר זיצונג פון 24־טן דעקאַבער 1923 יאר, אין באַשטאנד פון די כ'כ ש. גאָדינער, א. וועוויאָרקע, ש. פּערסאָוו, א. קושניראָוו, א. שויכעט, באַשטימט אָרגאַניזירן די פאַרייניקונג פון דער גרופּע אף אזעלכע יעסוידעס.

1. די גרופּירונג פאַרייניקט אלע יידישע שרייַבער, וואס שטעלן די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע אלס יעסאָד פון זייער שאַפן.

באַמערקונג. צו דער גרופּירונג קענען געהערן דיכטער, בעלעטריסטן און קונסט־קריטיקער פון פאַרשיידענע ליטעראַרישע שולן און שיטעס, אויב זיי אַנטשפּרעכן אין זייער אַקטיווער ליטעראַרישער טעטיקייט דעם אויבנדערמאָנטן פּונקט איינס.

2. די גרופּירונג שטעלט זיך פאַר אַן אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן ליטעראַרישע אַרויסטרעטונגען, וועלכע זאָלן פאַרבינדן דעם שרײַבער מיטן אַרבעטער־אינטעליגענט.

3. די גרופּירונג שטעלט זיך פאַר אַן אויפגאַבע צו באַקעמפן דאָס אָפּגעשטאַנענע און רעאַקציאָנערע אין דער יידישער ליטעראַטור.

אַלס גרונט פון דער דעקלאַראַציע נעמען מיר אָן דעם אויבנדערמאָנטן טעקסט.

אונטערשריפטן: ש. גאָדינער,
א. וועוויאָרקע,
שמועל פּערסאָװ,
א. קושניראָוו,
א. שויכעט.

אין דער „עקראַן"־גרופּע האָבן, ווי עס שײַנט פונעם פּראָטאָקאָל, געזאָלט צוגעצויגן ווערן אויסער די אויבנדערמאָנטע שרײַבער אויך א. כאַריק, טייטש, מייעראָוויטש, אַקסלראָד.

אַזוי האָט אין די רייען פון „שטראָם" נאָך אין 1923 יאָר אַ גערייבן צו וואַקסן דער באַגרעבער פון „שטראָם". אין דער „עקראַן"־פּלאַטפאָרם ווערט שוין קלאָר פאָרמולירט די נויטיקייט צו קעמפן קעגן „דעם אָפּגעשטאַנענעם און רעאַקציאָנערן אין דער יידישער ליטעראַטור".

עס ווערט אַקצענטירט, אַז מע דאַרף פירן אַ מאַסן־אַרבעט, זיך פאַרבינדן מיט דעם אַרבעטער־לייענער.

דער פּלאַן אַרויסצוגעבן דעם „עקראַן" איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. די שפּאַלטונג איז ניט פאַרגעקומען. די לינק־געשטימטע שרײַבער פון דער „שטראָם"־גרופּע האָבן די דעקלאַראַציע נישט פאַרעפנטלעכט, זיי האָבן נאָך נישט געהאַט קיין גענוגע דרייסטקייט אויפצורײַסן אָטאָ די נאַציאָנאַליסטישע בלאָטע. ס'קומט צו אַ קאָמפּראָמיס. די גרופּע זאָגט זיך אָפּ פונעם זשורנאַל „עקראַן". זיי מאָטיווירן עס אויף פאָלגנדיקן אופן:

## א בריוו אין רעדאַקציע („שטראָם" 6־5).

דערמיט מעלדן מיר, אז אזויווי די דערשיינונג פון „שטראָם" ווערט פון איצט אָן מער געזיכערט און פון זיבעטן נומער וועט זיין א מעגלעכקייט אויסצונוצן דעם „שטראָם" אלס טריבונע אויך פאר לויפנדיקע ליטעראַריש־קינסטלערישע פראַגעס—געפינען מיר פאר איבעריק בא איצטיקער צייט צעשפליטערן די קויכעס אף א צווייטן אָרגאַן און זאגן זיך אפּ פון ארויסצוגעבן דעם „עקראַן".

א. וועוויאָרקע,
א. קושניראָוו.

אלס רעזולטאַט פונעם קאָמפּראָמיס איז געווען דער „שטראָם" 6־5, אין וועלכן עס באווייזן זיך דאס ערשטע מאל אי. פעפער, כאריק, שאַ־פּיראָ, א. אנד. דיכטער. אין דעמזעלבן נומער פרווט דאס ערשטע מאל אין „שטראָם" דער כ׳ א. קושניראָוו אף א נייעם, רעוואָליוציאָנערן אויפן פאָרמולירן די אופגאבעס פון רעוואָליוציאָנערער קונסט.

אין זיין רעצענזיע וועגן א. קאהאנס ביכל־לידער „קארבן" שרייבט דער כ׳ קושניראָוו:

„דאס וואָרט איז געגעבן אף אופצודעקן און ניט אף צו באהאלטן דעם לירישן מיין פון דיכטער. א קאַמף מיט אינהאלטלאָזע. זאל זיין אפילע לירישע רעמאָזים און מיט דיכטערישער טאַמעוואַטעקייט!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

וואס א. קאהאן מוז געדענקען:

די ריכטונג, צו וועלכער ער האט ארויסגעוויזן זיינע נייגונגען, שטעלט פאר זיך פארערונגען פון רעוואָליוציאָנערער אַקטיווקייט.

זי האט שוין ארויסבאוויזן, אז די מאָטיוון פון דער רעוואָליוציע זיינען איר אמיינסטנס נאָענט, און האבן געפונען פאסנדנסטן אויסדרוק דאַפקע דורך איר פאָרמעלן מעטאָד.

איז אָט: אף גלאַט אַזוי צעשטראַלן די דיכטונג־אויגן לוינט נישט. רעוואָליוציאָנערע מיטלען און מעטאָדן, אַקטיווע ריטמען, פארשטייט זיך, פאר רעוואָ־ליוציאָנערע און אַקטיווע מאָטיוון" (ז. 109. 110).

אין „שטראָם“ איז עס דער ערשטער דורכברוך אין דער פּאָרמאַליסטיש־עסטעטישער וואנט פון די „שטראָמיסטן“.

דער נומ. 5־6 איז שוין אויך דער לֿעצטער נומער „שטראָם“. עס וואַקסט אונטער א נײַע גרופּע ייִדישע פּראָלֿעטאַרישע שרײַבער, עס דערנעענטערט זיך צו דער פּראָלֿעטאַרישער אידעאָלֿאָגיע דער טייל ראַדיקאַלֿער ייִדישע־ שרײַבער־אינטעלֿיגענץ, וואס האט זיך פּ־ייִער געפּלאָנטעט אין די נעצן פון דער „שטראָם“ - אידעאָלֿאָגיע, און סאָף 1924 יאר ווערט געשאַפן די ייִדסעקציע באם מאַפּפּ. זי לֿאָזט אנהויב 1925 יאר ארויס אן אלמאַנאַך „אָקטיאַבער“, וואס איז געווארן א וויכטיקע דאַטע אין דער אנטוויקלֿונג פון ייִדישער סאָוועטישער לֿיטעראטור. די פּראָלֿעטאַרישע ייִדישע לֿיטעראַטור, ווי א טייל פון דער פאַרבאַנדישער פּראָלֿעטאַרישער לֿיטעראַטור, הייבט אן שטורמיש וואקסן. פאר איר שטײַגנדיקער קראַפט און אָנגרײַפערישקייט מוז אפּטרעטן דער „שטראָם“, קעדיי אונטער אנדערע פאָרמען און אנדערע באַדינגונגען, מיט אנדערע לֿאָזונגען פאָרצוזעצן דעם קאַמף קעגן דער פּראָלֿעטאַרישער לֿיטעראטור, קעגן דער ריכטיקער פאַרטיי־לֿיניע אין דער לֿיטעראטור.

4־ט קאַפּיטל

# דער קאַמף פאַר דער ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין מאָסקווע (1922—1927)

די ערשטע שפּראָצונגען פון דער ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור נאָך דער רעוואָליוציע, ווי אויך דער קאַמף פאַר פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור הייבן זיך אָן באַלד נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אַף די שפּאַלטן פון דער קאָמוניסטישער און קאָמיוגישער פּרעסע און פּעריאָדיק. די ערשטע שעפער פון דער פּראָלעטאַרישער ליד זיינען דעריקער קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן, וואָס האָבן גענומען א דירעקטן אָנטייל אין דער רעוואָליוציע און אין בירגער־קריג. זיי זיינען עס אויך די ערשטע, וואָס הייבן אָן באַשיסן די פּאָזיציעס פון דער נאַציאָנאַליסטיש־עסטעטישער פאָרמאַליסטישער קריטיק.

דער כ׳ בראָנשטיין האָט אין זיַין אַרטיקל „סטילן־קאַמף אין דער ליטעראַטור אין פּעריאָד פון בירגער־קריג“ געבראַכט א רייַכן פאַקטישן מאַטעריאַל וועגן די נייַע סטיל־עלעמענטן אין דער ליטעראַטור אין יענעם פּעריאָד, וואָס טרעטן אריַין אין א העפטיקן קאַמף מיטן בורזשואַזן סטיל. א געוויסן מאַטעריאַל וועגן דעם ברענגט אויך דער כאַווער אָרשאַנסקי אין זיַין בוך „די ייִדישע ליטעראַטור אין ווייַסרוסלאַנד נאָך דער רעוואָליוציע“,

דערדאָזיקער מאַטעריאַל איז צעוואָרפן אין דער פּילצאָליקער ייִדישער קאָמוניסטישער פּרעסע פון די יאָרן בירגער־קריג אין אסאַך א גרעסערער צאָל. די פולע באַאַרבעטונג זיַינע וועט אונדז נאָך אסאַך זאַכן אויסקלאָרן וועגן יענעם ערשטן פּעריאָד אין דער אַנטוויקלונג פון דער נאָכאָקטיאַבערישער ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, ווען זי

איז אַרײַנגעטראָטן אינעם ערשטן קאַמף מיט בורזשואַזע און קליינבירגערלעכע ווירקונגען אַף דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

אונדזער אופגאַבע וועט דאָ זיין: ווײַזן, ווי האבן די ערשטע פּראָלעטאַרישע און רעוואָליוציאָנערע יידישע שרײַבער פּאָליטיש־פּובליציסטיש און אָרגאַניזאַציאָנעל געקעמפט קעגן דער נאַציאָנאַליסטיש־עסטעטישע־ בורזשואַזער יידישער ליטעראַטור און קריטיק פאר פּראָלעטאַרישער, קאָמוניסטישער ליטעראַטור און קונסט.

שוין אפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון „פּראָלעטקולט“־שרײַבער אין אָקטיאַבער 1920 נעמט אַן אַנטייל דער שרײַבער־קאָמוניסט כ. גילדין.

די ערשטע פּרוּוון נאך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע צו אָרגאַניזירן די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד זײַנען, ווי באַוווּסט, צונויפגעבונדן מיטן „פּראָלעטקולט“.

דער „פּראָלעטקולט“,—אַן אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַרישער קולטור, איז געשאפן געווארן אין 1918־טן יאר. דער „פּראָלעטקולט“ האט אינגיכן אנגעהויבן שאַפן ארבעטער־סטודיעס אין פארשיידענע שטעט, קעדיי צו לערנען די ארבעטער און פויערים די קונסט צו שרײַבן לידער, מאָלערײַ, סקולפּטור און א״וו. די טעאָרעטיקער פונעם „פּראָלעטקולט“ האבן ארויסגערוקט א פאַלשע מענשעוויסטישע טעאָריע וועגן דעם זעלבשטענדיקן וועג פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור. זיי האבן אנגעוויזן, אז עס עקזיסטירן דרײַ זעלבשטענדיקע וועגן פון דער ארבעטער־באַוועגונג צום סאָציאַליזם: דער עקאָנאָמישער, דער פּאָליטישער און דער וועג פון קאמף פאר ז פּראָלעטאַרישער קולטור. זיי האבן געהאַלטן, אז דער „פּראָלעטקולט“ דארף זײַן א זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע אָפּגעטיילט פון די מעלוכע־אָרגאַנען (פונעם פּאָלקאָמבילד) און אנטקעגנגעשטעלט דער קאמוניסטישער פּאַרטײַ. „דער „פּראָלעטקולט“—האבן זיי געשריבן—איז א קולטור־שעפערישע קלאַסעווע אָרגאַניזאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט, פונקט ווי די ארבעטער־פּאַרטיי איז זײַן פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, די פּראָפאריינען זײַנען עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע“. די „פּראָלעטקולט“־טעאָרעטיקער האבן געפאָדערט, אז דער „פּראָלעטקולט“ זאָל זײַן א באַזונדערע אָרגאַניזאַציע, נישט אונטערגעוואָרפן די מעלוכישע בילדונג־אָרגאַניזאַציעס.

דער „פראָלעטקולט" פלעגט אָרגאניזירן פאראלעלע בילדונג־אנשטאלטן, ספּעציעל פראָלעטארישע אין קעגנזאץ צו דער מעלוכישע, די פאָלקאָמבילדישע.

דער „פראָלעטקולט" האט אָפּגעלייקנט די קולטור־יערושע פון די פארגאנגענע קלאַסן, גערעדט וועגן שאַפן א פראָלעטאַרישע קולטור אינגאנצן אפּגעריסן פון דער רײַכער יערושע, וואס איז אונדז פארבליבן פון דער פאַרגאַנגענהייט, מיט די קויכעס בלויז פון די אייבערשטע שיכטן פראָלעטאַריאַט, אָפּגעריסן פון די ברייטע ארבעטנדיקע מאַסן. אָטאָ די פאלשע טעאָריעס וועגן דער קולטור־יערושע, ווי אויך די אווטאָנאָמיסטישע טענדענצן פונעם „פראָלעטקולט" זײַנען שאַרף באקעמפט געווארן דורך כ' לענין. אף דעם אויבנאָנגערופענעם צוזאמענפאר פון „פראָלעטקולט" (אָקטיאַבער 192) איז אנגענומען געוואָרן א רעזאָליוציע, וועלכע דער כ' לענין האט אליין אָנגעשריבן און זי פארגעלייגט דעם כאַווער לונאטשאַרסקי דורכפירן אפן צוזאַמענפאָר. דידאָזיקע רעזאָליוציע האט פארורטיילט דאס אנטקעגנשטעלן דעם „פראָלעטקולט" די מעלוכישע אָרגאַנען. די רעזאָליוציע האט געקעמפט קעגן דער צעכאָווּשטשינע פונעם „פראָלעטקולט", קעגן דעם פאַלשן באנעמען די פּראָבלעם פון דער קולטור־יערושע, וואס ס'איז געווען כאַראַקטעריסטיש פארן „פראָלעטקולט".

מיר ברענגען דעם פּראָיעקט פון דער רעזאָליוציע אפן צוזאַמענפאר פון „פראָלעטקולט" (צונויפגעשטעלט דורכן כ' לענין):

### פּראָיעקט פון רעזאָליוציע

1. אין דער ארבעטער־פויערישע סאָוועטן־רעפּובליק דאַרף די סעקציע פון בילדונגס־ארבעט, סײַ אין געביט פון פּאָליט־אופקלער ביכלאל, סײַ ספּעציעל אין געביט פון קונסט, זײַן דורכגעדרונגען מיטן גײַסט פון קלאַסנקאַמף פונעם פראָלעטאַריאַט פאר דער דערפאָלגרײַכער פארווירקלעכונג פון די צילן פון זײַן דיקטאַטור, דאס הייסט, פאר אראָפּוואַרפן די בורזשואַזיע, פאר אפּשאַפן די קלאַסן, פאר באַזײַטיקן יעדער מין עקספּלואַטאַציע פון איין מענטשן דורכן צווייטן.

2. דערפאר דארף דער פראָלעטאַריאַט סײַ דורך זיין אַוואַנגאַרד — דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — סײַ דורך דער גאנצער מאַסע פארשיידע־

נערלײ פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס ביכלאַל נעמען דעם אקטיװוסטן און גרעסטן אָנטייל אין דער גאנצער ארבעט פון דער פאָלקסבילדונג.

3. די גאנצע דערפארונג פון דער נאָענטסטער געשיכטע און באַזונדערס דער מער ווי פופציקיעריקער רעװאָליוציאָנערער קאמף פונעם פּראָלעטאַריאַט פון אלע לענדער אין דער װעלט זינט עס איז דערשינען דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט", האבן באװיזן אף זיכער, אז נאר די מאַרקסיסטישע װעלטאָנשויונג דריקט אויס ריכטיק די אינטערעסן, דעם שטאנדפונקט און די קולטור פונעם רעװאָליוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט.

4. דער מאַרקסיזם האט זיך אויסגעקעמפט זײַן אלװעלטלעך־היסטאָרישע באַדײַטונג, ווי אן אידעאָלאָגיע פונעם רעװאָליוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, דערמיט וואס ער, דער מאַרקסיזם, האט נישט אפּגעװאָרפן די װערטפולע דעראָבערונגען פון דער בורזשואַזער עפּאָכע, נאר פארקערט, ער האט באַנומען און איבערגעארבעט אלץ, וואס איז געװען װערטפולס אין דער מער ווי צוױיטויזנטיעריקער אנטװיקלונג פונעם מענטשלעכן געדאנק און קולטור. בלויז די װײַטערדיקע ארבעט אף דעם באַזיס און אין דערזעלבער ריכטונג, באַגײַסטערט (מיט דער פאקטישער דערפאַרונג) פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, ווי דעם לעצטן קאַמף זײַנעם קעגן יעדער עקספּלואַטאַציע—בלויז אָט דאס אָ קאָן אנערקענט װערן, ווי די אנטװיקלונג פון דער װירקלעכער פּראָלעטאַרישער קולטור.

5. שטייענדיק פעסט אף אָט דעם פּרינציפּיעלן שטאנדפונקט, װארפט דער אלרוסלענדישער צוזאַמענפאר פון „פּראָלעטקולט" אפּ אנטשיידנסטן אויפן אָפּ די פארשיידענערלײ טעאָרעטיש־פּאָליטישע און פּראַקטיש־שעדלעכע פּרוּוון אויסצוטראַכטן אַ באַזונדער קולטור, זיך פארשליסן אין די אייגענע אָפּגעזונדערטע אָרגאַניזאַציעס, צעגרענעצן די ארבעט־געביטן פונעם פאָלקאָמבילד און „פּראָלעטקולט", אדער אײַנשטעלן „אװטאָנאָמיעס" פונעם „פּראָלעטקולט" אינעװייניק אין די אנשטאַלטן פונעם פאָלקאָמבילד א. א"וו. פארקערט, דער צוזאַמענפאָר פארפליכטעט אלע אָ־גאַניזאַציעס פונעם „פּראָלעטקולט" זיך צו באַטראַכטן אינגאנצן, ווי הילף־אָרגאַניזאַציעס אין דער נעץ אנשטאַלטן פונעם פאָלקאָמבילד און דורכפירן אין לעבן אונטער דער אלגעמיינער אָנפירונג פון דער ראַטנ־

מאַכט (ספּעציעל פונעם פּאָלקאָמבילד) און דער רוסלענדישער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי זײַנע אופגאבן, ווי א טייל פון די אופגאבן פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאטור".

ווען מיר רעדן וועגן „פּראָלעטקולט", מוזן מיר שטענדיק אונטער־שיידן צווישן די „פּראָלעטקולט"־טעאָרעטיקער, ווי באָגדאַנאָוו און אנד., וועלכע האבן ארויסגערוקט פאַלשע מענשעוויסטישע טעאָריעס אין פּראַגעס פון קולטור און ליטעראטור, און צווישן דער גרויסער פּראָלעטארישער מאַסן־באַוועגונג, וואס האט זיך דורך די „פּראָלעטקולט"־אָרגאַניזאַציעס א ריס געטאָן צו קולטור און קונסט.

די „פּראָלעטקולט"־באַוועגונג האט געפונען א געוויסן אָפּקלאַנג אויך אין דער יידישער ליטעראטור באלד נאך דער רעוואָליוציע.

אין דעם ערשטן קאָמוניסטישן זשורנאל נאך דער אָקטיאַבער־רע־וואָליוציע, אין מאָסקווער „קאמוניסטישע וועלט" (1919—1920) טרעפן מיר א לייט־ארטיקל געווידמעט די פּראַגעס פון פּראָלעטארישער ליטעראטור און דעם „פּראלעטקולט". אין דער „קאָמוניסטישער וועלט" נומ. 2 טרעפן מיר אן ארטיקל פון מ. שולמאן וועגן דעם, „וואס איז אזוינס פּראָלע־טארישע פּאָעזיע". אין די ווײַטערדיקע נומערן—צוויי ארטיקלען פון נ. וואסילעווסקי וועגן „פּראָלעטקולט".

איינער פון די בולעטסטע פאָרשטייער פון די „פּראָלעטקולט"־שרײַבער אין דער יידישער ליטעראטור נאך אָקטיאַבער איז כ. גילדין.

אין דער אויבנדערמאָנטער „קאָמוניסטישער וועלט" (1919) טרעפן מיר א פּאָר לידער גילדינס געשריבן אין טאָן פון די פּראָלעטקולטישע לידער („דער שטיצער", „איך בין דער גליקלעכסטער"). אויך אָרגאַ־ניזאַציאָנעל שליסט זיך כ. גילדין אָן אין דער „פּראָלעטקולט"־באַוועגונג.

דער טעקסט פון גילדינס ארויסטרעטונג אפן ערשטן „פּראָלעטקולט"־צוזאמענפאָר האט זיך נישט אופגעהיט. בלויז אין א. קליינערס דערינערונגען וועגן דעמדאָזיקן צוזאמענפאָר (Читатель и писатель. 1928 г.) ווערט דערמאָנט, אז פון פאריין פון יידישע פּראָלעטארישע שרײַבער איז אפן צוזאמענפאָר ארויסגעטראָטן כ. גילדין. קליינער ברענגט לויטן זיקאָרן די ארויסטרעטונגען. וועגן גילדינס ארויסטרעטונגען שרײַבט ער: „דער ווײַטערדיקער אָפּאָנענט (כ. גילדין) האט אופגעהויבן די פּראַגע

וועגן דער טענדענץ אין דער קונסט. ער שיידט אונטער צוויי טענ־דענצן אין קינסטלערישן שאַפן: אַן אגיטאַציאָנס־פּאָליטישע און אַ ריין־עסטעטישע".

קליינער ברעגגט נישט גילדינס מיינונג, פאַר וועלכער קונסט ער איז, אָבער קענענדיק גילדינס פּאָזיציעס אין יענע יארן, קען מען מאַכן אַן אויספיר, אַז גילדין איז שאַרף ארויסגעטראָטן קעגן דער ריין־עסטע־טישער טענדענץ אין דער קונסט.

שוין אין דעמזעלבן 1920־טן יאר הייבט דער גרעסטער טייל „פּראָ־לעטקולט"־שרייבער אָן אָפּגיין פונעם „פּראלעטקולט". אין מאָסקווע ווערט געשאַפן די ליטעראַרישע גרופּע „קוזניצע".

דער אופבלי־פּעריאָד פון דער „קוזניצע" פאַלט צונויף מיטן פּע־ריאָד פון בירגער־קריג. די דיכטער פון „קוזניצע" האָבן געשריבן אַבסטראַקטע, אָפט סימוואָלישע לידער, זיי האָבן אין זייערע לידער אָפּגעשפּיגלט דעם גראַנדיעזן פּאַרנעם פונעם אָקטיאַבער און בירגער־קריג.

אין מאָסקווע קערן דאַן צו דערדאָזיקער גרופּע אַזוינע אנגעזעענע דיכטער ווי אַלעקסאַנדראָווסקי, ראָדאָוו, פּאָלעטאַיעוו, קאַזין, סאַניקאָוו, געראַסימאָוו. דיראָזיקע דיכטער, וואָס האָבן בעיסן בירגער־קריג גע־שריבן לידער וועגן קאָסמאָס, האָבן זיך אין אין די ערשטע יארן נעפּ, ווען מ'האָט זיך געדאַרפט צורירן נעענטער צום לעבנסשטייגער, צום אָרום, אַ וואַקל געטאָן. אַ טייל פון זיי האָט אָנגעהויבן שרייבן לידער פול מיט ייִעש.

אָבער שוין סאָף 1922־טן יאר טיילט זיך אויס אַ גרופּע פּראָלע־טאַרישע דיכטער, וואָס איז ניט צופרידן מיט דער „קוזניצע", אין אַ באַזונדער ליטעראַרישע גרופּע אונטערן נאָמען „אָקטיאַבער". צו זיי קומען צו אַ ריי יונגע פּראָלעטאַרישע שרייבער, ווי לעבעדינסקי און אַנדערע.

איינער פון די גרינדער פון „אָקטיאַבער" דערציילט וועגן דעם:

„דעם 7־טן דעקאַבער 1922־טן יאר איינאָוונט האָט אַ גרופּע פּראָ־לעטאַרישע שרייבער זיך צונויפגענומען אין געבײַדע פון זשורנאַל „מאָ־לאָדאַיאַ גוואַרדיאַ" און באַשלאָסן גרינדן אַ גרופּע „אָקטיאַבער", וואָס

שטעלט זיך פאר א צװעק דורכפירן די קאָמוניסטישע ליניע אין דער ליטעראַטור און פאַרפעסטיקן די אַלרוסלענדישע אַסאָציאַציע פון פּראָלע־טאַרישע שרײַבער. אין דער גרופּע זײַנען אַרײַן די שרײַבער סעמיאָן ראָדאָװ, סערגײ מאַלאַשקין, אַלעקסאַנדער דאַראַגאָיטשענקאָ, װאָס זײַנען אַרויס פון „קוזניצע", די מיטגלידער פון דער גרופּע „מאָלאָדאַיאַ גװאַרדיאַ" א. װעסיאָלי, א. בעזימענסקי, א. זשאַראָװ, שובין, קוזנע־צאָװ, די מיטגלידער פון דער גרופּע „ראַבאָטשאַיאַ װעסנאַ" סאָקאָלאָװ, איסבאַך, איװאַן דאָראָנין; „װילדע"—אויסער יעדער גרופּע: ל. לעבע־דינסקי, ג. לעלעװיטש, טאַראַסאָװ־ראַדיאָנאָװ. די ערשטע אַרבעט פון דער גרופּע איז געװען אויסאַרבעטן אַן אידעאָלאָגישע און קינסטלערישע פּלאַטפאָרם".

אַביסעלע פריִער איז געשאַפן געװאָרן די ערשטע קאָמיוגישע גרופּע שרײַבער. צו יענער צײַט האָט דער קאָמיוג זיך אָנגעהויבן ערנסט באַ־שעפטיקן מיט פראַגעס פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. די גרופּע „מאָ־לאָדאַיאַ גװאַרדיאַ" איז געשאַפן געװאָרן באַם זשורנאַל מיטן זעלבן נאָמען. האַרבסט 1922 האָט די גרופּע אין זשורנאַל „מאָלאָדאַיאַ גװאַר־דיאַ" פאַרעפנטלעכט א דעקלאַראַציע װעגן פראַגעס פון ליטעראַטור.

## דעקלאַראַציע

### צו אַלע קאָמיוגישע פּאָעטן און שרײַבער

פאַר די ברייטסטע מאַסן אַרבעטער און פויערשע יוגנט איז דער קאָמיוג פאַר 4 יאָר געװאָרן נישט בלויז אַן אָרגאַניזאַציע, װאָס באַ־העפט זיך צום אַלגעמיינעם קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר איז אין א גרויסער מאָס פאַר דער יוגנט געװאָרן א שול און א היים, ענג מיט דער קאָמיוגישער לערע און אַרבעט האָט זיך דורכגעפלאָכטן אויך די שאַפונג פון די יונגע אַרבעטער און פויערים פון װאַרשטאַט און פלוג, װאָס װאַקסט אַרײַן דורכן קאָמיוג אין דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, װעלכע װערט געבוירן. מיר האָבן אונדזערע קאָמיוגישע דיכטער און שרײַבער. דאָס הייסט נישט, אַז אַף אַלץ, װאָס גייט אַרויס פון אונטער זייער פען, ליגט דער שטעמפּל פון קאָמיוג, דאָס באַטײַט בלויז,

אז זייער שאפונג האט זיך אַנטוויקלט אין די רייען פונעם קאָמיוג און אז זייער וווקס און פארפולקומונג שטעלן זיי זיך נישט פאַר אויסער דער פארבינדונג מיט דער מאַסן ארבעטער־ און פויערים־יוגנט, וואס זיינען פאריייניקט אין קאָמיוג. אָט אזוי טאַקע דערקלערן די גרופעס קאָמיוגישע פאָעטן און שרייַבער דעם זין פון זייער אנטשטיין. די גרופע שטעלט זיך פאר אן אופגאַבע—פאריייניקן די קאָמיוגישע פאָעטן און שרייַבער, זייער געמיינזאַמע ארבעט און כאוואַרישע זעלבסטקריטיק, אָרגאַניזירן מארקסיסטישע און מאַטעריאַליסטישע זעלבסטבילדונג־ארבעט, אָנקנופן א שטענדיקע ארבעט מיט די פאַבריק־זאַוואָדישע, אין דער ערשטער ריי, קאָמיוגישע קעמערלעך און דירך זיי מיט דער גאנצער ארבעטער־יוגנט, אָרגאַניזירן דעם אנטייל אין דער קאָמיוגישער פרעסע. די גרופע האט זיך אויך געשטעלט אן אופגאבע גיבן כאווערישע הילף נאָענטע פאריייניקונגען אף די ערטער און באזונדערע קאָמיוגישע שרייַבער אף די ערטער. זי ווענדט זיך צו זיי מיט א רוף אייַנצושטעלן א שטענדיקע פארבינדונג, צושיקן די געדרוקטע ווערק, ווי אויך ווערק און מאנוסקריפטן, באריכטן וועגן די ארויסטרעטונגען און ארבעט פון די קרייַזלעך. די פארבינדונג, וואס איז אייַנגעשטעלט געוואָרן צווישן דער צענטראלער גרופע און דער כאַרקאָווער, וועלכע איז געוואָרן אן אָפטיילונג פון דער ערשטער, האט געוויזן, אז אזאַ מיטאַרבעטשאַפט איז ניט נאר מעגלעך, נאָר אויך נויטיק.

די גרופע קאָמיוגישע פאָעטן און שרייַבער איז ניט קיין ליטעראַרישע סעקטע. מיר באגרענעצן זיך ניט מיט קיינע דאָגמעס און צוימען זיך ניט איין אין קיינע רעמלעך.

מיר זייַנען קאָמיוגיסטן.

מיר ארבעטן, לערנען זיך שאַפן און זייַנען שעפעריש אין דער געדיכטעניש פון דער פאַבריק־זאַוואָדישער יוגנט. אָט וואס אונדז פאַרייניקט און צעמענטירט אונדזערע רייען, אָט צוליב וואס מיר רופן אייַך זיך פארבונדן מיט אונדז.

„הארבסט 1922

אין דער פלאַטפאָרם פון דער גרופע „אָקטיאַבער" זייַנען די פאָדערונגען צו דער ליטעראַטור געוועזן מער קאָנקרעט. די פלאַטפאָרם איז

אויסגעארבעט און פארעפנטלעכט געווען אלס רעזולטאַט פון א צונויפלי־
פון אלע מאָסקווער פראָלעטאַרישע ליט. קרייַזן, וועלכע האבן זיך צונויפגע־
זאַמלט און געשאַפן די מאָסקווער אַסאָציאַציע פון פראָלעטארישע שרייַ־
בער—מאַפפּ. (פרילינג 1923).

מיר ברענגען פון דער היפשער „אָקטיאַבער"־פּלאַטפאָרם בלויז איי־
ניקע כאַראַקטעריסטישע פונקטן:

פ. 6. אין דער קלאַסעווער געזעלשאַפט דינט די קינסטלערישע לי־
טעראַטור, באַגלייַך מיט די איבעריקע מינים ליטעראטור, די צילן פון א
באַשטימטן קלאַס, און בלויז דורכן קלאַס שוין דער גאנצער מענטשהייַט.
א פראָלעטאַרישע רופן מיר, אזויארום, אַן אזא מין ליטעראַטור, וואָס
אָרגאַניזירט די פסיכיק און דעם באַוווסטזיין פונעם ארבעטער־קלאַס און
די ברייטע ארבעטנדיקע מאַסן אין דער ריכטונג פון די גרונט־אופגאבעס
פונעם פראָלעטאַריאַט, וואס בויעט איבער די וועלט און שאַפט די קאָ־
מוניסטישע געזעלשאפט.

פ. 9. אין צוזאמענהאנג מיטן וווּקס פון דער געזעלשאפטלעכער
באַדייַטונג פון דער פראָלעטארישער ליטעראטור שטייט פאר איר אוף
א גרונט־אופגאבע: שאַפן גרויסע לייַוונטן, מאָנומענטאלע ווערק מיט א
פאנאנדערגעוויקלטן סיוזשעט, דעריקער פונעם לעבן פונעם פראָלעטאַ־
ריאַט. די גרופע פראָלעטארישע שרייַבער „אָקטיאַבער" האלט פאר מעג־
לעך אויסצופילן אָט די פאָדערונגען בלויז באַם באַדינג, ווען באַגלייַך
מיט דער ליריק, וואס האט געהערשט דאס לעצטע פינפיאָר אין דער
פראָלעטאהישער ליטעראַטור, וועט אין גרונט פון דער ליטעראטור גע־
לייגט ווערן דער עפּישער און דראַמאַטישער צוגאנג צום שעפערישן
מאַטעריאַל. אין צוזאמענהאנג דערמיט וועט אויך די פאָרם פון די
ווערק שטרעבן צו דער גרעסטער ברייט, איינפאכקייט און עקאָנאָמיע
פון די קינסטלערישע מיטלען.

פ. 10. די גרופע „אָקטיאַבער" שטעלט פעסט דעם פרימאט פון אינ־
האלט. בלויז דער אינהאלט פון דעם פראָלעטארישן ליטעראַרישן ווערק
גיט דעם לעקסיש־קינסטלערישן מאַטעריאַל און זאָגט אונטער די פאָרם.
דער אינהאלט און די פאָרם זייַנען דיאַלעקטישע אנטיטעזן: דער
אינהאלט באַשטימט די פאָרם און פאָרמירט זיך קינסטלעריש אויס דורך איר.

פּ. 11. די פֿאַרשיידנקייט פֿון פֿאָרמעס פֿון קלאַסנקאַמף אינעם איבער־גאַנג־פּעריאָד פֿאָדערט פֿונעם פּראָלעטאַרישן שרײַבער ער זאָל באַ־אַרבעטן פֿאַרשיידנערליי טעמעס און דאָס שטעלט אים פֿאַר דער נייטי־קייט אַלזײַטיק אויסנוצן די קונסטלערישע פֿאָרמעס און מעטאָדן פֿון דער פֿריִער און דיקטונג, וואָס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן דורך דער פֿרי־ערדיקער ליטעראַטור. דערפֿאַר וועט די גרופּע נישט גיין אויפֿן וועג פֿון פֿאַרכאַפּן זיך מיט איין וועלכער ס'ניט איז קונסטלערישע פֿאָרם, זי וועט זיך ניט צעגרענעצן (אָפּטיילן) לויטן פֿאָרמעלן סימען, לויט וועלכע עס פֿלעגן זיך ביז איצט צעגרענעצן די בורזשואַזע ליטעראַרישע שולן, וואָס עס באַטײַט אין טאָך, אַז מ'טראָגט אַריבער דעם אידעאַליזם און מעטאַפֿיזיק אינעם פּראָצעס פֿון ליטעראַרישן שאַפֿן.

פּ. 12. נעמענדיק אין אַכט, אַז די ליטעראַרישע שולן פֿונעם דעקאַ־דאַנס האָבן צעלייגט אויף באַזונדערע באַשטאַנדטיילן די איינהײַטלעכע לויט זייער טאָך קונסטלערישע בילדער, וואָס זײַנען געשאַפֿן אין דער עפּאָכע פֿונעם היסטאָרישן אויפֿבלי פֿון די הערשנדיקע קלאַסן און זעצן פֿאָר דאָסדאָזיקע צעדריבלען אויף די קלענסטע טיילעכלעך, אויסטיילנדיק וועלכע ס'ניט איז פֿון דידאָזיקע עלעמענטן אין אַ זעלבשטענדיקן פּרינציפּ און אויך רעכענענדיק זיך מיט אַזוינע פֿאַקטן, אַז דידאָזיקע שולן ווירקן אויפֿן פּראָלעטאַרישן שאַפֿן און אַז עס איז פֿאַראַן אַ געפֿאַר זיי זאָלן ווײַטער ווירקן, וואַרפֿט די גרופּע „אָקטיאַבער" אָפּ אין פּרינציפּ:

א) די אָנטאַרטונג פֿונעם באַגריף שאַפֿונגס־בילד אין אַ זעלבשטענדיקן צעדריבעטן באַצירערישן אָרנאָמענט (אימאַזשיניזם) און איז פֿאַר אַ דינאַמיש בילד, וואָס אַנטוויקלט זיך אין גאַנג פֿונעם גאַנצן ווערק אָפּהענגיק פֿון זײַן געזעלשאַפֿטלעך־נייטיקן אינהאַלט.

ב) וואַרפֿט אָפּ דאָס אויסטיילן דאָס וואָרט ווי אַ ריטם אין אַ זעלבשטענדיקן ציל, וואָס דער רעזולטאַט דערפֿון איז, אַז דער קינסטלער גייט אָפּטמאָל אַוועק אין ריינע ווערטער־איבונגען, וואָס האָבן ניט קיין געזעלשאַפֿטלעכע באַדײַטונג, אויסגעבנדיק דאָס פֿאַר עכטע קינסטלע־רישע ווערק (פֿוטוריזם). די גרופּע „אָקטיאַבער" איז פֿאַר אַ צילגע־ווענדטן ריטם, וואָס אַנטוויקלט זיך אָרגאַניזירט, אָפּהענגיק פֿון דעם, ווי עס אַנטוויקלט זיך דער אינהאַלט פֿונעם קינסטלערישן ווערק אין אַן איינהײַטלעכן שעפֿערישן בילד.

ג) זי וואַרפט אויך אָפּ דעם פעטיש פון קלאַנג, וואס אנטשטייט אין פעריאָד פון אונטערגאנג פון דער בורזשואַזיע און וואקסט אויס אפן באָדן פון ניט־געזונטער מיסטיק (סימוואָליזם), זי איז פאַר דער אָרגאַנישער צונויפגיסונג פונעם קינסטלערישן ווערק מיטן שעפערישן בילד און ריטם".

אָט אָ די פּלאַטפאָרם פון דער גרופע „אָקטיאַבער" האט געשמידט און געפּרוּווט לייזן א גאנצע ריי פראַגעס פון פּראָלעטארישער ליטעראַטור, פראַגעס פון אינהאלט און פאָרם, פראַגעס פון ירושע.

די „אָקטיאַבער"־גרופּע איז ארויסגעטראַטן קעגן דעם סימוואָליזם, אימאזשיניזם און פוטוריזם, ווי ליטעראַרישע שולן, וואס גרופּירן זיך בלויז לויטן פאָרמעלן סימען, זי איז געווען פאַר גרופּירן זיך לויט אידעאָלאָגישע סימאנים. ווען די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער יידישער סעקציע באם „מאַפּפּ" האבן זיך סאָף 1924 יאר געווענדט מיט א מעמאָראַנדום אין פרעסע־אפטייל פון צ"ק. ר. ק. פּ. און אין „צ. ב. פון די יידסעקציעס, האבן זיי דאָרט געהאלטן פאַר נויטיק אָנצוווייזן, אז זיי טיילט אָפּ פון די יידישע קליינבירגערלעכע שרייבער, צווישן אנדערן, אויך דאס, וואס יענע פרוּוון זיך אָרגאַניזירן לויט פאָרמעל־קינסטלערישע סימאָנים, בעיס די יידישע פּראָלעטארישע שרייבער האלטן, אז דאס אָרגאַניזירן די ליטעראַרישע קרייזן דאַרף גיין לויט דער ליניע פון אידעאָלאָגישע גרופּירונגען.

אין די יארן 1922־1923 פאַרשטאַרקט זיך די דיפערענציאַציע אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור. דער טייל ווייַזער וווּקס פון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין לאַנד אין די ערשטע יארן פון נעפּ, האט געפירט צו דער אויפלעבונג פון בורזשואַזע און קליינבירגערלעכע אידעאָלאָגיעס. דאס האט זיך אויך געגומען פילן אין אזאַ געביט, ווי די קינסטלערישע ליטעראַטור.

אָבער אײַנצײַטיק דערמיט וואקסט אויס פאַר דעם פעריאָד (די יארן 1920—1923) א יונגער אויפלעם שרייַבער, געקומען פון דעם ארבעטער־קלאַס, פּויערטום און קאָמוניסטישער אינטעליגענץ, וועלכע האט מיט זיך געבראַכט די דערפאַרונג פון דורכגעמאכטע שלאַכטן אף די פראָנטן פאַר דער דיקטאטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. עס הייבט זיך אָן

א מאסעווע ארבקאָרישע באוועגונג, די ארבקאָרן ווערן ענגער באהעפט צו דער פּרעסע, עס וואקסט און ווערט אקטיוו אין אלע געביטן פונעם ווירטשאפטלעכן און קולטורעלן לעבן דער קאָמיוג, וועלכער רוקט ארויס א קאָמיוגישע פּאלאנגע שרײַבער.

עס פארשאַפט זיך דער קלאַסנקאַמף אין דער קינסטלערישער לי־טעראַטור. דריקן דריקט זיך אויס דערדאָזיקער קאַמף אין א ריי דיס־קוסיעס ארום די פראַגעס וועגן סאָוועטישער און פּראָלעטארישער ליטע־ראטור.

צו יענעם פּעריאָד האבן מיר אויך א ריי פּאַרטייִשע אנווײַזונגען וועגן דער קינסטלערישער ליטעראטור. דער 12־טער צוזאמענפאָר פון דער פּארטיי (אַפּרעל 1923) נעמט א שטעלונג צו אָ דער פּראַגע. אין זײַן רעזאָליוציע פארשרײַבט דער צוזאַמענפאר פּאָלגנדיקס:

„אזוי ווי פאר די לעצטע צוויי יאר איז די קינסטלערישע ליטערא־טור אין ראטן־רוסלאנד אויסגעוואָקסן אלס א גרויסער געזעלשאפטלע־כער קויעך, וואָס פארשפרייט זײַן ווירקונג פריער פאר אלץ אף די מאסן ארבעטער־פּויערישע יוגנט, איז נויטיק, אז די פּארטיי זאָל זיך שטעלן אין איר פּראַקטישער ארבעט די פראַגע וועגן אָנפירן מיט דער־דאָזיקער פאָרם פון געזעלשאַפטלעכער אופווירקונג אף די מאַסן".

אין דער קורצער רעזאָליוציע האט די פּארטיי קלאָר און דײַטלעך געשטעלט די פראגע וועגן אָ נ פ י ר ן מיט דער קינסטלערישער ליטע־ראטור.

אין א יאר ארום (אנהייב 1924) אפן 13־טן פּארטיי־צוזאמענפאָר האט די פּאַרטיי ווידער פּארפיקסירט אין א רעזאָליוציע וועגן דער פּרעסע די באציונג פון דער פּארטיי צו פראגעס פון קינסטלערישער ליטעראטור. דאָ ווערן שוין ארויסגערוקט גרונט־ענטפערן אף די פארשיידענע שאַרפע פּראָבלעמעס, וואס זײַנען מיט דער צײַט געשטעלט געוואָרן פאר דער ליטעראטור, ווי די פראַגע וועגן דער פּראָלעטארישער און מיטלויפערי־שער ליטעראטור, וועגן דער קאָמוניסטישער קריטיק און אז״וו.

אין דער רעזאָליוציע פונעם 13־טן פּארטיי־צוזאַמ.נפאָר האט זיך וועגן דער קינסטלערישער ליטעראטור גערעדט פּאָלגנדיקס:

„די גרונט־ארבעט פון דער פארטיי אין געביט פון קינסטלערישער
ליטעראטור דארף זיך אָריענטירן אף דער שאפונג כון די ארבעט,ר
און פויערים, וואס ווערן ארבעטער־און פויערים־שרײַבער אין פראָצעס
פונעם קולטורעלן אופשטײַג פון די ברייטע פאָלקסמאסן אין ראַטנפאר־
באַנד. די ארבקאָרן און דאָרפקאָרן דאַרפן באטראַכט ווערן, ווי ו ע־
זערוון, פינוואַנען עס וועלן זיך ארויסרוקן נײַע ארבעטער־און פויערים־
שרײַבער.

עס דארף מאַקסימאַל פארשטאַרקט ווערן די מאַטעריעלע הילף די
פראָלעטארישע און פויערשע שרײַבער, וואס זײַנען געקומען אין אונד־
זער ליכעראטור טיילווײַז פונעם וואַרשטאַט און אַקער, טיילווײַז פון
דעם אינטעליגענטישן שיכט, וואס איז אין די אָקטיאַבער־טעג און אין
דער עפּאָכע כון מיליטערישן קאָמוניזם ארײַנגעטראָטן אין די רייען פון
ר ק פ און קאמיוג.

א באזונדער אופמערקזאַמקייט מוז מען אָפּגעבן די שרײַבער און
דיכטער פון קאָמיוג, וואס זײַנען אַקטיוו אין דער געדיכטעניש פון
דער ארבעטער־יוגנט.

דער גרונט־באדינג פארן וווּקס פון די ארבעטער־פויערישע שרײַ־
בער איז: א ביז גאָר ערנסטע קינסטלערישע און פּאָליטישע ארבעט
איבער זיך און די באפרײַונג פון ענגער קרײַזלערײַ באם אלזײַטיקן
מיטהילף פון דער פאַרטיי, באזונדערס פון דער פּאַרטייִשער ליטערא־
טור־קריטיק.

איינצייטיק דערמיט איז נויטיק ווײַטער פאָרצוזעצן די סיסטעמאַ־
טישע אונטערשטיצונג, וואס ווערט שוין געפירט, בענעגייע צו די מער
טאַלאַנטפולע פון די אזויגערופענע מיטלויפער, וואָס ווערן דערצויגן
דורך דער שול און כאַווערישער מיטהילף איניינעם מיט די קאָמוניסטן.
עס איז נויטיק אוועקצושטעלן אן אויסגעהאלטענע פּאַרטייִשע קריטיק,
וועלכע זאָל, אויסהעלפנדיק און אונטערהאלטנדיק די טאלענטירטע סאָ־
וועטישע שרײַבער, זיי איינצײַטיק דערמיט אָנווײַזן אף זייערע פעלערן,
וואס שטאַמען דערפון, וואס אָטאָ די שרײַבער פארשטייען נישט גענוג
גוט דעם כאַראַקטער פון דער ראַטנ־אָרדענונג, און שטויסנ זיי דערצו,
זיי זאָלן גויוועוער זײַן זייערע בורזשואַזע פארורטיילן.

האלטנדיק, אז קיין איין ליטעראַרישע ריכטונג, שול אָדער גרופּע קען נישט און דאַרף נישט ארויסטרעטן אין נאָמען פון דער פּאַרטיי, שטרייכט דער צוזאמענפאָר אונטער די נויטיקייט צו רעגולירן די פראַגע וועגן דער ליטעראַרישער קריטיק און אוועקצושטעלן א וואס מער פּו־לערע פאַרטייאישע באלויכטונג פון די מוסטערן פון קינסטלערישער לי־טעראַטור אף די שפּאַלטן פון דער סאָוועטיש־פּאַרטייאישער פּרעסע".

אין אָט דער רעזאָלוציע זײַנען שוין אין גרונט אָנגעמערקט די הויפּט־שטריכן פון דער פּאַרטייאישער רעזאָלוציע פון צ"ק פון 1925־טן יאָר וועגן ליטעראַטור. די פּאַרטיי אָריענטירט זיך אף די ארבעטער־און פּויערים־שרײַבער, זי גיט אָבער קיין גרופּע נישט קיין מאָנאָפּאָליע, די פּאַרטיי רעדט וועגן א קלארע שטעלונג צו די מיטלויפער און רוקט ארויס די פראַגע וועגן דער קאָמוניסטישער קריטיק, וואס דאַרף העלפן דער ליטעראַטור אין איר אידייאישן און קינסטלערישן וווּקס.

ווי מיר האבן געזאָגט, הייבט זיך צו יענער צײַט (די ערשטע יאָרן נעפּ 1922־1923) אָן אין דער סאָוועטישער פּרעסע ארום די צענטראלע פּראַגעס פון דער סאָוועטישער און פּראָלעטארישער ליטעראַטור א הייסע דיסקוסיע. עס באווײַזן זיך אין לאנד עטלעכע דיקע זשורנאַלן, וואס ווערן אָרגאַנען פון פאַרשיידענע שטרײַטנדיקע ריכטונגען אין דער לי־טעראַטור.

אין 1922־טן יאָר הייבט אָן אונטער א. וואָראָנסקיס רעדאַקציע צו דערשײַנען דער זשורנאַל „קראַסנאַיאַ נאָווי"—א זשורנאל, וואס האט זיך געשטעלט דעם צוועק צו זאמלען אלע יונגע סאָוועטישע שרײַבער. אָנהויב 1923־טן יאָר הייבט אָן ארויסגיין דער זשורנאַל „נאַ פּאָסטו"—דער אָרגאַן פון „מאַפּפּ". אויך אף די זײַטן פון דער אלגעמיינער צענ־טראַלער קאָמוניסטישער פּרעסע הייבן זיך אָן צו באווײַזן ארטיקלען וועגן ליטעראַטור־פראַגעס. די דיסקוסיע איז געגאַן ארום אייניקע צענ־טראַלע פראַגעס:

1. וועגן דער מעגלעכקייט אָדער אומעגלעכקייט פון דער עקזיסטענץ פון פּראָלעטארישער ליטעראַטור.

2. וועגן דער באַציונג צו די קליינבירגערלעכע שרײַבער (די מיט־לויפער־פּראָבלעם).

3. וועגן דער ראָל און די אויפגאַבעס פון דער מאַרקסיסטישער קריטיק.

בענעגייע צו דער ערשטער פראַגע האַט די ליניע פון דער פּאַרטיי פאַרטיידיקט א גרופּע קאָמוניסטן שרייבער און קריטיקער, וואָס האָבן זיך דעריקער גרופּירט אַרום דעם זשורנאַל „נא פּאָסטו".

די דאָזיקע גרופּע קאָמוניסטן האָט קאַטעגאָריש געזאָגט: די פּראָלע־טאַרישע ליטעראַטור איז א פאַקט, זי וואַקסט, די נאָענטע צוקונפט גע־הער איר.

אַלס קעגנער פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור זיינען אַרויס־געטראָטן טראָצקי, וואָראָנסקי און אַנד.

טראָצקי האָט געשריבן:

„עס איז אין גרונט ניט ריכטיק אַנטקעגנצושטעלן דער בורזשואַזער קולטור און דער בורזשואַזער קונסט די פּראָלעטאַרישע קולטור און די פּראָלעטאַרישע קונסט. דיזאָזיקע לעצטע (ד. ה., די פּראָלעטאַרישע קולטור און קונסט און אַנד.) וועלן ביכלאַל נישט זיין, ווייל דער פּראָלעטאַרישער רעזשים איז א צייטווייליקער און אַן איבערגייענ־דיקער".

א. וואָראָנסקי האָט געשריבן:

„קיין פּראָלעטאַרישע קונסט איז ניטאָ און קען ניט זיין אין דער איבערגאַנג־עפּאָכע פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. די אויפגאַבע פון דער עפּאָכע אין געביט פון קולטור באַשטייט אין דעם, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל אין דער ערשטער ריי באַהערשן די טעכניק, די וויסנשאַפט, די קונסט פון די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטן. דערפון איז געדרונגען, אַז אויפן טאָג־סיידער שטייט נישט די פראַגע וועגן שאַפן פּראָלעטאַרישע קונסט, נאָר וועגן אַזאַ רעוואָלוציאָנערע איבערגאַנג־קונסט, וועלכע זאָל קריטיש איבערנעמען אַלע דערגרייכונגען און העלפן דעם פּראָלעטאַריאַט באַזיגן די בורזשואַזיע".

דער צענטער פון דער ליטעראַטור איז לויט וואָראָנסקין און טראָצ־קין דער מיטלויפערישער פליגל.

טראָצקי שרײַבט אין יענער צײַט, אַז דער שרײַבער־אינטעליגענט איז מער ווי דער ארבעטער צוגעפּאסט אָפּצושפּיגלען אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור אונדזער רעוואָלוציע.

וואס אנבאלאנגט דער פראַגע פון די מיטלויפער, האבן מיר אין יענער צײַט בא די נאַפּאָסטאָווצעס א נישט־דערשאצן דידאָזיקע ביז גאָר וויכטיקע פּראָבלעם. אין דער פּלאַטפאָרם פון דער „אָקטיאַבער״־גרופּע (אויבן ציטירט) פארנעמט די פּראָבלעם קיין אָרט נישט. נאָך מער, אייניקע עלעמענטן אין דאמאָלדיקן „מאַפּפּ״ (לעלעוויטש, ראָדאָוו, און אנד.) האבן א טענדענץ אנערקענען אלע מיטלויפער פאר פרעמדע, בורזשואַזע שרײַבער.

וועגן דער ראָל פון דער מאַרקסיסטישער קריטיק האט טראָצקי געשריבן: „די קונסט דאַרף איר וועג דורכמאַכן אף אירע אייגענע פיס. די מעטאָדן פון מאַרקסיזם זײַנען נישט די מעטאָדן פון קונסט״— דאס הייסט, אז אין קונסט טויג נישט דער מאַרקסיסטישער מעטאָד. אנדערע, ווי צ. ב., ריאַזאנאָוו, האבן געהאלטן, אז אין דער קונסט דארפן הערשן די פּרינציפּן פון פרײַער אַנאַרכישער קאָנקורענץ.

דאס איז געווען אינגאנצן קעגן דער מיינונג פון דער פּאַרטיי אין פראַגעס פון ליטעראַטור־פּאָליטיק און קאָנקרעט אין פראַגעס פון מאַרקסיסטישער קריטיק. די פּארטיי האט נאך אין דער רעזאָלוציע וועגן דער פּרעסע אפן 13־טן פּארטיי־צוזאַמענפאָר אָנגעוויזן אף דער געוואלטיקער דערציִערישער ראָל, וואס די פּאַרטייִשע קריטיק דאַרף שפּילן בענעגייע דער ליטעראַטור און דעם שרײַבער.

אויך אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור איז אין די יאָרן 1923־1924 אָנגעגאַנגען א העפטיקער קאַמף צווישן די ערשטע שפּראָצונגען פון דער פּראָלעטארישער ליטעראַטור און די בורזשואַז־עסטעטישע און פאָרמאַליסטישע רעשטלעך אין דער ליטעראַטור.

איינער פון די ערשטע, וואס האט דעם קאַמף אופגעהויבן, איז געווען דער וויטעבסקער קאָמיוגישער זשורנאַל „כוואַליעס״, וואס איז עפנטלעך ארויסגעטראָטן קעגן דעם קריטיקער י. דאָבּרושין.

א געלעגנהייט פאר קאַמף קעגן דעם בורזשואַזן עסטעטיזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור האט געגעבן י. דאָבּרושינס רעצענזיע אין „עמעס״ פארן 1920־טן יאָר (25/1) קעגן דער קינסטלערישער ליטעראַטור אין דעם קאָמיוגישן זשורנאַל „כוואַליעס״ נ. 1 (וויטעבסק 1920).

וועגן דעם קינסטלערישן מאַטעריאַל אין די „כוואַלי,ס" האט דאָפּרושין געשריבן אָט וואָס:

„נישט פון די גאַנצע „כוואַליעס" וויל איך דאָ רעדן, נאָר פון די ליטעראַרישע „כוואַליעס", פון דער אָפּטיילונג פאר „ליטעראַטור און קונסט", וואס פארנעמט א געהעריקן כאָשעוון אָרט אין דעם ערשטן זאמלבוך.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

די גאַנצע „בעלעטריסטיק" פון דער זאַמלונג איז ווידער טרוקענס, ניט אריגינעלע, אויב ניט פּראָקלאָמאַציעס, איז פּראָקלאמאַטיווע גאָר־נישטלעך.

ס'איז שוין דאָך איצט א באוווּסטער עמעס, אז נייַע קייכעס, וואס אָרגאניזירן נייַעם אינהאַלט, קומען קוידעמקאָל מיט נייַע בוי־פאָרמען, מיט נייַעם ריטמיק, אפילע מיט נייַ לאָשן, נייַע ווע־טער און אײסדריקן.

די טעמעס פון די אַלע דערציילונגען זייַנען רייזעניש־צוגענוצט און אַלטמאָדיש־סאַנטימענטאַל. ס'איז דאָ אַ בעפּיירעשע געפּאַר. דער־דאָזיקער שטייגערישער רעוואַרג קען דאָך, כאָלילע, ווערן א מוסטער ניט בלויז פאר די מעכאַברים גופע, נאר אויך פאר די יונגע לעזער, וואָס וועלן און דארפן זייַן אייַנגעליבט אין זייערע אייגענע שעפערישע קרעפטן.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

די אלע רעוואָליוציאָנערע יונגע פּאָעטן מאַכן ניט דורך זייער אייגענע שעפערישע רעוואליוציע. זיי רייַסן זיך ניט דעריקער צו נייַע אינדיווידועלע שטורעם־ליידן, צו פערזענלעכע שטורעם־פרייַדן.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

מיר וואָרענען דו רעדאַקציע פון די „כוואַליעס", זי זאָל ניט דערלאָזן קייַן „מאַיאָווע געדאנקען", וואס וועלן שאַפן אין דער יוגנט־דיכטונג א מאָדערנע עדלשטאַט־און ווינטשעווסקיס־טקופע.* די יידישע קאָמוניסטישע יוגנט איז אן

---

* מייַן קורסיוו, א. א.

סאָפעק א פרוכטבארער גרונט־שיכט פאר דער יידישער קונסט־קולטור. דא דאַרף אונדז טײַער זײַן יעדער סימפּטאָמאַטישער גליד פון דעם קינסטלעריש־אויפגעוואכטן גליד, אָבער די „יונגע” טאָרן ניט פארגרע־סערן דעם ווערט פון די אייגענע קויכעס.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

בענוגייע צו דער שיינער ליטעראטור דארף עפשער די יוגנט בא־גרענעצן דעם פרינציפ פון „זעלבסטבאדינונג” און אריינבריינגען אין אירע אויסגאַבן די בעסטע שאַפונגען פון די דערפארענע האגאַם שוין דערוואקסענע שרײַבער און דיכטער”.

די יונגע כעוורע פון די „כוואַליעס” האבן שאַרף אפגעענטפערט דאָ־ברושינען. אין נומ. 3 „כוואַליעס” (יאַנוואַר—פעוראַל 1921) שרײַבן זיי:

„אין דעם מאָסקווער „עמעס” האט דערשינען דעם כ׳ דאָברושינס נאָטיץ וועגן „כוואַליעס”. אין דערדאָזיקער נאָטיץ, אָפשטעלנדיק זיך אף דער ליטעראַרישער טייל פון אונדזער זשורנאַל, זאָגט ארויס דער כ׳ דאָברושין אייניקע אלגעמיינע געדאנקען וועגן דער יוגנט־פרעסע ביכלאַל.

און כאָטש דער מינהעג איז, אז פאר דעם קריטיקירטן זשורנאַל פאסט ניט אריינטרעטן אין עפנטלעכע בקירעס מיט דעם קריטיקער, דאָך האלטן מיר, אז מיר האבן דאס פולע רעכט אָפוואַרפן דעמדאָזיקן „בורזשואַזן” מינהעג און ארויסזאָגן אונדזער מיינונג בענוגייע צו דער אָנגערירטער פראַגע.

מיר ווילן דאָ ניט ריידן וועגן די מײַלעס אָדער כעסרוינעס פון די לידער און דערציילונגען, וואס זײַנען געדרוקט אין דעם ערשטן נומער „כוואַליעס”, נאָך מער, מיר זײַנען מאַסקים מיט דעם, אַז זיי זײַנען שוואַך, ניט געלונגען, ניט באאַרבעט און א״וו, נאָר מיט איין פראט זײַנען מיר בעשום אויפן ניט איינגעשטימט, אז די ארבעטער־יוגנט, וואס פארמאָגט ניט לעסאַטע קיין דערפארענע, אויסגעארבעטע שרײַבער און דיכטער, זאל זיך אָפזאָגן פון שרײַבן און דיכטן, און פאר איר זאָלן שרײַבן אנדערע מער דערפארענע, מער געלערנטע, מיט איין וואָרט— ספעצן.

אויב מיר וואָלטן וועלן שאַפן אן אָרגאן פאר דער יִדישער ארבעטער־יוגנט און ניט מער, דאמאָלסט וואָלטן מיר זיך געוויס געשטעלט אף דעמדאָזיקן וועג, אין ווען דער כ׳ דאָברושין וועט גרינדן אזא זשורנאַל פאר דער יוגנט, וועלן מיר אים זײַן דאַנקבאַר אָן א שיר, ווײַל דאס איז זייער א נויטיקער און וויכטיקער איניען, און אונדזערע קולטור־טוער און דערציִער מוזן זיך אף דעם ערנסט פארטראַכטן. נאָר לעסאָטע שטעלן זיך די „כוואַליעס״ אן אַנדער ציל, וואס איז עפשער גרינגער און מער דערגרייכבאַר:—ארײַנציען די ארבעטער־יוגנט אין פראָצעס פון דיכטונג, אנטפלעקן די שאַפונג־פייִקייטן און מעגלעכקייטן פון די יונגע יִדישע ארבעטער, ווי אפן געזעלשאפטלעכן, אזוי אויך אף דעם קולטורעלן און ליטעראריש־קינסטלערישן געביט. זאָל זיך די יִדישע יונגע ארבעטערשאפט לערנען דיכטן און שאפן—דאָס איז אונדזער דירעקטע אופגאבע, דאס איז אונדזער לייט־פרינציפּ.

די שוואַכקייט פון די דערציילונגען און לידער אין ערשטן נומער „כוואַליעס״ הענגט אָפּ ניט פון דער רעדאַקציע, נאָר פון דער יִדישער ארבעטער־יוגנט גופע, וואס האט זיך דערווײַלע ניט ארויסגעגעבן מיט אויסגעטאָקטע הויך־קינסטלערישע ווערק. נאָר מיר האבן געדולד און צײַט. מיר לערנען זיך לעבן, קעמפן, ארבעטן און שאפן, און אונדזערע אומפארמײַדלעכע טאָעסן און דורכפאלן שרעקן אונדז נישט אָפּ.

וואס איז שײַעך צום פּאַכעד פון כ׳ דאָברושין, אז בא דער יוגנט וועלן זיך באווײַזן „מאַיאָווע געדאַנקען״, פארשטייען מיר ניט, וואס קער עס זיך אן צו עדלשטאטן און ווינטשעווסקין.—דער פאטאָס פון דער רעוואָליוציאָנערער שטורעם־צײַט, די שטימונג פון דער נײַ־געבאָרענער פרילינג־טקופע אין לעבן פון דער מענטשהייט שפּילן זיך, נאטירלעך, אָפּ אין די לידער פון אונדזערע כאַווײרים. דער יונגער יִדישער פראָלעטאַריאַט קאָן זיך ניט אָפּרײַסן פון דער קאָלעקטיווער שטימונג און ארבעט־סוויווע און שטרעבן עפּעס צו „נײַע אינדיווידועלע שטורעם־ליידן. צו פערזענליכע שטורעם־פריידן״ און נאָך אזוינע מעשונעדיקע זאַכן, דאס קאָן נאר אן „אינדיווידואַליסטישער״ יִדישער אינטעליגענט, וואס איז ניט אימשטאַנד זיך פולקום צו פארבינדן מיטן ארבעטער־קאָלעקטיוו און מעסט די נײַע קולטור מיט דער מאָס פון דער אָפּשטארבנדיקער פארגאנגענהייט.

יאָ, מיר זײַנען נאָך יונג, ווייניק דערפאַרן, קנאַפּ געלערנט, מיר זײַנען נאָך ניט קיין ספּעצן, מיר פאַרמאָגן נאָך „פּאַרגראַמטע געדאַנקען" (ביז דאָבּרושינס אַרטיקל האָבן מיר געמיינט, אַז אַלע לידער, וואָס זײַנען געשריבן אין גראַמען, זײַנען פּאַרגראַמטע געדאַנקען—איצטער ווייסן מיר שוין, וואָס צו מיינען וועגן דעם),—נאָר מיר לערנען זיך, מיר שטעלן די ערשטע טריט.

און מיר .וועלן זיך אויסלערנען!"

אָט אַזוי ענטפערן די קאָמיוגיסטן פון די „כוואַליעס" אויף דאָבּרושינס אָנפאַל אויף דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, אויף זיין רוף צו שילדערן „די נײַע אינדיווידועלע שטורעם-ליידן", „פּערזענלעכע שטורעם-פריידן" און נאָך אַזוינע מעשונעדיקע זאַכן. זיי ווייסן עס שוין אויך ווי אַזוי צו קוואַליפיצירן.

די „כוואַליעס" באַגרענעצן זיך אָבער נישט מיט דער קריטיק, זיי פּרוּוון שוין אויך צו אָרגאַניזירן דעם נײַעם ייִדישן לייענער, דעם אַרבעטער-שרײַבער און דעם קאָמיוגיסט, וואָס „ווילן דערציילן און באַשרײַבן זייער לעבן אויף די פאַבריקן און ווערקשטאַטן".

דידאַקטישע ווענדונג פון די „כוואַליעס" איז אַ היסטאָרישע. זי שטעלט אַוועק דעם טראָפּ אויף דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, אויף דער ליטעראַטור, וועלכע עס וועלן שאַפן די אַרבעטער פון פאַבריק און וואַרשטאַט.

מיר ברענגען דאָ דידאַקטישע ווענדונג.

## „אונדזערע ליטעראַרישע קאָלעגיען

קעדיי צו פאַרבינדן אונדזער יוגנט-זשורנאַל מיט די ברייטע שיכטן פון דער יונגער ייִדישער אַרבעטערשאַפט, קעדיי צו שאַפן אַ שטענדיקן און פעסטן צוזאַמענבונד צווישן די לעזער פון אונדזער זשורנאַל מיט דער גאַנצער שאַפונגס-אַרבעט פון די „כוואַליעס", איז נויטיק צו שאַפן אַ ליטעראַרישע קאָלעגיע פון פאַרשטייער פון די יונגע ייִדישע אַרבעטער.

די קאָלעגיע מוז אָבער געשאַפן ווערן אַזוי, אַז זי זאָל בעקויעך זײַן אויספירן אַ צווייענדיקע אַרבעט: 1) אַרײַנציען די יונגע כאַווײרים

אין אונדזער ארבעט, אויסלערנענדיק זיך דערציילן און באשרײַבן זייער לעבן אף די פאבריקן און ווארשטאטן און, 2) אויסלערנען זיי שרײַבן אף ייִדיש אזוי, אז זייער שפּראַך זאָל אנטשפּרעכן די דערגרייכונגען פון אונדזער ליטעראטור און דער איצטיקער הייך פון אונדזער קולטור־רעלן שאַפן. ס'איז א שעדלעכער טאָעס צו מיינען, אז פון די כאַווײרים פאָדערט זיך נאָר איין זאַך—שרײַבן א פּאָר שורעס, אבי ווי און אבי וואָס. די גאנצע ארבעט פון דער ליט־קאָלעגיע דאַרף אוועקגעשטעלט ווערן אף א געזונטן יעסאָד.

ווי אזוי־זשע זאָל מען די ארבעט פון דער ליטעראַרישער קאָלעגיע איינשטעלן, זי זאָל די אָנגעמערקטע צוועקן דערגרייכן?

עס דארפן וואס אָפטער (ניט ווייניקער ווי איין מאָל אין וואָך) גע־מאכט ווערן אלגעמיינע פארזאמלונגען פון די מיטגלידער פון קאָלעגיע. און אף די פארזאמלונגען דארפן באטראכט ווערן אלערליי פראַגן, וואָס רירן אן די זשורנאַל־ארבעט. די כאַווײרים דארפן פאָרלייענען זייערע ארטיקלען, אָדער נאָטיצן, קריטיקירן איינס דעם צווייטן, פאריכטן איי־נער דעם אנדערן און אז"וו. אף די פאַרזאַמלונגען דאַרף אויך פאָרגע־לייענט ווערן פון אונדזערע קלאַסיקער און נײַע שריפטשטעלער.

אזאַ געמיינזאמע ארבעט וועט אינגיכן ברענגען געוווּנטשענע רע־זולטאַטן".

אָט אזוי הייבן זיך אן די ערשטע פּרוּוון אין אונדזער פּרעסע צו קעמפן קעגן דעם בורזשואַזן עסטעטיזם אין דער ליטעראַטור, איינ־צייטיק דערמיט אָרגאַניזאַציאָנעל צו בויען די פּראָלעטאַרישע ליטע־ראטור.

אין אוקראַיִנע איז אין א שטיקל צייט ארום מיט דעמזעלביקן רוף צו די ארבעטער־שרײַבער, פאר פּראָלעטארישער ליטעראטור, וואס זאָל געשאפן ווערן דורכן ארבעטער, ארויסגעטראָטן דער כ' פּעפּער.

אין דער קיִעווער „קאָמוניסטישער פאָ,‟ פארן 12/1 1923 איז אָפּ־געדרוקט אי. פּעפּערס אן אָפענער בריוו צו ארבעטער־דיכטער. אין בריוו האט כ' פּעפּער געשריבן פאָלגנדיקס:

„אָ פ ע נ ע ר ב ר י ו ו

צו כאַווײרים־ארבעטער־דיכטער, ווו זיי זאָלן זיך ניט געפינען.

טײַערע כאַווײרים!

אין דער צײַט, ווען די רוסישע און אוקראַינישע ארבעטער האָבן שוין אנטוויקלט א גרויסע ארבעט אפן קינסטלערישן פראָנט, ווען בא זיי זײַנען געשאַפן געוואָרן ספּעציעלע לאַבאָראַטאָריעס, ווו ס'שמידט זיך דאס פרישע פּראָלעטאַרישע קינסטלערישע וואָרט, איז בא אונדז נאָך אפילע קיין פּרווו ניט געמאַכט, קעדיי צונויפצוזאַמלען און אָרגאַניזירן די ארבעטער־דיכטער.

און קויכעס אזוינע זײַנען דאָ, מ'קען אָפּט זען אף די שפּאַלטן פון צײַטונגען א בליץ טאָן א ליד, א דערציילונג, א נאָטיץ אָנגעשריבן פון ארבעטער, און וויפל שרײַבן שטילערהייט, ווײַזן קיינעם ניט און האָבן ניט אפילע וועמען פרעגן אן אייצע, ווו זיך דרוקן.

קויכעס זײַנען דאָ, אָבער זיי זײַנען צעוואָרפן איבער אלע שטעט און שטעטלעך פון דער ראַטן־פעדעראַציע. קיין צענטער, וואס זאָל אָנפירן מיט זיי, זיי אָרגאַניזירן, איז נאָך בא אונדז ניטאָ, און אזאַ צענטער מוז געשאַפן ווערן!

ביז איצט זײַנען עפּשער געווען אלערליי טערוצים, וואס זאָלן אונדז פארענטפערן, אָבער בא היינטיקן טאָג, ווען מיר האָבן פרײַ אָפּגעאָטעמט פונעם שווערן מיליטערישן פעריאָד און דאס גאַנצע לאַנד האט זיך געשטעלט אף רעלסן פון שעפערישער בויונג, ווען דאס לעבן הייבט אָן פליסן אין נאָרמאַלע ברעגן, קען גאָרנישט נישט באַרעכטיקן אונדזער אומטעטיקייט.

באזונדערס אין איצטיקן מאָמענט, בא דער נײַער עקאָנאָמישער סיטואַציע, ווען די קליינבירגערלעכע סטיכייע רײַסט זיך אין אלע ווינקלען פון אונדזער זײַן און בעסויכעם אין קונסט, מוז נאָך שטרענגער געשטעלט ווערן די פראַגע וועגן אָרגאַניזירן די ברויזנדיקע ארבעטערישע דיכטערישע קויכעס אין א פעסטן קאָלעקטיוו, קעדיי קאָנען געבן א ווידערשטאַנד.

כאַווײרים, אַרבעטער־דיכטער!

ביז היינט פלעגן קומען אזוינע, וואס האבן צו אונדז קיין שום שײַכעס ניט געהאט אָדער אזוינע, וואס האבן זיך שוין לאנג פון אונדז אָפּגעריסן, פלעגן ריידן אין אײַער נאָמען און זאָגן, אז זיי זײַנען אײַערע פאָרשטייער. און איר ווו זײַט? איר זײַט דאָך ערגעץ דאָ, וואס זשע שווײַגט איר?

האט איר ניט וואס צו דערציילן פאר די גרויסע און גרויזאמע פינף יאָר?

רופט זיך אָפּ!

שרייבט וועגן אונדזער קינפטיקער אָרגאַניזאַציע, לאָמיר איניינעם די פראַגע שטעלן און איניינעם זי לייזן. בא קיין מאַכט האבן מיר ניט געהאט אזױפיל מעגלעכקייט צו שאפן, ווי בא דער ראַטנמאַכט. וועלן מיר דען ניט אויסנוצן די מעגלעכקייט? וועלן מיר דען בלייבן פּאַסיוו צו זיי, ווי ביז היינט?

ד אָ ס  ט אָ ר  נ י ט  א ו ן  װ ע ט  נ י ט  ז י ַ ן!

קעדיי צו וויסן, ווו עס געפינען זיך ארבעטער־דיכטער און ווער זיינען זיי, קעדיי אונטערצופירן די ערשטע סאַכאַקלען, איז דער פארלאַג „קאָמפאָן" צוגעטראָטן זאַמלען ארבעטער־דיכטונג — לידער און פּראָזע און וועט איניגיכן ארויסלאָזן א פראָלעטאַרישע זאַמלונג. אין דער זאַמלונג וועלן אריינגיין ווערק א ו י ס ש ל י ס ל ע ך  פ ו ן  א ר ב ע ט ע ר.

שיקט צו מאַטעריאַלן!

זאָל דאס זיין דער ערשטער פרווו צונויפזאַמלען די צעוואָרפענע קויכעס, דער ערשטער איבערוף פון די ארבעטער־סאָלדאטן אין דער קינסטלערישער אַרמיי, זאָל דאָס זיין דער ערשטער שטיין פון קינפטיקער פאראייניקונג פון אלע פראָלעטאַרישע קינסטלער.

מאַטעריאַל קאָן מען צושיקן אפן אַדרעס פון „קאָמפאָן".

איציק פ ע פ ע ר."

12.1.1923.

דידאַקטיקע וואנדערונגען זיינען געווען אן עמעסער ארויסרוף דעם קלאַל־יִסראָעלדיקן „שטראָם", וועלכער האט געכאָוועט די בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע ליטעראטור. עס זיינען שוין דעמאָלט פארלייגט געוואָרן די ערשטע ציגל פארן פונדאַמענט פון דער יידישער פראָלעטאַרישער ליטעראטור, פון דער ברייטער פראָלעטארישער ליטעראטור־באוועגונג, וואס האט נאָכדעם אָפּגעשווענקט דאס גאנצע „שטראָם"־געמויזעכץ.

אין 1922 יאָר, קימאַט אין איין צייט מיטן דערשיינען פון „שטראָם", שאַפט זיך אין מאָסקווע די ערשטע גרופּע יידישע פראָלעטאַרישע שרייבער. די גרופּע איז אָרגאַניזירט געוואָרן י אַ נ ו אַ ר 1922 י אָ ר.

לויט די ידיעס, וואס ס׳גיט אן א מיטגליד פון דער גרופע — דער כ׳ טייטש — איז די ערשטע זיצונג פון דער פראָלעטאַרישער שרײַבער־גרופע פאָרגעקומען דעם 5־טן יאַנוואַר 1922 יאָר אף דער קוואַרטיר בא גילדינען. דאָ איז געגרינדעט געוואָרן די גרופע. עס זײַנען געווען אָנוועזנדע די כ״כ. גילדין, טייטש, פערסאָוו, הורעוויטש, בוקסהארן. אויסגעקליבן פאר א פאָרזיצער — גילדינען, סעקרעטאַר — בוקסהארן. אָפּגערעדט זיך טרעפן אלע דאָנערשטיק, לייענען ווערק און זיי באטראכטן, אײַנאָרדענען טעאָרעטישע שמועסן וועגן די וועגן פון דער פראָלעטארישער ליטעראטור.

אזוינע באגעגענישן פון דער פראָלעטאַרישער שרײַבער־גרופע זײַנען פאָרגעקומען אָפטע.

די גרופע האט זיך אין דער צײַט פארבונדן מיט דער אלרוסלענדישער פראָלעטארישער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע, געפירט אונטערהאנדלונגען וועגן אָרגאַניזירן א ייִדסעקציע.

מיר האבן אויך אייניקע ידיעס וועגן דער ארבעט פון דער גרופע. אין 1923־טן יאָר דעם 13/9 א פארזאמלונג בא גילדינען, אָנוועזנד: גילדין, טייטש, אוטקעס, הורעוויטש און ראבין. באשלאָסן: באקומען אן אָרט אין קלוב „קאָמוניסט״ און אָנהויבן פירן א ליטערארישע ארבעט, אײַנאָרדענען ארויסטרעטונגען אין קלוב, אף די פאַבריקן, אָרגאַניזירן עקסקורסיעס. דעם 20/9 אן אָוונט (אין קלוב „קאָמוניסט״) פון די פראָלעטארישע שרײַבער, ארײַנטריט־וואָרט — גילדין, געלייענט א פּאָעמע אוטקעס.

מיר האבן שוין אין קאפּיטל וועגן דעם „מאָסקווער פאריין פון ייִדישע ליטעראטן און קינסטלער״ דערמאָנט וועגן כ. גילדינס אן ארויסטרעטונג אף א פארזאַמלונג פונעם פאריין אין נאָמען פון דער פראָלעטאַרישער גרופע.

דאס 1922 יאָר האט די גרופע, ווי עס ווײַזט אויס, שוואַך געארבעט. דאָס 1922 איז געווען דאס יאָר פון „שטראָם״־טשאד, ווען דער „שטראָם״־גײַסט האט זיך ברייטלעך צעזעצט אין דער ליטעראַטור.

אין סאָף 1923 יאָר פּרווט די פראָלעטארישע שרײַבער־גרופּע צו אָרגאַניזירן א זשורנאל אונטערן נאָמען „רויטע העפטן״. צו אונדז איז דערגאַן א מעלדונג געשריבן אין מעלוכע־פארלאג פון ר.ס.פ.ר.ר.

וועגן דעם, אז דער מעלוכע־פארלאג זאָל ארויסגעבן א זשורנאל פון דער פראָלעטארישער גרופע „רויטע העפטן". אונטער דער מעלדונג זיַינען אונטערגעשריבן: די כ"כ גילדין, טייטש, הורוויטש. אין „שטראָם" נום. 3 לייענען מיר אין דער כראָניק פאָלגנדיקס:

„אין מאָסקווע הויבט אָן דערשיַינען א נייַער זשורנאל „רויטע העפטן" בא דער נאָענטסטער מיטארבעט פון די כאַווײרים גילדין, מוישע טייטש, פערסאָוו און אנדערע".

דער זשורנאַל „רויטע העפטן" איז נישט ארויסגעגאַן. דאס דער־קלערט זיך מיט די שוועריקייטן, וואס די גרופע האט אנגעטראָפן, מיט דער קליינער צאָל שריַיבער, וועלכע זי האט פארמאָגט. די באציונג צו דערדאָזיקער גרופע איז מיצאַד דעם „שטראָם" געווען ביז גאָר א פיַינטלעכע. ס'איז גענוג צו דערמאָנען, אז אין די זשורנאלן „שטראָם" זיַינען געדרוקט געוואָרן רעצענזיעס איבער אסאַך ביכער — בורזשואַזע און קליינבירגערלעכע — סיַי פון ראטנפארבאַנד און נאָך מער פון די יידישע שריַיבער פון וואַרשע, ניויאָרק ווי צום ביַישפּיל, מיילעך ראַוויטשעס „דער קערן פון אלע מיַינע לידער", א. לייעלעס—„יונגהארבסט", ל. מי־לער—„אף גאָטס וועלט", י. גלאַטשטיין—„לידער"; וועגן דעם ציאָניס־טיש־לאָשנקוידעשדיקן „מילגרוים". פון די סאָוועטישע שריַיבער וועגן די „ליריק"־ביכלעך, פינינבערגס—„אָטעם", קיפּניסעס—„אָקסן". ל. רעז־ניקס—„סאַמעט", א. קאהאנס—„קאַרבן"; און קיין וואָרט נישט וועגן גיל־דינס ביכל „האמער־קלאַנגען", וואס איז דערשינען אין 1922־טן יאָר, נישט וועגן פערסאָוון. אינעם 1922־טן יאָר זיַינען ארויס די ערשטע זאמ־לונגען פעפערס („שפענער"), און כאריקס „ציטער", און אויך וועגן דעם קיין איינציק וואָרט. דאס שאפן פון די יונגע רעוואָליוציאָנערע פּראָלע־טארישע שריַיבער איז ארומגעוויקלט געוואָרן מיט א טויט־שטיל־שוויַיגן.

*

שפּעטער האט אי. פעפער אין גלענצנדיקע שורעס דערמאָנט יענע יאָרן, ווען די הערשער אין דער סאָוועטישער ליטעראטור זיַינען געווען די „שטראָם"־עסטעטן.

אין זיַין ליד „א באגעגעניש אין קרים", געווידמעט ל. אַבראמען, האט אי. פעפער געשריבן וועגן יענער ציַיט, וועגן זיַין ערשט ביכעלע לידער, און נישט נאָר וועגן זיַין אָנהייב אין דער ליטערא־

טור—וועגן דעם אָנהייב פון דער גאנצער יידישער פּראָלעטארישער ליטעראטור:

„א ביכעלע א דינס...
מיט לידער קורצינקע און שטילינקע אזוינע...
א ביכעלע אזא איז אויכעט א געווינס,
ווען די פארלאגן דרוקן נאר געוינים...
ס'איז קלאָר:

דאָס איז געווען אין צוואנציק צווייטן יאָר

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

מיר די יינגלעך—שווער צו זאָגן,
צי האבן מיר געשריבן, צי געשטיפט,
אליין, אליין פאפיר געטראָגן,
די ראָד געדרייט, געזעצט דעם שריפט...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אויך דער כ׳ ליטוואַקאָוו, וועלכער האט אקטיוו געקעמפט קעגן „שטראָם", האט אין יענעם פעריאָד אין דער פראגע פון באציונג צו דער יידישער פּראָלעטארישער שרייבער־גרופּע פארנומען א ניטריכטיקע פּאָזיציע. ער האט זי ניט נאָר ניט אונטערגעשטיצט, ער האט זי אינגאנצן איגנאָרירט.

די אטמאָספער ארום דערדאָזיקער גרופּע איז געווען אזא, אז אפילו אייניקע ארבעטער־קאָמוניסטן, ווי הורעוויטש און אוטקעס, וואָס זיינען א צייט געווען אין דער פּראָלעט־גרופּע, האבן זיך אונטערגעגעבן דידאזיקע פיינטלעכע שטימונגען און אנטשטאָט צו באקעמפן די פעלערן—און גאנץ היפּשע—וואס די גרופּע האט ווירקלעך געהאט, זיינען זיי פון איר ארויסגעטראָטן. זיי האבן אין „עמעס" פארן 33/10 1923־טן יאָר אָפּגעדרוקט צוויי בריוו, ווו זיי ווייזן אָן אף די סיבעס, פארוואָס זיי גייען ארויס פון דער פּראָלעטארישער שרייבער־גרופּע.

„ג. כ. רעדאַקטער!

מיר בעטן אײַך אָפּדרוקן אין נאָענטסטן נומער „עמעס" פּאָלגנדיקס:

קומענדיק אין מאָסקווע נאָך א לענגערער ארבעט אין דער פּראָווינץ, האָב איך, אלס א יונגער ליטעראט־קאָמוניסט, געטראַכט וועגן אריַינטרעטן אין א גרופּע מיט אן אויסגעשפּראָכענער פּראַלעטאַרישער ריכטונג.

אלס אזעלכע האט זיך דא פּראָקלאמירט די גרופּע גילדין־טייטש, און זיַיענדיק אידעאָלאָגיש לאכלוטן כרעמד דער שאַפונג פון די ק״ע־ווער, מיט זייער אינדיווידואַליסטיש־קליינבירגערלעכן וואָרט, האָב איך מיט פארגעניגן אָנגענומען דעם פּאָרשלאַג אריַינטרעטן אין דער אויבנדערמאָנטער פּראָלעטארישער גרופּע.

פון די ערשטע, אָבער געמיינזאמע ארבעטן האט זיך ארויסגעוויזן, אז די לייטנדע כאַווײרים פון דער גרופּע האבן ניט קיין גאנץ שטאַרקע שיַיכעס צו פּראָלעטאַרישער קונסט.

ווייניק איז צו האבן גוטע קאוואָנעס. מער ווי אומעטום פּאָדערט דאס פּראָלעטאַרישע שאפן אופריכטיקע באציִונג צו קונסט־פּראָבלעמעס ביכלאל און א פּראָלעטאַרישן אַנאַליז, קעדיי ווירקלעך אופצושטעלן פון דעם פּלאָנטער דאס, וואס מיר ווילן קרוינען מיטן נאָמען (מיט וועלכן אנדערע, אגעוו־אורכע, ספּעקולירן) „פּראָלעטאַרישע קונסט".

ליידער פארמאָגן ניט די אידייען־טרעגער פון דער גרופּע די אויבנדערמאָנטע מיַילעס, און עפּשער דעריבער טאַקע זיַינען די ערשטע טריט פון די כאווײרים געווען אָנשטאָט צו געפינען דעם ריכטיקן קריטערי פאר דער פּראָלעטאַרישער שאַפונג, אלס די איינציקע בארעכטיקטע זאך, באנוגענען זיך מיט הילכיקע פּראַזן און אוסרוף־צייכנס און קרענקען אף סעקטאַנטישן אנטאָגאניזם.

און וויַיל מיר איז ייַיער יעדער פּרווו אפן געביט פון דער פּראָלעטאַרישער קונסט (פארשטייט זיך, יעדער ערנסטער פּרווו) און וויַיל איך האלט, אז די אידיישע און קינסטלערישע לייטונג פון די כאַווײרים גילדין־טייטש איז ווייניק בארופן עפּעס דאָ אופצוטאָן, טרעט איך ארויס פון דער גרופּע. איך גלויב אָבער, אז די ווייניקע יונגע פּראָלעטאַרישע דיכטער וועלן פריִער צי שפּעטער געפינען זייער אָרגאַניזאַציאָ־

נעלע און אידייִשע פאַרייניקונג, ווי אויך די געהעריקע אָנפירונג, וואס וועט בעיעכוילעס זײַן אריײַנצוהויכן אין דאָס וואקסנדע קינד א געזונטן מוסקולדיקן גייַסט.

מיט קאָמוניסטישן גרוס

דאָוויד אוטקעס״

מאָסקווע, 30 סענטיאַבער.

2

איך בעט דעם כ׳ רעדאַקטער צוגעבן מייַנע עטלעכע שורעס צום כ׳ אוטקעסעס בריוו.

מיט אים און מיט אנדערע יידישע ארבעטער אין האמעל פלעגט אונדז אָפט אויסקומען צו שמועסן וועגן די פאָרמען פון דער פראָלעטאַרישער קונסט, און צוזאַמען האבן מיר נאָך מיט צוויי יאָר צוריק א ביכעלע לידער געדרוקט.

איך האב אויך געמיינט, אז די גרופע, וואס רופט זיך גילדין־טייטש, וועט קענען זײַן אָט יענע אָנפירנדע האנט (און יונגע איז דער־לויבט מיינען). שפּעטער, אז עס זייַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן פון אָטאָ די אויבנדערמאָנטע כאַוויירים זייער פּראָזע און לידער, איבערהויפּט „כראָ־ניק־בוך״ און „רעמאָנט״, ווו כאווער טייטש פּרוווט עס פּראָקלאַמירן אלס מוסטער פון דער פּראָלעטאַרישער (!) דיכטונג,—האב איך שוין דאן ניט געוווסט, פאַרוואָס געהער איך דאפקע צו דער גרופּע? אויסער דעם מיין איך, אז זייער צוגאנג צו דער אָפּשאַצונג פון האָפּשטיין—מאַרקיש און אנדערע איז גאנץ ווייַט ניט קיין ערנסטע און וואס טראָגט אָפּט־מאָל אריין א ניט געזונטע אמביציקייט.

ארויסזאָגנדיק דאָס, פאַרייניק איך זיך צום אינהאלט פון כאַוועד אוטקעסעס בריוו.

מיט קאָמגרוס

מ. גורעוויטש.״

דאָ ווארפט זיך אין די אויגן איין באשולדיקונג קעגן דער גרופּע פּראָלעטארישע שרייַבער, אז די באציִונג צו האָפּשטיין־מאַרקיש און אנדערע איז גאנץ ווייַט „ניט קיין ערנסטע״—אפילע אף די צוויי אר־

בעטער האט געווירקט די „שטראָם“-אַטמאָספער, וועלכע האט אָפּגעהיט דעם דאמאָלדיקן האָפּשטיינען און אנד. פון קריטיק מיצאַד דער פּראָ־לעטאַרישער געזעלשאַפטלעכקייט.

מיר האבן שוין אויבן אָנגעוויזן, אז סאָף 1922 יאָר האבן מיר דעם היסטאָרישן קער פונעם קאָמיוג צו דער ליטעראַטור. עס שאַפט זיך די גרופּע „מאַלאָדאיא גוואַרדיא“. עס הייבט אָן ארויסגיין א זשורנאַל מיטן זעלבן נאמען. אין דערזעלבער אומגעפער צייַט (אָנהויב 1923) הייבט דער קאָמיוג אָן זיך אינטענסיוו צו באשעפטיקן אויך מיט די נאַציאָ־נאלע ליטעראַטורן. סאָף 1922 און אָנהייב 1923 הייבן אָן דערשייַנען דרייַ קאָמיוגישע אָרגאַנען אף יידיש. אין מינסק „דער יונגער ארבעטער“, אין מאָסקווע „יונגוואלד“ און אין כאַרקאָוו „ליבקנעכטס דאָר“ (ארויס־געגאַנגען בלויז איין נומער). דידאָזיקע קאָמיוגישע אָרגאנען זייַנען גע־וואָרן פלאַצדאַרמען פון קאַמף פאר דער פּראָלעטאַרישער יידישער ליטעראַטור אין קאַמף מיטן „שטראָם“, אין קאַמף מיט פארשיידענערליי בורזשואַזע און קלייַנבירגערלעכע ווירקונגען אף דער ליטעראַטור און האבן בא האנט מיט די גרונט־קאַדרען פּראָלעטאַרישע שרייַבער אונטער דער אָנפירונג פון דער פארטיי געהאָלפן שאַפן די פּראָלעטאַ־רישע ליטעראַטור.

אין אַפּרעל 1923 יאָר הייבט אָן דערשייַנען דער זשורנאַל „יונג־וואלד“, ארום וועלכן עס שאַפט זיך א ליטעראַרישע גרופּע.

וועגן דער מאָסקווער קאָמיוגישער גרופּע „יונגוואלד“ איז דאָ א נאָטיץ אין זשורנאל „יונגוואלד“ נומ. 1. דאָרט ווערט געזאָגט:

„אין מאָסקווע האט זיך געגרינדעט ארום „יונגוואלד“ א ליטעראַריש־קאָמיוגישע גרופּע „יונגוואלד“. די גרופּע באשטייט פון די כאַווערים: פּ. ווילדמאן, ש. מאטלין, א. קאַבאַקאָוו, א. קאָוונער, א. ראבין, ז. שוסטערמאַן, כ. שייַעוויטש, ג. קראַם.—ס'ראָוו יונגע ארבעטער־ארב־פאַקיסטן. די גרופּע באהאנדלט כאווריש די ווערק פון אירע מיטגלי־דער, דערלערנט די מאַרקסיסטישע קונסט־קריטיק און אזוי ווייטער“.

דער יונגוואלד“ האט קיין ספּעציעלע ליטעראַריש־קריטישע אַרטיק־לען ניט געדרוקט, קיין באַזונדערע ארויסטרעטונגען וועגן פּראַגעס פו

ליטעראַטור־פּאָליטיק, שעפערישן מעטאָד נישט געמאַכט. דעם קאַמף קעגן דער בורזשואַזער און קליינבירגערלעכער ליטעראַטור האט דער „יונג־וואלד" גאנץ געלונגען געפירט אין א ספּעציעל אָרט—אינעם בריוו־קעסטל—אין די ענטפערן אף די פארשיידענע ליטעראַרישע מאַטעריאַלן, וואס פלעגן צוגעשיקט ווערן אין רעדאַקציע. אין ערשטן נומער „יונג־וואלד" איז אָפּגעדרוקט אן ארטיקל אונטערן נאָמען „אונדזער קוזניע" וועגן ווערק, וואס זייַנען צוגעשיקט דעם „יונגוואלד" פון יונגע אַר־בעטער.

דער ארטיקל, וואס איז א מין אַנאַליז פון צוגעשיקטע ווערק, אנט־האלט א גאנצע ריי געדאנקען וועגן דער ליטעראַטור. עס ווערט אָפּגע־וואָרפן דער קליינבירגערלעך־אינטעליגענטישער גאנג אין דער יידישער ליטעראַטור. דער „יונגוואלד" האט נישט מוירע צו באַצייכענען, אז די ארבעטער־יוגנט וואקסט און „טראָגט מיט זיך די ערשטע שפּראָצונגען פון דער נייַער פּראָלעטאַרישער קונסט".

אין די וויַיטערדיקע נומערן „יונגוואלד" זייַנען די ענטפערן פונעם בריוו־קעסטל קאָנקרעטער. אין נומער 2 ווערט געזאָגט:

„די לידער, וואס זייַנען געווידמעט האָפּשטיינען, זייַנען זייער שוואַך. וו י י נ י ק ע ר ק נ אַ ק נ ד י ק ע פ ר אַ ז ן, א ל ג ע מ יי נ ע ב א ג ר י פ ן און וו ע ל ט־פּ ר אַ ג ע ס, מער באשיידנקייט, איינפאַכקייט, מע דארף זוכן דעם וועג צום אייגענעם בילד און וואָרט".

די יאַטן פון „יונגוואלד" טרעטן אזויארום ארויס קעגן דער אַב־סטראקטקייט פון דער יידישער דיכטונג פון ערשטן נאָכאָקטיאַבער־פּעריאָד. מ'דאַרף נעמען אין אכט, אז אין יענער צייַט איז די האָפּשטיין־מאַרקיש־דיכטונג געווען דער איינציקער מוסטער, א מוסטער, וואס אלע האבן זיך געמוזט בא אים לערנען. דער כ' נוסינאָוו האט אין יענער צייַט, צום בייַשפּיל, וועגן די ביכלעך „ווידערוווקס" אין אן ארטיקל אין „קאָמפאָן" (קיעוו 1922־טן יאָר) געשריבן:

„האָפּשטיין, מאַרקיש, קוויטקאָ האבן א לענגערע צייַט געקענט בלייַבן איינזאמע העלדן אפן יאַם פון יידישער דיכטונג. די ליטעראַ־רישע גרופּע „ווידערוווקס" דעמאָנסטרירט אָבער איצט, אז דאס איז די

נײַע ליניע פון אונדזער דיכטערישן פראָנט. רײַכקײט פון בילדער און קלאַנגען, די פארשײדנארטיקײט און נײַקײט פון פראָבלעמען זאָגן: אָט אָ דאס איז די הײך פון קולטור פון יידישער דיכטונג, װער ס'איז בלינד פאר אָט אָ די האָפּשטײן־מאַרקיש־פאַרבן און בילדער, װער ס'איז טויב פאר אָט אָ די, לאָמיר זאָגן—ראַטן־רוסישע פראָבלעמען, דער שטײט אויסער דער ליטעראַרישער מאַכנע" („קאָמפאָן" 101, 1922) (אונדזער קורסיװ, א.א.).

אין „יונגװואלד" נום. 5 װערט אין אן ענטפער פּאָדאָלסקי (האָמלער פעדטעכניקום) געײצעט:

„שרײַבט גאנץ גלאט, אָפטמאָל גאָר געלונגען, אָבער, „עס שיטן טעג" און „פרײד" דריקן אויס אָפּגעריסענע שטימונגען, װאס שפּיגלען מיט גאָרניט אָפּ אונדזער נײַעם הײַנט, אונדזער קאָמיוגישן שטײַגער. און אונדזערע לײענער דאַרפן דאַפקע דאס לעצטע".

װעגן דער נויטיקײט צו שרײַבן װעגן דער רעװואָליוציע, װעגן דעם לעבן פון די ארבעטער און פויערים װערט דערמאָנט אין א רײ ענטפערן.

„יונגװואלד" 1925 נום. 3

„טײַערע כ"כ. א בּיניען פלעכטן קען מען ניט, אָבער פלעכטן שלעכט לידער איז אסאַך לײַכטער. װידעראַמאָל און װידעראַ־מאָל איבערגעקײַט אונדזערע דיכטער פון מאָריס ראָזנפעלד ביז האָפּשטײנען.

פּרוּװט זיך פאַרמעסטן ניט אזוי גרויס, ניט אף „װעלטן און הימלען", שרײַבט װעגן אײַער טאָגטעגלעכן לעבן.

ס'איז דאָך אכוץ „גײַסטער און העלפאנטן" פאראַן א קעמערל, א װארשטאט, א פאבריק. פּרוּװט געפינען די רעװאָליוציע אין דער טאָגטעגלעכער ארבעט און בויונג. לאָזט צורו די אויסגעדראָשענע כאַלאָשעסדיקע פּראַזעס".

„יונגװואלד" נום. 15. יאַנקעלעװיטשן. „אין יענע צײַטן" איז אָנגעשריבן לעבעדיק, זאַפטיק, אָבער „יונגװאַלד" פארלאַנגט פון דיר אַנדערע טעמעס, הײַנטיקע, שטעטלשע".

3. „יונגוואלד", 1926. בריוו־קעסטל נום. 5

ברידאָווסקי און נאזימאקן. איר באהערשט די שפּראַך און פאָרם, אָבער ביידע האט איר איין קרענק: מעליצע, הויכע פראזן, געפלאָנ־טערטע ווערטער. איר דארפט שרײַבן ווײַטער מער פּאָשעט, ווייניקער געריסן זיך אפן גאָרגל".

„יונגוואלד" נום. 8. אן ענטפער זינדער און ווערמאקינען:

„נאָך וואס שרײַבן פון היילן, וועלטן און האָריזאָנטן, אז איר האט אַזאַ גרויסע ערד מיט אזאַ מין נאָך ניט איינגאנצן ארומגעכאַפּט וועלטל, ווי דאָס שטעטל און דאָרף".

„יונגוואלד" נום. 10 אן ענטפער סאָסינען.

... אף דער פראַגע: ווער עס מעג שרײַבן קאָרעספּאָנדענץ אין „יונגוואלד", וועלן מיר דיר ענטפערן: יעדערער, אבי ער שרײַבט אָן לעבעדיק וועגן דעם לעבן פון די ארבעטער, קוסטאַרן און פויערשע יוגנט.

א. איצקאָוון, ש. רײַכסבערגן.

„דאָס זײַנען, ברידערלעך, נישט קיין לידער. ניט קיין בילד, קיין קלאַנג. איר דארפט מער לייענען די לידער פון „יונגוואלד", איציק פע־פערס ביכלעך און ארבעטן איבער זיך".

א בוילעטע און קלאָרע אָריענטאַציע אף דער פּראָלעטארישער ליטעראטור, קעגן מעליצע, אבסטראַקטקייט און בורזשואַזן עסטעטיזם.

און מיר זעען טאקע, אז די שרײַבער פון „שטראָם" זײַנען אין „יונגוואלד" די ערשטע צײַט ווייניק טעטיק. זיי האבן ניט מיט וואס צו קומען אינעם ברויזנדיקן „יונגוואלד". דער „יונגוואלד" באגייט זיך מיט די ווערק פון דער יוגנט און מיט איבערזעצונגען פון דער רוסישער פּראָ־לעטארישער ליטעראטור.

די פאָרשטייער פון קאָמיוג האבן וועגן דעם ניט איינמאָל גערעדט.

אין זײַן פאָרטראג אפן פלענום פון צ. ב. בא די ייִדסעקציעס באם קאָמיוג (1923) האט דער כ' מוני, דער רעדאַקטער פון „יונגוואלד", וועגן דעם אָפן גערעדט. אין א באריכט וועגן דעמדאָזיקן פלענום לייע־נען מיר:

„אַף די פֿאָרוואָרפֿן פֿון דער כ־טע סאָניע פֿרײַ וועגן דער גרויסער צאָל איבערזעצונגען אין „יונגוואלד" האט דער כ' מוני אַנגע־וויזן, אַז די רעדאַקציע האט איין פּראָבּיר־שטיין פֿאַרן מאַטעריאַל: צי אַנטשפּרעכט ער די אויפֿגאַבּעס פֿונעם זשורנאַל. די יידישע ליטעראַטן האָבּן ניט געהאַט וואָס פֿאָרצולייגן דעם „יונגוואלד"־לייענער. קיין מיס־טישע ליריק און בּערגעלסאָנישע פּראָזע דאַרפֿן מיר ניט. מיר זײַנען זי־כער, אַז דער וואַקסנדיקער לייענער נײַער לייענער וועט צווינגען דעם יידישן ליטעראַטער זיך אָ־יענטירן אַף אים און וועט—דאָס איז דאָס וויכטיקס־טע פֿון אַלץ־ אַרויסרוקן אייגענע ליטעראַטן".

שפּעטער הייבּן אין „יונגוואלד" אָן אַנטיילנעמען א ריי עלטערע סאָוועטישע שרײַבּער, וואָס אין זייער איבּערבּויונג האט דער „יונגוואַלד" אָפּגעשפּילט א גרויסע ראָליע.

אויך אין ווײַסרוסלאַנד און אין אוקראַינע הייבּן אָן אַרויסגיין יוגנט־אָרגאַנען. אין ווײַסרוסלאַנד: „דער יונגער אַרבּעטער", בּא וועלכן עס שאַפֿט זיך א קאָמיוגישע שרײַבּער־גרופּע „דער יונגער אַרבּעטער", דער פֿאָרגייער פֿון יידסעקציע בּעלאַפּפּ. אין כאַרקאָוו הייבּט אָן אַרויסגיין „ליבּקנעכטס דאָר", און שפּעטער־ די „יונגע גוואַרדיע".

סאָף 1923־טן יאָר האָבּן מיר א דיסקוסיע אַרום די צענטראַלע פּראַגעס פֿון יידישער ליטעראַטור. די דיסקוסיע הייבּט זיך אָן מיט אַן אַרטיקל פֿונעם כ. האָראָדאָקער אין „עמעס" 6/10־טן, 1923. „געדאַנקען פֿון א לעזער". כ' האָראָדאָקער שטעלט די פֿראַגע וועגן אַרבּעטער־שאַפֿונג, וועגן דער דער יידישער ליטעראַטור בּיכלאַל. אין זײַן אַרטיקל שרײַבּט דער כ' האָראָדאָקער:

„דער, וואָס לייענט דעם „עמעס", דער, וואָס האט זיך בּאַפֿרײַנדעט מיט דער איינציקער צענטראַלער יידישער אַרבּעטער־צײַטונג, דער, וואָס אינטערעסירט זיך מיט איר אַנטוויקלונג, דער וועט געוויס בּאַמערקן אַף אירע שפּאַלטן א נײַע דערשײַנונג, וואָס יעדער איינציקער אַרבּע־טער מוז בּאַגריסן.

אין די אָפּטיילונגען „אַרבּעטער־לעבּן" און „פּראָווינץ" האָבּן זיך אָנגעהויבּן בּאַווײַזן די ערשטע שוועלבּעלעך פֿון אַרבּעטער־שאַפֿונג. פֿאַר

די לעצטע פאָר מאָנאַטן האט דער „עמעס" אָפּגעדרוקט עטלעכע דער־ציילונגען פון „ארבעטער־לעבן", האט אָפּגעדרוקט אויך אן ארבעטער־לידל, און דאָ די טעג, איז אין אָפּטיילונג „פּראָווינץ" אָפּגעדרוקט אויך א דערציילונג.

דער שטעטלדיקער ארבקאָר, פארבינדנדיק זיך ענגער און אינטימער מיט זיין צייטונג, האט אָנגעהויבן ניט נאָר צושיקן אין זיין צייטונג דעם נויטיקן מאַטעריאַל, נאָר ער האט אויך אָנגעהויבן פאר איר צו שאַפן. דאס זיינען זייער גוטע סימפּטאָמען סיי מיצאַד דער רעדאַקציע, סיי מיצאַד דעם לעזער.

— שאַפן, ארבעטער־שאַפונג, דערציילונגען, לידער — פון וואָס מען מאַכט דאָס א וועזן. דאָס איז אויך קונסט? קינדער־פּלאַפּלען.

אזאַ מיינונג קענט איר אויסהערען פון „שטראָם" און פון א גאנצער ריי ייִדישע אינטעליגענטן און אויך קאָמוניסטן, וואס געפינען זיך ווייט פון דעם ייִדישן ארבעטער און זיינען ניט באקאנט מיט זיין לעבנ־שטייגער.

דער אָבער, וואס געפינט זיך צוזאַמען מיט דעם ארבעטער, דער ווייסט זייער גוט, אז די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור איז נאָך פרעמד דעם ייִדישן ארבעטער, זי איז נאָך ניט פייִק אים צו אָרגאַניזירן, זי איז נאָך ניט פייִק אים צו באגייַסטערן. די עטלעכע העפטן „שטראָם", וואס זיינען דערשינען פאר די לעצטע פּאָר יאָר, האבן ניט געמאַכט קיין באזונדערן איינדרוק אין דער „פּראָווינץ. זייער מעגלעך, אז די פּראָווינץ האט זיי אפילע אין די אויגן ניט געזען. מע קאָן מיט זיכער־קייט זאָגן, אז דאס מיט פּעטיט אָפּגעדרוקט פּרימיטיוו לידל אין איינעם פון די לעצטע נומערן „עמעס", האט הונדערטער מאָל מער לעזער, איידער דער זשורנאַל „שטראָם" — און דערמיט מוז מען זיך רעכענען.

ניט רעכנענדיק די געציילטע ביכלעך לידער פון האָפּשטיין, מאַר־קיש און קוויטקאָ — וואס האבן מיר פאר די יאָרן פון דער רעוואָליוציע געגעבן דער ברייטער ארבעטער־מאַסע אין געביט פון שיינע ליטעראַ־טור? — קימאַט גאָרנישט.

און ווער זאגט דאס, אז דער ייִדישער ארבעטער מוז דאָס זיין אומבאדינגט א „שטראָמיסט" און אז פון היינט אָן זיינען דאָס

אַלע מעכויעוו צו שרײַבן אף א ציקאַווער שפּראַך? אָט האבן מיר א רײַכע ליטעראטור אין רוסיש וועגן דער רוסישער רעוואָליוציע און אויך וועגן דעם נײַעם לעבנשטייגער, און דידאָזיקע ווערק זײַנען אָנגעשריבן דאסראָ ו דאפקע רעאַליסטיש.

... גענוג צו שטעלן דעם טראָפּ אויסשליסלעך אפן וואָרט אַרבעטער. מיר מעגן אונטערשטרײַכן ביידע ווערטער „אַרבעטער־שאַפונג". דער צווייטער וואָרט איז ניט ווייניקער וויכטיק.

... דער „עמעס" לאָזט אַלץ טיפערע וואָרצלען אין דער פּראָווינץ, ווי דאס איז צו זעען פון הונדערטער בריוו, וואס ווערן אין דער צײַטונג געדרוקט פאר דער לעצטער צײַט. לאָמיר געבן די מעגלעכקייט דעם אַרבעטער־לעזער אָפּשפּיגלען דאָס ארומיקע לעבן ניט נאָר אין דער פאָרם פון א קאָרעספּאָנדענץ.—א בילדל, א דערציילונג, א לידל, א קאריקאַטור מוזן זיין אָפטע געסט אין „עמעס".

אים האט געענטפערט כ' ליטוואַקאָוו מיט אן ארטיקל אין „עמעס": „קונסט ביכלאַל און אַרבעטער־שאַפונג ביפראט" („עמעס", אָקטיאַבער 1923). (אריין אינעם בוך „אין אומרו" ב. II).

אין זײַן אַרטיקל האט כאַווער ליטוואַקאָוו געפּרוּווט געבן אן אַנאַליז פון דעם צושטאַנד, אין וועלכן ס'האט זיך געפונען די יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור. דער כאַווער ליטוואַקאָוו שטעלט פעסט, אז די סאָוועטישע יידישע ליטעראטור לעבט איבער א שאַרפן קריזיס. דער סאַכאַקל איז א טרויעריקער. די עלטערע פאָרשטייער פון דער „ריינער קונסט"—ניסטער, בערגעלסאָן—זײַנען גאנץ ווײַט פון אָקטיאַבער־שאַפונג, די סאָוועטישע דיכטער (האָפשטיין, קושנעראָוו א. א.) זײַנען, לויטן כ' ליטוואַקאָוו, אַלע קליינבירגערלעכע שרײַבער, און זייערע שטימונגען בײַטן זיך; די ארבעטער, וואָס פרוּוון שרײַבן קינסטלערישע ליטעראטור, דארפן זיך נאָך לערנען, זײַנען אנאלפאבעטיש,—בלײַבט טאַקע א פוסט אָרט אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

דער גרעסטער כעסאָרן פון דעם ארטיקל באשטייט אין דעם, וואס ער איז רעגיסטראַטעריש, ער קאָנסטאַטירט, אָבער ער גיט נישט קײַן שום פערספעקטיוו פאר דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור, ער שטעלט פאר איר נישט קיין אופגאַבע. אויסער דעם, זעט דער כ' ליט־

וואַיאָוו אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור דערווײַל נאָך קיין שום סימאָנים פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, ער זעט זי דערווײַל אַפילע נישט אין דער פּערספּעקטיוו.

מיט אַן ענטפער דעם כ׳ ליטוואַקאָוו טרעט אַרויס דער כ׳ בראָנשטיין, נאָך דאַמאָלס אַ יונגער קריטיקער („עמעס“ 1923). בראָנשטיינס אַרטיקל רופט אַרויס אָנפאַלן, באַשולדיקונגען אין לינקיזם.

דער כ׳ בראָנשטיין פּרוּווט געבן אַן אָפּשאַצונג דער אַזויגערופענער „קיִעווער גרופּע“, ריכטיקער געזאָגט, דער „אייגנס“-גרופּע. ער שטעלט אַרויס אַ פאָדערונג, אַז די קונסט זאָל דינען דער רעוואָליוציע און פאָדערט, אַז די קינסטלערישע שאַפונג זאָל גענומען ווערן אונטער דער האַשגאָכע פונעם פּראָלעטאַריאַט.

אין זײַן אַרטיקל:

„אונטער דער האַשגאָכע פון פּראָלעטאַריאַט“ שרײַבט צווישן אַנדערע דער כ׳ בראָנשטיין:

„די קיִעווער גרופּע אין אונדזער יונגער מאָדערנער קונסט האָט אָן שום סאָפּעק אויסגעפּילט אַ וויכטיקע היסטאָרישע שליכעס,—דאָס איז געווען קלאָר יעדן פון אונדז. באַלד פון די ערשטע טריט שוין איז אָבער אויך קלאָר געווען פאַר יעדן מאַרקסיסט, אַז דאָ האָבן מיר צו טאָן ניט מיט אָקטיאַבער-קונסט, נאָר מיט אַ געוויינלעכער אינטעליגענטישער מאָמענט-היספּײַלעס. פלעכאַנאָוו רופט עס אָן: „אַ פאַמיליען-סקאַנדאַל“, וואָס גייט אָבער ניט אַרויס פון די ראַמען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. עס וועט זיך ענדיקן דער האָניק-מאָמענט פון דער רעוואָליוציע, עס וועלן פאַרשוויגן ווערן דאָס „שטײַפע פײַקל“ און דער „שײַנענדער טרומייט“ און דעם, וואָס איז פריִער געגאַנגען ,,אין די פאָרנטיקע רייען מיט שטאָלך-דרייסטע“ א. אז. וו., וועט אַ צי טאָן נאָך „אַ טאָליקן גאָליל“ און נאָך „שאַרפע אמאלן“... אונדזערע עלטערע כאַוויירים-מאַרקסיסטן, און אין דער ערשטער ריי דער כ׳ ליטוואַקאָוו, האָבן באַדאַרפט נאָך מיט 3 יאָר צוריק זאָגן זייער מאַרקסיסטיש וואָרט, וואָלטן מיר עפּשער ניט געקומען צו דעם טויטן פונקט אין דער ייִדישער קונסט, אין וועלכן מיר געפינען זיך אַצינד.

דאָס איז ניט געטאָן געוואָרן.

פאַרקערט, אין „עמעס" זײַנען געדרוקט געוועזן יאָנטעוודיקע אַר־טיקלען פון כ' דאָבּרושין וועגן דער ייִדישער אָקטיאַבּער־ליטעראַטור דורך און דורך רעאַקציאָנערע, דורך און דורך אײַנגעזאַפּט מיט אידעאַ־ליסטישע פאָרורטײלן.

... טאקע ניט איבּערשאַצן די אייגענע קויכעס (כ' ליטוואַקאָוו האט רעכט אין דער הינזיכט), אָבּער אויך ניט גיין אף קיין שום האנאָכעס אין אונדזער מאַרקסיסטישער קונסט־אופאסונג.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

די אינטעליגענטישע פלאפלערײַען וועגן דעם, אז קונסט קען מען ניט דעקרעטירן, אז דער דיכטער „זינגט ווי דער פויגל פרײַ" וועט דאָ קיינער פון אונדז ניט נעמען אין אכט.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

קומען עסטעטיקער פון „שטראָם" און זאָגן, אז דאָס איז פלאך־אוטיליטאריסטיש. ניין, דאָס איז אָבּער יענע נאַטירלעכע רעוואָליוציאָ־נערע אנטיטעז, וועלכע מוז זיך איבּערכאַזערן אין יעדער רעוואָליוציאָ־נערער איבּערגאנג־עפּאָכע.

די מאָלערײַ מוז דינען דער רעוואָליוציע, ניט דער געאָמעטריע!

כ' ליטוואַקאָוו, און די אלע, אף וועלכע מיר, מאַרקסיסטן, קענען זיך פאַרלאָזן, דאַרף נעמען אף זיך די אופגאַבּע אין דער נאָענטסטער צײַט צו שאַפן א פּאָפּולערן מאַרקסיסטישן לערנבּוך פון דער ייִדישער און אייראָפּײִשער ליטעראטור.

... אונדזער יוגנט, וואס שעפּט בּיז היײַנטיקן טאָג איר קונסט־דערציִונג פון „שטראָם"־אַרטיקלען, ווארט מיט אומגעדולד אפן דערשײַ־נען פון אַזאַ מין בּוך".

אין דעם ארטיקל, האט כ' בראָנשטיין געשטעלט עטלעכע גרונט־פראַגעס: וועגן איבּערשאַצן די קיִעווער גרופּע, וועגן בּאַציִונג צום „שטראָם" און וועגן דער נויטיקייט, אז די מאַרקסיסטישע קריטיק זאָל זיך אריינמישן אינעם ליטעראַרישן פּראָצעס און אים ריכטן אפן וועג פון רעוואָליו־ציאָנערער קונסט, וואס „דאַרף דינען דער רעוואָליוציע, נישט דער עאָמעטריע!"

דאס איז געווען א היפּשער אײַנבראָך אין דער פעסטונג פון דער „שטראָם"־אידיליע, און פארשיידענערליי נאַציאָנאַליסטישע קריטיקער זײַנען שאַרף ארויסגעטראָטן קעגן דעם אַרטיקל פון כ' בראָנשטיין.

א. ר. צווייג, וועלכער איז נאָך דאַמאָלס געווען שטאַרק אָנגעזאַפּט מיט ייִדישיזם, האט אין „עמעס" פאַרן 28/10־טן, 1923 אָנגעשריבן אן ענטפער דעם כאַווער בראָנשטיין אונטערן נאָמען „אביסל פאַר־שפּעטיקט".

אין דעם אַרטיקל האט א. ר. צווייג אינגאַנצן גענומען אונטער זײַן שוץ די קיִעווער פּאָעזיע פון „אייגנס"־און פונעם „שטראָם"־פּעריאָד, באַרעכטיקט ד. האָפשטיינס נאַציאָנאַליסטישע „ליד פון מײַן גלײַכגילט", געפינען א באַרעכטיקונג אין דער קיִעווער פּאָעזיע אין דעם, וואס זי האט ארויסגערופן צום לעבן „אונדזער איצטיקע מעכאַיעדיק־זאַפטיקע ייִדישע שפּראַך", און געשטעלט אין צענטער פון דער ייִדישער ליטע־ראַטור די קליינבירגערלעכע ייִדישע שרײַבער.

סאָף 1924 יאָר ווערט געשאַפן די ייִדישע סעקציע בא דער אָרגאַ־ניזאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער אין מאָסקווע—די ייִדסעקציע מאַפּפּ. צו דערזעלבער צײַט (נאָיאַבער 1924) האבן מיר ווידער א דיסקוסיע וועגן פּראַגעס פון ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. די דאָזיקע דיסקו־סיע איז ארויסגערופן געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיטן ערשטן קולטור־צוזאַמענפאָר (דעקאַבער, 1924). די דיסקוסיע הייבט אָן דער כ' גילדין מיט אן אַרטיקל אין „עמעס" (נאָיאַבער) אונטערן נאָמען: „א צײַט פּראַגע".

סײַ אין גילדינס אַרטיקל, סײַ אין דער ארויסטרעטונג פון כ' ליטוואַ־קאָוו אפן קולטור־צוזאַמענפאָר זײַנען געשטעלט געוואָרן די צענטראַלע פּראָבלעמעס פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור פון יענער צײַט. די דיסקוסיע האט זיך געדרייט ארום די פּראַגעס פון אַקטיווער פּאַרטיי־פּאָליטיק אין פּראַגעס פון ליטעראַטור, ארום דער פּראַגע פון פּראָלע־טאַרישער ליטעראַטור און דער מיטלויפער־פּראָבלעם. אין זײַן ארטיקל „צײַט־פּראַגע" האט כאַווער גילדין געשריבן:

„אז די ייִדישע קאָמוניסטישע געזעלשאַפטלעכקייט האט מיט איר פּאַסיווקייט געזינדיקט קעגן דער ייִדישער ליטעראַטור—וועגן דעם קאָ־נען צוויי מיינונגען ניט זײַן.

א ליטעראטור, וואס איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער קלייןבירגערלעכער אידעאָלאָגיע, אזא ליטעראַטור וואָלט געדאַרפט זיין אונטער א דאָפּלטער האַשפּאָע פון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע.

פאַרלאָזן זיך אפן אָביעקטיוון פראָצעס האט מען אים דעם פאל ניט געטאָרט. ווייל צו קורץ איז דער טערמין, אז דער ארבעטער־קלאַס זאָל שוין קאָנען אויסטיילן פון זיך א באדייטנדע צאָל פּראָלעטאַריש־דענקנדע קינסטלער, און צו שוואַך איז געווען די גאַראַנטיע, אז דער פאר־רעוואָליוציאָנערער שרייבער און אפילע דער שרייבער, וואס איז געקומען מיט דער רעוואָליוציע, וועט זיין אימשטאַנד קינסטלעריש באַלויכטן אונדזער ווירקלעכקייט לויטן טאָך און פארנעם פון אונדזער עפּאָכע.

... אָט דעמדאָזיקן מאָמענט האט די יידישע קאָמוניסטישע געזעלשאַפטלעכקייט אינגאנצן פארזען, זי האָט זיך פאדלאָזט אף דער קלוי־מערשטדיקער רעוואָליוציאָנערקייט פונעם שרייבערס אינטויציע און ניט נאָר אידעאָלאָגיש האט זי אים ניט אָרגאַניזירט, ניט אָנגעווענדט זיינע קינסטלערישע פייקייטן לעטויוועס דעם ארבעטער־קלאַס, נאָר, פאר־קערט, זי האט אים געלאָזט אָריענטירן זיך אף זיך אליין, אף זיין איבערגענוצעוועטער אידעאָלאָגיע, ניט קאָנטראָלירט זיין צוגאַנג, די דערשיינונגען פון לעבן, ניט געשאַפן פאר אים קיין אידעאַל און מאַ־טעריעלן צענטער.

פאר די צוויי יאָר, וואס דער „שטראָם" איז דערשינען, איז פאר אלעמען קלאָר געוואָרן, אז דער גרעסטער טייל יידישע קלייןבירגער־לעכע שרייבער האבן ניט וואס צו זאָגן, ניט געקוקט אף דער רעוואָ־ליוציאָנערקייט פון זייער פאָרם, זיי זיינען געקומען פון אן אַנדער וועלט, מיט א פרעמדער טויטער שפּראַך, מיט אָפּגעוועלקטע אַנטי־סאָציאַלע מאָטיוון, אָפּגעריסענע פון דער יידישער ווירקלעכקייט, מיט איר ווייטיקן, פריידן און האָפענונגען. זיי זעען ניט, זיי פילן ניט און הערן ניט, וואס אינעם יידישן לעבן קומט פאָר, ווייל דער אָווער הענגט אף זיי ווי א שווערע בעטלערישע טאָרבע. און פאר דער געגנוואַרט זיינען זיי בלינד, אָנמעכטיק.

דאס איינציקע, וואס זיי האבן באוויזן, איז א ליטעראַטור, וואס קיינער דארף זי נישט, און אז מע זאָל זיך צוקוקן איז דאָרט ניטאָ

וואָס צו פארשטיין. פאר די מער ווייַטזיכטיקערע איז שוין גאַנץ קלאָר געוועזן, אז אויב מיר ווילן האבן א ליטעראַטור, וואס זאָל רעדן אף דער שפּראַך פון נייַעם לעבן, דאַרף די הויפּט־אופמערקזאַמקייט אָפּגעגעבן ווערן די ליטעראַרישע פרווון פונעם אַרבקאָר, ארבעטער און קאָמיר־גיסט. עמעס, זייער טעכניק און פאָרם וועט עפשער די ערשטע צייַט זייַן פיל נידעריקער, ווי די פאָרם און טעכניק פון די פאַטענטירטע שרייַבער. דאָס דאַרף אָבער ניט אָפּשרעקן, ווייַל דער אַרבעטער, וואס איז אוועק פונעם שטיצער אפן פאָסט פון א דירעקטער, איז אויך גע־ווען טעכניש און פראָפעסיאָנעל אסאַך ווייניקער געבילדעט, ווי זייַן פארגאַנגענער אינזשעניער, און דאָך האט די פאַרטיי געשטרעבט צו מאַכן פון דעם ארבעטער א געשיקטן דירעקטער, און זי האט עס דער־גרייכט.

די רעוואָליוציע האט אונדז דערוויזן, אז פאָרלויפיק זייַנען אלע פאָרמען און די ראפינירטסטע טעכניק ניט אימשטאנד אייַנצופאַסן אין זיך די גוואַלדיקע דינאַמיק פון אונדזער לעבן. דער אינהאלט שפּאַרט ארויס פון אלע פאָרמען און זוכט זייַן אייגענע דינאַמישע פאָרם, וואס וועט זיך ערשט מיט דער צייַט אויסקריסטאַליזירן.

איינס אָבער איז קלאָר: דער אַרבקאָר, דער אַרבעטער, דער קאָמיר־גיסט וועט קומען מיט א נייַעם צאַפּלדיקן ־ אינהאלט, זייַן שפּראַך, זייַן צייכענונג וועט זייַן קאָנקרעט, געזונט, פּראָסט און קלאָר. עס איז אונד־זער לעבן און שטרעבן, און אָט אף דעם געביט האט מען געדאַרפט אָנווענדן די גאנצע אופמערקזאַמקייט, ניט שעמען זיך פאר זייערע ערשטע עפשער ניט גאָר געלונגענע פרווון, נאָר פארקערט, ברייט פאר זיי צעעפענען די טירן פון דער יידישער ליטעראטור, לערנען זיי, פירן זיי, מיטהעלפן זיי ארויסצוגיין אף א ברייטן וועג, און אזויארום שאַפן דעם נייַעם שרייַבער און אויך די נייַע פּראָלעטאַרישע ליטערא־טור. נאָר דאָס האט מען ניט געטאָן. פאַרקערט, מע האט געגעבן א לאָזונג, דער אַרבקאָר זאָל שרייַבן נאָר כראָניק, אָבער אין קיין פאַל זאָל ער זיך ניט פארנעמען מיט ליטעראַרישע פרווון, ווייַל דאָס געהער דעם קינסטלער. מע האט זיך דערשראָקן פארן קלוימערשטן מאַכל ליי־דער און צעליאַרעמט זיך, אז מיר ווערן פארטרונקן, ווייַל „דאָס גאנצע יידישע פאָלק שרייַבט לידער“.

דער ייִדישער קולטור־צוזאַמענפאר דאַרף די אַלע מאָמענטן ערנסט נעמען אין אכט, ברייטער צעוויקלען די אַלע פּראָבלעמען, זיך פאַר־טראַכטן ארום דער לאַגע פון דער ייִדישער קונסט און מיטהעלפן צו לייגן א פעסטן גרונט־שטיין פאר א פּאָזיטיווער פּאָליטיק בענעגייע דער ייִדישער ליטעראַטור און קונסט.

כאַיִם גילדין".

ווי מיר זעען, האט גילדין געפאָדערט אַקטיווע אריינמישונג פון דער פאַרטיי אין די פּראַגעס פון דער ליטעראטור לעטויוועס דער פּראָלע־טאַרישער ליטעראַטור. כאַוועד גילדין האט פּאָלעמיזירט מיט כ׳ ליטוואַקאָוו (ניט אָ:רופנדיק זיין נאָמען), אים באשולדיקט, אז ער קומט ניט צו הילף דער קאָנקרעטער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. בא גילדינען איז אָבער פאלש געשטעלט געווארן די מיטלויפער־פּראָבלעם. עס זיינען געווען בא אים אייניקע פערווערזיאנישע טענזסן בענעגייע צו די מיטלויפער, וועלכער ער האט אינגאַנצן ניט דיפערענצירט.

די דיסקוסיע ארום פּראַגעס פון ליטעראַטור איז פאַרגעזעצט גע־וואָרן אפן ערשטן אלפאַרבאַנדישן קולטור־צוזאַמענפאר (דעקאַבער 1924).

פונקט ווי אין דער דיסקוסיע סאף 1923 יאָר, האט אויך איצט דער כאווער ליטוואַקאָוו ניט אָנגעוויזן קיין אויסוועג פונעם קריזיס, וועלכע די ייִדישע ליטעראַטור לעבט איבער. ער רעגיסטרירט, אז די ייִדישע ליטעראַטור שטייט אָפּ פונעם לייענערס פאָדערונגען, אָבער ניט מער. פון איין זייט, זעט דער כ׳ ליטוואַקאָוו נאָך קיין סימען פון ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור בא אונדז, פון דער צווייטער זייט — דיפערענצירט ער אַבסאָליוט ניט די מיטלויפער, בלייבט אזויארום א ליידיק אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין ראַטנפארבאַנד.

די גאָרוואס געגרינדעדע ייִדסעקציע „מאַפּפּ" האט אין כ׳ ליטוואַ־קאָווס רעדע, ווי אין זיין שלוס־וואָרט, קיין אונטערשטיצונג נישט געפונען.

פאַרקערט, אין יענער צייט באווייזט זיך אין „עמעס" א נאָטיץ וועגן דער גרינדונג פון דער ייִדסעקציע „מאַפּפּ", און באנאַנד מיט איר א מעלדונג וועגן דער גרינדונג פון א גרופּע „אָקטיאַבער־שרייבער", וואס האט זיך אויסגעבילדעט פון די איבערגעבליבענע „שטראָמעוועס".

דיראַזיקע מעלדונג איז צונויפגעשטעלט זייער כאַראַקטעריסטיש. מיר ברענגען דאָ דעם טעקסט פון ביידע נאָטיצן:

## „צווישן שרײַבער

בּא דער מאָסקווער אַסאָציאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער (מאַפּפּ) איז באשטעטיקט געוואָרן א ייִדישע סעקציע. די ביוראָ פון סעקציע באשטייט פון פאָלגענדע כאווערים: כ. גילדין, א. וועוויאָרקע, א. קושניראָוו, א. שויכעט און א פאָרשטייער פון דער „יונגוואַלד"־גרופּע — י. ראבין. מיט אלע אָנפראַגעס זיך ווענדן אין דער ייִדסעקציע פון דער מאָסקווער אַסאָציאַציע פון פּראָלעטארישע שרײַבער.

— צווישן די שרײַבער, וואס גייען ניט ארײַן אין דער גרופּע, וואס רעכענען זיך פאר פּראָלעטארישע שרײַבער (אונטערגעשטראָכן פון מיר. א. א.), ווערט איצט באהאנדלט די פראַגע וועגן בילדן א גרופּע „אָקטיאַבער־שרײַבער". — ד. ה., פון שרײַבער, וואס שטייען אף דער פּלאַטפאָרם פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און פון דער ראַטנמאַכט. לויט איר ליטעראַריש־געזעלשאפטלעכער און פּראָלעטארישער אי־עאלאָגיע וועט דיראָזיקע גרופּע זײַן נאָענט צו דער רוסישער אסאָציאַציע פון ארבעטער־פּויערשע שרײַבער".

די באציונג צו די ביידע גרופּן איז דאָ א קלאָרע: די „מאַפּפּ"־גרופּע איז א גרופּע, וואס „רעכנט זיך פאר פּראָלעטארישע שרײַבער", די רעשט־לעך פון „שטראָם"־גרופּע איז לויט דער מעלדונג, לויט איר ליטעראַריש־געזעלשאפטלעכער (?) און פּראָלעטארישער אידעאָלאָגיע נאָענט דער אסאָציאַציע כון ארבעטער־פּויערישע שרײַבער".

די ייִדסעקציע בּאם „מאַפּפּ" האט זיך אויסגעבילדעט פון דער שרײַבער גרופּע: גילדין, טייטש, פּערסאָוו און אנד., פונעם לינקן פליגל אין „שטראָם": וועוויאָרקע, קושניראָוו, שויכעט (זע קאפּיטל וועגן „שטראָם") און פון אייניקע פאָרשטייער פון דער „יונגוואלד־גרופּע": ראבין).

די איניציאַטיוו צו שאפן די ייִדסעקציע „מאַפּפּ" האט אף זיך גענומען די גרופּע גילדין, טייטש. אין א פּראָטאָקאָל (איינצייטיק א ווענדונג אין „מאַפּפּ" — געשריבן אין רוסיש) פון דער אָרג־זיצונג דעם 3/11־טן, 1924, רעדט זיך וועגן ווענדן זיך אין „מאַפּפּ", קעדיי צו אָרגאַניזירן א ייִדישע סעקציע.

## פּראָטאָקאָל פון 3/11־טן, 1924 יאָר

אין מאָסקווער אַסאָציאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער „מאַפּפּ“:

זיצונג פון דער אָרגאַניזיר־גרופּע פון ייִדישע פּראָלעטאַרישע שרײַבער דעם 3/11־טן, 1924 יאָר.

אָנוועזנד: כ״כ, שויכעט, גילדין, ראַבין, טייטש, פּערסאָוו.

| געהערט: | באַשלאָסן: |
|---|---|
| וועגן אָרגאַניזירן א סעקציע פון ייִדישע פּראָלעטאַרישע שרײַבער באַם מאַפּפּ. | 1) אָנגעבן א מעלדונג אין מאָסקווער אַסאָציאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער מאַפּפּ מיטן צוועק אַרײַנצוגיין אין אָרגאַניזאַציע און שאַפן א ייִדישע סעקציע באַם מאַפּפּ. |
| וועגן דער באַציִונג צו די כ״כ שרײַבער, וואס שטייען אין אידעאָלאָגישער הינזיכט נאָענט צו אונדז, נאָר געפינען זיך אין אנדערע אָרגאַניזאַציעס. | 2) פאָרלייגן די כאַווײרים קושניראָוו, וועוויאָרקע און כאַריקן ארויסגיין פון דער גרופּע „שטראָם“, זיך פאַרייניקן מיט אונדזער גרופּע, איינינעם דערלאַנגען א מעלדונג אין מאַפּפּ, קעדיי איינצייטיק איינינעם אַרײַנטרעטן אין אָרגאַניזאַציע און שאַפן א ייִדישע סעקציע פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער, וואס שטייען אויף דער פּלאַטפאָרם פון מאַפּפּ. |

מיטגלידער פון ר. ק. פּ.

אונטערשריפטן: א. ש. (שויכעט א.). כ. גילדין.

11־3־טן, 1924 יאָר.

אף דער זיצונג פון דער גרופּע דעם 8/11 1924 יאָר ווערט אויך צונויפגעשטעלט א פּראָעקט פון א מעלדונג, וואס עס דאַרף דער־לאַנגען יעדער כאַווער, וואס וויל אריינטרעטן אין „מאַפּפּ״.

דער טעקסט:

„אין ביוראָ פון דער פּראָלעטארישער גרופּע פון די יידישע שרייבער.

איך בעט די ביוראָ מיך אריינעמען אלס מיטגליד פון דער פּראָלע־טארישער גרופּע פון די יידישע שריפטשטעלער. דערמיט אליין מעלד איך, אז איך טרעט ארויס פון אלע איבעריקע גרופּן. איך בין זיך מיס־כייעוו ניט צו דרוקן זיך אין קיינע אנדערע אויסגאבן, אויסער די יידי־שע פּראָלעטארישע און ביכלאל אינגאנצן אונטערוואַרפן זיך דער כאַ־ווערישער דיסציפּלין פון דער גרופּע״.

ווי ס׳איז צו זען פון די אויבנגעבראכטע פּראָטאָקאָלן, איז געגאַן א גאנץ אינטענסיווע ארבעט אף צו אָרגאַניזירן די יידסעקציע באם „מאַפּפּ״. די פּראָלעטארישע גרופּע האט, ווייזט אויס, פאר דער צייט געפירט אונטערהאנדלונגען מיט דעם לינקן „שטראָם״־פליגל. די ערשטע צייט האבן די אונטערהאנדלונגען נישט געגעבן קיין שום רעזולטאטן. דאס דערוויסן מיר זיך פון א פּראָטאָקאָל פון דער פּראָלעט־גרופּע פו־נעם 8/11־טן, 1924 יאָר.

פּראָטאָקאָל

8/11־טן, 1924.

געווען כ״כ: גילדין, ראבין, שויכעט, פּערסאָוו, טייטש.

אינפּאָרמאַציע פון כ״כ: גילדין, שויכעט, ראבין.

געהערט: באַשלאָסן:

1) פּארעגיסטרירן זיך אין מאַפּפּ אין די נאָענטסטע. טעג.

2) אלע פּראַגעס, וואס האבן א שייכעס צו דער גרופּע, קענען

| | |
|---|---|
| באַשטימט ווערן נאָר דורך דער ביוראָ, פּרינציפּיעלע פּראַגעס — אף דער אַלגעמײנער פאַרזאַמלונג. | |
| 3) וועגן „שטערן“. | פאַרבינדן זיך, אָנפרעגן זיך, וועלכע עלעמענטן באַטײליקן זיך אין זשורנאַל, שרײַבן אונדזערע יעסוידעס. |
| 4) וועגן קושניראָוו און די איבעריקע. | אַזױװי זײ האָבן די מעלדונגען ניט אונטערגעשריבן, ניט רעכענען זײ דערװײַל פאַר קײַן מיטגלידער. |
| 5) סטאַטוט פון מאַפּפּ. | אָנעמען אָן ענדערונגען. |
| 6) וועגן די אונטערשריפטן אפן דערלאַנגטן מעמאָראַנדום. | נאָך דער רעגיסטרירונג אַראָפּנעמען די כסימעס. |

ווי ווײַט עס איז נאָך אַפילע צווישן אײניקע לינקערע „שטראָם“־שרײַבער געוועזן דער אומצוטרויען צו דער אַרבעט פון דער פּראָלעטאַרישער גרופּע, ווײַזט פּאָלגנדיקער ענטפער פון ש. גאָדינער און ד. מייעראָוויטש גילדינען אף דער ווענדונג פון דער גרופּע אַרײַנצוטרעטן אין דער ייִדסעקציע באַם „מאַפּפּ“.

אין זײער בריוו שרײַבן די כ״כ גאָדינער און מייעראָוויטש פּאָלגנדעס:

כאָשעווער כאַווער גילדין!

אַלס ענטפער אף אײַער ווענדונג צו אונדז וועגן אונדזער אַרײַנטרעטן אין דער ייִדישער סעקציע באַם „מאַפּפּ“, מעלדן מיר אײַך, אַז מיר געפינען, אַז אויסער אײנצלנע כאַוויירים, וועלכע האָבן דאָס רעכט צו טראָגן דעם בעקאָוועדיקן נאָמען „פּראָלעטאַרישער שרײַבער“ באַשטײט אָבער דער ראָוו פון דער סעקציע פון כאַוויירים, וועלכע האָבן מיט זײער גאַנצער אַרבעט ביז הײַנטיקן טאָג ניט דערוויזן, אַז זײ זײַנען בעקױעך צו שאַפן יענע רעוואָלוציאָנערע ווערק, וועלכע זאָלן שטײן אף דער קינסטלערישער הײך, צו וועלכע די נאָכאָקטיאַבערישע ייִדישע ליטעראַטור האָט שוין דערגרײכט און וועלכע דאַרף דינען אַלס

אויסגאנג־פונקט פאר דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג אירער. צוליב די אַנגעוויזענע סיבּעס טרעטן מיר ניט ארײַן אין דער יִדישער סעקציִע פון „מאַפּפּ".

מיט כ' גרוס: ש. גאָדינער,
דאניעל—מייעראָוויטש."

21-11־טן, 1924.

דאָ שטייט ווידער אמאָל אויף טכיִעס־האמייסים די „שטראָם"־טעאָריע וועגן דער קינסטלערישער הייך, צו וועלכער די נאָכאָקטיאַבּערישע יִדישע ליטעראטור האט שוין דערגרייכט, און וועלכע דארף דינען אלס „אויסגאנג־פונקט פאר דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג אירער". ס'איז דאָ אן אנדער וואריאַציע פון נוסינאָווס געדאַנק וועגן דער נישט אײַבּערגעשטיגענער האָפּשטיין־מארקיש־דיכטונג, וואס ווערט געשטעלט אלס איינציקן מוסטער, און אזויוויי די נאָרוואס געגרינדעטע יִדסעקציע „מאַפּפּ" פארמאָגט נישט אזוינע דיכטער, זאָגן זיך גאָדינער און מייעראָוויטש אָפּ ארײַנצוטרעטן אין דער גרופּע.

אינדערמיט נאָיאַבּער 1924 האט שוין די יִדישע סעקציע „מאַפּפּ" פארבּינדונג מיט דער אלגעמיינער „מאַפּפּ"־אָרגאַניזאַציע. דאס איז צו זען פון א בּריוו־צירקוליאַר צו דער יִדסעקציע „מאַפּפּ".

„דעם סעקרעטאַר פון דער ליטקרײַזן־גרופּע דער יִדישער סעקציע— כ' גילדין.

שאַבּעס דעם 22־טן נאָיאַבּער, $5^{-1}/_2$ אז. אָוונט וועט אין גאָסיזדאַט (ראָזשדעסטווענסקאַיאַ 4), באם גענעראַל־סעקרעטאַר פון מאַפּפּ, כ' פורמאַנאָוו (צימער נ. 29) פאָרגעקומען אן עקסטרע פארזאַמלונג פון סעקרעטארן פון די ליטקרײַזן און גרופּעס פון מאַפּפּ. יעדער סעקרעטאר מוז צושטעלן אף דער פארזאַמלונג פאָלגנדע מאַטעריאַלן: 1) א באריכט וועגן דער דורכגעפירטער ארבּעט פון קרײַז (גרופּע), 2) ארבּעט־פּלאַן פאר לויפנדיקן יאָר, 3) אויסגעפילטע אנקעטעס פון די מיטגלידער פון קרײַז, 4) קסאוויאדן, פאָרצולייענען אף די אָפענע פארזאמלונגען פון מאַפּפּ, 5) פארצייכענונגען, סצענקעס א. אז. וו. וועגן דער פײַערונג פונעם זיבּעטן יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבּער־רעוואָליוציע, קעדיי אָפּ־

צושיקן עס אין אגיטפּראָפּ פונעם קאָמינטערן, 6) די צעטלען פון די מיטגלידער פון קרייַז, וואס זייַנען מיטגלידער פונעם פאריין פון בילדונגס־טוער.

סעקרעטאַר פון מאַפּפּ (ד. פורמאַנאָוו)"

15־טן נאָיאַבער, 1924.

אף דער זיצונג פון דער פראָלעט־גרופּע דעם 18/11־טן פיגורירט שוין קושניראָוו, א. וועוויאָרקע.— א טייל פון „שטראָם", ווי וועוויאָרקע, א. קושניראָוו, שפּעטער אביסל גאָדינער, האבן זיך גיך פאראייניקט מיט דער פראָלעט־גרופּע אין דער נייַ־געשאפענער יידסעקציע „מאַפּפּ". אף אָט דער זיצונג זייַנען באהאנדלט געוואָרן א ריי פראַגעס, וואס האבן געהאט א שייַכעס צו די וויכטיקסטע ליטעראַרישע פראַגעס אין יענעם פעריאָד.

## פּראָטאָקאָל

זיצונג פון גרופּע דעם 11 18־טן, 1924 יאָר.

געווען: גילדין, וועוויאָרקע, שויכעט, ראבין, פערסאָוו, טייטש.

פאָרזיצער—כ׳ גילדין, סעקרעטאַר—כ׳ טייטש.

| געהערט: | באשלאָסן: |
| --- | --- |
| וועגן פארטרעטונג אפן קולטור־צוזאמענפאָר. | באפולמעכטיקן וועוויאָרקען ארייַנגיין צו לעוויטאַנען, דערקלערן אים, אז דער קרייַז* עקזיסטירט ניט מער, און די גאנצע פארטרעטערשאפט דאַרף גיין פאר דער גרופּע. |
| וועגן דער ליקווידירונג פון ליטעראטן־קרייַז. | געבן א מעלדונג אין „עמעס" וועגן צונויפרופן א פארזאַמלונג פון קרייַז, קעדיי אים צו ליקווידירן. |

*) געמיינט: דער מאָסקווער קרייַז פון ליטעראטן און קינסטלער אין מאָסקווע.

מעלדן אין פרעסע וועגן דער אָרגאַניזירונג פון דער גרופּע.

פּראָעקט פון מעמאָראַנדום אין צ. ק.

באַפולמעכטיקן דעם כ׳ שווי־כעט.

איבערגעבן די כ״כ שויכעט און גילדין אף רעדאַגירן און דערלאַנגען.

סעקרעטאַר—מ. טייטש.

סאָף נאָיאַבער איז, ווײַזט אויס, פאָרגעקומען די ענדגילטיקע קאָנ־סאָלידאַציע פון די יִדישע פּראָלעטארישע שרײַבער אין מאָסקווע. אָנהויב דעקאַבער פיגורירט שוין אין די פּראָטאָקאָלן די יִדסעקציע „מאַפּפּ״.

איינע פון די ערשטע ארבעטן פון דער יִדסעקציע „מאַפּפּ״ איז גע־ווען דער קאַמף קעגן דעם „שטראָם״, ווי אויך די צוגרייטונג פון א אלמאַנאַך, וואס זאָל דעמאָנסטרירן די שאַפונג פון די יִדישע פּראָלע־טארישע שרײַבער.

פון א פּראָטאָקאָל פון 2־טן דעקאַבער, 1924 יאָר, דערוויסן מיר זיך סאָלגנדעס:

פּ ר אָ ט אָ ק אָ ל

פארזאַמלונג פון דער יִדישער סעקציע באם מאַפּפּ.

ט אָ ג־אָ ר ד ע נ ו נ ג:

1) וועגן דער פייערלעכער עפענונג,
2) וועגן א ליטערארישן דיספּוט,
3) קאָנסטרוירונג פון רעדקאָלעגיע,
4) לויפנדיקע פראגעס.

ג ע ה ע ר ט:

וועגן דער פײַערלעכער עפענונג.

ב א ש ל אָ ס ן:

אײַנאָרדנען ניט שפּעטער ווי אין מעשעך פון דרײַ וואָכן. אָנגענומען: פאר—4, קעגן—1. אויסגעווײלט דעם כ׳ שויכעט אף אויסצוארבעטן א פּלאַן פון

עפענונג. אים פאָרלייגן דער ביוראָ און נאָכדעם דאס דורכפירן.

וועגן ליטעראַרישן דיספוט.

שאַבּעס דעם 13/12 ־טן איינ־אָרדענען א מישפּעט איבּערן „שטראָם”. פּאָרזיצער: ווענוויאָרקע, פּראָקוראָרן: גילדין, קושניראָוו. פאַרטיידיקער שויכעט. סעקרע־טאַר—טייטש. ריכטער: קאַנטאַ־ראָוויטש, ריוועס. באשולדיקטער: „שטראָם”.

אויסדעס:

וועגן רעדאַקציע פונעם אל־מאַנאַך.

גאָדינער, האלקין, פּערסאָוו, ראבּין, בּראָנשטיין.

די אָרגאַניזאַציאָנס־ארבּעט פון אָוונט ווערט ארופגעלייגט אף כ׳ פּערסאָוו.

די ביוראָ ווערט באשטימט פאר דער רעדאקציע.

לויפנדיקע פראגעס.

ווענדן זיך מיט א בריוו צו אלע יינגערע שרייבער צושיקן מאטעריאַלן אף אונדזער אדרעס.

דעם כ׳ ראבּין איבּערגעבּן אָרגאניזירן אין מינסק די יונגע שרייבער באַם „יונגוואלד”, צו־נויפריידן זיך מיט אָשערעוויטשן וועגן איינאָרדענען אין ווייסרוס־לאנד אן אָוונט.

דער כ׳ גילדין זאָל קריגן מיטגלידקאַרטן פון מאַפּפּ.

איינע פון די וויכטיקסטע אופגאבעס פון דער יידסעקציע „מאַפּפּ" איז, ווי מיר האבן געזעען, געווען די פראַגע וועגן ארויסגעבן א זאמלבוך, ארויס מיט קינסטלערישע ווערק, ווי אויך מיט קריטישע ארטיקלען וועגן דער פּראָלעטארישער ליטעראטור. צוליב באקומען א מעגלעכקייט ארויסצוגעבן זאמלביכער, האט די יידסעקציע „מאַפּפּ" דערלאַנגט א ספּעציעלן מעמאָראַנדום אין אַגיטפּראָפּ פון צ. ק. און אין צ. ב. פון די יידסעקציעס בא דער רקפּ(ב).

„אין פּרעסע־אָפּטייל פון צ. ק. רקפּ(ב).
קאָפּיע: אין צ. ב. פון די סעקציעס באם צ. ק. רקפּ(ב).

## דערקלערונגס־בריוו (Докладная записка)

... „די איניציאַטיוו־גרופּע פון יידישע פּראָלעטארישע שרײַבער האט שוין נישט איין מאָל געפּרוּווט פאריייניקן ארום זיך די רעוואָליוציאָנער־דענקענדיקע יידישע שרײַבער, אָבער אלע זייערע פּרוּוון האבן זיך ארויסגעוויזן אָן דערפאָלג דערפאר, ווײַל דער גרעסטער טייל יידישע שרײַבער האט גערעכנט, אז דאס אָרגאַניזירן די ליטעראַרישע קױכעס דאַרף גיין נישט לויט דער ליניע פון אידעאָלאָגישע גרופּירונגען, נאָר לויט פאָרמעל־קינסטלערישע, און זיי האָבן מיט אלערליי וועגן אין גרונט ארונטערגעריסן אלע אזוינע אָנהויבן.

אָט די שרײַבער האבן זיך פאריייניקט ארום דעם זשורנאַל „שטראָם", וואס איז ארויסגעגאנגען אף די מיטלען פון מעצענאטן. אָבער נישט האָבנדיק קיין פעסטן אידעאָלאָגישן רוקנביין, האט די גרופּע „שטראָם" זיך ארויסגעוויזן פאר מאכטלאָז—קינסטלעריש אויסצודריקן דעם קאָנקרעטן טאָג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. פון דער אנדערער זײַט, האט זיך פון אונטער דער מאַסקע פאָרמעל־קינסטלערישע דערגרייכונגען אָנגעהויבן ארויסצוווײַזן דער קליינבירגערלעכער און רעאַקציאָנערער טאָג פון א טייל פון דער גרופּע.

דער מער פאָרגעשריטענער רעוואָליוציאָנערער טייל שרײַבער האט זיך געמוזט דרוקן אין זשורנאַל „שטראָם", ווײַל קײַן אנדערע ליטעראַריש־קינסטלערישע אויסגאַבן זיינען אין רוסלאַנד ניט געווען.

אין דער לעצטער צײַט אָבער איז אָרגאַניש אויסגעוואַקסן א נויטיקייט צו פאַרייניקן אַלץ, וואָס איז רעוואָלוציאָנער אין געביט פון שאַפונג. פון דער צווייטער זײַט, איז דער רעוואָלוציאָנער־דענקענדיקער טאַלענטירטער טייל פון דער „שטראָם"־גרופּע אוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר א דילעמע: אָדער אף ווײַטער בלײַבן אין אָט דער ארומרינגלונג און מיטדערצײַט נאָכגעבן אַלע זײַנע רעוואָלוציאָנערע פּאָזיציעס, אָדער צערײַסן מיט דער „שטראָם"־גרופּע, צושטיין צו דער גרופּע יידישע פּראָלעטאַרישע שרײַבער און אונטערן אספעקט פונעם מאַרקס־סטישן געדאַנק קינסטלעריש באַלויכטן דאָס יידישע לעבן פון דער פארגאנגענהייט און פון איצט. ענדלעך, איז אין דער גרופּע „שטראָם" פּאָרגעקומען א שפּאַלטונג, און דער בעסטער טייל, סײַ אידעאָלאָגיש, סײַ קינסטלעריש, איז אוועק פון „שטראָם".

אין לעצטן סאַכאַקל האט געזיגט דער כוש פונעם רעוואָלוציאָנערן קינסטלער: די טאַלענטירטסטע און רעוואָלוציאָנער־דענקענדיקע שרײַבער האבן זיך פאַרייניקט אין א יידישער גרופּע פּראָלעטאַרישע שרײַבער און האבן געשאַפן א יידישע סעקציע בא דער מאָסקווער אסאָציאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער. דערמ־ט אליין רעכנט זיך די סעקציע אינגאַנצן אונטער דער א־דעישער אָנפירונג פון ר.ק.פּ., איבערלאָזנדיק פאַר יעדן מ טגליד פון דער סעקציע די פולסטע פרייהײַט און די מעטאָדן און מיטלען פון ק נסטלערישער אויספאָרמירונג פון זײַנע פּראָבלעמעס. מיר שטעלן זיך פאר א צוועק זיין דער אידעיש־קינסטלערישער אָנפירער פון דער יידישער ליטעראַטור, אופוועקן די קינסטלערישע קויכעס צווישן די יידישע ארבעטער־מאַסן, אליין זוכן די וועגן און פאָרמעס פון פּראָלעטאַרישן שאַפן און פאַרייניקן ארום אונדזער סעקציע אלע די רעוואָלוציאָנערע און באַאבטע שרײַבער, וועלכע וועלן אין זייער קינסטלערישן שאַפן ניט נאָר אָפּשפיגלען די ווירקלעכקייט, נאָר העלפן זי אָרגאניזירן.

צוליב דעם צוועק האבן מיר זיך פאַרבונדן מיט דער קאָמיוגישער גרופּעשרײַבער, וואָס זײַנען פאַרייניקט ארום זשורנאַל „יונגוואלד", דער „אָרגאַן פון צ. ק. ר. ל. ק. ס. מ. אין מאָסקווע, מיטן קרײַז פון די יידישע ארבקאָרן בא דער צײַטונג „עמעס", מיט גרופּן און באַזונדערע פּראָלעטאַרישע און קאָמיוגישע שרײַבער פון מינסק, וויטעבסק, קיעוו, אָדעס,

יעקאַטערינאָסלאַוו און כאַרקאָוו. און אזוי ווי די ייִדישע ליטעראַטור עקזיסטירט אין אַלע לענדער, פאַרבינדן מיר זיך מיט דער פּראָלעטאַריש־דענקענדיקער גרויסע שרײַבער אין פּוילן (דעריקער אין ווארשע), אמעריקע (מיט די שרײַבער, וואָס ארבעטן אין דער ניו־יאָרקער פּאַרטיי־צײַטונג „די פרײַהייט") און מיט ארגענטינע.

מיר האַלטן פאַר איבעריק אונטערצושטרײַכן די פּאָליטישע ראָל פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע: דער פּרעסע־אָפּטייל באַם צ. ק. וועט עס אליין נעמען אין אכט.

דאָס זײַנען ערשטע די ערשטע שריט. אין דער נאָענטסטער צײַט וועלן מיר אונדזער אינערלעכע און אויסערלעכע פאַרבינדונג פאַרברייטערן, פאַרטיפערן און וועלן דערווײַזן די לעבנספייִקייט פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, אָבער דער בעסטער באַווײַז אירער וועט זײַן אונדזער קינסטלעריש וואָרט, וואָס וועט געבן אינגאַנצן א נײַע ריכטונג דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור אין פּסר״ר און וועט אוועקלייגן א פונדאַמענט פאַרן פּראָלעטאַרישן שאַפן פון די יונגע ייִדישע שרײַבער אין אייראָפּע און אמעריקע, ווײַל די קינסטלערישע אופמערקזאַמקייט פון די לענדער איז געווענדט קײַן פּסר״ר.

מיטגלידער פון ביוראָ פון ייִדסעקציע באַם „מאפּפּ":

שויכעט, קושניראָוו, גילדין, וועוויאָרקע, ראַבין".

די ייִדסעקציע „מאפּפּ" האט זיך גלײַך בא איר אנטשטיין אָנגעהויבן ענערגיש גרייטן ארויסצוגעבן א זאמלבוך, וואס איז טאַקע אָנהייב 1925־טן יאָר דערשינען אונטערן נאָמען „אָקטיאַבער".

פון א פּראָטאָקאָל פון 10/2־טן, 1925, דערוויסן מיר זיך, אז צו יענער צײַט איז דער מאטעריאל פארן אלמאַנאַך געווען אינגאַנצן פארטיק. עס ווערט אפ דער זיצונג באַשלאָסן איבערגעבן דעם אלמאַנאַך אין דרוק.

## פאַרזאַמלונג פון דער ייִדסעקציע מאפּפּ דעם 10/2־טן 1925.

בײַגעווען כ"כ: גאָדינער, קושניראָוו, ווערוויאָרקע, טײַטש, פּערסאָוו, בראָנשטיין און ראַבין.

טאָג־אָרדענונג:

גע הערט:

כ' שוּכעט אינפאָרמירט וועגן אַלמאַנאַך, כ' קושניראָוו דער־גאַנצט די אינפאָרמאַציע.

באַשלאָסן:

אָנעמען דעם פאָרשלאַג פון קאָמפּראקציע: אָפּגעבן דעם אַל־מאַנאַך אין דרוק לויטן באַשלוס פון רעדאַקציע. די פראַגע וועגן ביוראָ און רעדאַקציע איבער־טראָגן אויף א צווייטער פאַר־זאַמלונג.

דער ערשטער זאַמלבוך פון דער ייִדסעקציע „מאפּפּ", „אָקטיאַבער" איז געוואָרן א וויכטיקע דאַטע אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער סאָוועטישער און פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

דאָס צענטראַלע אָרט אינעם זאַמלבוך האָבן פאַרנומען די ליטע־ראַריש־קריטישע אַרטיקלען (בראָנשטיין, ווערוויאָרקע און אנד.), אָבער אויך דער בעלעטריסטישער טייל, באַזונדערס די פּראָזע, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א באַדײַטנדיק נײַס אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

דער זאַמלבוך האָט זיך געעפנט מיט א. קושניראָווס דערציילונג „קינ־דער פון איין פאָלק",—די ערשטע גרעסערע דערציילונג נאָך אָקטיאַבער מיט טעמאַטיק וועגן אינטערנאַציאָנאַליזם.

אין זאַמלבוך איז אויך געווען געדרוקט גאָדינערס „איוואַנגאָראָד", ייִדל יאָפּעס פראַגמענט פון א גרעסערער זאַך. און א ריי אַנדערע.

די ביוראָ פון ייִדסעקציע „מאַפּפּ" און די רעדקאָלעגיע פון אַלמאַנאַך האבן זיך אין „אַקטיאַבער" געווענדט מיט אַן אופרוף צו אַלע ליט־קרײַזן און צו אײנצלנע שרײַבער־אָנפאַנגער וועגן די אופגאבעס פון דער ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

## אופרוף

**צו אַלע ליטעראַרישע אַרבעטערשע און יוגנטלעכע גרופּן, אַרבקאָרן־קרײַזן און אײנצלנע כאַווײרים־אָנפאַנגער!**

די ייִדישע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור האָט דורכגעמאַכט די ערשטע אָרגאַניזיר־פּאַזע, גויוועזן גרויסע שוועריקייטן: גלײַכגילט און אומצוטרוי, און איז איבערגעגאַנגען צו אַקטיווער שעפערישער אַרבעט — דער ערשטער שריט איז „אָקטיאַבער".

א באַשײדענער אָנהויב. אָבער דער פּראָצעס פון שאַפן די ייִדישע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור איז אַרויסגערופן. דער צענטער, אַרום וועלכן עס זאָלן זיך אָרגאַניזירן און זאַמלען די אָנוואַקסנדיקע פּראָלעטאַריש־ליטעראַרישע קויכעס, איז פאַראַן.

די ביז איצטיקע ניט דיפערענצירטע און, אין גרעסטן טייל, קלײנבירגערלעכע ליטעראַרישע סוויווע איז געווען שעדלעך פאַר די יונגע, נאָך ניט אויספאָרמירטע טאַלענטן. ווירקנדיק אָף זײ מיט איר קלוימער־שמער „עסטעטישער" קולטור, האָט זי זײ אַסימילירט אין איר אידעאָלאָגישער ווייכלײַביקייט.

אפילע יענע אײנצלנע יונגע טאַלענטן, וועלכע זײַנען אין זײער טאָגטעגלעכן לעבן און אַרבעט געווען פאַרבונדן מיט א פּראָלעטאַרישער סוויווע, איז אויך שווער געווען גויוועזן צו זײַן די ווירקונג פון דער דראָזיקער ליטעראַרישער אַטמאָספער. דאָס איז בעקויעך צו טאָן בלויז א פעסט־אָרגאַניזירטער קאָלעקטיוו, וואָס שטעלט אַרויס א טנײַ:

אויסגעשפּראָכן־פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע אַלס יעסאָד פון שאַפן, אַלס פּראָבירשטיין פון דער עכטקייט פונעם ליטעראַרישן ווערק.

כאַווײרים! פאַר אונדז שטייט א גרויסע און שווערע אַרבעט. זי דאַרף געטאָן ווערן מיט געמײנזאַמע קויכעס פון די אַלע, פאַר וועמען

ס'איז טײַער די אידייע פון דער פראָלעטארישער ליטעראטור. שטעלט זיך, כאַווײרים, מיט אונדז אין פארבינדונג! ארבעטערשע און יוגנטלעכע שרײַבער, ארבקאָרן, אָרגאַניזירטע קרײַזלעך און יעכידים —
מיט צוזאמענדיקער ענערגיע פארן פראָלעטארישן שאפן!

ביוראָ און רעדקאָלעגיע פון דער ייִדישער סעקציע
בא דער מאָסקווער אַסאָציאַציע פון פראָלעטארישע שרײַבער

י. בראָנשטיין,
א. װעװיאָרקע,
א. קושניראָװ,
י. ראבין.

אָטאָ דער אופרוף האט פראָקלאמירט א קאַמף קעגן די פארשיידענע עכטעטן, װעלכע האבן געהערשט און הערשן אין דער ליטעראטור און װירקן אפילע אף די פראָלעטארישע שרײַבער.

דער „אָקטיאַבער“ האט געשטרעבט צו בויען זײַן ארבעט אף דער ברייטסטער פארבינדונג מיטן ארבעטער-לייענער. אין אלמאנאַך איז פאראן אן אָפטיילונג „אונדזער טריבונע“, װו שרײַבער און ארבקאָרן קומען צום װאָרט װעגן פארשיידענע פראגעס פון דער פראָלעטארישער ליטעראטור. די רעדקאָלעגיע האט אין איר פאָרװאָרט צו דער „טריבונע“ געשריבן:

„אונדזער טריבונע“, װילן מיר, זאָל װערן דער באגעגן-פונקט צװישן דעם פראָלעטאַרישן שרײַבער און דעם ארבעטער-לייענער.
די אָפטיילונג שטרעבט צו קאָנצענטרירן ארום זיך די אלע, װעלכע זײַנען אקטיװ פארינטערעסירט אין אונדזער קולטור-פראָבלעם.
„אונדזער טריבונע“ שטרעבט צו װערן די טרעפ, װאס פירט פון ארבקאָרישע ליטעראַרישע באמערקונגען צו פראָלעטאַריש-ליטעראַרישער פובליציסטיק.
„אונדזער טריבונע“ װיל דעם צוזאמענשלוס שאפן צװישן דעם קינסטלער און דעם פראָלעטארישן מאַסן-לייענער. נאָר אין אזאַ צוזאמענשלוס ליגט די גאַראַנטיע פארן זיג פון דער פראָלעטארישער ליטעראטור.

ארבקאָרן, קאָמוניסטישע יוגנט, מאסן־לייענער, איַער אקטיווע מיט־ארבעט איז א באַדינג פארן דערפאָלג פון אונדזער ארבעט.

„אונדזער טריבונע" דארף ווערן א זאַמל־פונקט פון אונדזער פראָלעטאריש־ליטעראַרישער געזעלשאפטלעכקייט.

אין אן ארטיקל „מיט מער זעלבשטענדיקייט" האט כ' ווין געשטעלט די פראַגע וועגן דיפערענציאַציע אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור. ער האט דידאָזיקע דיפערענציאַציע באַגריסט.

אין „אונדזער טריבונע" זיַינען אויך געקומען צום וואָרט וועגן ליטעראַטור ארבעטער. אין אן ארטיקל: „דער אופשטאַנד פונעם מאַסן־לייענער" האט כ' ש. סטראזש (א זעצער) געשטעלט די פראַגע וועגן דער פארשטענדלעכקייט פון דער ליטעראַטור.

א צווייטער ארבעטער רוקט ארויס די פראַגע וועגן דעם, אז די ליטעראַטור דאַרף אָנהויבן מאָלן לעבעדיקע געשטאַלטן פון אונדזער ווירקלעכקייט.

דער „אָקטיאַבער" האט קלאָר און אָפן פראָקלאַמירט די אידייע פון פראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין קעגנצזאץ צום צווייטן זאַמלבוך „נייַ־ערד", וואס איז ארויס אין דערזעלבער צייַט. דעם „נייַערד" האט ארויסגעגעבן דער איבעריקער טייל „שטראָם". דער „גייַערד" איז געווען א באַדיַיטנדיקער שריט פאָרויס, אין פארגלייַך מיטן נאַציאָנאַליסטישן „שטראָם", באזונדערס אין זיין בעלעטריסטישן טייל, איז אָבער געווען אין גאנצן נייטראל אין פראַגעס פון ליטעראטור־פּאָליטיק, פון מאַרקסיסטישער קריטיק. א שטעמפל פון שאָלעם־באַיס ליגט אפן „נייַערד" אין קעג זאץ צום קעמפערישן „אָקטיאַבער".

די גרינדונג פון דער יידסעקציע „מאַפּפּ", ווי אויך דער זאַמלבוך „אָקטיאַבער" האט מיטגעהאָלפן דער דיפערענציאַציע פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור אין אוקראַינע און אין וויַיסרוסלאַנד (וועגן דעם וויַיטער). ער האט געפונען אן אָפּקלאַנג אין דער פראָווינץ. דער מאַסן־לייענער האט זיך אָפּגערופן אף דידאָזיקע ערשטע צוויי גרופן־אלמאַנאכן אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

וועגן דער פראַגע פון דיפערענציאַציע אין דער יידישער ליטעראַטור צו יענער צייַט איז מיט אן ארטיקל, מיט א פאַלשן און אנטיפּאַרטייישן לאָזונג (דער בירגער־קריג אין דער ליטעראַטור) ארויסגעטראָטן דער כאווער ב. אָרשאַנסקי.

דער כ׳ אָרשאַנסקי האָט דיפערענצירט די ביידע ליטגרופּעס, וואָס זיינען אנשטאנען אין דער יידישער ליטעראַטור אָנהויב 1925 יאָר, און איז געקומען צום אויספיר, אַז דער בירגער־קריג אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור האָט זיך אָנגעהויבן.

אויך דער כאַווער ליטוואַקאָוו האָט געפרוּווט פעסטשטעלן די ליניע פון דער דיפערענצירונג און האָט דערביי אַנטוויקלט זיין אייגנאַרטיקע „צוזאַמענשלוס״־טעאָריע, וואָס האָט אין זיך אַנטהאַלטן א רעכט־אָפּאָר־טוניסטישע איינשטעלונג.

דער כ׳ ליטוואַקאָוו האָט געזוכט די דיפערענציר־ליניע פון „אָק־טיאַבער״ און „נייערד״ אין דער סאָציאַלער באַזע. אין דער צייט, ווען דער „אָקטיאַבער״ האָט זיך לויט כ׳ ליטוואַקאָוו אָריענטירט אויפן פּראָ־לעטאַריאַט, האָט זיך דער „נייערד״ אָריענטירט אויפן ברייטן צוזאַמענ־שלוס פונעם פּראָלעטאַריאַט מיט די קליינבירגערלעכע שיכטן, די בורזשו־אַזע אינטעליגענץ איינגשליסנדיק (די סמענאָוועכאָווצעס). רעכט־אָפּאָרטוניסטיש איז געווען כ׳ ליטוואַקאָווס קאָנצעפּציע דערמיט, וואָס דער צוזאַמענשלוס איז בא אים פאַרברייטערט געוואָרן ביז דער בור־זשואַזער אינטעליגענץ איינשליסנדיק, וואָס באַם כ׳ ליטוואַקאָוו איז פון דער סכֿמע ארויסגעפאַלן דער קלאַסנקאַמף, וואָס גייט אין לאַנד און וואָס געפינט זיין אויסדרוק אויך אין דער ליטעראַטור.

פון דער צווייטער זייט, האָט דער כ׳ ליטוואַקאָוו נעוויסס געזאָגט, אַז כאָטש דער „אָקטיאַבער״ אָריענטירט זיך אויפן פּראָלעטאַריאַט, „איז עס פונדעסטוועגן אַן אילוזיע. אַף וויפל זי וועט מיטדערצייט מוזן צערינען ווערן, וועט דאָס ארויסרופן נייע דיפערענצירונגען״. און דאָס באַטייט ווידעראַמאָל אַן אָפּלייקענונג פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

דערעכאַגעוו, די סיבע פון דער אילוזיאָרישקייט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די אָריענטאַציע פון „אָקטיאַבער״ (אין דער יידסעקציע „מאַפּפּ״) אויפן פּראָלעטאַריאַט, האָט דער כ׳ ליטוואַקאָוו דערקלערט מיט א ריין פּערעווערזיאַנישן טעזיס: די סיבע איז לויטן כ׳ ליטוואַקאָוו געווען די, וואָס „די הויפּט־אָנטיילנעמער״ פון דער גרופּע (יידסעקציע „מאַפּפּ״) זיינען געקומען ניט פון פּראָלעטאַריאַט און ניט פון קאָמוניזם״, און דערפאַר, הייסט עס, וועלן זיי נישט זיין בעקויעך צו שאַפן די פּראָלעטאַרישע

ליטעראַטור (פאַקטיש, האט אפילע דער פאַקט נישט געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט, ווײַל צווישן די 7־6 גרינדער פון דער יידסעקציע „מאַפפ״ זײַנען געווען פיר קאָמוניסטן, צווישן זיי 2 ארבעטער).

א גאנצע ריי דיסקוסיע־פראַגעס ארום פראָבלעמעס פון דער סאָוועטישער און פראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד האט געלייזט די היסטאָרישע רעזאָליוציע פון צ. ק. אלקפ(ב) פון 1925־טן וועגן ליטעראַטור.

די דיסקוסיע ארום די פראַגעס וועגן דער מעגלעכקייט פון פראָלעטאַרישער ליטעראַטור איז דורך דער רעזאָליוציע פון צ.ק. געלייזט געוואָרן לעטויוועס דער פראָלעטאַרישער ליטעראטור: די רעזאָליוציע דיפערענצירט די ראַטנליטעראַטור אף סאָוועטישע און פראָלעטארישע. זי שטעלט פעסט, אז „קיין העגעמאָניע פון דער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור איז נאָך ניט פאראַן, און די פארטיי דאַרף העלפן די פראָלעטארישע שרײַבער פארדינען דאס היסטאָרישע רעכט אף העגעמאָניע״. אין א צווייט אָרט זאגט די רעזאָליוציע, אז „פונקט אזוי דארף פארורטיילט ווערן די פאָזיציע, וואס דערשאַצט נישט די וויכטיקייט פון קאַמף פאַר דער אידייישער העגעמאָניע פון די פראָלעטאַרישע שרײַבער״. דאס האט פארורטיילט טראָצקיס און וואָראָנסקיס ניטדערשאצן די פראָלעטארישע ליטעראטור. אין דער יידישער ליטעראַטור—דעם כ׳ ליטוואַקאָווס, דעם כ׳ נוסינאָווס און אנד. נישטדערשאצן די קאָנקרעטע יידישע פראָלעטאַרישע ליטעראטור אין איר קאַמף פאר העגעמאָניע. פון דער אנדערער זײַט, האט די רעזאָליוציע קלאָר און בוילעט געשטעלט די פראַגע וועגן די אזוי גערופענע „מיטלויפער״. דאָ האט דער צ.ק. אָנגעוויזן אף דער נויטיקייט „טאקטיש און געהיט באציען זיך צו זיי, ד. ה. אזאָ צוגאַנג, וועלכער זאָל זיכערן אלע באדינגונגען פאר א גיכערן איבערגאַנג זייערן אף קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע״.

דאס האט געגעבן א קלאַפ איבער אסאַך לינקאטשישע טעאָריעס אין פראַגעס פון ליטעראַטור. אין דער רוסישער ליטעראטור איבער די לינקאַטשישע סעקטאַנטישע טעאָריעס פון דער גרופע „ווארדין־לעלעוויטש״, וועלכע האבן ניט דיפערענצירט די מיטלויפער און זיי אלע פארעכנט פאר בורזשואַזע שרײַבער. אין דער יידישער ליטעראטור—איבער דעם כ׳ אָרשאַנסקיס פאלשן אנטי־פאַרטיייִשן לאָזונג וועגן א „בירגערקריג

אין דער ליטעראַטור", איבער די סעקטאַנטישע טעאָריעס אין פּראַגעס פון די מיטלויפער באם כ׳ גילדין. די רעזאָליוציע האט אונטערגעשטראָכן די נייטיקייט צו דיפערענצירן די מיטלויפער און זיי העלפן איבערגיין אף קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע.

די רעזאָליוציע האט פארשארפט די פּראַגעס וועגן דער מאַרקסיסטישער קריטיק, ווי וועגן א וויכטיקן דערציִונג־מיטל פאר דער ליטעראטור אין די הענט פון דער פּאַרטיי.

די רעזאָליוציע פון צ.ק. וועגן ליטעראטור האָט אופגעהויבן די פארבאַנדישע ליטעראַטור אף א העכערן עטאַפּ און האָט מיטגעהאָלפן איר וואַטערדיקן וווּקס.

פארן סאָציאַל־פּאָליטישן פּאָן אין לאַנד אינעם פעריאָד 27 — 1925 זיינען כאַראַקטעריסטיש א ריי ביז גאָר וויכטיקע פאַקטערס, וואס שפיגלען זיך אָפּ אף אלע אידעאָלאָגישע געביטן און אויך אף דער ליטעראַטור. דאס איז דער וווּקס פון די סאָציאַליסטישע עלעמענטן אין דער ווירטשאפט, די פארשטארקונג פון די קאָמאנדע־הייכן אין די הענט פונעם פּראָלעטאַריאַט און דער אָנווּקס פון קלאַסן־ווידערשפרוכן, וועלכער קומט דערפון, וואס די פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן האבן דערפילט דעם וווּקס פונעם סאָציאַליסטישן סעקטער און הייבן אים אָן ארויסצווייזן א פארשטאַרקטן ווידערשטאַנד.

א׳נטערפירנדיק א סאַכאַקל צו דער לאַגע אין לאַנד פאר די יאָרן 1925—1927, האט דער 15־טער פּארטיי־צוזאמענפאר אין זיין רעזאָליוציע וועגן דעם באַריכט פון צענטראַל־קאָמיטעט פארשריבן: „ניט געקוקט אן דער פירנדיקער און אלץ וואקסנדיקער ראָל אין דעם סאָציאַליסטישן ווירטשאפט־קערן, ווערט דער אופשטייַג פון די פּראָדוציר־קויכעס אין דער עקאָנאָמיק פון פ.ס.ר.ר. אומפארמיידלעך באגלייט דורך א טיילווייַזן אָנווּקס פון די קלאַסן־ווידערשפרוכן. די פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע שיכטן אין שטאָט און אין דאָרף, וואס שליסן זיך צונויף מיט אייניקע ביוראָקראַטישע עלעמענטן פונעם ראַטן־און ווירטשאפטלעכן אפּאַראַט, שטרעבן צו פארשטאַרקן זייער קעגנווירקונג דעם אָנגריף פונעם ארבעטערקלאַס, פּרווון ארויסווייַזן א ווירקונג, וואס איז פייַנטלעך דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אף באַשטימטע שיכטן אָנגעשטעלטע און אינטעליגענץ, אף די אָפּגעשטאנענע שיכטן קוסטאַרעס און באלמעלאָכעס, פויע־

רים און אַרבעטער. אָט אָ די ווירקונג ווײַזט זיך אַרויס אין קולטור־
פּאָליטישן און אידעאָלאָגישן געביט (די פּראָפּאַגאַנדע פון סמענאָוועכיזם,
דער לאָזונג פון באַלעגופישן „פויערים־פּאַריין" שאָוו׳ניזם, אַנטיסעמי־
טיזם, פּראָפּאַגאַנדע פון בורזשואַז־דעמאָקראַטישע „פרײַהײַטן" און דער
קליינבירגערלעכער אָפּאָזיציאָנעלער לאָזונג וועגן צוויי פּאַרטייען, וואָס
איז צונויפגעבונדן דערמיט א. אז. וו.). אָט אָ דער פײַנטלעכער וויר-
קונג און דער וואַקסנדיקער אַקטיוויקייט פון די קאַפּיטאַליסטישע עלע־
מענטן האָט דער אַרבעטער־קלאַס אין דער שפּיץ מיט דער אל. ק. פּ.(ב)
אַנטקעגנגעשטעלט די פאַרפעסטיקונג פונעם רעזשים פון דער פּראָלעטאַ־
רישער דיקטאַטור, די פאַרגרעסערטע אַקטיוויקייט, זעלבסטטעטיקייט און
קול׳ ורעלקייט פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן (די אופלעבונג פון די ראַטן,
די פאַנאַנדערוויקלונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער דעמאָקראַטיע און קאָאָ־
פּעראַטיווער געזעלשאַפטלעכקייט, די פאַרשטאַרקונג פון דער אידייִשער
אופווירקונג פונעם פּראָלעטאַריאַט אפן דאָרף, די קולטור־דערציערישע
אַרבעט צווישן די מאַסן א. אז. וו.), ווי אוך די פאַרשטאַרקונג פון דער
אידייִשער ווירקונג פונעם פּראָלעטאַריאַט אף די ברייטע מאַסן סאָוועט־
טישער אינטעליגענץ. אָפּצייכענענדיק אַ רײַ זיכערע דערפאָלגן אף אָט דעם
קאַמפּס־פראָנט, האָלט דער צוזאַמענפאָר פאַר נייטיק אף ווײַטער אַלזײַ־
טיק מאָביליזירן די פּראָלעטאַרישע מאַסן און באַזונדערס פאַרשטאַרקן
דעם קאַמף אפן אידעאָלאָגישן און קולטורעלן פראָנט".

פאַרן ליטעראַטור־פראָנט אין לאַנד, איז פאַר דעם אָנגעוויזענעם פּע־
ריִאָד כאַראַקטעריסטיש, פון איין זײַט, דער וווּקס פון נאַציאָנאַליסטישע
שטימונגען סײַ אין דער רוסישער ליטעראַטור, סײַ אין די נאַציאָנאַלע
ליטעראַטורן, די פאַרשפּרייטונג פון „נייטראַלע" אינדיווידואַליסטישע מאָ־
טיוון, יעסענינשטשינע, בענקשאַפט נאָך דער ראָמאַנטיק פון בירגער־
קריג.

פון דער צווייטער זײַט, פאַרשטאַרקט זיך אין דעם פּעריִאָד דער
פּראָלעטאַרישער סעקטער פון דער ליטעראַטור און עס וואַקסט אויס אַ
גאַנץ אָנגעזעענע פאַלאַנגע קאָמוג־שרײַבער, וואָס גרופּירן זיך אַרום
דער קאָמיוגישער פּרעסע. ספּעציִעל אין דעם יִידישן קולטור־ און ליטע־
ראַטור־געביט דריקט זיך דער נאַציִאָנאַליזם אויס אין דער פאַרשטאַרקונג
פון יִידישיסטישע שטימונגען בא אייניקע גרופּן אינטעליגענץ און ספּעציעל

אין דער פראגע וועגן צוואנג־יידישיזאציע פון די שולן, אין דער אבער־שאצונג פון דער אויסלענדישער בורזשואזער און קליינבירגערלעכער יידישער ליטעראטור, אין דער ליבעראלער באציונג צו די אויסלענדישע סמענאוועכישע שרייבער, וואס קומען אין יענעם פעריאד אין ראטנפארבאנד (לייוויק און אנד.), אין אן אריענטאציע אף אן איינהייטלעכן „אלוועלטלעכן" פראצענט פון יידישער ליטעראטור און וויסנשאפט א. אז. וו. אט א די פראצעסן זיינען געווען פארבונדן מיט די אלגעמיינע סיבעס, וועגן וועלכע מיר האבן אויבן גערעדט. דא זיינען נאך צוגעקומען אזוינע פאקטערן, ווי די ערד־איינארדענונג פון די יידישע ארבעטנדיקע, די ארבעט צווישן די קוסטארן, דער וווקס פון די יידישע קולטור־אנשטאלטן, וואס האבן אריינגעבראכט אין דער ראטן־סוויווע גרויסע גרופעס קליינבירגערלעכע יידישע אינטעליגענץ, וועלכע האט ניט געזען דעם סאציאליסטישן, פראלעטארישן כאראקטער פון די אלע מאס מיטלען פון דער ראטנמאכט און האט געקוקט אף דעם אלעמען דורך נאציאנאליסטישע ברילן. אט־א די פראצעסן אפן געביט פון יידישן קולטורוועזן און ספעציעל בענוגייע ליטעראטור האט פארצייכנט אין א רעזאלוציע וועגן ליטעראטור די צ. ב. פון די יידסעקציעס בא דער אל. ק. פ. (ב) פון 1927 יאר. אין דער רעזאלוציע ווערט געזאגט:

„1) די איבערוועגנדיקע מערהייט יידישע ראטנשרייבער זיינען ארויסגערוקט פון דער קליינבירגערלעכער סוויווע, און זיי זיינען ניט דורכגעגאנגען קיין פראלעטאריש־פאליטישע שלאכטשול. די אידעאלאגישע באהעפטינג צו דער רעוואליוציע, אפטמאל ביז גרייטקייט אנצונעמען די פארטיי־אנפירונג, האט זיך זיי געגעבן אין רעזולטאט פון לאנגן אינערלעכן קאמף און אדאנק דער אומופהערלעכער אופווירקונג פון דער פארטיי און פון איר ארבעט אין דער יידישער סוויווע.

די שרייבער,—ווי די גאנצע קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ, וואס איז צוגעשטאנען צו אונדז אין פראצעס פון אונדזער ארבעט,—זיינען דעריבער אונטערגעווארפן פארשיידענערליי אידייש־פאליטישע וואקלונגען און רעצידיוון פון אלע מינים קליינבירגערלעכע אידעאלאגיעס.

דידאזיקע וואקלונגען און רעצידיוון האבן אויסער די סיבעס, וואס זיינען אנגעוויזן אין דער רעזאליוציע פון צ. ק. (די קאמפליצירטקייט

פונעם ווירטשאפטלעכן פראָצעס, דאס פאראנענזײַן פון ווידערשפרעכ־לעכע און אפילע איינס דעם צווייטן פײַנטלעכע ווירטשאפטלעכע פאָר־מען, דאס אופקומען און די פארפעסטיקונג פון דער נײַער בורזשואזיע א. אז. וו.), זיך אָנגעהויבן באזונדערס שטאַרק פילן אונטערן אײַנפלוס: א) פונעם נײַעם נאַציאָנאַליזם, וואס פרוווט אויסנוצן פאר זײַנע צילן די דערפאָלגן פון דער ייִדישער ארבעט און, ב) פון דער ייִדישער לי־טעראטור אין אויסלאנד. דידאָזיקע ליטעראטור אימפּאָנירט, ערשטנס, די ייִדישע ראטנשרײַבער מיטן סכום פון זייער פראָדוקציע (א שלאל פארשיידנסטע צײַטונגען, זשורנאַלן און זאַמלביכער, א קוואנטיטאטיוו גרויסע אָריגינעלע און איבערגעזעצטע קינסטלערישע ליטעראטור א. אז. וו.) און, צווייטנס, דידאָזיקע ליטעראַטור מיט איר אידעאָלאָגיע פון אן אלוועלטלעכער אײנהײַטלעכער ייִדישער נאַציע טרעפט צו פולקום צום טאָן דעם נײַעם נאַציאָנאַליזם פון דער נעפּמאַנישער בורזשואזיע בא אונדז.

און אויב מע זאָל דערצו נעמען אין אכט דעם פאַקט, וואס אין צו־זאמענהאנג מיטן ארײַנציִען די ייִדישע מאַסן אין דער פראָדוקציע, באזונדערס אין דער ערדארבעט, ווערן אין די רייען פון דער ראטנגעזעל־שאפטלעכקייט ארײַנגעגאָסן נײַע אָפּגעשטאנענע שיכטן פון קלײנביר־גערטום, וועלכע ברענגען מיט זיך עלעמענטן פון פרימיטיווער האָרע־פּאשניקישער און פויערישער אידעאָלאָגיע, וועט זײַן קלאָר, אז אפן פראָנט פון דער אלגעמיינער קאָמפּליצירטקייט אין דעם פּראָצעס פון אונדזער סאָציאַליסטישער בויונג פארברייטערט דאס אלץ די אמפּליטודע פון אידעאָלאָגישע וואקלונגען, וועלכע פארכאַפּן אויך אפילע נאָענטסטע צו אונדז פּראָלעטאריש־געשטימטע שרײַבער.

דאָס אלץ דיקטירט קאַטעגאָריש צו פארשטארקן די פּארטיי־אָנפי־רונג מיט דער ייִדישער ליטעראטור און די אופּווירקונג אף איר מיצאד דער קאָמוניסטישער קריטיק״.

דער וווקס פון אונדזער ווירטשאפט, די ספּעציעלע מאַכטמיטלען פון דער ראַטנמאכט אין דער ייִדישער סוויווע, דער וווקס פון די קולטור־אנשטאלטן אף ייִדיש, וואס איז געווען א רעזולטאט פון דער ריכטיקער לענינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, ווערט אופגענומען דורך א טייל

יִדישע קלײנבירגערלעכע שרײַבער אין אויסלאַנד (פּונקט ווי דורך א טייל פון דער קלײנבירגערלעכער אינטעליגענץ בא אונדז אין לאנד) ווי באשטימטע האנאָכעס, אף וועלכע די ראַטנמאַכט גייט, אײַנפירנדיק דעם נעפּ. דאָס אַלץ ווערט פארשטאנען, ווי האנאָכעס דעם קאַפּיטאַליזם, דעם נאַציאָנאַליזם א. אז. וו. צווישן די קרײַזן יִדישער קלײנבירגערלעכער אינטעליגענץ אין אויסלאַנד (סײַ צווישן די, וואס זײַנען אוועק פון אונדז, סײַ בא די דאָרטיקע) הייבן זיך אָן כמענאָוועכישע שטימונגען. עס גייט אוועק א פּעריאָד פון „אנערקענונגען". עס הייבן אן צו פאָרן צו אונדז שרײַבער פון אויסלאַנד, וועלכע קומען א קוק טאָן אף דער לייזונג פון דער אזויגערופענער יִדן־פראַגע אין ראטנפארבאַנד, אף דער וואקסנדיקער יִדישער קולטור בא אונדז (לייוויק, גלאַזמאַן און אנד.). מיר האבן שוין אויבן אָנגעוויזן אף דעם איבערברוך, וואס קומט פאָר אין יענעם פּעריאָד צווישן די שרײַבער, וואס האָבן אין די יאָרן 1920 — 1921 פארלאָזט דעם ראַטנפאַרבאַנד. פאר די שטימונגען פון אָט די שרײַבער, וואס קערן זיך צו יענער צײַט צו אונדז אום, איז זייער כאַראַקטעריסטיש ד. בערגעלסאָנס בריוו אין „עמעס" וועגן זײַן אומקער אין ראַטנפארבאַנד.

אין זײַן בריוו אין רעדאַקציע „עמעס" פארן 2/3 1926 יאָר האט ד. בערגעלסאָן געשריבן:

„איך בין מוידע אין דעם פעלער, וואס איך האב געמאַכט מיט דעם, וואס איך האב אינעם 1923 יאָר געשריבן און בין עפנטלעך ארויסגעטראָטן קעגן דער יִדסעקציע. איך געפין, אז איך האב דאָס געטאָן נאָר דערפאר, וואס איך האב ניט פארשטאנען די שווערע לאגע, אין וועלכער די יִדסעקציע האט זיך צו יענער צײַט געפונען. און פּונקט ווי פון מיר האט דאן געפאָדערט מײַן געוויסן ארויסצוטרעטן עפנטלעך קעגן אײַך, אזוי פאָדערט איצט פון מיר מײַן געוויסן איך זאָל אײַך מעלדן, אז איך באדויער איצט מײַן דעמאָלטיקע ארויסטרעטונג און האב אף איר כאראָטע. איך טו דאס פרײַוויליק, אָן שום צוואנג, אָן א וועלכער ניט איז ווירקונג פון דער זײַט און בעמיילע קען קיין רייד ניט זײַן איך זאָל דערפאר וואַרטן אף א וועלכער ניט איז קאָמפּענסאַציע. איך שרײַב אײַך דעמדאָזיקן בריוו אין איינער פון יענע שאָען, ווען איך טראַכט, אז די

פראגע וועגן מײַן אומקערן זיך צוריק אין סאָוועטנרוסלאַנד איז באַ איצטיקע פארהעלטעניש ניט אקטועל, ווײַל די באַשטימטע באַציִונג, וואס מײַן אויבנדערמאָנטע ארויסטרעטונג האט ארויסגערופן מיצאַד דער יידסעקציע, איז מיר פארשטענדלעך און אין דער אומיטלבארער נאָענטקייט פון אזאַ באַציִונג מיצאַד דעם בעסערן טייל פון דעם איצטיקן שאַפנדיקן דאָר אין סאָוועטנרוסלאַנד, וואלט איך זיך געפינען אין א שטענדיקן דעפרעסיוון צושטאנד. איך וואָלט דאָ דעריבער ניט געקענט מיטארבעטן און וואָלט סײַוו סײַ קיין נוצן ניט געבראכט.

איך טו דאָס, ווײַל איך בין גיטן גאנצן הארצן מיט אײַך אין יענער גרויסער יידישער ארבעט, וועלכע ווערט דורך אײַך דורכגעפירט, און וועלכע ווערט נאָך גרעסער מיט דעם, וואס זי ווערט דורכגעפירט אונטער א ברייטן סאָציאַליסטישן הימל אין העסקעם מיט די וועגן פון דער אלוועלטלעכער סאָציאַלער רעוואָליוציע, אין וועלכער איך גלויב.

איך געפין, אז דער גאָלעס, וועלכן איך ריכט דאָ אָפּ, קומט מיר פאר מײַן דעמאָלטיקן ניט פארשטיין די שווערע לאגע פון דער יידסעקציע.

מיט דערעכערעך און כאווערישן גרוס ד. בערגעלסאָן.

בערלין, 24 פעווראַל, 1926".

די רעדאַקציע „עמעס" האט געפונען פאר נייטיק צו מאַכן צו ד. בערגעלסאָנס בריוו פאָלגנדיקע באַמערקונג:

„פון דער רעדאַקציע

עס איז ניט צו פארשטיין, וועגן וואס פאר א שווערער לאגע פון דער יידסעקציע אין 1923 יאָר רעדט ד. בערגעלסאָן. דעמאָלט, ווי איצט, די גאנצע צײַט פון דער רעוואָליוציע האט זיך געהאנדלט און האנדלט זיך וועגן דער פאָליטיק פון דער קאָמפארטיי אין דער יידישער סוויווע. נאָר מיר וועלן זיך איצט ניט פארנעמען מיט באהאנדלען דעם בריוו פונעם באוווסטן שרײַבער. איין זאַך וועלן מיר דאָ באמערקן: קעדיי די ווערטער וועגן דעם גאָלעס, וואס ער ריכט אָפּ, זאָלן ניט פאַלש אויסגעטײַטשט

ווערן, דארפֿן מיר קאָנסטאַטירן, אז... בערגעלסאָנען האט קיינער קיינמאָל אױף גאָלעס ניט פֿארמישפּעט. פֿון ראַטנרוסלאַנד האט מען אים ניט ארויסגעשטופּט. ער איז אַוועק מיטן אייגענעם ווילן".

פֿון אן אנדער כאַראַקטער איז געווען ד. האָפּשטיינס בריוו אין „עמעס", אױף וועלכן די מאָסקװער סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער האָבן גלײַך רעאַגירט מיט א פֿארזאַמלונג און א רעזאָלוציע, ווי זיי האָבן גענומען צו קענטעניש ד. האָפּשטיינס בריוו און אָפּגעשאַפֿן די רעזאָליוציע פֿון 1924 יאָר, אין וועלכער האָפּשטיין איז געשטעמפּלט געוואָרן פֿאר זײַן אונטערשרײַבן דעם מעמאָראַנדום וועגן די העברעיִשע שולן.

מיר ברענגען דאָ סײַ ד. האָפּשטיינס בריוו אין „עמעס", סײַ די רעזאָליוציע פֿון דער שרײַבער־פֿארזאַמלונג אין מאָסקווע.

„א בריוו אין רעדאַקציע

## כאָשעווער כאַווער רעדאַקטער!

איך בעט אָפּדרוקן מײַנע פֿאָלגנדיקע ווערטער: צוריק מיט א יאָר איז צווישן מיר און די ייִדישע ליטעראטן און קולטור־טוער אין ראַטנפֿארבאנד פֿאָרגעקומען אן אײַנריס צוליב פֿעלערן, וועלכע זײַנען דורך מיר באגאנגען געוואָרן. דער גאנצער איניען געהערט שוין, אזוי צו זאָגן, צו דער געשיכטע און עס ווילט זיך גלויבן, אז דידאָזיקע ווערטער מײַנע ליקווידירן ענדגילטיק דעם פֿאָרגעקומענעם סיכסעך, און איך וועל ווידער פֿארנעמען מײַן אָרט צווישן די, וועלכע בויען דאס נײַע לעבן פֿון די ייִדישע האָרעפּאַשנע מאַסן אין ראַטנלאַנד.

מיט דערעכערעך ד. האָפּשטיין."

20/4 1926.

ווי געזאָגט, האבן די מאָסקווער ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער טייקעף רעאַגירט אױף דעם בריוו. אין „עמעס" פֿארן 28/4 איז דאָ א נאָטיץ וועגן דערדאָזיקער פֿארזאמלונג: „זונטיק, דעם 25־טן אַפּריל איז

אין קלוב „קאָמוניסט" פאָרגעקומען א פארזאַמלונג פון די ייִדישע שרײַבער אין מאָסקווע, צונויפגערופן לויט דער איניציאַטיוו פון דער ייִדישער סעקציע פון „מאַפּפּ". אף דער פארזאמלונג זײַנען געקומען די שרײַבער: גאָדינער, גאָרדאָן, גורשטיין, גילדין, דאָברושין, האלקין, האָפּשטיין, ווענדעראָוו, כאריק, כאשטשעוואצקי, ליטוואַקאָוו, מאַרגוליס, מייעראָוויטש, נוסינאָוו, פּערסאָוו, קושניראָוו, ראָסין, שויכעט. אין טאָג-אָרדענונג איז געשטאַנען נאָר איין פראַגע: איניען-האָפּשטיין אין צוזאַמענהאנג מיט זײַן בריוו אין „עמעס".

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

ד. האָפּשטיין האט געגעבן זײַנע דערקלערונגען וועגן זײַן האַנדלונג פאר דער גאנצער צײַט, זינט ער האט אונטערגעשריבן דעם מעמאָראַנדום וועגן העברעיִש צוזאַמען מיט בורושוואַז-ציעניסטישע און אנדערע קלאַל-טוער. וועגן האָפּשטיינס דערקלערונגען האבן זיך ארויסגעזאָגט קימאַט אלע אָנוועזנדיקע שרײַבער. צום שלוס איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„די פארזאַמלונג פון מאָסקווער ייִדישע שרײַבער, צונויפגערופן לויט דער איניציאַטיוו פון דער ייִדישער סעקציע פון „מאַפּפּ" דעם 25/4 1926 יאָר, האָט באהאנדלט דעם אינצידענט מיטן כ' האָפּשטיין און באשלאָסן: נעמענדיק אין באטראַכט דעם בריוו פון כ' האָפּשטיין אין „עמעס" נומ. 90 און זײַנע דערקלערונגען אף דער הײַנטיקער פאַרזאַמלונג, אז זײַן גאנצע האנדלונג, אָנהייבנדיק פון זײַן אונטערשרײַבן דעם מעמאָראַנדום וועגן העברעיִש, איז א פעלערהאפטע, און אז ער האלט פאר זײַן כויוו אף ווײַטער צו ארבעטן געמיינזאם מיט דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמפּאַרטיי — קאָנסטאַטירט די אלגעמיינע פארזאַמלונג פון די שרײַבער מיט גרויס באפרידיקונג, אז עס איז באשאפן געוואָרן א מעגלעכקייט פאר געמיינזאַמער ארבעט מיט כ' האָפּשטיין און אנערקענט דעם איניען פאר ליקווידירט. די רעזאָליוציע, וואס איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער פאַרזאַמלונג פון די ייִדישע שרײַבער אין יאַנוואַר 1924, ווערט דערמיט פון איצט אנולירט. די רעזאָליוציע איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק".

פאר דעמזעלבן פעריאָד איז כאַראַקטעריסטיש דער אָנגעזעענער וווקס פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור און פון איר פּראָלע־טאַרישן פליגל. די גרינדונג פון דער ייִדסעקציע „מאַפּפּ״ האָט שטאַרק דערצו מיטגעהאָלפן. דאָ דאַרף באַזונדערס פאַרצייכנט ווערן די גרויסע פּאָזיטיווע ראָל פון דער פּאַרטייִשער פּרעסע (דער „עמעס״, און אנד.), ווי אויך פונעם מינסקער זשורנאַל „שטערן״, וועלכער ווערט גלייך פון זײַן אנטשטיין דער אָרגאַן פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

סאָף 1925 נעמט זיך די ייִדסעקציע „מאַפּפּ״ אונטער ארויסצוגעבן דעם זאַמלבוך „אָקטיאַבער״ נום. 2״. די ביוראָ צעשיקט אײַנלאַדונגען צו א ריי שרײַבער. דער אלמאנאך איז אָבער ניט צו שטאַנד געקומען.

אין דעם אָנגערופענעם פּעריאָד וואַקסט אויך אויס די ייִדישע קאָמ־יוגישע ליטעראַטור.

דער ליטעראַרישער קרײַז „יונגוואלד״, וועלכער איז געווען היפּש טעטיק אין 1925 יאָר, באַנייט סאָף 1926, אָנהייב 1927, נאָך א גרויסן איבעררײַס, זיין טעטיקייט. דער קרײַז הייבט אָן צו פירן א רעגולערע ליטעראַרישע ארבעט. עס פירן מיט אים אן די כ׳כ מ. ליטוואקאָוו און א. קושניראָוו. פון סאָף יאנוואר 1927 ביזן מיט מײַ דעמזעלבן יאָר, ד. ה. ביזן זומער־איבעררײַס, האט דער „יונגוואַלד״־קרײַז געהאט 17 ליטעראַרישע באַגעגענישן. דער קרײַז טרעט א פּאָר מאָל ארויס אף ליטעראַרישע אָוונטן. אף א גרויסן אָוונט געווידמעט דעם פיר־יאָריקן יובילײַ פונעם זשורנאַל „יונגוואלד״ ווערן אָטאָ די דערגרייכונגען פונעם ליטקרײַז באַזונדערס באַצייכנט. אינעם שלוס־וואָרט אפן אָוונט האט דער כ׳ ליטוואַקאוו גערעדט וועגן די אופגאַבעס פונעם ליט־קרײַז. וועגן דעם לייענען מיר אין „עמעס״ פארן V־4־1927 יאָר: „אונטערשטרײַכנדיק די גרויסע באַדײַטונג פון דער „יונגוואלד״־גרופּע, האט דער כ׳ ליטוואקאוו אנגעוויזן, אז פון אלע גרופּעס ש״ײַבער זיינען די בעסטע גאראנטיע פאר דער פאַרטיי די פּראָלעטארישע גרופּעס, וועלכע געפינען זיך אונטער דער דירעקטער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי און דעם קאָמיוג. די קאָמיוגישע גרופּעס „יונגוואלד״, יונגער ארבעטער״, „יונגע גווארדיע״, דאס איז דאס געצײַג, דורך וואס די פּאַרטיי וועט דורכפירן איר פּאָליטיק אין דער ייִדישער ליטעראַטור. די גרופּע („יונגוואלד״—א. א.)

דארף זיך היטן פון קאָלערליי אָפּ וויגן. אין דעם זין געבן ווייניק גאַ־ראנטיעס פארייניקונגען פון „פרייע קונסטלער" איבערהויפּט. די גרויסע מײַלע פון דער „אסאָציאציע פראָלעטאַרישע שרײַבער" („וואפּפּ") באשטייט אין דעם, וואס זי האט פראָלעטאַרישע דיציפּלין. דעריבער איז וויכטיק, אז אלע קאָמיוגישע ליטעראַרישע ארגאניזאַציעס זאָלן ארײַנטרעטן אין „מאפּפּ"—דורך דער אסאָציאציע וועט זיי דער קאָמיוג און די פּארטיי קענען גיכער קאָנטראָלירן אויך אין געביט פון ליטעראַטור און זיך אָפּ זיי שטיצן".

דער „יונגוואלד" קניפּט אָן פארבינדונגען מיט די ליטעראַרישע קרײַזן בײַ דער „יונגער גווארדיע" (כאַרקאָוו, קיעוו, אָדעס א. אנד.), וואָס אנטשטייען סאָף 1926 יאָר, ווי אויך מיטן „יונגן ארבעטער" (מינסק).

אויך דער מיטלויפישער פליגל האט אין זיין שאפן און אָנשויונגען געמאַכט א שריט פאָרויס. שוין דער „נײַ־ערד" איז אין פארגלייך מיטן נאציאָנאליסטישן „שטראָם" אסאך נעענטער צו דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע (דעריקער, דער בעלעטריסטישער טייל). דער וווּקס און די פארשטארקונג פון דעם פּראלעטארישן ליטעראטור־סעקטער און זיין אָרגאניזאַציע—די ייִדישע סעקציע „מאפּפּ" — האט געמאכט מעגלעך שטעלן די פראגע וועגן א בלאָק (א פארייניקונג) מיט דער נײַער גרופּע, קעדיי צוזאמענארבעטן אין א גאַנצער ריי פראגעס פון דער סאָוועטישער ליטעראטור.

אָט די פראגע ווערט געשטעלט אין הארבסט 1925 אָפּ א בעראטונג פון אלע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער אין מאָסקווע, און אייניקע אויך אויסער מאָסקווע. אָפּ דער פארזאַמלונג נעמען אנטייל אויך די ייִדישע שרײַבער לייוויק און ב. גלאַזמאַן, וועלכע געפינען זיך דאן אין ראַטנפארבאַנד.

אָפּ דער בעראַטונג זײַנען געשטעלט געוואָרן צוויי גרונט־פראַגעס: וועגן א בלאָק צווישן אלע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער און וועגן די באַציונגען צווישן דער ייִדישער ליטעראַטור אין ראַטנפארבאַנד און דער ייִדישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד.

אין א ריי דאָקומענטן פון יענעם פעריאָד קומט צום אויסדריק דער שטאנדפּונקט פון דער ייִדסעקציע „מאַפּפּ" אין דער פראַגע פון א פארייניקונג.

אין אן אָפיציעלן בריוו אין ייִדסעקציע „מאַפּפּ״, הארבסט 1925, שרייַבט י. בראָנשטיין, וואס איז דאַן ניט לאַנג אריבערגעפאָרן אף ארבעט אין ווייַסרוסלאַנד, וועגן דער פארייניקונג פאָלגנדיקס: „וואס איז שייַעך אייַער לאַגע אין מאָסקווע, האלט איך און אזוי האלט די גאנצע גרופּע (געמיינט דעם „יונגן ארבעטער״ אין ווייַסרוסלאַנד—א. א.), אז אף א בלאָק דאַרף מען גיין, אָבער א טנאַי: ניט פארטושעווען זיך... מיט איין וואָרט, געדענקען, או בלאָק איז ניט צוזאַמענגוס, בלאָק איז א פאַריי־ניקונג צוליב אלגעמיינע פּראַקטישע אופגאַבעס, וואס לאָזן זיך פאריייניקן... אין „שטערן״ נום. 3 שרייַב איך אָן א קליין ארטיקעלע וועגן די מעג־לעכקייטן פון א בלאָק אין דער ייִדישער ליטעראַטור״.

אין זייַן ארטיקל אין „שטערן״ נום. 3 (1925) האט י. בראָנשטיין פאָרמולירט די באַדינגונגען פון דער פארייניקונג אף פאָלגנדיקן אופן: „די ייִדישע פּראָלעטאַרישע ליטעראטור האט אין מעשעך פון איר ערשטן קאַמף־עטאַפּ איבערגעטראָגן קימאַט דיזעלבע „ליידן פון ווּוקס״, וואס די אַלגעמיינע פארבאַנדישע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור— אף איין געביט מער, אפן צווייטן—ווייניקער. די ייִדישע ליטעראטור האָט גאַנץ לייַכט איבערגעקומען די סאקאָנע פון „מאקלאַטור״ און באַ־קומען קאָמפּלימענטן וועגן אירע פאָרמעל־טעכנישע דערגרייכונגען אפילע מיצאַד אירע קעגנער. דער זאַמלבוך „אָקטיאַבער״, אָרגאַן פון „מאַפּפּ״, האט אפילע פאָרמעל (וועגן אידעאָלאָגיע רעדט מען שוין ניט) באַזיגט זייַן קעגנערישן זאַמלבוך „נייַ־עיר״...

דער צווייטער עטאַפּ פון אונדזער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור מוז אָנהייבן מיט זיך א גרויסע שעפערישע ארבעט אף צו דיפערענ־צירן אונדזערע ייִדישע מיטלויפער און זען אריַינצוציען אין דער ספערע פון איר (מאַרקסיסטישער) ווירקונג די בעסערע עלעמענטן פון אונדזער ניטפּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. די ייִדישע פּראָלעטאַ־רישע ליטעראטור באַטראַכט זיך ניט אלס אָפּגעזונדערטע ליטעראַרישע קאַסטע. זי איז גרייט אפן סמאַך פון אָנעמבאַרע אלגעמיינע סאָוועט־טישע פרינציפּן שאַפן אן איינהייַטלעכן פראָנט מיט די אלע, וואס מיי־נען בעעמעס דינען דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע און דעם פּראָלעטאַ־ריאַט. די פּראָבלעם פון אן איינהייַטלעכן פראָנט אין דער ייִדישער ליטעראטור ווערט רייַף.

ס׳איז ניט צונויפגיסונג — ס׳איז געמיינזאַמע אַ־בעט אפן באָדן פון געמיינזאַם־אָנעמבאַרע פּרינציפּן.

די רעזאָליוציע פון צ. ק. ר. ק. פּ. האט שוין געגעבן א באָדן פאר אזאַ מין איינהײַטלעכן פראָנט. אין דער רוסישער ליטעראַטור איז געשלאָסן געוואָרן אן אָפּמאַך צווישן די פּראָלעטאַרישע, פּויערשע און קאָנסטרוקטיוויסטישע שרײַבער אפן סמאך פון דער רעזאָליוציע פון צ. ק. ר. ק. פּ.

די יידישע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור נעמט אף זיך די אופגאַבע ענלעכע שריט אָנצונעמען אויך אין דער יידישער ליטעראַרישער סוויווע.

פריער פון אלץ מוז מען אָבער אָנמערקן יענע הויפּט־פּרינציפּן (סכעמאַטיש גענומען), וואס מוזן ליגן אין יעסאָד פון אזאַ איינהײַטלעכן פראָנט:

1. קאַמף קעגן מיסטיציזם און רעאַקציאָנערן סימוואָליזם אין דער יידישער ליטעראַטור.

2. קאַמף קעגן נאַציאָנאַליסטישע אָפּנויגן אין דער ליטעראַטור און קריטיק.

3. קאַמף קעגן דער פאָרמאַליסטישער, אידעאַליסטישער עסטעטיק און קריטיק.

4. קאַמף קעגן אלע רעשטלעך פון דער בורזשואַזער דעקאַדענטישער ליטעראַטור (בולוואַר־עראָטיזם, אינדיווידועלער אריסטאָקראַטיזם, ליטעראַרישער קלעריקאַליזם א. אז. וו.).

די יידישע רעוואָליוציאָנערע ליטעראַטור מוז זײַן אַרײַנגעגלידערט אין דער אלגעמיינער פארבאַנדישער רעוואָליוציאָנערער ליטעראַטור, ווי די יידישע פּראָלעטארישע ליטעראַטור איז אין דער אלגעמיינער ליטעראַטור אײַנגעגלידערט. נאָר אף אזאַ וועג וועט די יידישע ליטעראַטור זײַן פארזיכערט פון „יידישלעכע" אָפּנויגן און נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט".

(„שטערן" נומ. 3, 1925 „די יידישע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור באַם צווייטן עטאַפּ").

אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן וועגן דעם קוק פון א ריי יידישע סאָוועטישע שרײַבער אין ראַטנפארבאַנד אף דער פראַגע פון פאַראייניקונג,

געבן די פּראָטאָקאָלן פון דער פריִער דערמאָנטער באַראַטונג אין מאָסקווע (נאָיאַבער 1925). זי פּראָטאָקאָלן ווערן געדרוקט מיט אייניקע סטיליסטישע אויסבעסערונגען:

## פּראָטאָקאָל

פון דער אַלגעמיינער שרײַבער־פאַרזאַמלונג אין מאָסקווע
דעם 9־10־טן נאָיאַבער 1925 י.

אָנוועזנד: ליוויק, קוויטקאָ, פינינבערג, אַקסעלראָד, כאַשטשעוואצקי, קושניראָוו, מייעראָוויטש, יאָפע, גלאַזמאַן, דאָברושין, ראָסין, כאריק, גאָדינער, פערסאָוו, ראַבין, גורשטיין, גאָרדאָן.

א. קושניראָוו: די פאַרזאַמלונג איז אָן א טאָג־סיידער, א רעזולטאַט פון פּריוואַטע שמועסן. מע דאַרף אויסאַרבעטן א טאָג־סיידער.

גאָדינער: מע דאַרף שטעלן זי פראַגע וועגן דעם, וואס איז די יִדישע ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד—איר קורצע געשיכטע, איר הײַנטיקער צושטאַנד, אירע פּערספּעקטיוון און די צווישנבאַציונגען מיט די איבעריקע לענדער.

כאריק פאַרייניקט זיך צו גאָדינערס פאָרשלאַג: מע דאַרף איינזינען האָבן פּראַקטישע פאָרשלאַגן.

דאָברושין: מע וואָלט געדאַרפט שטעלן די פראַגע, ווי דער כ׳ גאָדינער שטעלט זי. אָבער מע דאַרף האָבן אסאַך צײַט.

אָנגענומען פאָלגנדיקער טאָג־סיידער:

1. דער וועזן פון דער יִדישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד:
   א) די באַדינגונגען, אין וועלכע זי איז אנטשטאַנען.
   ב) איר איצטיקער צושטאַנד, אירע גרופּירונגען און כעלוקעדייעס.
   ג) דער מעגלעכער צוזאַמענשלוס.
   ד) אַלגעמיינע פּערספּעקטיוון און פּראַקטישע מאָסמיטלען.
2. די באַציונג צו דער יִדישער ליטעראַטור פון אנדערע לענדער און דער מעגלעכער צוזאַמענשלוס.

דאָבּרושין: די גרויסע גאמע פעלט. די ליטעראַטור מוז נאָך ארבעטן צוזאַמען. צי האבן מיר א ליטעראַטור? יאָ. נאָר זי איז נאָך ניט דערוואקסן צו זיך אליין. די טעמעס, וואָס באשעפטיקן די היינ־ט־קע יידישע שרייבער אין ראַטנפארבאנד, זיינען דורך זיי נאָך ניט אויסגעשעפט. אונדזערע גרויסע מיילע איז דאָס, וואס אונדזער ליטע־ראַטור איז נאָך יונג.

כאַריק: מיט וועמען קענען מיר ארבעטן צוזאַמען? דער, וואס וויל זינגען „ניט ווי דער פויגל פריי״, נאָר זיין א מיטגליד, א מיטשעפער פון אונדזער עפּאָכע, קעמפן מיט דער פען—מיט יענעם קענען מיר אַרבּעטן.

קושניראָוו רעדט וועגן קאַמף צווישן מעטאָדן: סימוואָליזם און קאָנקרעטע בילדערישקייט. קאָנקרעטע בילדערישקייט איז ניט נאָר א קינסטלערישער מעטאָד, נאָר אויך א פאָרגעשריטענע אידעאָלאָגיע.

אַקסעלראָד ווייזט אָן, אז עס זיינען דאָ וויבּריאַציעס פון שטי־מונגען בא דער ראַטנמאַכט גופע. אלע דיכטערישע שטימונגען זיינען בּארעכטיקט, אויב נאָר זיי זיינען קינסטלעריש.

ראַבּין: שרייבּן מעג מען און מע דאַרף וועגן אלץ, נאָר דאָ גייט אין דעם, אז באנעמען זאָלן די קינסטלער, אָרגאַניזירן זאָלן זיי עס דורך דער פּריזמע פון דער אידעאָלאָגיע פון אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַ־ריאַט. עס קאָן זיין א צוזאַמענאַרבעט, ניט קיין צוזאַמענגוס פון די שרייבער, נאָר אף אזוינע יעסוידעס: קעגן פאָרמאַליסטישער קריטיק, קעגן סימוואָליזם און מיסטיציזם, פאַר רעאַלן, קאָנקרעטן שאַפן און פאַר פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע. דער שרייבער דאַרף אף זיין אויפן און מיט זיינע מיטלען מיטהעלפן אין קאַמף פאַר דער רעוואָליוציע.

יאָפע: מע דאַרף זיך א גריבל טאָן אין דער געשיכטע. פון דעם אלטן איז אָפּהענגיק די נייע ארבעט. מירן נעמען קיִעוו. אין קיִעוו פארשווינדט דער לעזער. קיִעוו איז צופעליק געוואָרן אלץ (אויס ווילנע, אויס וואַרשע). קיִעוו האט גאָרניט געטאָן פארן לעזער. קיִעוו איז געווען אן אָרנקוידעשל. בא ראָסינען איז פארבליבן מאַטעריאַל און נאָך בא

אסאַך, וועלכן מע וואָלט געקאָנט אויסנוצן פארן לעזער. קיִעוו האָט ביז „אייגנס" גאָרניט ניט געטאָן. נאָך דער נעוור־ל־רעוואָליוציע האט זי א־יך גאָרניט געטאָן, נאָר געשאַפן געוינים, וועלכע זייַנען אף מאָרגן געשטאָרבן. מאָסקווע איז געוואָרן נאָכדעם דער צענטער. די גסיסע פון „שטראָם" האט לאַנג געדויערט. דער לעזער האָט געמאָנט עפעס צום לייענען. דער בעסטער לעזער פלעגט מאָנען מע זאָל רעדן קלאָר־ע דיבורים. הייַנט רעדט מען אסאַך פראָסטער און וואָכעדיקער. די שפּאַל־טונג איז נייטיק. די שפּאלטונג האט אָפּגעטאָן ווונדער. צוליב דער שפּאַלטונג זיינען צוגעקומען לייענער. איצט קען מען זיך בלאָקירן. אָבער ניט צוזאַמענגיסן זיך.

כ א ש ט ש ע וו א צ ק י: דער יִדישער בוך האט פאַרן פעריאָד פון קיִעוו מער געגעבן טיראַזש, ווי וואַרשע און אפילע שאָלעמאַלייכעמס ווערק. פון גאָדינערס, קושניראָווס, ראבינס רעדעס קען מען מאַכן אזאַ אויספיר: ביכדיי אויכלאַנד זאָל ניט צונעמען בא אונדז איצט די העגעמאָניע, דארף מען ארבעטן צוזאַמען, ארויסגעבן זשורנאַלן אף אזאַ אויפן: פראָלעטאַרישער דענקען און בילדערישער קאָנקרעט. מיר קענען דאס ניט טאָן, ווייַל אז ניט, וואָלטן מיר געוועזן מיטגלידער פון „מאַפּפּ". אויב „מאַפּפּ" האט פארשטאַנען, אז מיר דאַרפן שאַפן א גרויסע ליטע־ראטור און ניט אונטערפאַלן דער קאָנקורענץ פון אויסלאַנד, דארפן מיר קומען מיט אזאַ פלאַטפאָרם: אָן א פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע, נאָר קעמפן קעגן קאָנטר־רעוואָליוציע. דעם שרייַבער לאָזן אלע זייַנע מעגלעכקייטן.

פ ע ר ס אָ ו: פאר די ערשטע יאָרן פון רעוואָליוציע איז קיין לי־טעראטור ניט געשאַפן געוואָרן. די אלטע שרייַבער זייַנען זיך צעלאָפן. די יונגע האבן נאָך ניט געקענט שאַפן קיין ליטעראטור. דער אָנהויב איז „שטראָם". „שטראָם" האט רעגיסטרירט די ליטעראטור פון יענער צייַט. דער „שטראָם" האט געהאט א כעסאָרן, וואס ער האט געהאט פאָרמאַליסטישע קריטיק, ער האט ניט געהאט קיין פרינציפּן, ניט דער־שאַצט, וואס עס קומט פאָר אין לאַנד, דערפאר איז דער „שטראָם" דורכגעפאלן. די קויכעס האבן געפּרויוט, איז צוביסלעך געוואַקסן די דיפערענצירונג.

דער נײַער קייעך האָט זיך אָריענטירט אַף נײַעם לעזער. עס איז אויך ניט צופעליק, וואָס אַסאַך מיטאַרבעטער פון „שטראָם" זיינען אין אויסלאַנד.

צי איז דאָ אין רוסלאַנד א ליטעראטור? מע דאַרף אפילע די פראַגע גאָרניט שטעלן. מיר זײַנען קעגן סימוואָליזם, מיסטיציזם, פאָרמעלער קריטיק. די ייִדישע ליטעראַטור שאַפט אונטער זיך א קלאַסן־לייענער. עס איז מעגלעך א בלאָק נאָר אף באַשטימטע יעסוידעס.

**ראָסין:** דער וועזן פון דער ייִדישער ליטעראטור איז איצט א סאָוועטישער. אלע ווילן שאַפן סאָוועטישע ווערק, נאָר ניט אלע קענען דאָס. מיר זאָגן זיך ניט אָפּ פון ירושה. אידעאָלאָגיש מעג זײַן א פאַרייניקונג. די שפּאַלטונג, וואָס איז געווען, איז זייער א ריכטיקע און האָט געדאַרפט זײַן. עס איז מעגלעך א בלאָקירונג פון אלע שרייבער, וועלכע קענען זײַן אין איין זשורנאַל. מיר זײַנען ניט רײַך אין קרעפטן און קענען ניט צעשפליטערן אונדזערע קויכעס, אויב מיר ווילן שאַפן א ליטעראטור.

**וועוויאָרקע:** כאַשטשעוואַצקי מיינט, אז מיר דארפן זיך פארייניקן צוליב קאָנקורענץ מיט אויסלאַנד. צווישן די שרײַבער אין אויסלאַנד איז פאַראַן אן אידעאָלאָגישע און פאָרמעלע דיפערענציאַציע. אַזוי איז אויך דאָ אין רוסלאַנד. דאָ זיינען ניטאָ קיין קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע שרײַבער. די דיפערענצירונג איז לויט פאָרמעלע און מעטאָדאָלאָגישע וועגן. דא מוז מען שרײַבן נאָר רעאַליסטיש. מע קען ניט אָפּשיידן פּאָליטיק פון קונסט. אונדזער פאָדערונג איז שרײַבן וועגן אונדזער לעבן. מעקויעך דער פאַרייניקונג. פאַרייניקונג הייסט צוזאַמענאַרבעט. די מעגלעכקייט איז געווען ביז איצט אויך. מע דאַרף האָבן א קאָמיסיע אף אויסאַרבעטן קלאָרע פּונקטן וועגן דער פאַרייניקונג.

**פינינבערג:** א מעלדונג פון אים און קוויטקאָ. געשיכטע איז צו א לאַנגע מײַסע. די געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור האָט געבראַכט צו יערידע, צו ביזאָיען. עס איז געווען געשלאָגן די ווערדע פון ליטעראַטור. עס איז געווען נידעריקער פון יעדער קולטור־אַרבעט. מיר האָבן ניט באַוויזן געבן ווערק, וואָס זאָלן פאַרדינען די רעוואָליוציע אין רוסלאַנד. קיעוו איז אין דעם שולדיק. איצטער האַנדלט זיך וועגן דעם, אז די ליטעראַטור זאָל קענען עפּעס טאָן, מע זאָל האָבן א

כאַווערישן צוטרוי איינער צום אנדערן. וועגן וועלכע פאָרמען—דאָס איז א צווייטע מאדרייגע, נאָר וויכטיק איז דאָס ערשטע. מיר גיבן אי־בער אין קיִעוו אונדזערע איינדרוקן, אז עס האט זיך געשאַפן א באָדן פאר צוזאמענארבעט און זאָלן זיי דאָרטן אויך באַהאַנדלען די פאָרמען פון צוזאַמענארבעט.

קוויטקאָ: מיר טאָרן זיך ניט פארנעמען מיט ייִכעס. עס איז ניטאָ מיט וואָס זיך צו בארימען. אונדזער ליטעראטור ביז איצט איז א גאָר־ניט אין פארגלייַך מיט דעם, וואס מע האט געדארפט שאַפן. מיר זיינען קינדער פון רעוואָליוציע. אלע, וועלכע ווילן און קענען, אלע דאַרפן זייַן פאריייניקט. מיר האבן גאָרניט ניט. די געשעענישן זיינען גרעסער פון אונדזערע קויכעס. מיר צעטרענצלען אונדזערע קויכעס אף גאָרניט. אלע ווערק פון ראַטנרוסלאַנד מוזן זייַן קאָמוניסטיש. די גרויסע מעג־לעכקייטן קענען באַגייַסטערן אונדזערע קויכעס. בא א פאריייניקונג קע־נען מיר שאַפן דאָס ווערק פון אונדזער עפּאָכע.

מיר דאַרפן ניט מאַכן קייַן לאַנגע עקסקורסן. דעריקער איז ווערק. די פּראַקטישע ארבעט איז זייער וויכטיק.

דאָבּרושין: איך בין קעגן קוויטקאָן, ווען ער וויל מעוואַטל זייַן די ליטעראטור. אויב עס קומט פאָר א קריג, מוז ער זייַן. ער איז זייער פּרוכטבאר. וועגן די מעטאָדן—דאס איז א באַזונדער זאַך. זיי מוזן זייַן אנשטענדיקע, ווי צ. ב. „קראסאנאיא נאָוו“. מע קען זיך פּא־רייניקן אף פארשיידענע מעטאָדן. באַ הייַנטיקן טאָג לוינט אונדז ניט אויסהאלטן צו פיר זאַמלביכער. אונדז לוינט געוויס אצינד צו שאַפן איין פאריייניקטן זשורנאַל“.

ווי עס איז צו זען פונעם פּראָטאָקאָל, האָבן די מאַפּאָווצעס ארויס־געשטעלט א רייַ באַדינגונגען פאר פאריייניקונג (קאַמף קעגן סימוואָליזם און מיסטיציזם, קעגן נאַציאָנאַליזם און יערידע־שטימונגען א. אז. וו.). אף דער פאַרזאַמלונג איז אויסגעטיילט געוואָרן א קאָמיסיע, וועלכע האט אויסגעארבעט א פּראָעקט פון א רעזאָליוציע.

מיר ברענגען דאָ דעם פּראָעקט פון דער רעזאָליוציע, וואס די קאָ־מיסיע האט אויסגעארבעט, ווי אויך דעם פּראָטאָקאָל, אין וועלכן ס'איז פאַרפיקסירט דער באשלוס וועגן שליסן א בלאָק אף צוזאַמענאַרבעט.

„די באַראַטונג קאָנסטאַטירט:

1. אַז אונדזער ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן ווערן אַ ווירקנדיקער פאַקטער אין דער יידישער ראַטן־געזעלשאַפטלעכקייט, אַז דער איגטערעס צו אונדזער ליטעראַטור מיצאַד די ברייטע יידישע מאַסן שטייגט מיט יעדן טאָג, ווי דאָס האָבן באַוויזן אַ גאַנצע ריי מאַסן־פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטער לייענער אין שטעט און שטעטלעך וועגן די זאַמלביכער „נייַערד" און „אָקטיאַבער", ווו די אַקטיוויקייט איז דערגאַנגען ביז אַרויסטראָגן רעזאָלוציעס.

2. אַז די דיזאָזיקע אַקטיווע באַציונג פון מאַסן־לייענער האָט פון איר זייַט געהאַט אַ ווירקונג אפן גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס האָט אויך טיילווייַז געדינט ווי אַ סיבה צו די שפּאַלטונגען און דיפערענצירונגען אין אונדזער ליטעראַטור.

3. אַז פאַר די רעוואָלוציאָנערע יידישע שרייַבער איז קלאָר געוואָרן, אַז אונדזער ליטעראַטור איז די ליטעראַטור פון סאָוועטישן מאַסן־לייענער און מוז דערפאַר לייגן אַלס גרונטשטיין פון איר שאַפן דעם קאָנקרעטן לעבנשטייגער און גיין אף דער ליניע פון דער פּראָלעטאַרישער וועלטאָנשויונג.

4. אַז דער סימוואָליזם און מיסטיציזם, וועלכע זייַנען רעאַקציאָנערע און אָפּגעלעבטע מעטאָדן, זייַנען אָרגאַניש פרעמד דעם אַרבעטער־קלאַס און קענען באַשטימט ניט דינען פאַר אַ מעטאָד אין אַ ליטעראַטור, וואָס שטייט אפן באָדן פון רעוואָלוציאָנערער קאָנקרעטקייט.

5. אין פּראָצעס פון אַרבעט איז קלאָר געוואָרן, אַז צווישן די ביידע גרופּירונגען—„מאַפּפּ" און „נייַערד"—איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט פון צוזאַמענאַרבעט. דידאָזיקע צוזאַמענאַרבעט וועט פאַרפעסטיקן דעם איינהייטלעכן רעוואָלוציאָנערן פראָנט אין דער ליטעראַטור און דערנעעטערן דעם פּראָצעס פון אויסבילדן די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור.

6. אַז די קריטיק דאַרף אין אירע אָפּשאַצונגען אַרויסגיין פון אַ מאַרקסיסטיש־עסטעטישן שטאַנדפּונקט און העלפן סיי דער ליטעראַטור, סיי דעם לייענער שאַפן זיך אַ סאָציאַל־עסטעטישע קונסט־אָנשויונג.

## פּראָטאָקאָל

1925 ,10/12

צווישן דער גרופּע „מאַפּפּ" און דער גרופּע „נײַערד" איז געשאַפֿן געוואָרן א בלאָק צוליב געמיינזאַמער ליטעראַריש־געזעלשאַפֿטלעכער צוזאַמענארבעט, אפן סמאַך פון דער אָנגענומענער דעקלאַראַציע אין דער געמיינזאַמער קאָמיסיע. די דעקלאַראַציע אונטערשרײַבן שאַבעס דעם 12־טן דעקאַבער.

„נײַערד"  „מאַפּפּ"

ג. דאָבּרושין

י. כאריק

ראָסין

איציק פעפער

מ. כאשטשעוואצקי

ד, מייראָוויטש.

מירן ווײַטער זען, אז ענלעכע פּרוּוון צו שאַפֿן א פאַרייניקונג פון סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער זיינען אין יענער צײַט און שפּעטער געמאַכט געוואָרן אויך אין קיִעוו.

אף דערזעלבער שרייבער־פאַרזאַמלונג שטייט, ווי מיר האבן פריער געזאָגט, די פראַגע וועגן די צווישנבאַציונגען צווישן די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער אין ראַטנפאַרבאַנד מיט די ייִדישע שרײַבער אין אויסלאַנד. דידאָזיקע פראַגע איז דאַן געשטעלט געוואָרן פון אסאַך זײַטן. עס האבן זי געשטעלט די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליסטישע שרײַבער, וואס זײַנען אין יענעם פּעריאָד געקומען אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אין צוזאַמענהאַנג מיטן קומען פון לייוויקן, וואס האָט זיך ארומגעטראָגן מיט ייִדישיסטישע כאַלוימעס וועגן אן אַלוועלטלעכער ייִדישער שרײַבער־פאַרייניקונג, איז אף דער אָנגעוויזענער פאַרזאַמלונג באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן די צווישנבאַציונגען מיט אויסלאַנד.

## צווישנבאַציונגען פון דער אויסלענדישער ליטעראַטור און דער ראַטן־ליטעראַטור.

לייוויק: א מעגלעכקייט פאַר צוזאַמענאַרבעט איז דאָ. די אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז געקומען צו אזא פּונקט, ווען מע דאַרף אָנעמען אַן אַנדער ווענדונג. עפּשער ניט אזוי, ווי אין ראטנרוסלאַנד, ווייל די אָרדענונגען זיינען פאַרשיידענע, דאָך איז דאָ געמיינזאַמעס, און רעגונג איז פאַראַן. עס גייט אין דעם, אז די אמעריקאנער שרייבער זאָלן האָבן אַן אַנדער אָריענטירונג. עס זיינען דאָ צווישן די אמעריקאַנער פאַרשיידענע קוקן אפן אמעריקאַנער לעבן. די אמעריקאַנער האבן ביז איצט ניט געהאַט קיין באציונג צו אמעריקע, ווי זי איז, צו אירווירקלעכקייט. אין אַמעריקע מוז קומען דער מאָמענט פון דערפילן די אמעריקאַנער ווירקלעכקייט. עס קען זיין א צוזאַמענשלוס פון אמעריקע, וואַרשע און ראטנרוטלאַנד. פארשטייט זיך, אז אמעריקאנער שרייבער קענען ניט צוגיין צו אמעריקאַנער טיפּן, ווי די רוסישע צו די רוסישע טיפּן. אָבער פאַרוואָרפן א ליכט איבער די טיפּן קען מען אן איינהייטלעכע.

דער צוזאַמענשלוס קאָן ברענגען אזוינע ציילן: אן אלוועלטלעכן זשורנאַל פון אלע יידישע קיבוצים, זאמלביכער, בייטן שטאָף אין די זשורנאַלן פון די לענדער, אָרגאַניזירן אן אלוועלטלעכע ליטעראַרישע ביוראָ, אן אלוועלטלעכן ביולעטען, אן אינפאָרמאטיווע פארבינדונג, אן אויסטויש פון ביכער. דאָס קען צוגרייטן דעם קינפטיקן צוזאַמענפאָר פון אלע יידישע שרייבער פון דער גאנצער וועלט. די יידישע ליטעראַטור אין אמעריקע נעמט אוף דער ארבעטער און ניט דער בורזשוא. די עמיגראַציע איז געשלאָסן. דאָס וועט שאפן א באשטימט לעבן אין אמעריקע. דער ארבעטער אין אמעריקע האָט אזיך ניט קיין גרויסן צוזאַמענבונד מיט דער יידישער ליטעראַטור, אָבער ער איז דער איינציקער לעזער. די שרייבער דארפן וועקן די איניציאַטיוו פון די ארבעטער־לעזער. דאסזעלבע איז אין פוילן, ווו דער איינציקער לעזער איז דער ארבעטער. דער אונטערשייד איז אין די שרייבער, אין די טעמעס און אינעם צוגאנג. צי איז מעגלעך א קאָנטאַקט און צוזאַמענארבעט? זאָלן די כאַווירים זיך ארויסזאָגן.

ד אָ ב ר ו ש י ן: א בלאָק קאָן ניט זײַן, אפילע פאר אָקטיאַבער, ביפּראָט איצט. א ליטעראטור האט אָריענטירונג, אַ סאָציאלע אָריענטאַציע. דאָס הייסט, מע איז פארבונדן מיט מענטשן, וואָס האָבן אזא אָריענטאַציע. אפילע די, וואָס דענקען וועגן יִדיש, ווי וועגן א הייליקייַט, דאַרפן איינזען, אז העלפן אויסקעמפן יִדיש קענען נאָר די יִדישע ארבעטער. די ליטעראַטור דארף אין אמעריקע זיין אָריענטירט אף א סאציאלע פּלאַט־פארמע און אף רעוואָליוציע. אין פוילן איז די לאַגע אזא, אז די לי־טעראַטור איז אָריענטירט אפן קליינבירגערטום. מיט אַמעריקע איז גרינגער, ווײַל דאָרטן איז שוין דאָ די „פרײַהײַט". אויב די אמעריקאנער נעמען ניט אָן אונדזערע פּאָרהאנאָכעס, וועלן מיר וואַרטן ביז איר וועט זיי אָנעמען. נעמט איר אָן, קומט אין אמעריקע און שאפט אזא גרופּע, דאן שאַפן מיר די פאריייניקונג. מע קען אויך מיט אזא רעזאָליוציע זיך ווענדן צו פוילן. מע קען שאפן א יאָרבוך און ווירקן איינער אפן אנדערן, פאר־גרעסערן די אָפּטיילונגען פון ארטיקלען, א ביולעטען אף אינפאָרמאַציע. שפּעטער קאָן שטיין א פראגע וועגן א צוזאמענפאָר. דערווײַל קען מען וועגן קײַן צוזאמענפאר ניט רעדן.

וו ע וו י אָ ר ק ע: אין דער צײַט פון „שטראָם" איז אין דער באַציונג צו דער אויסלענדישער ליטעראטור געווען סנאָביזם. דאָס האָט זיך באַ־זירט אף פאָרמאליזם אין דער שפראך. וואָס ווײַטער מע איז געוואָרן קאָנקרעט און נאטירלעך, האבן זיך געביטן די באַציִונגען צו די אויס־לענדער. מיר זײַנען פארינטערעסירט אין יִדישער ליטעראטור, וואס גייט אף רעוואָליוציאָנערע וועגן. מיט וועמען זיך פאַרייניקן? מיטן יִדישיזם? יִדישיזם אלס יִדישיזם איז געל. יִדיש, ווי אן אויסדריק פון רעוואָליוציאָנערן שאפן, אזוי פארשטייען מיר עס. אויב גיין אף פאר־בינדונגען, איז נאָר, קעדיי צו ווירקן; פאַרייניקן זיך מיט א גרופּע, קעדיי דאָרטן צו שפּאלטן.

מ יי ע ר אָ וו י ט ש: וועוויאָרקע טרײַבט איבער וועגן סנאָביזם צו דער אמעריקאַנער ליטעראטור. מע האט דא אָפּגעשאַצט די אמעריקאנער ליטע־ראטור. מע קען זאָגן, אז פוילן האט סנאָביזם צו אונדז. מיט העפקער באציט מען זיך צו אונדז. אין פוילן אָריענטירט מען זיך אפ באָהעמע און קליינבירגער. אונדז עקלט פון די פוילישע „ליטעראַרישע בלע־טער". א בלאָק קאָן זײַן נאָר, ווען דאָרט וועט זיין א פולקומע

שפאלטונג. אמעריקע האָט אן אנדער שטימונג, און אונדז פרייט עס. מיר פילן צו זיי א נאָענטקייט. מיטארבעטשאַפט קען זיין, ווען עס וועט זיין א שפאלטונג אין דער ליטעראטור, עס זאָל ניט זיין קיין קלאַליסראָעל אין דער ליטעראטור.

קושניראָוו: צו אויסלאַנד קענען מיר גיין מיט אן איינהייטלעכן פראָנט, ניט אזוי ווי בא אונדז אינערלעך. וועגן אן אַלײדישער ליטע־ראטור טרוימען מיר ניט און האלטן עס פאר אומעגלעך און אומנוציק. א פאראייניקונג האט א זינען, ווען אונדזער ווירקונג זאָל זיין. אנדערש דארפן מען עס ניט האָבן. דאָס שטאמט פון אונדזער גלויבן, אז מיר לייגן די גרונט־שטיינער פאר א נייער יידישער ליטעראטור אין דער גאנצער וועלט. עס גייט אין אָריענטאציע. אין פוילן וועלן די יונגע אליין אָן אונדזער איניציאטיוו ברענגען צו אופרייסן, ווי אין פאָליטישן לעבן. מיר זיינען פארינטערעסירט, אז אסאך גרויסע שרייבער זאָלן דינען אונדזער אידייע. די יונגע וועלן זיין מיט אונדז אף אונדזער באָדן. קעמערלעך שאפן קען מען. עס זיינען שוין דאָ געוויסע אזוינע קעמער־לעך פראָלעטארישע אין ארגענטינע, אין אמעריקע, און אסאך קען שאפן די גרופע ארום „פרייהייט“.

כאשטשעוואצקי: דאָ איז א ליטעראַטור א יונגע. אין אמעריקע זיינען שוין שרייבער. אויב דער אויסלענדישער מארק וועט געבן ליטע־ראטור, וועט ער אונדז ארויסשטויסן. פאראייניקן זיך מיינט דאָך לייוויק אליין מיט גרופעס און ניט מיט אלעמען. מיר דאַרפן זיך פאראייניקן מיט די רעוואָליוציאָנערע שרייבער.

כאַריק: שעצנדיק די רעוואָליוציאָנערע ליטעראטור, וועלן מיר באגריסן און ניט שטערן זי אהער אריינפירן. ער לייגט פאָר ווענדן זיך צו פוילן, אמעריקע וועגן אונדזערע פארלאַנגען. אָפּדרוקן אין „עמעס“ און אין „פרייהייט“.

דאָס כאַראקטעריסטישע פאר אסאך ארויסזאָגונגען פון די סאָוועט־טישע שרייבער אף דער פארזאמלונג, איז — אן איינהייטלעכער פראָנט לעגאַבע דער יידישער בורזשואזער ליטעראַטור אין אויסלאַנד. אלע סאָוועטישע שרייבער טרעטן ארויס קעגן נאציאָנאלער אכדעס, פאר קלאַסעווער דיפערענציאציע. אלע זיינען קעגן אן „אַליידישער“ לי־טעראטור. אלע שטעלן די פראגע וועגן דעם, אז מירן גייען אף א

פאַרייניקונג מיטן רעוואָליוציאָנערן טייל פון די ייִדישע שרײַבער אין אויסלאַנד באַם באַדינג, אַז דאָ וועט זײַן די האַשפּאָע פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

שאַרף און קלאָר האָט אָט־אָ די פראַגע פאָרמולירט אינגיכן דער כ׳ ליטוואַקאָוו אין זיין אַרטיקל „יערושע און העגעמאָניע״ (פעווראַל 1926 י.).

דער כ׳ ליטוואַקאָוו האָט אין צוזאַמענהאַנג מיט לייוויקס זיין אין ראַטנפאַרבאַנד און זײַנע פּאָרוופן, וואָס ער האָט געמאַכט דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, געשטעלט די פראַגע וועגן יערושע און העגעמאָניע. כ׳ ליטוואַקאָוו האָט זיך פאַרופן אף לייוויקס אַרויסזאָגונגען אַפן לייוויק־באַנקעט אין מאָסקווע דעם 23 טן סעפּטעמבער 1925 יאָר, ווו די פראַגע וועגן צווישנבאַציונגען מיט די ייִדישע שרײַבער אין אויסלאַנד איז פאָרמולירט געוואָרן דורכן וואָרט: העגעמאָניע.

דער כ׳ ליטוואַקאָוו האָט אין אַ ברייטן אַנאַליז קלאָר געמאַכט דעם כאַראַקטער פון דער פּראַקטיאַבעדישער ייִדישער ליטעראַטור, ווי אויך דעם צושטאַנד פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין די בורזשואַזע לענדער און איז געקומען צום אויספיר, אַז אויב דער געזונטער טייל פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד זאָל וואַקסן ווי אַ רעוואָליוציאָנערע, פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור, מוז זי זיך אָריענטירן אף מאָסקווע, אף דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, אַפן קאָמוניזם.

דער כ׳ ליטוואַקאָוו האָט געשריבן: „ס׳איז נאַטירלעך און נויטווענדיק דעם וועג פון „טומאַנען״ צו דער זון זאָל מען זוכן דורך מאָסקווע. אָבער די פראַגע ווערט לאַכלוטן ניט אויסגעשעפּט דערמיט, וואָס איינצלנע שרײַבער און דיכטער וועלן קומען באַזוכן דעם ראַטנפאַרבאַנד, אָדער אפילע זיך באַזעצן דאָרטן. דאָס קאָן לייזן די פּראָבלעם פון איינצלנע ליטעראַטן, אָבער ניט פון דער גאַנצער ליטעראַטור״. און ווײַטער: „אָבער, ווי געזאָגט, קען דער פּיזישער וועג קיין מאָסקווע לייזן נאָר די פּראָבלעם פון ליטעראַטן,—און דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם גוירל פון אַ ליטעראַטור. די ייִדישע מאַסן פון אויסלאַנד, דעריקער פון אַמעריקע און פּוילן, קענען ניט און וועלן ניט בלײַבן אָן אַ זייעריקער ליטעראַטור,—און אַזאַ ליטעראַטור מוזן אָן וועלן פאַר זיי שאַפן און באַשאַפן די דאָרטיקע שרײַבער און דיכטער, אָבער נאָר דאַן, ווען

זיי וועלן זיך אָריִענטירן ניט בלויז קיין מאָסקווע, נאָר דעריקער אַף מאָסקווע, לויט מאָסקווע. וואָס הייסט עס?

דאָס הייסט, אַז די שרײַבער און דיכטער דאַרפן איבערבויען זייער אינערלעכן פראָנט, זיי דאַרפן באהערשן זייער צעשויבערטע און ווירקלעכע אינטויִציע לויט א באַשטימטן קלאַסן־פּלאַן. זיי דאַרפן פאַרבינדן זייער שאַפונג מיטן לעבעדיקן לעבן פון די ארבעטער־מאַסן אין זייער קאַמף פאר באַפרײַונג. זיי דארפן זאָרגן דערפאר, אַז די אָנקומענדיקע רעוואָליוציע זאָל אין דער ליטעראַטור ניט טרעפן קיין פוסט אָרט, נאָר זי זאָל געפינען א רײַכע וועלט פון דיכטערישע געשטאַלטן און פיגורן, וואָס זאָל קענען איר מיטהעלפן אין איר ארבעט פון צעשטערן און שאַפן, א רײַכן וואָרט־מאטעריאַל, מיט וועלכן מע זאָל זיך קענען פרוכטבאַר באַנוצן.

... אָט דאָס הייסט מאָסקווער העגעמאָניע. ווײַל די פראַגע באַשטייט ניט אין דער צאָל ווערק און אפילו ניט אין זייער פאָרמעלער קוואַליטעט. וואָס נאָר זיי דארפן קלוימערשט באַשטימען דאָס רעכט אף העגעמאָניע,—דאָ האנדלט זיך אין א נײַעם שניט, א נײַעם נורסעך, א נייער אָריִענטאַציע, וואָס וועלן שוין מיט זיך ברענגען אי קוואנטיטעט, אי קוואליטעט". („אין אומרו" ב. 3, ז"ז 26 — 28).

און נישט גערעכט איז דער כ' אָשעראָוויטש אין זײַן ארטיקל „אונטער א פאַרטייִשן לאָזונג" („רויטע וועלט" נום. 12, 1931), ווען ער באשולדיקט דעם כ' ליטוואַקאָוו, אז ער (ליטוואַקאָוו) האט, שטעלנדיק די פראַגע וועגן העגעמאָניע, געהאט אינזינען די העגעמאָניע פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור איבער דער יידישער בורזשואַזער ליטעראַטור אין אויסלאַנד. פאַר יעדערן איז קלאָר (און דאס ווערט אויך קלאָר פון די געבראַכטע פראָטאָקאָלן), אז עס האט זיך דאן געהאַנדלט וועגן דער רעוואָליוציאָנערער יידישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד, אָדער וועגן דעם טייל יידישע ליטעראַטן, וואָס האבן סוביעקטיוו אויסגעדריקט זייער ווילן צו שאַפן פארן פראָלעטאַריאַט, האבן מיטגעארבעט אין דער קאָמוניסטישער „פרײַהייט" א. אז"וו. בלויז אין דער פלאַך איז געשטעלט געוואָרן די פראַגע סײַ אף דער שרײַבער־פאַרזאַמלונג, סײַ אינעם כ' ליטוואַקאָווס ארטיקל „יערושע און העגעמאָניע". עס האט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, אז די אויסלענדישע יידישע רעוואליוציאָנערע שרײַבער, וואָס אָריענטירן זיך אף דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, אפן

פראָלעטאַריאַט, זאָלן האָבן אינזינען, אַז זיי האָבן זיך וואָס צו לערנען בײַ מאָסקווע, בײַ דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

פאַרקערט, אויב האָבן טײַנעס צו עמעצן פאַר איבערשאַצן דעם ווערט פון די אויסלענדישע קליינבירגערלעכע שרײַבער (לייוויק, צום בײַשפּיל), קער עס שוין גיכער צו אַנדערע קריטיקער (י. בראָנשטיינס אַרטיקל וועגן לייוויקן אין מינסקער „שטערן" מיטן פּאַטעטישן סאָף: „האַללאָ, לעכאַים, לייוויק") ווי צו מ. ליטוואַקאָוון, וועלכן מע האָט דאָך דעמאָלט פון אַלע זײַטן באַשולדיקט אין „געבן מאַלקעס" די פון אויסלאַנד געקומענע שרײַבער.

די ריכטיקע פּאַרטיי־פּאָליטיק אין פראַגעס פון ליטעראַטור, ווײַזט גיך פּאָזיטיווע רעזולטאַטן: עס באַווײַזן זיך אַ גרעסערע צאָל קינסטלערישע ווערק, און, וואָס איז באַזונדערס וויכטיק — גרעסערע פּראָזע־ווערק. סאָף 1927, אָנהייב 1928 האָבן מיר די ערשטע גערעטעניש פון גרעסערע ביכער סײַ בײַ די מאַפּפּעווצעס, סײַ בײַ די איבעריקע סאָוועטישע שרײַבער אין מאָסקווע אויסער „מאַפּפּ" (ש. גאָדינער, א. קושניראָוו, פּערסאָוו, ראַבין, יאָפע, דאַניעל א. א.). דאָ האָבן מיר צוטאָן דערוויַיל דער־ריקער מיט פאַרסאַכאַקלען דעם פּעריאָד פון בירגער־קריג. בײַ אייניקע שרײַבער מערקט זיך שוין אָן אויך טעמאַטיק פונעם אופשטעל־פּעריאָד. די יִידישע סאָוועטישע ליטעראַטור טוט אין יענעם פּעריאָד אַ ריזיקן שפּאַן פאָרויס. די יִידישע סעקציע „מאַפּפּ" האָט אין יענער צײַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דער גאַנצער יִידישער סאָוועטישער ליטעראַטור־באַוועגונג אין ראַטנפאַרבאַנד; מיט די קויכעס פון דער יִידסעקציע „מאַפּפּ" ווערט אוועקגעשטעלט און פאַרשטאַרקט די ליטעראַטור־אַרבעט אין ווײַסרוסלאַנד (י. בראָנשטיין, א. קושניראָוו, וועוויאָרקע, וועלכע רעדאַגירן אַ צײַט דעם מינסקער „שטערן"). די יִידסעקציע „מאַפּפּ" נעמט אויך אָן אָנטייל אינעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון די יִידישע פראָלעטאַרישע שרײַבער און אוקראַיִנע („וואָספּפּ") סאָף 1927 יאָר. אויף אָט דעם צוזאַמענ־פאָר נעמען אָן אָנטייל פּאָלגנדיקע כ״כ פון מאָסקווע: ליטוואַקאָוו (הויפּט־פאָרטרעגער), און די כ״כ ראַבין, גאָדינער, פּערסאָוו און שויכעט.

אין אַ ריי וויכטיקע פּאָליטיש־ליטעראַרישע פראַגעס, וואָס טראָגן אַן אַלפאַרבאַנדישן כאַראַקטער, נעמט אויף זיך די יִידסעקציע „מאַפּפּ" די איני־ציאַטיוו (וועגן אַן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון סאָוועטישע יִידישע שרײַבער און אַנד.).

5־טער קאַפּיטל

# דער קאַמף פאַר יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אוקראַינע (1922 — 1927)

אין די יאָרן 1919 — 1920 פאַרט אוועק פון קיִעוו, וואס איז זײַט 1917־טן יאָר געוואָרן א צענטער פון יידישער ליטעראַטור, קימאַט דער גרעסטער טייל יידישע שרײַבער. ווי מיר האָבן אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך אָנגעוויזן, פאָרט א טייל שרײַבער אוועק קיין אויסלאַנד, דער איבעריקער טייל באַזעצט זיך אין מאָסקווע, ווו עס הייבט זיך אין יענע יאָרן אָן אַן אינטענסיוו ליטעראַריש לעבן (זע קאַפּיטלעך 2, 3, 4).

אין די יאָרן 1920־1921 פילן זיך נאָך אין קיִעוו שטאַרק די רעשטלעך פונעם בירגער־קריג. ביסלעכווײַז הייבט דאס לעבן אָן אָנצונעמען נאָרמאַלע פאָרמען. פאַקטיש איז דאס 1921 יאָר דאס ערשטע יאָר נאָכן פאַרענדיקטן בירגער־קריג. דאָס קיִעווער קולטור לעבן הייבט אָן ארײַנגיין אין נאָרמאַלע ברעגן, אין קיִעוו גייט פונעם 1919 יאָר (מיט איבעררײַסן) ארויס די „קאָמוניסטישע פאָן", וואָס ווערט אינגיכן א צענטער פון אָרגאַניזירטער מאַסן־אַרבעט און סאָוועטישער קולטור, און ארום איר הייבן זיך טאַקע איצט אָן צו קאָנצענטרירן א טייל יידישע שרײַבער און קולטור־טוער. ווענן די שטימונגען פון די פאַרבליבענע יידישע ליטעראַטן אין קיִעוו אין 1921־טן יאָר דערציילן אייניקע ארטיקלען אין דער פּרעסע פון יענער צײַט.

אין אַן ארטיקל אין „קאָמפאָן" 9 x 1921־טן יאָר צום דערשײַנען פון דער „לירִיק"־ביבליאָטעק שרײַבט דער כ׳ וואָלקנשטיין:

„עטיעכע ווערטער צום פאקט אליין — צום בעעמעס איבעראשנדיקן כאקט, וואס שטעלט מיט זיך פאר דאס דערשיינען פונעם ערשטן ציקל „ליריק״־העפטן.

אונדזערע קולטור־פריידן זיינען שטענדיק נישט איבעריק פיל. באַוונדערס געמינערט זיינען זיי געוואָרן דעם לעצטן יאָר.

... פון טאָג צו טאָג זיינען די מעגלעכקייטן צו שאַפן, צו ארויסגעבן און צו באווייזן זיך מיט דעם אָפּגעטאָנענעם געוואָרן אלץ קלענער און נאָכדעם זיינען זיי קימאט אינגאנצן פארשוווּנדן.

דער לייענער־אוילעם האט ביסלעכווייז גענומען אָפּשטיין, אָפּגעווינען זיך פון נייעם בוך, אנגעוואָרן זיין שטענדיקן אומגעדולד.

און מיר אליין, די געבליבענע אין קיעוו, נאָך אלע געצוווּנגענע און ניט געצוווּנגענע עוואקואציעס, דער גרעסטער טייל כאוויירים ליטעראַטן, — מיר אליין זיינען פארקלענערטע אין דער צאָל, געווען א צייט צעשטויבט, דעזאָרגאניזירט.

די ניי־געשאפענע קליינע ביבליאָטעק — „ליריק״ — דאס איז אן אנהויב פון פאַרייניקטער קינסטלער שער ארבעט אפן געביט פון ליטעראַטור.

דער ערשטער ציקל „ליריק״־העפטן — דאָס איז דער ערשטער שריט פון דער זעלבשטענדיקער קונסט־טעטיקייט, וואָס קיעוו מאַכט נאָך אַזאַ לאַנגער האפסאָקע״ („קאָמפאָן״ 1921. נומ. 206 9/01 9).

די איבערגעבליבענע יידישע שרייבער אין קיעוו — דאס איז אייגנטלעך געווען די יינגערע „אייגנס״־גענעראַציע, וואס האט אָדער אָנגעהויבן איר ליטעראַרישע ארבעט אינעם „אייגנס״ (ווי א שטייגער, ל. רעזניק), אָדער אף אנדער אויפן אידעאָלאָגיש געשטאַנען נאָענט צו דער „אייגנס״־גרופּע (נ. לוריע, ד. וואָלקנשטיין, א. אנד.). דער „אייגנס״־קולט, דער קולט פונעם אזויגערופענעם „קיעווער פעריאָד״, איז אויך אין יענער צייט בא דעם טייל איבערגעבליבענע יידישע שרייבער אין קיעוו געווען זייער שטאַרק. ווען אין מיי 1921־טן יאָר איז פ. מאַרקיש אין קיעוו ארויסגעטראָטן אַף א ליטעראַרישן אָוונט קעגן דער „אייגנס״־פּראָזע, ד. ה., קעגן בערגעלסאָנען און ניסטערן, האָט ער פון די אייניקע קיעווער ליטעראַטן געכאַפּט א מיעכן פּסאַק. וועגן דעם דערציילט א קאָרעספּאָנדענץ אין „קאָמפאָן״ פאַרן 2/6 1921־טן יאָר.

די קאָרעספּאָנדענץ גיט איבער מאַרקישעס רעדע אפן אָוונט דעם 17/5 1921 י., ווי אויך די ארויסטרעטונגען פון די אָפּאָנענטן אַפן זעלבן אָוונט. מאַרקיש האָט געזאָגט:

„די יידישע דיכטונג איז שוין ארויס אַפן ברייטן שליאַך פון אַלמענטשלעכער שאַפונג און האָט זיך אינגאנצן באפרייַט פון דעם קליינשטעטלדיקן נאַציאָנאַל־ספּעציפישן אינהאַלט. אין דעם ברויזנדיקן שטראָם פון דער רעוואָליוציע זײַנען די יידישע דיכטער דערהאַלטן געוואָרן אף דער מאַסן־כוואַליע און אין זייער דיכטונג האָבן אָנגעהויבן קלינגען נײַע טענער".

אין שאַרפע אויסדריקן, — דערציילט ווײַטער דער באריכט אין „קאָמפאָן" האָט זיך דער פאָרטרעגער אָפּגעשטעלט אף דער כאַראַקטעריסטיק פון דער יידישער פּראָזע, וועלכע האט זיך פארנומען ניט זאַמלען „באָבע־מײַסעס" און כסידישע ניגונים און האָט אין דעם געזעען דעם גאַנצן אינהאלט פון יידישער שאַפונג. מ'האָט זיך אײַנגעשפּאנט אין די דאַלעד־אַמעס פון קליינעם שטעטל און מ'איז געבליבן בא „אייגנס".

מאַרקיש איז אין דער קריטיק פונעם „אייגנס", גאנץ פארשטענדלעך, ארויסגעגאן פון ראַדיקאַל־אינטעליגענטישע פּאָזיציעס. אָבער אַפילע אָטאָ די קריטיק האט ארויסגערופן באַ אייניקע יידישע ליטעראַטן אין קיעוו א שטאַרקע אומצופרידנקייט. די נאָטיץ אין „קאָמפאָן" דערציילט וועגן דעם פּאָלגנדיקס:

„די כ"כ נוסינאָוו, וואָלקנשטיין און לוריע האָבן זיך געשטעלט אפן שוץ פון די יידישע פּראָזאַיקער, וועמעס קאָוועד מאַרקיש האט קלוי־מערשט אָנגערירט, און געלערנט אים דערעכערעץ צו דער גרופּע „אייגנס". כ' וואָלקנשטיין האט זאגאר געראָטן, דער פּאָרטרעגער זאָל מיט אזעלכע פּאָרטראגן ניט ארויסטרעטן.

כ' לויטער האָט אין אומדערלאָזבארע פּאָרמען „געקריטיקירט" דעם פּאָעט און איז אייניקע מאָל איבערגעריסן געוואָרן פונעם פּובליקום מיט א פּראָטעסט־געשריי.

כ׳ קאַזאַקעוויטש האט פּאַרטיידיקט דעם רעוואָליוציאָנערן שטאַנדפּונקט פונעם פּאָעט און אָנגעוויזן אויף דער ניט־דערלאָזבארער פאָרם פון דער „קריטיקע״.

אָטאָ די „אייגנס״־רעשטלעך אין קיִעוו האָבן זייער אידעאָלאָגיש־קינסטלערישע ליניע ווײַטער געצויגן פונעם „אייגנס״ און נאָכדעם, ווען אין מאָסקווע הייבט אָן ארויסצוגיין דער „שטראָם״—פונעם „שטראָם״.

נישט אומזיסט באַגעגנט דער כ׳ וואָלקנשטיין אין אן ארטיקל אין קיִעווער „קאָמפּאָן״ (1922 י.) מיט אזאַ באַגײַסטערונג א. קושניראָווס יע־רידיש־נאַציאָנאַליסטישע ליד „האזקאָרע״.

דער כ׳ וואָלקנשטיין שרײַבט וועגן „האזקאָרע״:

„דאָס באַהאַרציקסטע ווערק פון אונדזערע טעג, קושניראָווס פּאָעמע „האזקאָרע״, האָט באַוויזן, ווי אויך שפּעטערדיקע, אז זײַן פּען וואַקסט, אַז זײַן מוט איז פול מיט זוימען און שעפערישן אומרו״.

די קיעווער גרופּע ליטעראַטן (רעזניק, לוריע, וואָלקנשטיין און אנד.) איז ענג געווען פארבונדן מיטן „שסראָם״. דער „שטראָם״ האָט געדארפט זײַן די טריבונע סײַ פאַר די מאָסקווער, סײַ פאַר די קיִעווער שרײַבער.

אין די יאָרן 1921—22 באַווײַזט זיך אין קיִעוו א גרופּע ייִנגערע דיכטער און פּראָזאיִקער, וואָס טרעטן ארײַן אין דער ליטעראַטור אין די יאָרן 1920—1922. אָט דידאָזיקע שרײַבער, גאַנץ ווײַט נישט קײַן איינהײַט־לעכע לויט זייער אידייען־וועלט און סאָציאַלער דערפארונג, פאראייניקן זיך אין 1922־טן יאָר אין א שרײַבער־גרופּע מיטן נאָמען „ווידערוואוקס״. די שרײַבער־פאראייניקונג „ווידערוואוקס״ האט דער כ׳ פעפער אין 1930 י. אויף א ליטעראַרישן אָוונט אין קיִעוו אָט ווי אזוי כאראַקטעריזירט:

„די גרופּע „ווידערוואוקס״ איז געווען א דעמאָנסטראציע פון פרישע קויכעס, וואָס זײַנען, עמעס, געווען פאַראייניקט נישט דורך אן איינהײַט־לעכער אידעאָלאָגישער פּלאַטפאָרם. זיי זײַנען אָבער געקומען דורכברעכן די וואנט פון אלטע קאָנסערוואַטיווע טראַדיציעס אין דער ליטעראַטור.

די עלטערע שרייבער און אויך די פארלאגן האבן בעשומויפן ניט גע־וואלט אנערקענען די נייע קויכעס.

דער „ווידערוווקס" האט געשפילט קימאט א פראפאריינישע ראליע. אין יענעם פעריאד איז דאס געווען אומבאדינגט נויטיק, ווייל א דאנק דעם איז געעפנט געווארן דער וועג פאר דער וויטערדיקער ארבעט. ס'זיינען געשאפן געווארן מעגלעכקייטן פאר ליטעראַרישן „ווירערווּקס".

„פראלעט. פאן" 10/5 1930).

און בעעמעס, די שרייבער־פאריינינקונג „ווידערוווקס" (אהין זיינען אריינגעגאן א. שויכעט, איציק פעפער, מ. שאפירא, א. וועלעדניצקי, י. קיפניס, און אנד. א שטיקל צייט אויך די כ"כ כאשטשעוואצקי און ע. פינינבערג) האט זיך דעריקער פארנומען מיט פארלעגערישער ארבעט. איינע פון אירע ארבעטן איז געווען — באזארגן, אז דער מאטעריאל פון די קיעווער יונגע שרייבער זאל געדרוקט ווערן אין „שטראם". די אופ־גאבע איז געווען נישט קיין גרינגע. דער „שטראם" — דער איינציקער יידישער זשורנאל אין רוסלאנד—האט איינגאנצן נישט אנערקענט די יונגע (אויסער ע. פינינבערגן). פון א פראטאקאל פון 7/10 1922 איז צו זעען, אז די גרופע „ווידערוווקס" האט ארגאניזירטערהייט איבער־געשיקט מאטעריאל קיין מאסקווע אין זשורנאל „שטראם".

מיר ברענגען דעם פראטאקאל פון דער „ווידערוווקס"־זיצונג:

### פ ר א ט א ק א ל

פון דער זיצונג פון דער ליטעראַרישער גרופע „ווידערוווקס" 27/10 1922־טן יאר, קיעוו.

מיט דער אנוועזנהייט פון די כאוויירים: א. שויכעט, א. וועלעדניצקי, דווירע כאראל, י. קיפניס.

| ג ע ה ע ר ט: | ב א ש ל א ס ן: |
|---|---|
| 1. אינפארמאציע וועגן אנטייל נעמען אין „שטראם". | 1. פון היינט אן און וויטער אלע מאטעריאלן פון דער גרופע „ווידערוווקס" שיקן צו אונדזער |

| | |
|---|---|
| | באפולמעכטיקטן אין מאָסקווע. באַפולמעכטיקט דערויף ווערט דער כ׳ שויכעט. |
| 2. פאַרבינדונג. קיִעוו — מאָסקווע. | 2. א) שטענדיקע אינפאָרמאַציע. <br> ב) מאנוסקריפטן פון מאָסקווע קיין קיִעוו קומען אָן צו דער ביוראָ; פון קיִעוו קיין מאָסקווע — צו די כ״כ שויכעט און קושניראָוו. <br> ג) באזאָרגן קיִעוו מיט דער נייַסטער ליטעראַטור. <br> ד) בארא̇טן זיך שריפטלעך וועגן וויכטיקסטע אונטערנעמונגען, ווי אויסגאבן און אנד. |
| 3. וועגן דעם באשטאַנד פון ביוראָ. | 3. דער באשטאַנד פון ביוראָ: וועלעדניצקי און שאפּיראָ — אין קיִעוו. שויכעט — אין מאָסקווע. |
| 4. וועגן מיטגלידערשאַפט אין „ווידערוווקס“. | 4. אין „ווידערוווקס“ קענען אריינגענומען ווערן כ״כ, וועלכע אנטשפּרעכן אין זייער שאַפן דעם נייַעם קינסטלערישן וואָרט. די, וועלכע האבן זיך געדרוקט אין ערנסטע אויסגאַבן, ווערן אריינגענומען לויט דער מעלדונג, און די, וועלכע האבן זיך ניט געדרוקט — דורך דער רעקאָמענדאַציע פון צוויי מיטגלידער פון „ווידערוווקס“. |

אז צווישן „ווידערוווקס זייַנען געווען קאָנפליקטן מיטן „שטראָם“, באַווייַזט פאָלגנדע מעלדונג פון דער ביוראָ פון „ווידערוווקס“ אין דער רעדאַקציע „שטראָם“.

„געהערטע כאַוויירים! נאָך דער מעלדונג פון כ׳ אויסלענדער וועג אונדזערע מאַטעריאַלן, וועלכע געפינען זיך אין „שטראָם״, געפינען מיר פאר נויטיק אייַך מעלדן, אז מיר דערלאָזן ניט קיינע שינוים אין די מאַטעריאַלן, וועלכע מיר האבן געשיקט אין נומער 4, אויסער קיפּניסעס און ליבקעסעס, וועלכע מיר האבן צוריק באַקומען. אָדער—אָדער.

מיט גרוס: ביוראָ „ווידערוווקס״.

דעריקער האט זיך „ווידערוווקס״ פאַרנומען מיט ארויסגעבן ביכלעך פון די יונגע דיכטער פון דער גרופּע. אינעם קאָאָפּעראַטיוון פארלאג „ווידערוווקס״ זיינען ארויס די ערשטע לידער־זאמלונגען פון א. פּעפּער („שפּענער״), מ. שאַפּירא („פּארטאַג״), א. וועלענדניצקי („לייַטערניש״), י. קיפּניס („אָקסן״), מ. כאשטשעוואַצקי („דאָרשט״), שקאראָווסקי („רעגעס״) און אנד. אַן אקטיוון אָנטייל אין אָטאָ דער פארלאַג־ארבעט האָט גענומען ד. האָפּשטיין, וואָס האָט א ריי פון די אָנגעוויזענע ביכלעך באַלייט מיט אריינפיר־ווערטער. די ביכלעך זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן גרעסטנטייל אף אייגן געלט. קיין אנדער ברייַרע האבן נאָך דאמאָלט אייניקע יונגע שרייַבער ניט געהאט. א לעבעדיק בילד וועגן דער לאגע מיטן ארויס־געבן די ביכלעך „ווידערוווקס״ גיט אונדז דעם כ׳ שקאראָווסקיס בריוו צו ד. האָפּשטיין פונעם 6־טן אָקטיאַבער 1922 יאָר.

„ליבער דאָוויד האָפּשטיין!

איך האלט וואָרט און שיק פארן פארלאַג (געמיינט „ווידערוווקס״. א. א.) 100 מיליאָן רובל, איך האָף, אז מייַן ביכל וועט מיט אייַער הילף אימירצישעם אין א גוטער שאָ ארויסגעגעבן ווערן... איך זאָרג נאָר וועגן דער קאָרעקטור, ס׳זאָלן נישט צונויפגעמישט ווערן די בלעטער. דאָס קליינע מאָגערע ביכעלע זאָל ארויס ווי ס׳דארף צו זייַן און געבן אויב ניט דעם גאַנצן טאמצעס פון מייַן „איך״, איז כאָטש ארויסווייַזן א פינטעלע פון מייַן אייגנס.

איך בעט אייַך טאַקע וועגן דעם מיר דורכן המויקאַז געני שרייַבן. דאָס איבעריקע געלט וועל איך טייקעף־אומעיאַד צושיקן, ווען עס וועט זיך פאָדערן, אין א פּאָר וואָכן ארום״.

די „ווידערוווקס״־גרופּע איז געקומען אין דער ליטעראַטור נאָך דעם בירגער־קריג. דער באַשטאַנד פון דער גרופּע איז געווען א פּאר־שיידענער. ווער עס האט דעם בירגער־קריג דורכגעמאַכט אין דער רויטער ארמיי אין פייער פון בירגער־קריג, און ווער אין דער בעהאָלטע פון שטעטלדיקן פּאָגראָם־שוידער. די סאָציאַלע פּראקטיק בא דידאזיקע שרייבער איז געווען א פאַרשיידענע. דידאזיקע שרייבער האבן זיך גלייך בא זייער אָנקום אין דער ליטעראַטור דיפערענצירט סיי אין זייערע פּאָליטישע, סיי אין זייערע ליטעראַריש־קינסטלערישע אנשויונגען.

ע. פינינבערג, איינער פון די „יונגע״, וואס קומט אין יענעם פּע־ריאָד אין דער ליטעראַטור, האט דערזעען אין דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע דאָס אזויגערופענע אוניווערסאַלע, דאס מאָשיכישע. פאר פינינבערגן איז די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע דערשינען בלויז, ווי די צעשטערערן פון דער אַלטער פארפוילטער וועלט. ער האט די רעוואָליוציע דערזען אנארכיש־בונטאריש. ער האט ניט געזען דעם קלאַסן־טאָך אירן. זייער כאראקטע־ריסטיש איז פאר פינינבערגן אין יענעם פּעריאָד אן ארטיקל, וואס ער האט אָפּגעדרוקט אין א ליטערארישער זאמלונג „אָקטיאַבער״, א ביילאַגע צו „קאָמפאָן״ פארן 7־טן נאָיאַבער 1922־טן יאָר. דער ארטיקל טראָגט דעם נאָמען „זינגענדיקע מערידע״. אינעם ארטיקל שרייבט פינינבערג:

„דער יִדישער דיכטער איז געשטאַנען מיט אָפענע אלך־באנעמענדיקע אויגן, אן ערשט־געקומענער, נאָר שוין אן עלטסטער אין זיין דערפארונג און גייסט־דערגרייכונגען.

די אייגן־פאָלקישע פיר איילן זיינען וויסט און ענג און מיט שטיקנ־דיקער כאשכעס דערפילט. ער וועט זיך צו זיי נישט אומקערן.

די „ברייטע״ וועלט, אין וועלכער ער איז אָנגעקומען, איז גלאַנצנדיק און פאַרפוצט, נאָר מיעס פארברעכעריש און צעפוילט, פארזנוסט. וואס וועט ער אין איר געפינען? וואָס קאָן זי אים געבן? ס'איז דאָך הוילע טומע, ס'איז דאָך הוילע עקל.

האָט דער יִדישער דיכטער אין אָקטיאַבער־אופרייס דערזעען אן אויס־לייזער, א צווייענדיקן אויסלייזער. האט ער די אָקטיאַבער־טעג אופגע־נומען ווי א קריג מיט אייגענע, א קריג מיט גאָר דער וועלט.

דער גרויסער אופשאַנד איז דער לעצטער שטויס, דער גרעסטער ריס. דער רויטער אופשטאַנד איז דער איינציקער אויסוועג, ער וועט כאָרעוו מאַכן און ער וועט שאַפן דעם טוישעוו פון גאָר די שרעקעס, דעם פראנק־און פרייַען, וואס איז ניט פארבונדן מיט גאָרניט, כוץ די אומענדלעכע שטרעקעס.

שענקט דער ייִדישער דיכטער זיך אינגאנצן אוועק דעם אופשטאַנד. ער ווערט דער, וואס שלעפט, ווי א שפין, פייַער. זאָל ברענען, זאָל כאָרעוו ווערן, א מיצווע!

ער ווערט דער זינגער פינעם לאַנד, וואָס טראָגט דעם „זיכערסטן וויכער". דאס לאַנד וואקסט אויס אין א סימוואָל פון אלוועלטלעכער, אלמענטשלעכער אויסלייזונג!. די גוואלטיקע ווייען פונעם לאַנד ווערן בא אים כעוולײ־מאָשיעך, ווערן פאָרגענגער פון ווונדערלעכער, אויסער־געוויינלעכער יעשוע פאַר אלע און פאַר יעדן".

וואָס האט דעם ייִדישן דיכטער לויט פינינבערגן צוגעצויגן צו דער אָקטיאַבער־רעוואלויציע?

„דער יונגער ייִדישער דיכטער, — זאָגט דאָרט פינינבערג, — האט געבראַכט מיט זיך אייגן פארמעגן, אייגענעם יעש און ווּט, אייגענע טוויִעס צו דעם וועלט־יעש גאָרניט קייַן קלײנלעכע, טוויִעס גאָרנישט קייַן נישטיקע.

אים האט צום אלעם ערשטן פארכאַפּט דאס, וואס ס'איז דער נאָענטסטער קאָרעוו זיין עצעם, דעם עצעם פונעם ייִדישן דיכטער: דער גראנדיעזער פארמעסט, דער ריזיקער מיין, דאס הויך־גייַסטיקע, דאס ביבליש־נעוויִישע, דאס, וואס בא אים אין אייגענעם בלוט א יערושע פון אמאָל, פון דוירעס פארצייַטיקע.

ס'האנדלט זיך מעקויעך רעאליזירן א כאָלעם, וואָס אייגענע מיוראָכישע אורזאלט האט זיך מיט אים ארומגעטראָגן. איז עס הייליק, און מ'דארף מיטגיין, מע מוז מיטגיין".

דאס באנעמען די אקטיאַבער־רעוואלויציע ווי א קאָסמישע דערשייַנונג, פונעם אזויגערופענעם אלמענטשלעכן שטאנדפונקט, ווי אן אויסלייזערן פון דער מענטשהייט, דאס אייַנזעען אין דער אָקטיאַבער־רעוואָלויציע דאס מעשיכישע, דאס, וואס פינינבערג האט אין יענער צייַט

נישט געזעען דעם קלאַסן־טאָך פון דער רעוואָלוציע, האט אים אָן א סאָפעק דערנעענטערט צו דער אידעאָלאָגיע פון די „אייגנס"־און „שטראָם"־דיכטער, און נישט נאָר דאס: פינינבערגס כעזשבוינעס מיט דער אלטער וועלט, מיטן „זיידנס ירושע" האט אויך געהאט אַסאַך געמיינזאמעס מיט די „אייגנס"־דיכטער. נישט אומזיסט האָט נ. אויסלענדער אין זײַן רעצענזיע אין „שטראָם" נומ. 3 וועגן פינינבערגס ערשט ביכל לידער „אָטעם" נישט פּאָלעמיזירט מיט דער טײַנע וועגן דעם, אז פינינבערג איז א רעצידיוו פון „אייגנס". נ. אויסלענדער האט אין דער אויבנדערמאָנטער רעצענזיע געשריבן:

„עס וועלן געוויס זײַן אויך אזוינע, וואס וועלן מיט רעכט קאָנסטאַטירן: עזראָ פינינבערג איז א רעצידיוו און א גאנץ אויסגעשפּראָכענער רעצידיוו פונעם „אייגנס"־פּעריאָד אין אונדזער ליטעראטור, ער איז דער רעצידיוו פון קוויטקעס „טײַנע", פון קוויטקעס מאַסן־מאָטיוון, פון קוויטקעס קאַמף מיט דעם „בלינדן ווילן" פון דער אלטפּאָטערישער ירושע זײַנער.

יאָ, דער רעצידיוו פון דעם אלעמען קלינגט אין פינינבערגס בוך, אָבער עס טרעפן אמאָל גליקלעכע רעצידיוון, און דער פאל מיט ע. פינינבערג געהערט צו דערדאָזיקער קאַטעגאָריע".

דער גרעסטער טייל לידער סײַ פינינבערגס, סײַ פון אסאַך אנדערע דיכטער פון יענער צײַט (מיט אן אויסנאַם פון פעפערן, כאַריקן, גילדינען) זײַנען פארבונדן מיטן כעזשבן, וואס די דיכטער פירן מיט דער ירושע. דער כעזשבן איז ניט בא אלעמען אן אלציינער,— ווער עס צערעכנט זיך באַלד מיטן „זיידנס ירושע", בא וועמען עס פּארציט זיך אף א היפּשער צײַט.

פעפער קומט אין דער ליטעראַטור אָן דידאָזיקע שטאם־כעזשבוינעס. פון פעפערן רעדט ארויס סאָציאלע דערפארונג פון א קלאַס, וואָס האָט דורכגעמאַכט קלאַסן־שלאַכטן, וואָס גייט באַרג־ארוף.

פעפערס ארײַנקום אין דער ליטעראטור איז ביז גאָר אינטערעסאַנט. ער הייבט אָן זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט מיט ארבקאָרישע קאָרעספּאָנדענצן, שרײַבט די ערשטע צײַט באגלײַך מיט רעוואָלוציאָנערע לידער האָפּשטייניש־פילאָזאָפירנדיקע לידער, גייט אָבער גיך איבער צו דערציילן וועגן דעם העלדישן בירגער־קריג און געפינט דאָ זײַן עמעסן דיכטערישן וועג. וועגן דעם אָנהייב פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקייט

דערציילט פעפער אין א בריוו צו ד. האָפּשטיינען, געשריבן נאָך פון זוועניגאָראָדקע, דאטירט דעם 7־טן יאַנוואַר 1922. פעפער שרײַבט:

ג. כ׳ האָפּשטיין!

איך האב שוין עטלעכע מאָל גענומען אין האַנט דעם בלײַשטיפט אײַך אָנשרײַבן, נאָר אַלעמאָל האב איך אים אוועקגעלייגט צוריק. אויך איצט איז בא מיר אויסגעוואקסן א שטאַרקע נויטווענדיקייט זיך אויס־רעדן, ווי מע זאָגט, און איך האָב באַשטימט אײַך אָנשרײַבן, ניט קוקנדיק אף דעם, וואס מיר זיינען פערזענלעך ניט באַקאַנט.

אין מײַנע בריוו צו נוסינאָוון און קושניראָוון האב איך שוין עטלעכע מאָל געפרעגט וועגן אײַער מיינונג איבער מײַנע לידער, נאָר קײַן ענטפער האב איך ניט באקומען.

מיך אינטערעסירט באזונדערס אײַער מיינונג נאָך אײַערע „פראַגמענטן" אין „עמעס" און „זונען־שלייפן". אין זיי האב איך דערפילט די גאנצע פרישקייט פון ניט קײַן געגאַנגענעם גאַנג. נאך זיי האָט מיך באהערשט אן אויסשליסלעכע נאָענטקייט צו אײַך.

מיינונגען האב איך געהערט אסאַך, נאָר קײַן איינע פון זיי (אכוץ קושניראָווס) איז בא דער אָפּשאַצונג ניט ארויסגעגאן פון קינסטלערישן שטאנדפונקט. איינער זוכט אן ענטפער אף זיינע פּאָליטישע אָנשויונגען, דער צווייטער אן אָפּקלאַנג (אין מײַנע לידער) אף זיינע עכטעטישע בליקן, און קײַן מיינונג וועגן זיך, וועגן מײַן שאַפונג האָב איך פון אווטאָריטעטן קימאַט ניט געהערט.

איך וואלט געוואָלט וויסן פריִער פון אלץ, צי שמעקט פין מײַנע לידער מיט קונסט, און נאָכדעם — דאס איבעריקע. פריִער וואלט איך גע־וואָלט וויסן, צי איך דארף ווײַטער שרײַבן, צי איך מאַך קאַליע פּאַפּיר, צי איך בין א דיכטער, צי איך שרײַב דערפאַר, וואָס אין אונדזערע יאָרן שרײַבן אסאַך, גלאַט ווײַל ס׳שרײַבט זיך.

איך וויל אײַך דערציילן, ווי אזוי איך האב אָנגעהויבן שרײַבן. איך בין א זעצער. שטייענדיק אין דרוקערײַ, האב איך אָנגעשריבן אזאַ מין לידל:

בלייך ווי טעג פון נאַסע הארבסטן,
הונגעריק פארשמאַכט,

שטייט און זעצט דער יונגער זעצער
פון גאַנצפרי ביז שפּעט באַנאַכט.

איצט פאַרשטיי איך, ווי אזוי ס'נאַריש, פּאָשעט נאַריש געווען, נאָר בעייס איך האָב דאָס אָנגעשריבן און געוויזן מייַנע כאַווירים פון פּראָ־פעסיאָנעלן פאַריין, האָבן זיי זיך באַלעקט און געזאָגט, אז איך וואַקס א דיכטער. איך בין געווען צופרידן און געשריבן ווייַטער, וואָס ווייַטער אַלץ בעסער. אז איך האָב אָנגעזאַמלט א העפט, בין איך געפאָרן קייַן קיִעוו. צי ווּעמען גייט מען? — צו בערגעלסאָנען, קוויטקען, נוסינאָוון (מיט נוסינאָוון בין איך פון פריִער געווען באַקאַנט, ווייַל מיר זייַנען געזעסן אינאיינעם אין טיורמע). און הערט, וואָס ס'האָט זיך געטראָפן מיט מייַנער א ליד.
אָט איז זי:

„אינעם פלאַם פון הייַנטן
ווערט פאַרברענט דער נעכטן,
אין די מאָרגן־סרייפעס
סמאַליעט זיך דער איצט,
אינעם לויף פון שטורעם,
אינעם יאָג פון ווינטן
ווערן שטיינער־וועגן
בלוטיק אויסגעקריצט.

אינעם נעכטן־נעפּל
אף פאַרפירסטע ערטער
בלאָנדזען אַלטע קינדער,
שלעפּן זיך צוריק.

בלאָנדזשען אין דער ברייטקייט,
טאַפּן טויטע ווערטער,
צווישן הייַנט און נעכטן
איז ניטאָ קייַן בריק״.

איך האָב די ליד געזײען יעדן דערפֿאַר, וואָס איך האָב זי געדערכנט פֿאַר אײנע פֿון די שענסטע אין צוואָנציקסטן יאָר. איצט זאָג איך זיך קימאַט אָפּ פֿון איר.

בערגעלסאָן האָט אונטערגעשטראָכן:

טאַפּן טויטע ווערטער,
שלעפּן זיך צוריק...

און געזאָגט, אַז דאָ ליגט דער צימעס: אינטויציע, קונסט, אינהאַלט, רעוואָלוציע — אַלצדינג אין די צוויי שורות. בין איך אַוועקגעגאַנגען צום כ׳ נ. לוריע. זאָגט ער, אַז ס׳ניט מעסוקן, און דער טאַך ליגט:

אינעם נעכטן־נעפּל
בלאָנדזשען אַלטע קינדער...

בין איך זיך מעיאַשעוו און שיק אַוועק די ליד אין אָדעס: דרוקט מען זי אָפּ אין דער „קאָמוניסטישער שטים״, נאָר מע מעקט אויס דאָס, וואָס בערגעלסאָן און לוריע האָבן געדערכנט פֿאַרן צימעס און מע שרײַבט אַרײַן אַנדערע פֿיר שורות (אײגענע!).

ס׳וווּנדערט מיך ניט. איך ווייס, אַז קײַן אַבסאָלוטע מײנונג קען ניט זײַן וועגן דער אָדער יענער ליד, אָבער דאָס האָט מיך אויסגעלערנט אויסהערן אַ מײנונג, נאָר פֿון דער אײגענער ניט אָפּטרעטן.

איך האָב זיך, ווי מע זאָגט, צעשריבן. ס׳ווילט זיך אײַך שרײַבן און פֿרעגן גאָר אַסאַך.. אָבער פֿריִער וואָלט איך אַ באַלן געווען באַקומען אַן ענטפֿער פֿון אײַך אויף אײניקע פֿראַגעס:

א) פֿאַרוואָס זײַנען די ייִדישע „יונגע״ צעזייט איבער די קלײנע שטעטלעך און ווערן צעמאַלט אויף די מילן פֿון קלײנבירגערלעכקייט אין דער צײַט, ווען די רוסישע און אוקראַיִנישע דיכטער זײַנען אינײנעם, אַרבעטן, גיבן אַרויס און ס׳פּילט זיך בײַ זײ דער לויף פֿון לעבן.

ב) פֿאַרוואָס איז ביז הײַנטיקן טאָג ניט געווען קײַן צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדישע דיכטער און ליטעראַטן? צי ס׳איז דאָ אַ פֿאַרײן, צי טוט ער עפּעס?

ג) ביז ווען וועלן די יידישע אימאזשיניסטן צוזאַמען ארבעטן מיט אַנדערע ריכטונגען, און ווען וועט קומען די צײַט, אז מיר זאָלן אראָפּ־רײַסן די קאָלדרעס פֿון „בלויע אופגאנגען״ און צעשיסן די „פֿאַרנאַכטן״.

ד) צי וועט געגרינדעט ווערן א טריבונע פֿאַר די יידישע דיכטער, צי וועט אָנהייבן דערשײַנען א זשורנאַל. די רוסישע ארבעטער־דיכטער האבן פּראָלעטקולטן, די אוקראַינישע—ליטקאָמען, און די „קולטור־ליגע״, וויפל זי האָרעוועט ניט, קאָן זי קײַן זשורנאַל ניט ארויסגעבן.

ה) פֿאַרוואָס איז בּאַ אַנדערע נאַציעס דאָ אַרבעטער־דיכטונג און בּורזשואַזע. בּאַ אונדז ניט. איין פֿארלאַג קאָן ארויסגעבן „ראָסייא״ און בּאָכערים, וועלכע פֿארדעקן זיך מיט קאָלדרעס און שרעקן זיך פֿאר זיך אליין.

כ׳ האָפּשטיין! איך בּעט אײַך, ווי א לערער אונ כאַווער, מיר ענט־פֿערן אף אלע פּראַגעס. אויך מיר אָנשרײַבּן אײַער מיינונג וועגן מײַן דיכטונג און אומבּאדינגט אָנווײַזן די פֿעלערן. איך בּין נאָך אדאַיעם דאנקבּאַר קושניראָוון דערפֿאר, וואָס ער האָט, פֿון איין זײַט, מיך געלויבּט, פֿון דער צווייטער—געשמיסן. מײַנע העפטן געפֿינען זיך בּא קושניראָוון, וועלכן איך בּעט איבּערגעבּן א פּלאַמיקן כאַווערישן גרוס.

אײַער איצכאָק פּעפּער״.

פֿון דעם בּריוו ווערט קלאָר אסאַך אין פּעפּערס דעמאָלטדיקן קוק אף ליטעראטור. פּעפּער פֿארשטייט שוין צו קעמפֿן קעגן סימוואָליזם, כאָטש אים שײַנט דאמאָלט דער אימאזשיניזם צו זײַן די קינסטלערישע פֿאָרם, וועלכע וועט שאַפֿן אקטיוו־רעוואָליוציאָנערע ליטעראַטור. אויך א גאנצע ריי אנדערע פּראַגעס, וועלכע פּעפּער שטעלט אין זײַן בּריוו ד. האפּ־שטיינען, ווײַזן קלאר, אז אי. פּעפּער קומט מיט א קלאָרער אריענטאַציע אין ליטעראַטור־פּראגעס אין יענעם פּעריאָד.

אין 1922־טן יאָר הייבּט אָן די גרופּע „ווידערוווקס״ ארויסלאָזן רע־גולערע ליטעראַרישע זײַטלעך בּאַ דער קיעווער „קאָמפֿאָן״ (בּיזן 1923־טן יאָר, ווען די זײַטלעך האָבּן אָנגעהויבּן ארויסגיין אָן דעם קעפּל „ווידערוווקס״). דער קינסטלערישער מאטעריאל פֿון אָטאָ די ליטזײַטלעך איז נאָך געווען גאַנץ ווײַט פֿון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. נאָך ווייניקער אויסגעשפּראָכן איז דער קריטיש־פּובּליציסטישער מאטעריאל,

כאָטש אין אייניקע ארטיקלען (סײַ אין „קאָמפּאָן", סײַ אין דער זאַמלונג פון דער גרופּע „ווידערוווקס", „בארג ארוף" (ארויסגעגאַן צוויי דינינקע העפטעלעך) זיינען פאראַן אָנגעזעענע פּרווון צו פאָרמולירן די אויפגאבע פון דער נײַער קונסט אף א נײַעם, א פראָלעטאַרישן אופן. אזוי פּרווט דער כ' פעפער אין „קאָמפּאָן" פארן 1922־טן יאָר נומ. 239 אין אן ארטיקל, ווען שאפּיראָס ביכעלע „פארטאָג" פאָרמולירן די פאָדערונגען פון דער נײַער סאָוועטישער ליטעראַטור.

ער שרײַבט:

„פאר דער לעצטער צײַט איז אונדזער דיכטונג רײַך געוואָרן מיט אַסאַך נײַע נעמען. אַלע זײַנען זיי געקומען אין א רעוואָליוציאָנערער עפּאָכע, אין א צײַט פון א גרויסער וועלט־איבערקערעניש, אָבער ניט אַלע זײַנען פארבונדן מיט אונדזער צײַט, ניט אלע שפּיגלען אָפּ איר גאנג.

איצט, ווען באגריפן און גרענעצן זיינען ביז גאָר קלאר געוואָרן, ווען דער „יאָ" מיט „ניין" זיינען לײַביש הויל, די העכסטע אבסטראק־ציעס זײַנען פארערדישט און מ'קאָן צוגיין צו זאַכן גלײַך, אָן שפּינוועבס, קומען נאָך מענטשן מיט פארפּלאָנטערטע שטימונגען און אָפּגעלעבטע מיטלען, פארטונקלען און דערווײַטערן פון אונדז דאָס, וואָס מ'קאָן מאַמעש אָנטאַפּן מיט די הענט.

רעוואָליוציע האט ליב קלאָרקייט. מ. שאפּיראָ איז איינער פון די, וואָס האָט באנומען די רעוואָליוציע קלאָר, ניט אָנגעטראַכט, נאָר אָנגעשפּירט, ער איז איינער פון אירע רויטארמייער אין קונסט.

רעוואָליוציע האט ליב קלאָרקייט, און וואס קאָן נאָך זײַן קלאָרער פון בילדער, מיט וועלכע ס'איז אזוי רײַך שאפּיראָס דיכטונג? דעריבער איז ער אונדז טײַער, ער איז א סיגנאל פון נײַעם, קלאָרן, רעוואָליו־ציאָנערן קינסטלערישן וואָרט".

דאָ פּרווט פעפער דעמאַסקירן די ליטעראַטור, פון די „פארפּלאָנ־טערטע שטימונגען און אָפּגעלעבטע מיטלען" — דעם סימוואָליזם, — אקעגן וועלכן ער טרעט שוין ארויס אין דעם אויבן־ציטירטן בריוו. פעפער שטעלט ארויס איינע פון די צענטראַלסטע פאָדערונגען צו דער סאָוועט־

טישער ליטעראַטור — קלאָרקייט. דער דיכטער ווערט דאָ ארויסגעשטעלט ווי דער רויטארמייער אין קונסט; ליטעראַטיר ווערט דאָ באַנומען ווי א אידעאָלאָגיש געביט, וואָס דארף דינען דעם פּראָלעטאַריאַט אין זײַן קאַמף.

קעגן סימוואָליזם און זיינע קאָנקרעטע טרעגער אין דער יידישער לי־טעראַטור, ספּעציעל אין קיִעוו, טרעט ארויס פּעפער אין איינעם פון זײַנע ארטיקלען געדרוקט אין סאָף 1923 אין „קאָמפאָן" אונטערן נאָמען „בו־ווולעך פון אן ארבקאָר", ווי פּעפער שרײַבט:

„דער סימוואָליזם בא די רוסן איז באַזונדער געוואַקסן אין דער צײַט פון רעאקציע. דערזעלבער סימוואָליזם בא די פראנצויזן איז גע־בוירן געוואָרן אין א צײַט, ווען די רעוואָליוציאָנערע סרייפעס זײַנען פארלאָשן געוואָרן מיט ארבעטער־בלוט. בא אונדז האט זיך דער סימ־וואָליזם דאפקע צעוואַקסן אין ראָש פון רעוואָליוציאָנערן וואלגער.

סימוואָליזם איז א דערשײַנונג פון מידקייט, דערשלאָגנקייט, ניט דערזאָגטקייט און ביכלאַל פין פּסיכאָלאָגישער רעאקציע.

די רוסישע דיכטערן א. אכמאַטאָווע קומט אף דער ערד נאָר צו־גאַסט, און ל. רעזניק האט אויך „אן אויסגעטראַכטע וואָלקנדיקע ערד".

פאר אונדז מענטשן פון ערד זינגען זיי פרעמד, באַזונדערס אין טעג פון ערדישער בליונג, אין טעג, ווען אַפילע אזוינע שעפער פון רוסישן סימוואָליזם, ווי וואלערי בריוסאָוו, האבן גאַנץ אָפן דערקלערט, אז דער סימוואָליזם איז אן איבערלעבעניש פון דער צעפוילטער בורזשואזער אינטעליגענץ און צו אים איז געקומען א סאָף.

אונדזער צײַט איז א צײַט פון קאָלאָסאַלע אופטרייסלונגען און ענדע־רונגען, א צייט, ווען מענטשן פירן אונטער טרוקענע סאכאקלען אונטער זייערע גרויע הונגעריקע טעג און מאַכן אויספירן.

אונדזער צײַט איז א צײַט פון קאָלעקטיוון טרויער און קאָלעקטיווער פרייד.

פראָסטע, נאָר פעסטע און זיכערע טריט — אָט דאס איז איר רוף.

בלאָנקען זיי ארום, אָט די אָפּגעשלאָגענע הוישײַנעס פון „אמאָליקער גרויסקייט", בלאָנקען זיי — „פרעמדע עמעצנס" אף „פארוויאַנעטע גאסן און שטאַרבנדיקע וואָכן".

א בינטל „פארשפעטיקטע" אינטעליגענטן אין „אָפּרײַס פון דוירעס" און ניט נאָר פון דוירעס, נאָר אויך פין ערד און לעבן.

מער פון אלע האָט פארשפעטיקט מ. כאשטשעוואַצקי. ליפע רעזניק, וועלכער האט פארשפעטיקט ווייניקער מיט פופצן מינוט, איז שוין פון ווינקעלעך אין די הויפן ארויס און אינײנעם מיט די שכײנים די שרעק פון צײַט איבערגעלעבט.

זײַענדיק מער טאלנטפול פון זײַן כאַווער אין זינען פון קינסטלעריִשער פאָרם, איז ער ניט קײַן סאַך ווײַטער אוועקגעגאנגען פון דעם „געיארשנטן קויט" און „זיידנס מיטוואָך".

גאָט, קויהאַנים, פּאָרויכעס, אוזאָרע, טפילעס, סאמעט—זײַנען די ווערטער, מיט וועלכע ל. רעזניק גיט איבער זײַנע איבערלעבונגען.

ער איז א פרעמדער „עמעצער", וואס ציט זיך בלאס צו „זילבערנע וועגן", אָבער ווידער בלײַבט ער אין די הויפן און שרעקט זיך פארן „אייגענעם שאָטן".

(„קאָמפּאָן" 2/5 1923 י.).

אָטאָ די פאָדערונגען צו דער יונגער סאָוועטישער ליטעראַטור, וואס פעפער האָט ארויסגעשטעלט, זיינען אין אוקראַינע, באזונדערס אין דער קיִעווער אטמאָספער, ווי מ'האט נאָך אלץ געאָטעמט מיט דער „אייגנס"-לופט, געווען אן א סאָפעק רעוואָליוציאָנערע. א פרווו צו פאָרמולירן נײַע פאָדערונגען צו דער ליטעראַטור מאַכט דער רעדאקציע־אַרטיקל אין דער זאַמלונג „באַרג־אַרוף" נומ. 2 פארן 1923 יאָר, וואָס די גרופּע „ווידער וווקס" האט ארויסגעגעבן.

„...מיר זיינען נישט נאַיִוו צו מיינען,—שרײַבן די צונויפשטעלער פון דער זאַמלונג,—אז דער קינסטלערישער „יהי אויר" שטאַמט פון קינסטלער־הארץ אליין.

מיר פאַרשטייען די ליטעראַטור אלס אן אָרגאנישן טייל פון דעם שאַפנדיקן לעבן—פון דראַנג צו אלץ שטאַרקערן זיין אף דער וועלט.

דערום ווילן מיר, אז צו דער ליטעראַטור זאָלן אָנגעווענדט ווערן די גרונט־פאָדערונגען, וואָס ווערן דערלאַנגט צו שאפונג־פּראָצעסן אין לעבן באַ היינטיקן טאָג.

בויעריש זײַן און לעבנסווירדיק.

מיר ווילן זיך אונטערשטעלן אונטער אָט די בײַטשן־פּאָדערונגען.

די הײַנטיקע ייִדישע קונסט און ליטעראַטור איז אין גרונט בויעריש.

צי איז אָבער אונדזער ליטעראַטור גענוג לעבנסווירדיק און האַלט מיט דעם טעמפּ פון אונדזער איצטיקן לעבן?

צי זײַנען ניטאָ קײַן באַוווּסטזיניקע אָפּנויגונגען אין דער ריכטונג פון ניט געשטויגן און ניט געפלויגן?

צי שיט ניט עמעצער געקינסטלטן טעמפּ און געמאַכטן פּאַפּאָס?

ווי האַלט עס מיטן געזונט־צושטאַנד פון די באַזונדערע באַשטאַנדטיילן פון אונדזער ליטעראַטור:

א) צי איז אונדזער נאָך רעוואָליוציע־דיכטונג און פּראָזע גענוג צוטריטלעך פאר דעם ארבעטער־לייענער?

ב) צי פאַרמאָגט אונדזער קריטיק די גענויע אָפּשאַצונג, וואָס זאָל געבן א פאָרשטעלונג וועגן די פּראָצעסן אין דער ייִדישער ליטעראַטור באַ הײַנטיקן טאָג?

ג) צי איז אונדזער קריטיק אליין גענוג צוטריטלעך אף פּאָפּוליאַריזירן דאָס נײַע קינסטלערישע וואָרט?

דאָס אלץ פאָדערט אַ געהעריקע אלזײַטיקע אָפּהאַנדלונג.

עפשער וועלן דאָס טאָן די קריטיקער, עפשער וועלן מיר עס טאָן.

צו דעם זאַמלבוך זײַנען מיר נאָך דערמיט ניט גרייט געווען. מוזן מיר זיך באַנוגענען מיט אוועקשטעלן די פּראַגעס פאר אונדז אליין און פאַר די שעפער פון ייִדישן וואָרט—ווו זיי זאָלן ניט זײַן.

„ווידערוווּקס".

דאָ ווערט אויסער דער פאָדערונג פון פאַרשטענדלעכקײַט פון דער ליטעראַטור געשטעלט די פּראַגע וועגן דעם שרײַבער און דעם לייענער און וועגן אונדזער קריטיק. דער ליטעראַטור ווערט ארויסגעשטעלט א גרונט־פּאָדערונג—צו זײַן בויעריש.

ביכלאַל איז אין קיעווער סוויווע אין מעשעך פון גאנצן 1923 יאָר געגאַן א שטילער קאַמף צווישן דער „ווידערוווּקס"־גרופּע און די איבע־

ריקע ייִדישע ליטעראַטן, וועלכע האָבן אָפיציעל קיין באַזונדערע גרופּי־
רונג אין קיעוו דאַמאָלט נישט געבילדעט — זיי האָבן מיט זיך פאָרגע־
שטעלט די קיעווער פיליע פון „שטראָם".

אויסער דער גרופּע „ווידערוווּקס" האָט זיך אין קיעוו אין יענעם
פעריאָד אויך געפירט א ליטעראַרישע אַרבעט, אין וועלכער אַלע ייִדישע
שרײַבער האָבן גענומען אן אנטייל. געפירט די אַרבעט האָט די ליטסעק־
ציע בא דער קיעווער „קולטור־ליגע".

אין „קאָמפאָן" פֿאַרן 17־טן יאַנואַר 1923 לייענען מיר אין א נאָטיק:

„אין ליטסעקציע פון דער „קולטור־ליגע". מאָנטיק I/27 וועט אין קלוב
„קולטור־ליגע" פאָרקומען א ליטעראַרישע לעזונג. ס'וועלן לייענען די
כאַווײַרים ליפע רעזניק און איציק פעפער נײַע פאָעמעס.
כ'כ ליטעראַטן און זשורנאַליסטן ווערן געבעטן קומען".

אין די ווײַטערדיקע נומערן „קאָמפאָן" ווערן געבראַכט ביז גאָר
כאַראַקטעריסטישע באַריכטן וועגן די 2 ליטעראַרישע אָוונטן. אין די
דעבאַטן ארום ליפע רעזניקס פאָעמע „הילכיקע נעכט", ווי אויך ארום
פעפערס „אף פעלדער" ווערן קלאָר פאַרשיידענע קלאַסעווע שטאַנד־
פּונקטן אין דער פראַגע פון ליטעראַטור.

מיר ברענגען דאָ דעם באַריכט וועגן ליטעראַרישן אָוונט, ווו ל. רעזניק
האָט געלייענט זײַן פאָעמע („קאָמפאָן" I/27).

„מאָנטיק אָוונט האָט דער ייִדישער פאָעט ליפע רעזניק פאָרגעלייענט
אין קלוב „קולטור־ליגע" פאר אן ענגן קרײַז ליטעראַטן און זשורנאַליסטן
זײַנע א נײַע פאָעמע „הילכיקע נעכט".

די פאָעמע האָט ארויסגערופן לאַנגע און אינטערעסאַנטע דעבאַטן
וועלכע האָבן זיך צום סאָף פונעם אָוונט פאַרוואַנדלט אין א שמועס
וועגן מעהוס פון קונסט ביכלאַל און די וועגן פון דער נײַער דיקטאַטור
ביפראַט. וואָס ס'איז שײַעך דער פאָעמע גופא, האָבן זיך די מיינונגען
צעטיילט אף צוויי שטרעמונגען:

די ערשטע (כ'כ וואָלקנשטיין, נ. לוריע, ש. דאָבין און יא. רעזניק)
האַלטן, אז אין „הילכיקע נעכט" איז פאַראַן צאַפּלדיקע שטאָף־באַוועגונג
פון אונדזערע שטימונגען. דער פאָעט גיט ניט די געשעענישן, אַזוי צו

זאָגן, מוסקולישׂ, נאָר ער פאַרטיפֿערט זיך אין זיי זעליש (לוריע), דערבײַ איז די זאַך אַרכיטעקטאָניש־מײַסטעריש פֿאַרגאַנצט (וואָלקנשטיין).

רעזוניקס פּאָעמע איז, אויב מע קען אַזוי זאָגן, אַ מוזיקאַלישע סקולפּטור. דערדאָזיקער פּאָעט האָט זיך זײַנע אייגענע וועגן, נאָר ער קען ני! זײַן קיין אָנוויַזער פֿון אַ וועג (דאָבין).

די צווייטע גרופּע (פּעפּער, וועלעדניצקי, ק״פּניס, שאַפּיראָ) האָט זיך דעריקער אָפּגעשטעלט אויף די כעסרוינעס פֿון דער פּאָעמע, ווי „אַלטע ביבלישע ווערטער און פּסוקים, דאָס, וואָס עס ווערן ניט בוילעט געשיל־דערט די איצטיקע געשעענישן און דערום קען דידאָזיקע פּאָעמע ניט אָרגאַניזירן" (פּעפּער). „קאַמפֿאַן" 31/ן 1923 יאָר).

מיר האָבן שוין דאָ צוויי אויסגעשפּראָכענע שטאַנדפּונקטן אויף ליטע־ראַטור: אַ קלײנבירגערלעכן שטאַנדפּונקט וועגן ליטעראַטור, וואָס גיט איבער די שטאָף־באַוועגונג פֿון אונדזערע שטימונגען, און אַ רעוואָליו־ציאָנערן שטאַנדפּונקט וועגן ליטעראַטור, וואָס דאַרף אָרגאַניזירן, שילדערן די איצטיקע געשעענישן, אַ פּראָטעסט קעגן די ביבלישע פּסוקים און ווערטער אין דער פּאָעמע.

נישט ווייניקער סימפּאַטאַמאַטיש פֿאַרן קאַמף פֿאַר פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור איז די דיסקוסיע אַרום אי. פּעפּערס פּאָעמע „אויף פעלדער" אויף אַן אָוונט אין דער ליטסעקציע פֿון „קולטור־ליגע" דעם 6/ןן 1923 יאָר. אין „קאַמפֿאַן" פֿאַרן 8/ןן לייענען מיר:

„דינסטיק אָוונט האָט דער פּאָעט איציק פּעפּער איבערגעלייענט אין קלוב „קולטור־ליגע" זײַנע אַ נײַע פּאָעמע „אויף פעלדער". אין די דעבאַטן האָבן אָנטייל גענומען די כ׳כ לוריע, וועלעדניצקי, ש. דאָבין, כאַשטשע־וואַצקי, שאַפּירא און פּעפּער.

ס׳האָבן רעדנער האָבן קאָנסטאַטירט, אַז דער פּאָעט האָט אין זײַן איצטיקער פּאָעמע געמאַכט אַ גרויסן שריט פֿאָרויס לעגאַבע זײַן פֿריער־דיקער דיכטונג.

אין דער פּאָעמע, אין וועלכער די פּערזענלעכע איבערלעבונגען זײַנען אַזוי נאַטירלעך איבערגעפֿלאָכטן מיט די שטייגער־געשעענישן, איז פֿאַראַן וואַרעמקייט, נאַטירלעכע האַרציקייט, גרינגקייט און צאַרטקייט.

די פּאָעמע איז אַן עכט לירישע, זי איז פאַרביק און פול מיט קלאַנ־
גען. די פאַרשײַטקייט אין איר איז א פּאַרטיפּטע, אינערלעך דורכגעלעבט
(וועלעדניצקי, לוריע א. א.).

כ׳ פעפער האט אין זײַן ענטפער אונטערגעשטראָכן, אז דעם דיכ־
טערס שאַפונג דאַרף זײַן א ג׳יינגע, דער פּאָעט דאַרף שטיין מיט ביידע
פיס אף דער ערד; וואָס איז שײַעך די אלע אזוי צו זאָגן „אידע־
אָלאָגישע ווערטער און בילדער", זיינען זיי בא אים ניט קײַן „צוגע־
טשעפּעטע", נאָר דורכגעלעבטע און נאַטירלעך צונויפגעפלאָכטן מיט אלע
זײַנע אינערלעכע איבערלעבונגען".

דאָ וואַרפט זיך באַזונדערס אין די אויגן דער לעצטער טייל פון
פעפערס שלוס־וואָרט ווי עס שײַנט, האט אים דער צווייטער צאַד פאַר־
געוואָרפן, אז די „אידעאָלאָגישע ווערטער און בילדער" זײַנען באַ אים
ווי צוגעטשעפּעטע, נישט קײַן דורכגעלעבטע. פעפער פאַרענטפערט זיך,
אז זיי זיינען נאַטירלעך צונויפגעבונדן מיט אלע זײַנע אינערלעכע איבער־
לעבונגען.

אָט אזוי גייט א קאַמף צווישן די אלטע „ביבלישע ווערטער און
פסוקים" באַם סימוואָליסט ל. רעזניק און די „אידעאָלאָגישע ווערטער
און בילדער" באַם פּראָלעטאַרישן דיכטער אי. פעפער.

ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש זײַנען פאַר די שטימונגען צווישן די
קיעווער שרײַבער פון דער „שטראָם"־גרופּע צוויי מאָמענטן: די באַציונג
צו די יידישע שרײַבער, וואָס האבן עמיגרירט קײַן אויסלאַנד, און צו
דער יונגער יידישער מאַרקסיסטישער קריטיק. אין א באַריכט אין „קאָמ־
פאָן" וועגן א באַנקעט לעקאָוועד דעם אָפּפאָר פון נ. אויסלענדער קײַן
מאָסקווע ווערן באַרירט ביידע פּראָגעס.

מיר ברענגען דאָ א גרעסערן אויסצוג פון באַריכט וועגן
אויסלענדערס באַנקעט דעם 20/III, 1923

„ד. וואָלקנשטיין האט אָנגעוויזן, אז די ווערט פון אויסלענדערן
באַשטייט נישט בלויז אין זײַנע אייגענע ליטעראַרישע ארויסטרעטונגען,
נאָר אויך אין דעם, וואָס ער האָט שטענדיק ארום זיך קאָנצענטרירט
יונגע ליטעראַטן, זיי אָרגאַניזירט און דערצויגן.

ל. רעזניק — האט זיך אָפּגעשטעלט אױף דער טראַגעדיע פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ, װאָס האָט זיך פֿון אױסלענדערס רעאַלער אַרט אָפּשאַצונג פֿון פֿאַקטן און געשעענישן איצט אָפּגענױגט אין צװײ ריכ־טונגען: צו ראָמאַנטיזם און צו מאַרקסיסטישער אַסימילִיאַציע.

ש. דאָבין האָט גערעדט װעגן אױסלענדערן דעם קריטיקער, װאָס איז געקומען מיט אײראָפּעישער בילדונג, מיט אַ װאָגיק װאָרט און װי אַן אײגענער. ער האט אױך אָנגעװיזן, אַז אונדזערע קינסטלער אין אױס־לאַנד קענען נישט פֿאַרעכנט װערן װי פּאָליטישע עמיגראַנטן, אַז ס'איז נױטיק פֿאַרײניקן אַלע בעסטע קױכעס. דער צענטער ליגט געװיס אין די מאַסן, אָבער די װערט פֿון דער אינטעליגענץ קען מען ניט אָפּלײ־קענען.

אַ שלוסװאָרט האָט גענומען אױסלענדער. ער האט אָנגעװיזן, אַז „מיר זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין אַ נײַער פּאַזע פֿון געשיכטלעכקײַט. אױב מיר האבן נישט געשאַפֿן קײַן נײַע אידעאָלאָגיע, האבן מיר געװיס געשאַפֿן אַ נײַעם קאָלאָריט, אַ נײַעם כױש, אַ נײַעם װעלט־אױפֿנעמען. אונדזערע קינסטלער אין אױסלאַנד קענען נישט פֿאַרעכנט װערן װי פּאָליטישע עמיגראַנטן, און מיר האבן מיט זײ פֿאַרבינדונגען. אָבער זײ געפֿינען זיך אין גאָר אַן אַנדער אומגעבונג און װערן אין דער בכינע פֿון העברעישע שרײַבער. זײ װערן אָן די אָרגאַנישע פֿאַרבינדונג מיט די מאַסן".

װעגן די עמיגרירטע שרײַבער רעדט סײַ דאָבין, סײַ אױסלענדער. בײדע געפֿינען זײ פֿאַר נױטיק אונטערצושטרײַכן, אַז „אונדזערע קינסט־לער אין אױסלאַנד קענען נישט פֿאַרעכנט װערן פֿאַר קײַן פּאָליטישע עמיגראַנטן". כאָטש בערגעלסאָן שױבט נאָך דאמאָלט אין „פֿאָרװערטס", בערגעלסאָן, ניסטער און קװיטקאָ באַטײליקן זיך אינעם בערלינער „מילגרוים".

פֿונעם געבראַכטן אַרטיקל איז סימפּאַטאַמאַטיש ל. רעזניקס װאָרט װעגן „דער טראַגעדיע פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ, װאס האט זיך פֿון אױסלענדערס רעאַל אָרט אָפּשאַצונג פֿון פֿאַקטן און געשעענישן איצט אָפּגענױגט אין צװײ ריכטונגען: צו ראָמאַנטיזם און צו מאַרקסיס־ישער אַסימילִיאַציע".

מיטן אויסדרוק „מאַרקסיסטישע אסימיליאַציע״ ווערן א״פגענומען די ערשטע פּרוּוון פון דער יונגער ייִדישער מאַרקסיסטישער קריטיק צו לערנען זיך בא די קלאַסיקער פון מאַרקסיזם אין ליטעראַטור־פראַגעס.

א מיעסן פסאַק כאַפּט אויך ארײַן י. בראָנשטיין פאַר זײַן ארטיקל „אונטערן פּראָלעטאַריאַטס האשגאָכע״ (זע אויבן קאפּ. 3) פון די קיעווער „שטראָם״־ליטעראַטן—מיר האבן דאָ אינזינען דעם כ׳ לוריעס א בריוו אין „קאָמפּאָן״ פארן 1923 26/X יאָר.

אין דעם אָנגערופענעם ארטיקל האָט י. בראָנשטיין געפּרווּט געבן א ריכטיקע אָפּשאַצונג פון דער „אייגנס״־גרופּע און דעם „שטראָם״. ער האט אויך ארויסגעשטעלט פּאָדערונגען צו דער ליטעראַטור—זי זאָל דינען דער רעוואָליוציע.

אין יענעם ארטיקל האט י. בראָנשטיין אויך באַרירט דעם כ׳ לוויעס אן ארויסזאָגונג וועגן ליטעראַטור אין אן ארטיקל אין קיעווער „פּעד. ביולעטען״.

דער כ׳ לוריע האט אָנגעשריבן א ביז גאָר בייזן בריוו אין „קאָמפּאָן״. מיר ברענגען דאָ דעם בריוו.

כאָשעווער כאַווער רעדאַקטער!

אין „עמעס״ נומ. 285 אין ארטיקל „אונטער דער האַשגאָכע פון פּראָלעטאַריאַט״ דערלויבט זיך דער מעכאַבער פארבײַגייענדיק פּעלשן דעם זין פון מײַנעם א געדאנק אין „פּעד־ביולעטן״ און אף דעם סמאַך געבן „א פּאַטש אין פּאָנעם״. די קיעווער פּאַרטיי־כאַווײרים, מיין איך, וועלן אליין ענטפערן אף דער פּרעכקייַט. וואָס געהער מיך, מוז איך באַמערקן, אז די ציטירטע שטעל אינעם ארטיקל. באשטייט פון דרײַ געדאַנקען:

1. דער מאַרקסיסטישער מעטאָד בענעגייע צו די ליטעראַרישע דערשײַנונגען איז ביכלאַל נאָך ווינציק באארבעט געוואָרן. זייער ערנסטע מאַרקסיסטן האָבן נישט איינמאָל דאָס אייגענע געזאָגט.

2. מיט קינדער איז באַזונדער שווער אָנ״וענדן דעמדאָזיקן מעטאָד.

3. דעריבער מוז דער לערער זײַן באַזונדערס שטרענג אין אויסוואַל פון ליטעראריש־קינסטלערישע ווערק פאַר קינדער, ווײַל מ׳קאָן ניט האָפן מיט דער הילף פון מאַרקסיסטישער היסטאָרישער

קריטיק נייטראַליזירן די דירעקטע ווירקונג פונעם ווערק אף דער פסיכיק פונעם קינד".

(„קאָמפּאָן" 27/10 1923 י.).

פון דער געבראַכטער ציטאַטע איז קלאָר כ׳ לוריעס באַציונג צו דער מאַרקסיסטישער קריטיק. וויפל באַוואָרענישן עס זײַנען דעם כ׳ לוריע נויטיק, ווען ער רעדט וועגן דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־קריטיק! באַזונדערס שאַרף איז אין דעם בריוו דער אפּאל און די זידלערײַען קעגן י. בראָנשטיין בלויז דערפאַר, וואס ער האט געפּרוווט אָנרירן דעם „אייגנס" און דעם „שטראָם".

אין אָקטיאַבער 1923 האָבן מיר א קליינע דיסקוסיע וועגן פראַגעס פון ליטעראטור אין קיעווער „קאָמפּאָן". אין דער דיסקוסיע נעמען דעריקער אנטייל די קיעווער יידישע ארבקאָרן.

די דיסקוסיע, איז געווען צונויפגעבונדן מיט א רײַזע־באַשרײַבונג, וואס דער כ׳ ע. פינינבערג האט אין אָקטיאַבער 1923־טן יאָר אָפּגעדרוקט אין „קאָמפּאָן" אונטער נאָמען „נעסיע". דאס איז געווען א באַשרײַבונג פון א רײַזע, וואס דער אווטער האָט געמאַכט אין דער פּראָווינץ. אין דער „נעסיע" האָט פינינבערג דערציילט וועגן דעם, וואָס ער האָט געזען בעיס דער רײַזע. דער סאַכאַקל האָט זיך באַקומען א טרויעריקער: קיינע סימאָנים פון בויונג אין שטעטל, קיינע סימאָנים פון אופלעבונג, פון אופשטעלונג, וואָס די נײַע עקאָנאָמישע פּאָליטיק האָט מיט זיך געבראַכט. געוויזן ווערט נאָר דאָס נעגאטיווע אינעם נעפּ—דאס איז די ספּעקוליאַציע, טשערוואָניעץ־וואקכאנאליע. דאָס איז געווען אן אויסדרוק פון פּאַניק־שטימונגען בענעגייע דעם נעפּ. אָנגעשריבן איז „די נעסיע" געווען אין א סטיליזירטער האלב־ניסטערישער שפּראַך. די פּאַרצייכענונג האָט ארויסגערופן אין די קיעווער יידישע ארבקאָרן־קרײַזן אן אומצופרידנקײַט. אייניקע ארבקאָרן זײַנען ארויסגעטראָטן מיט טײַנעס, פּאַרוואָס די „קאָמפּאָן" דרוקט אזוינע זאַכן.

אין „קאָמפּאָן" פארן 21 X 1923 איז אן ארבעטער אונטערן פּסעוודאָנים „ארבקאָר" ארויסגעטראָטן מיט א טײַנע צו דער צײַטונג, אז זי דארף געבן ארבקאָרן־מאַטעריאַל, „וואָס זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט די אלגעמיינע געשעענישן, מער געבן פון פּאַבריק־לעבנשטייגער...

און, דעריקער, אַן אויסגעהאַלטענע ליניע בענעגייע דעם קורס פון אַרבעטער־צײַטונג. „פינינבערגס „נעסיע",—האט דער אַרבקאָר געשריבן,—פאַרשטייט קיינער ניט, דאַרף קיינער נישט" אף דעם האָט אַ צווייטער אַרבקאָר כ' כוטאַריאַנסקי געענטפערט, אַז דאָס, וואָס פינינבערגס „נעסיע" אָדער אַן אַנדער זאַך אין צײַטונג איז נישט פאַרשטענדלעך, מאַכט נישט אויס, ווײַל „ווו שטייט עס געשריבן, אַז מ'דאַרף דעם אַרבעטער נאָכקריכן אין דער נידער פון זײַן אָפּגעשטאַנענקייט?"

נאָך איין מאָטיוו האָט כ' כוטאַריאַנסקי געבראַכט לטובֿת דער פאַרצייכענונג, אַז „מ'דאַרף ווײַזן דעם רעוואָלוציאָנערן פילפאַרביקן היינט, אף וועלכנס רוקן עס שטאַרבן און לעבן אויף נײַע וועלטן"—דאָס באַטײַט, אַז אויסער דער בויונג, דעם אופקומענדיקן קלאַס, דאַרף מען אויך ווײַזן דאָס אונטערגייענדיקע.

אין אַ ווײַטערדיקן נומער „קאָמפּאָן" (116) האָבן די אַרבקאָרן וואָלפּמאַן און מעלאַמעד אָפּגעענטפערט כוטאָריאַנסקין.

זיי האָבן געשריבן: „צי דריקט זיך בעעמעס אויס דער רעוואָלוציאָנערער פילפאַרביקער היינט „אף וועלכנס רוקן עס שטאַרבן און לעבן אוף נײַע וועלטן"—אין פינינבערגס „נעסיע" און אין נאָך אַזוינע ענלעכע „נעסיעס"?

... יאָ, מ'דאַרף נעסיעס, מ'דאַרף לידער, נאָר אַזוינע, וואָס דער אַרבעטער זאָל זיי פאַרשטיין, לעכאָלאַפּאָכעס פילן, נאָר אַלנפאַס ניט קײַן „נעסיעס", וועלכע זײַנען ספּעציעל פאַר פינינבערגן"...

אין דעם זין האָבן זיך אף די שפּאַלטן פון „קאָמפּאָן" אַרויסגעזאָגט אויך אַנדערע אַרבקאָרן.

ס'איז געווען קלאָר, אַז ס'האָט זיך אין טאָך נישט געהאַנדלט בלויז וועגן פאַרשטענדלעכקײַט, כאָטש אויך דידאָזיקע פראַגע איז געווען וויכטיק—דער פאָרגעשריטע ער אַרבעטער האָט שוין דעמאָלסט געפאָדערט די ליטעראַטור זאָל אָנהייבן אַקטיוו ווירקן, זאָל זיך אײַנשליסן אינעם קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. עס האט זיך געהאנדלט אין דעם, אַז די קיעווער אַרבקאָרן האָבן אַרויסגעשטעלט דער ליטעראַטור באַ אָט דער געלעגנהײַט פאָדערונגען. זי זאָל אָנהויבן ווײַזן די סאָוועטישע בויונג—דאָס האָבן זיי אין פינינבערגס „נעסיע" נישט געפונען.

פיניגבערג אליין האט די דערמאָנטע ארויסטרעטונגען ניט פֿאַרשטאַ־
נען. ער האט געענטפֿערט מיט א בריוו, פֿון וועלכן ס׳האָט ארויסגע־
שפּאַרט אומצופרידנקייט מיט די אָנווייזונגען, וואָס די ארבעטער האָבן
אים געמאַכט. אין א בריוו אין רעדאַקציע האט ער געשריבן:

„ס׳האָט געטראָפֿן א מייַסע: לויט דער איינלאדונג פֿון רעדאַקציע
האָב איך געגעבן אין „קאָמפּאָן“ א ברעקעלע איינדרוק וועגן איינער
מיינער א רייַזע אונטערן קעפּל „נעסיע“. ארום דעמדאָזיקן ברעקעלע
האָט זיך אופגעהויבן א גרויס גערודער. זאָל מיר דערלויבט זיין צו געבן
עטלעכע קורצע, קאָנקרעטע דערקלערונגען:

1. „פיניגבערגס „נעסיע“ פֿאַרשטייט קיינער ניט און דארף קיינער
ניט“. אין דער „נעסיע“ איז קוידעמקאָל נישטאָ וואָס צו פֿאַרשטיין.
ס׳איז א געוויינלעכע מייַסע, וועג־איינדריקן... וואס איז אין דעם פֿאראן
אומפֿאַרשטענדלעכס?

ליטעראַריש גענומען איז די „נעסיע“ א קאָרעספּאָנדענץ. דאָס פּיצל
ליטעראַרישקייט, וואָס איז דאָ אין איר, איז געבליבן אומפֿארשטענדלעך
פֿאר פֿיל ארבעטער, איז ווער דערין שולדיק?

2. די „נעסיע“ מיינט גראַד ניט מער און ניט ווייניקער ווי אזוינס,
וואָס ס׳קען וועגן דעם אָנשרייבן כ׳ קאָזאַקעוויטש אָדער כ׳ אבראם אין
אַ לייטארטיקל אין „קאָמפּאָן“ אונטער קעפּל „נעפּ־ארומרינגלונג“. אין
דער „נעסיע“ האנדלט זיך וועגן דער סאַקאָנע, וואָס ס׳דראָט דעם
רעוואָליוציאָנערן הייַנט און וועגן דעם עקל, וואָס ס׳רופט ארויס די
טשערוואָנעץ־וואקכאַנאַליע. באזונדערס וועגן דער יידישער טשערוואָנעץ־
צאָרע, און דאָס געפֿאַר, וואָס דראָט פֿונדאַנען דעם יידישן רעוואָליוצי־
אָנערן הייַנט.

3. די מוזיק פֿונעם געטומל ארום דער מייע שורעלעך „נעסיע“ רוקט
שאַרף ארויס די פּראַגע וועגן די צווישנבאַציונגען פֿון יידישן ליטעראַט
און יידישן ארבעטער. דער יידישער דיכטער האָט גערעכנט און רעכנט,
אז ער האָט אין גאַנצן יידישן פֿאָלק איין גוטן פֿריינט—דעם יידישן
ארבעטער, דער איינציקער ניט־ספּעקוליאַנטישער טייל פֿון פֿאָלק! אז
דערדאָזיקער גוטער פֿרייַנט גיט א וואָרף א פּראַזע „נעסיעס זייַנען נאָר
פֿאַר פיניגבערגס“, איז די פּראַזע א באַליידיקונג דעם גאנצן בינטל יידישע

שרײַבער, וואָס האָבן געאַרבעט, אַרבעטן און ווען אַרבעטן מיט דעם ייִרישן אַרבעטער" (4/XI—1923 „קאָמפּאָן").

צוויי שטעלן וואַרפן זיך אין די אויגן אין דעם בריוו: ערשטנס, רעכנט כ׳ פינינבערג, אַז זײַן שטאַנדפּונקט אָפּן שטעטל אינעם אַרטיקל „נעסיע" פאַלט זיך צונויף מיטן פאַרטייִשן. „אַזוי, זאָגט ער, האָט געקענט אָנ־שרײַבן כ׳ אַבראַם (פאַרוואַלטער פון קיעווער פאַרטייסעקציע) און קאָזאַ־קעוויטש (רעד. פון „קאָמפּאָן") „וועגן נעפּ־אַרומרינגלונג", און צווייטנס, שטעלט ער אין צוזאַמענהאַנג דערמיט די פראַגע וועגן די צווישנבאַציונגען צווישן די ייִדישע שרײַבער און די ייִדישע אַרבעטער. אין ביידע פאַלן מאַכט ער פעלערן. די פאַרטיי האָט ניט מיט אַזוינע . אויגן געזען דעם נעפּ, און די באַציונגען צווישן די ייִדישע שרײַבער און די אַרבעטער זיינען אויך ניט געווען אַזוינע ווי עס מאָלט זיי דער כ׳ פינינבערג. כ׳ פינינבערג דיפערענצירט אינגאַנצן נישט די ייִדישע שרײַבער, שוין אָפּגערעדט פון אַזאַ פאַלשן טעזיס וועגן דעם, אַז אַלע שיכטן ייִדישע באַפעלקערונג, אויסער אַרבעטער־קלאַס, ד. ה. אויך דאָס פּויערטום און אַנדערע האָרעפּאַשנע טיילן ייִדישע באַפעלקערונג, זײַנען, ווי פינינבערג דריקט זיך אויס, ספּעקולאַנטן.

די שטימונג פון דער ייִדישער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ, וועלכע האָט, אָנעמענדיק די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, אַ לאַנגע צײַט איבערגעלעבט פאַרשיידענערליי וואַקלונגען, האָט אינאָנהויב 1924 אויס־געדריקט דער כ׳ נ. לוריע אין זײַנעם אַ פּאָרטראַג אונטערן נאָמען: „דער קולטור־בראָך אין אונדזער צײַט", געלייענט דעם 7/I 1924 אין קיעווער קלוב „קאָמפּאָן".

אין צײַטונג „קאָמפּאָן" פאַרן 9/II 1924 ווערט איבערגעגעבן דער אינהאַלט פון לוריעס פּאָרטראַג וועגן „קולטור־בראָך אין אונדזער צײַט".

„אין זײַן לעקציע שטעלט דער כ׳ לוריע די פראַגע וועגן די גײַס־טיקע ווערטן פון דער קולטור־עטיק און עסטעטיק. נאָכן קריסטנטום איז געקומען דער הומאַניזם. די 2 הויפּט־יעסוידעס פון הומאַניזם זײַנען: דער קלאָרער פאַרשטאַנד און די הייליקײַט פון דער מענטשלעכער פּערזאָן. מע איז שוין געווען אומרויִק וועגן גורל פון הומאַניזם. אין 1914 יאָר איז פאָרגעקומען די מילכאָמע. די פּערזאָן, וועלכע האָט

געזאָלט זײַן א קוואַל פון ווערטן, האָט באַקומען א טויט־קלאַפּ, אָבער פון דער צווייטער זײַט, איז די מילכאָמע געווען דער גרויסער עקספּערימענט פאַר מיליאָנען מאַסן. זי האָט ארויסגערופן די צעשטערונג־סטיכיע און די גרויסע פארצווייפלונג. איצט זײַנען מיר געבליבן נאקעט אין פראַט פון אידיייִשער קולטור. דער איינציקער פאקטער, וואָס פאריייניקט און קאָנצענטרירט, דאָס איז די פּאָליטישע דיסציפּלין. אין רעזולטאַט פון דער מילכאָמע האבן מיר באקומען א גוואַלדיק אופגעברויזטן לעבנס־אינסטינקט און א גרויסן עקספּערימענט.

די מאַסן גייען מיט א טיטאַנישער טראגישקײַט. די אינטעליגענץ איז אָפּהענטיק... די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז געווען אן אופברוך פון ייִעש און אנטוישונג. מיר טרעטן איצט ארײַן אין אן עפּאָכע פון צענדליקער יאָרן קאמף. עס שטרײַטן צווישן זיך דער קריסטלעכער אסקעטיזם און דער טראגישער טיטאניזם פון אונדזער צײַט. דער איינציקער פארבונד—דאס איז כאַווערישקײַט. איך קלאַפּ צום כאַווערס אקסל און גיי פאָרויס".

נ. לוריע האָט אין דערדאָזיקער ארויסטרעטונג אָן א שום סאָפעק ארויסגעדריקט די שטימונגען פון דער ייִדישער קלײנבירגערלעכער אינטעליגענץ, וואָס איז געווען צונויפגעבונדן מיט שיכטן, וועלכע האָבן דערפילט דעם דרוק פון די זיגנדיקע סאָציאַליסטישע עלעמענטן. דידאָזיקע אינטעליגענץ מוז מיט דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע שאָלעם מאַכן. זי זעט די רעוואָליוציע, ווי „א טיטאנישע טראגישקייט" פאר דער „מוירעדיק קאָמפּליצירטער דערשײַנונג", איז לויט לוריען „די אינטעליגענץ אָפּהענטיק" און דערפאר בלײַבט איין אויסוועג: כאַווערשאַפט. „איך קלאַפּ צום כאַווערס אקסל און גיי פאָרויס".

דער שלוס פון נ. לוריעס רעדע דערמאָנט שטאַרק אין דעם שלוס פון א דעקלאַראַציע־ארטיקל, וועלכן ס'האט אין 1922־טן יאָר פארעפנטלעכט אין די „ליטעראַרישע שריפטן" דער פארשטאָרבענער לעוו לונץ אונטערן נאָמען: „פאַרוואָס זײַנען מיר סעראפּיאָן־ברידער". דאָרט האָט לונץ דעם נאָמען פון זײַן ליטעראַרישער ארגאניזאַציע („סעראפּיאן־ברידער") דערקלערט אף פאלגנדיקן אופן:

„ברידער! צו אייך איז מײַן לעצט וואָרט געווענדט. ס'איז דא עפּעס אזוינס, וואָס האריינגיקט אונדז, וואָס דו ווערסט ניט באַווייַזן און נישט דערקלערן — דאס איז די ברידערלעכע ליבע.

מיר זײַנען ניט קײַן מיטגלידער פון איין קלוב, ניט קאָלעגן, ניט קײַן כאַוויירים, נאָר ברידער!

אין א גרויסער צײַט, אין דער גרויסער שטאָט האָבן מיר זיך איינס ס'אנדערע געפונען — אוואנטיוריסטן, אינטעליגענטן און פּאָשעטע מענטשן, ווי עס געפינען זיך איינס ס'אנדערע ברידער. מײַן בלוט האט מיר געזאָגט: „אָט איז דײַן ברודער" און עס איז נישט פאראן אזא קראַפט אין דער וועלט, וועלכע וועט צערײַסן דעם בונד פון אייגענע ברידער".

אָטאָ די אינדיווידואליסטיש־אינטעליגענטישע שטימונגען, וואס האבן אָפּגעקלונגען אין לונצס ארטיקל, לאָזן זיך שארף הערן אויך אין נ. לוריעס רעדע וועגן קולטור־בראָך.

געזעכט איז געווען דער כ' קאָזאַקעוויטש, דער דעמאָלטדיקער רע־דאקטער פון „קאָמפּאָן", ווען ער האט אף דעמזעלבן אָוונט געענטפערט לוריען, אז זײַן ארויסטרעטונג איז א „אינדיווידואליסטיש־סמענאָוועכאָ־ווישע".

אָטאָ די שטימונגען האָבן בא דערדאָזיקער שרײַבער־גרופּע אויך באַ־שטימט דעם כאַראַקטער פון דער ליטעראַרישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע זיי טרעטן צו אין יענעם פּעריאָד (1924 און ווײַטער) צו שאַפן.

אָטאָ דער פּעריאָד איז פאַרבונדן מיט א פאַרברייטערטער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַרישער מאַסן־ארבעט אף ייִדיש אין קיעוו. צוליב געוויסע סיבעס, דעריקערשט צוליב דער שוואכקײַט פון דער גרופּע „ווידערוווקס", זײַנען אין יענע יאָרן דידאָזיקע שרײַבער דער צענטער פון דער ליטעראַרישער ארבעט אין קיעוו.

אין דער צווייטער העלפט 1924 יאָר קומען אָן אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור היפּשע ענדערונגען. דער „שטראָם" פּלאַצט. עס פאַרשטאַרקט זיך די דיפערענציאציע אין די ייִדישע שרײַבערישע קרײַזן. עס שאַפט זיך די ייִדסעקציע „מאַפּפּ". די געוועזענע רעכטע שטראָמאָוועצעס

שאַפן א ליטעראַרישע פאַרייניקונג „נײַערד“. דאָס באַטײַט, אז זיי גייען איבער אף אָקטיאַבערישע פּאָזיציעס.

די שאַרפע דיפערענציאַציע צווישן די מאָסקווער יידישע שרײַבער ווערט באַלייט דורך א ביז גאָר וויכטיקן פאקט: אין מאָסקווע הערט אוף ארויסצוגיין דער „שטראָם“. די אלמאנאכן, סײַ פון דער יידסעקציע פון „מאפפ“, סײַ פון דער גרופע „נײַערד“, שטעלן זיך גלייך נאָכן ערשטן נומער אָפּ. דער יידסעקציע „מאפפ“ גיט זיך בעשומויפן נישט אײַן ארויסצוגעבן דעם צווייטן נומער „אָקטיאַבער“, כאָטש עס ווערן צוליב דעם מיצאַד דעם „מאַפפ“ אָנגענומען גאַנץ ענערגישע טריט.

אָבער קימאַט אין דערזעלבער צײַט (סאָף 1924, ערשטע העלפט 1925) קומען אין אוקראינע און אין ווײַסרוסלאַנד אוף צוויי גרעסערע ליטעראַריש־קינסטלערישע זשורנאַלן: „די רויטע וועלט“, כאַרקאָוו, סענט. 1924, „דער שטערן“—מינסק 1925, און אין א היפשער מאָס ווערט די ליטעראַרישע ארבעט און דער קאמף פאר פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אריבערגעטראָגן קײַן אוקראַינע און ווײַסרוסלאַנד, כאָטש די ראָליע פון דער יידסעקציע „מאַפפ“ ווערט דאדורך נישט אָפּגעשוואַכט. די זשורנאַלן העלפן מיט דעם וווקס פון דער יידישער סאָוועטישער און פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און מאַרקסיסטישער קריטיק, ווי אויך דער דיפערענציאַציע אין די רייען פון דער ליטעראַטור.

און ווי פּאראַדאָקסאל עס זאָל נישט אויסזען, באַקומט זיך עס אזוי, אז ביידע ליטעראַרישע גרופעס, וואָס האָבן זיך סאָף 1924, אָנהויב 1925 אויסגעבילדעט אין לאַנד, געפונען פאַקטיש אין די אָנגערופענע זשורנאַלן זייערע אָרגאַנען, און דערבײַ, אף אזא אויפן, אז דער מינסקער „שטערן“ ווערט אין גרונט גענומען דער אָרגאַן פון דער יידסעקציע „מאַפפ“ (אײַנשליסנדיק אויך די מינסקער גרופע „יונגער ארבעטער“, שפּעטער בעלאַפּפּ) און די „רויטע וועלט“ ווערט אף היפשע עטלעכע יאָר דער אָרגאן פון דער „נײַערד“־גרופע, אײַנגעשלאָסן די רעכטע שרײַבער־עלעמענטן אין אוקראַינע (גרופע „אנטענע“—שפּעטערדיקער „בוי“).

מיטן פלאַצן פונעם „שטראָם“ האָבן מיר אויך אין קיעוו בא דעם געוועזענעם „שטראָם“־פליגל פרווון צו שאַפן אן אייגענע אָרגאניזאַציע און אוועקשטעלן אן אייגענעם ליטעראַרישן אָרגאן. סאָף זומער 1924 ווערט אין קיעוו געמאַכט א פרווו דורך דער רעכטער שרײַבער־גרופע

(רעזניק, וואָלקענשטיין, לוריע א. א.) צו שאַפן א ליטעראַרישע פאַרייניקונג, וואָס האט אָפיציעל געדארפט עקזיסטירן באַ דער סעקציע פאַר פרעסע פון קיעווער פאַריין פון בילדונגס־טוער („ראַבאָטפראָס") מיר ברענגען דאָ דעם טעקסט פון אן אינפאָרמאַציע וועגן אָט דער פאַרייניקונג, וואָס האָט געזאָלט אָפגעדרוקט ווערן אין דער פרעסע * (די סיבע פאַרוואָס דער טעקסט איז נישט אָפגעדרוקט געוואָרן, איז נישט באַקאַנט).

„פאריייניקונג פון יידישע ליטעראַטן אין קיעוו.

די טעג האט זיך באַ אונדז געגרינדעט א ליטעראַרישע פאַרייניקונג, וואָס נעמט ארום אלע היגע יידישע ליטעראַטן און קינסטלער.

קיעוו האט א לאַנגע צייַט נאָך דער צעשפליטערונג פון זיין אמאָליקער גרופּע (געמיינט, די „אייגנס"־גרופּע. א. א.) זיך ניט געקאָנט זאַמלען איבער פיל סיבעס,—די וויכטיקסטע, וואָס באַ אייניקע אונדזערע כאַוויירים איז געווען א שטיקל אילוזיע, אז צוזאַמען מיט דער יידישליטעראַרישער מאָכקווע און מיט דער הילף פון דאָרטיקע מאטעריעלע מיטלען וועט זיך סאָפּקאָלסאָף אייַנגעבן איניינעם צו שאַפן א שטיקל אייגענעם אפּאראט—א טריבונע פאר ליטעראַטור און קונסט. צוליב דעם איז קיעוו אָפּט גרייט געווען אייַנגיין אף פיל און פילס, וואָס איז אויסגעהאָדעוועט און אויסגעוואַרעמט געוואָרן אין די רעוואָליוציע־יאָרן באַ יעדן איינציקן פון אונדז און וואָס איז אויך טייַער באַ די נייַ־צוגעקומענע.

קאַרגע צוויי יאָר „שטראָם" אין מאָסקווע האבן אלע אזוינע אילוזיעס צונישט געמאַכט. אזויארום איז קלאָר געוואָרן די נויטיקייַט זיך צו זאַמלען און פאַרייניקן אף אונדזער אייגענער ערד—אין קיעוו.

דער פּרינציפּ פון אונדזער נייַער פאריייניקונג—איז ארבעט, פּראָפּאַגאנדע פון יידישן ליטעראַרישן וואָרט צווישן די ארבעטער־מאַסן און דער ברייטער יוגנטלעכער באוועגונג, צווישן דער לערערשאַפט און אַקטיוויסטער ארבעטער־אינטעליגענץ דורך פאָרלעזונגען, ליטעראַרישע אָוונטן, דיספּוטן, לעקציעס און פּאָפּולערע היסטאָריש־ליטעראַרישע שמועסן.

---

* דער אָריגינאל פון דער אינפארמאַציע געפינט זיך אין ארכיוו פון דער סעקציע פאר ליטעראטור און קריטיק באַם אינסטיטוט פאר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור.

איינציַיטיק ווערט געגרינדעט באַ דער פאַרייניקונג אַ ליטעראַרישער פאַרלאַג „קיעוו", וואָס טרעט צו אַרויסצוגעבן אַ ריי קריטיש־ביבליאָ־גראַפישע זאַמלונגען. דער ערשטער ווערט שוין איצט צוגעגרייט און וועט אין די נאָענטסטע טעג אָפּגעגעבן ווערן צום דרוקן.

אין דערזעלבער צייט ווערט צוגעגרייט אַ גרעסערער ליטע־ראַריש־קינסטלערישער אַלמאַנאַך לויטן מוסטער פון אונדזערע פריערדיקע „אייגנס"־זאַמלביכער *. דערדאָזיקער זאַמלבוך דאַרף אַרויס באַם פאַרלאַג „קיעוו" אין די האַרבסט־כאָדאָשים.

באַ דער פאַרייניקונג איז אויסגעקליבן אַ ביוראָ, וואָס איז צוגע־טראָטן צו ווייטערדיקער אָרגאַניזאַציאָנעלער און פּראַקטישער אַרבעט".

דער נאָרוואָס געבראַכטער דאָקומענט איז אַן איבעריק מאָל אַן איידעס דערפון, אַז נאָך אין דער מיט 1924־טן יאָר זיַינען אין די רייען פון אַ טייל יידישע שריַיבער אין קיעוו היפּש לעבעדיק די „אייגנס"־טראַדיציעס. דער „שטראָם" באַאַפּרידיקט זיי ניט בלויז דערפאַר, וויַיל ער איז צו שוואַך, וויַיל ער האָט נישט אויסגעהאַלטן. אין דער ווענדונג איז ניטאָ קיין שום נעגאַטיווע באַציונג צום אידעאָלאָגישן און קינסטלערישן טאָך פונעם זשורנאַל „שטראָם". אַלס מוסטער פאַר די זאַמלביכער פון דער גרופּע ווערן אַרויסגעשטעלט די „אייגנס"־זאַמלביכער.

אָנהויב 1925 האָבן מיר נאָך איין פּרווו מיצאַד דערזעלבער שריַיבער־גרופּע אין קיעוו צו שאַפן אַ ליטעראַרישע גרופּע מיט אַן אויסגעשפּראָ־כענער ליטעראַריש־קינסטלערישער פּלאַטפאָרם און מיט אַ סטאַטוט.

מיר האָבן דאָ אינזינען דעם פּרווו פון דער גרופּע שריַיבער (ד. וואָלקנ־שטיין, ל. רעזניק, נ. לוריע, ע, פינינבערג און אנד.) צו שאַפן אין קיעוו אַ ליטעראַרישע אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „אַנטענע" (פעוור. 1925). וואָס זשע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דידאָזיקע ליטעראַרישע אָרגאַניזאַציע? וועגן דעם זאָגן איידעס די טעזיסן צו דער פּלאַטפאָרם פון דער אָרגאַ־ניזאַציע, דער סטאַטוט, ווי אויך אַ פּראָטאָקאָל פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער די אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן.

אָטאָ די אָרגאַניזאַציע איז אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן צונויפגעבונדן מיט דער אוקראַיִנישער פּראָלעטאַרישער ליטגרופּע „האַרט". אָנהויב

* (אונדזער קורסיוו, א. א.)

1923 בילדעט זיך אויס פון די פאַרשיידענע פראָלעטאַרישע שרײַבער־גרופּירונגען אין אוקראַינע א פּראָלעטאַריש־ליטעראַרישע אָרגאַניזאַציע „האַרט" (1923—1926). די גרינדער פון דערדאָזיקער אָרגאַניזאַציע זײַנען געווען די רעוואָלוציאָנערע אוקראַאינישע שרײַבער וו. בלאַקיטני, און אַנדערע. דער „האַרט" האָט אין 1924 יאָר אַרויסגעלאָזט דעם ערשטן אַל־מאַנאַך, וווּ עס איז אָפּגעדרוקט דער סטאַטוט פון דער אָרגאַניזאַציע, ווי אויך אַן אַרטיקל פון וו. בלאַקיטני אונטערן נאָמען „אָן א מאַניפעסט".

אין די פּראָגראַם־פּונקטן צום סטאַטוט (ענלעך צום „מאַפּפּ") האָט דער „האַרט" רעקלאַמירט, אַז די אָרגאַניזאַציע האָט דעם צוועק צו פאַראייניקן די פּראָלעטאַרישע שרײַבער פון אוקראַינע, וועלכע שטרעבן צו שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע קולטור, באַקעמפן די בורזשואַזע און קליינבירגערלעכע זייגנטימערישע אידעאָלאָגיע.

עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז אין גרונט פון איר אַרבעט ליגט די אָרגאַניזאַציע די מאַרקסיסטישע וועלטאַנשויונג און די פּראָגראַם פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין קולטור־פּראָגרעס.

דער „האַרט" האָט זיך אָריענטירט אין דער ערשטער ריי אויף פּראָ־לעטאַריער, אויף קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן, און האָט באַם אָננעמען מיטגלידער געגעבן פאָרצוג אַרבעטער און מיטגלידער פון פּאַרטיי.

רעדנדיק וועגן די אויפגאַבעס פון „האַרט", האָט וו. בלאַקיטני אין זײַן אויבנדערמאָנטן אַרטיקל „אָן א מאַניפעסט" געשריבן:

„פאַרן „האַרט" שטייען גרויסע אויפגאַבעס: צעזייען די ספּעציפישע קינסטלערישע אַטמאָספער, אָדער וויניקסטן זי געזונט מאַכן דורך א צופלוס פון פרישע בלוט פון די געזעלשאַפטלעכע שיכטן, פאַר וועלכע די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, די קלאַסן־אויפגאַבעס שטייען אויפן ערשטן פּלאַן, פאַר וועלכע עס זײַנען וויכטיק די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע.

אָט דערפאַר טאַקע אַרבעטן אין „האַרט", באַגלײַך מיט די מײַסטערס פון וואָרט, טעאַטער, מוזיק, אויך „פּאָליטיקער", צײַטונגס־מענטשן, וועלכע טרעטן נאָרוואָס צו צו באַהערשן די קינסטלערישע טעכניק. דערפאַר זײַנען די קלאַלים פון אויפנעמען מיטגלידער אין „האַרט" אַזוינע, אַז דאָס ערשטע אָרט ווערט אָפּגעגעבן מיטגלידער פון פּאַרטיי, קאָמיו־גיסטן און אַרבעטער פון וואַרשטאַט, נישט געקוקט אויף זייער קינסטלע־

רישער קוואליפיקאַציע. דערפאר פירט אויך דער „האַרט" זײַן מאַסן־אַרבעט דעריקערשט אין די ארבעטער־קלובן און אין די פּאַרטיי־קלובן א אז"וו."

די ליטעראַרישע אָרגאניזאציע „אנטענע", וועלכע איז געשאַפן געוואָרן אין קיִעוו אָנהייב 1924 יאָר (זי איז אונטער דעם נאָמען קיינמאָל פאר דער עפנטלעכלייט נישט ארויסגעטראָטן), איז, ווי געזאָגט, אף אן אייגנארטיקן אויפן פארבונדן מיט „האַרט". די פארבינדונג גייט לויט דער ליניע פון אויסערלעכער ענלעכקייט און אידעאלאָגישער קעגנזעצלעכקייט צו „האַרט". אף דערדאָזיקער פראגע לוינט זיך אָפּשטעלן.

ווי מירן ווײַטער זען פונעם סטאַטוט און דעריקער פונעם פּראָטאָקאָל פון דער פארזאמלונג, אף וועלכער ס'איז געשאַפן געוואָרן די גרופּע „אנטענע", האט די ליטאָרגאניזאַציע געלייגט אין גרונט פון איר סטאַטוט דעם „האַרט"־סטאַטוט. זי האט אים אבער צוגעפּאַסט, ווי עס ווערט געזאָגט אין א פּונקט פונעם פּראָטאָקאָל פון דער אלגעמיינער פארזאַמלונג, צו אירע טעזיסן. פון דער צופּאַסונג האט זיך באַקומען איין קלייניקייט: עס איז ארויסגעפאַלן די הויפּט־פאָרמולירונג פון „האַרט", ווי א פּראָלעטאַרישע אָרגאניזאַציע, עס זײַנען געבליבן די ריין־אָרגאַניזאַציאָנעלע פּונקטן פונעם סטאַטוט, וועלכע האבן געקענט זײַן פּאַסיק פאר אזאַ ליטעראַרישע גרופּירונג, ווי עס איז געווען די גרופּע „אנטענע".

דער סטאַטוט פון „האַרט" האט איינציקע ארײַנפיר־פּונקטן, ווו עס ווערט אין א קאָנדענסירטער פאָרם געגעבן די פּראָגראַם־איַינשטעלונג פון „האַרט".

דידאָזיקע פּונקטן האבן די „אנטענע"־גרינדער געענדערט, געמאַכט פון דעם איין פּונקט. מיר ברענגען דא פּאראלעלביידע טעקסטן—דעם טעקסט פון „האַרט"־סטאַטוט און דעמזעלבן ארײַנפיר אין „אנטענע"־סטאַטוט.

די פּראָגראַם־פּאָסטולאַטן צום „האַרט"־סטאַטוט.

1. דער „האַרט"־פאַרבאַנד האט דעם צוועק צו פארייניקן די פּראָלעטאַרישע שרײַבער פון אוקראַ־

די פּראָגראַם־פּאָסטולאטן צום „אנטענע"־סטאַטוט

די גרופּע („אנטענע". א. א.) שטעלט זיך דעם ציל קאָנצענטרירן די ייִדישע קינסטלערישע שאפונג

אינע, וועלכע שטרעבן צו שאַפן אַן איינהייטלעכע אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע קולטור, זיך באַנוצנדיק מיט דער אוקראַאינישער שפּראַך, ווי אַ שאַפונגס־מיטל *, צו פאַרשפּרייטן די קאָמוניסטישע אידעאָלאָגיע און בײַקומען די בורזשואזע קליינבירגערלעכע אייגנטימערישע אידעאָלאָגיע.

2. אין גרונט פון איר אַרבעט לייגט דער פאַרבאַנד „האַרט“ די מאַרקסיסטישע אידעאָלאָגיע און די פּראָגראַם־פאָדערונגען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דער קולטור־אַרבעט, פאַרייניקנדיק אַרום זיי און צוציענדיק צו אַקטיווער שאַפונג די ברייטע פּראָלעטאַרישע מאַסן.

אַרום דעם גײַסט, ציל און אויפגאַבעס פון דער אָקטיאַבער־עפּאָכע און פאַרייניקן אַרום אָט דער אַרבעט אַלע ייִדישע קינסטלערישע שאַפונגס־קרייזן אויף אוקראַיִנע. באַנעמענדיק דעם אָקטיאַבער ווי אַ טקופֿה, אויף וועלכער ס'איז אויסגעפּאַלן די אומגעהויערע היסטאָרישע אויפגאַבע איבערצובויען די מענטשישע געזעלשאַפט אויף קאָמוניסטישע יעסוידעס, שטייט די גרופּע אויפן שטאַנדפּונקט, אַז נאָר אינטערנאַציאָנאַלע אַלזײַטיקע ברייט־צעוואַקסענע מאַסן־קולטור באַגײַסטערטע פון אָקטיאַבער־אידעאַלן קען דינען אַלס באַזיס פאַרן אויפבלי פונעם ייִדישן קינסטלערישן וואָרט.

פון איין זײַט — אין „האַרט“ — ברייטע פאָרמולירונגען וועגן פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און מאַרקסיסטישע אידעאָלאָגיע, פון דער צווייטער זײַט („אַנטענע“), — נאַציאָנאַל־באַגרענעצטע, פאַרעוועטע דעקלאַמאַציע וועגן דער אָקטיאַבער־עפּאָכע, פאַקטישע אָפּלייקענונג פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

אין דעמזעלבן גײַסט זײַנען די טעזיסן צו דער פּלאַטפאָרם פון דער ליט־גרופּע „אַנטענע“.

* אַפן פּלענום פון „האַרט“ פעווראַל 1924 איז דער פּונקט פאַרפּינקטלעכט געוואָרן און ס'איז צו אים צוגעגעבן געוואָרן: „פאַרברייטערן די אַרבעט אויף די שפּראַכן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן“.

# טעזיסן

## צו דער פלאַטפאָרם פון דער יִדישער ליטעראַטן־אַסאָציאַציע אין אוקראַיִנע „אנטענע“

(אָנגענומען אַף דער פאַרזאַמלונג פון 8 פעוראַל 1925 יאָר, קיִעוו).

1 די גרופּע שטעלט זיך דעם ציל קאָנצענטרירן די יִדישע קינסט־לערישע שאַפונג אַרום דעם גײַסט, ציל און אויפגאַבּעס פון דער אָקטיאַבּער־עפּאָכע און פאַרייניקן אַרום אָט דער אַרבּעט אַלע יִדישע קינסטלערישע שאַפונגס־קויכעס אַף אוקראַיִנע.

2. די גרופּע באַנעמט דעם אָקטיאַבּער ווי א טקופע, אַף וועלכער ס'איז אויסגעפאַלן די אומגעהויערע היסטאָרישע אויפגאַבּע איבּערצובּויען די מענטשישע געזעלשאַפט אַף קאָמוניסטישע יעסוידעס. מיט איר פאַר־שאַרפטקייט, פילפאַרביקייט, פילהעראָישקייט, מיט איר ריזיקן פאַרנעם עפנט די אָקטיאַבּער־טקופע בּרייטסטע שעטעכן פאַר גרויסער קינסטלע־רישער שאַפונג, און איינציַיטיק דערמיט שטעלט זי פאַר דער שאַפונג באַזונדערס ערנסטע פאָדערונגען.

3. איינע פון די גאָר וויכטיקסטע אויפגאַבּעס פון דער קינסט־שאַפונג אין דער אָקטיאַבּער־עפּאָכע איז איינצייטיק מיט שאַפן קונסט־ווערק, וואָס שטייען אַף דער הייך פון דער עפּאָכע, אַרויסרופן אין די בּרייטסטע אַרבּעטנדיקע פאָלקס־מאַסן, די הויפּט־טרעגער און די הויפּט־אָנפירער פון דער עפּאָכע, די סטימולן און די פאָרמען פון קונסט־שאַפן, וואָס האַרמאָנירן אַמערסטן מיט די אויפגאַבּעס פון דער טקופע — אַף אָט דעם וועג וועט די קונסט־שאַפונג פאַרבּרייטערן און פאַרשטאַרקן די קאַמפּס־קאַדרען און די אָנגריף־אַטמאָספער פון דער טקופע.

4. די גרופּע באַנעמט די בּיז איצטיקע יִדישע קונסט־שאַפונג, ווי אַזעלכע, וואָס פאַרמאָגט שוין זייער אַנגעזעענע קונסט־דערגרייכונגען, און אין געגעבּענעם מאָמענט שטייט פאַר הער גרופּע די שלאָג־אויפגאַבּע אויסנוצן די דאָזיקע דערגרייכונגען, אַלע אירע פאָרמען און מיטלען צוליב די קאָנקרעטע אויפגאַבּע[illegible] פון דער צײַט.

5. דער קאַמף פאַר די אַכט יאָר רעוואָליוציע האָט שוין אָפּגעלייגט היפּשן שטאָף פאַרן קינסטלער. די יִדישע אַרבּעטער־מאַסן, וועלכע האָבּן

געשפּילט, שפּילן און וועלן שפּילן א באַדייטנדיקע ראָל אין דער רע־וואָליוציע, האָבן שוין הינטער זיך א העלדישע געשיכטע, וועלכע וואַרט אף געהעריקער קונסט־פאַרקערפּערונג. דער רעוואָליוציאָנערער קאַמף אינעם לעבנשטייגער פון הײַנטיקן טאָג נויטיקט זיך דרינגענד אין דער רעאַגירונג און מיטווירקונג פון קינסטלערישן וואָרט. די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע איבערבוי־פּראָצעסן אין לעבן פון די ייִדישע מאַסן אין ראַטנ־פאַרבאַנד, די גרויסע אָנשטרענגונגען פון די מאַסן באַם איבערגיין צו פּראָדוקטיווער ארבעט און נײַע לעבנס־פאָרמען, דער פאַנאַנדערבלי פון דער ייִדישער שול, צײַטונג, בוך, קלוב, טעאַטער, וואָס ציט אַרײַן אַלץ ברייט־טערע פאָלקס־שיכטן, — דאָס אַלץ שטעלט באַ הײַנטיקן טאָג פאַרן ייִדישן קינסטלערישן וואָרט גאָר אכראַיעסדיקע אופגאַבעס. דאָס ייִדישע קונסט־וואָרט וואַקסט אויס אין א גרויסן רעוואָליוציאָניזירנדיקן קולטור־פאַקטער.

6. די גרופּע באַנעמט דאָס ייִדישע קונסטוואָרט אין אוקראַינע אַלס אַזאַ קונסטוואָרט, וואָס קאָן ניט געמאָלט זײַן אויסער אָריענטאַציע אף אינטענסיווער אופבליונג און אופבויונג פון ראַטנפאַרבאַנד. דער גורל פון דער קונסט, ווי דער גורל פון דער גאַנצער מענטשישער קולטור, איז ענג פאַרבונדן מיטן וווּקס און ניצאָכן פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. נאָר אַ אינטערנאַציאָנאַלע אַלזײַטיקע ברייט־צעוואַקסענע מאַסן־קולטור, באַגײַסטערטע פון אָקטיאַבער־אידעאַלן, קאָן דינען אַלס באַזיס פאַרן אופבלי פון ייִדישן קינסטלערישן וואָרט.

7. די גרופּע שטעלט זיך פאַר איר נאָענטסטער און וויכטיקסטער אופגאַבע צוציִען צו אַקטיווער ארבעט די יונגע קױכעס, וואָס ווײַזן אַרויס פײַיִקייטן און דראַנג צו קונסט־שאַפונג, אופמערקזאַם נאָכצושפּירן נאָך אַלע שפּראָצן און טאַלאַנטן צווישן די ייִדישע ארבעטנדיקע פאָלקס־מאַסן, מיטהעלפן זיי אַנטפּלעקן זיך און אַנטוויקלען זיך אין העסקעם מיט די אופגאַבעס און צילן פון ייִדישן קונסטוואָרט אין דער אָקטיאַבער־עפּאָכע.

אונטערשריפטן:

ע. פינינבערג, ה. אָרלאַנד, נ. לוריע,
ד. וואָלקנשטיין, דאַניעל, בערגעלסאָן, ל. רעזניק.

וואט איז כאראקטעריסטיש פאר די טעזיסן פון דער ליט־גרופּע „אנטענע"?

ע ר ש ט נ ס, די נאַציאָנאַלע באגרענעצטקייט. עס פיגורירט דעריקער דער יידישער ארבעטער און זײַנע קולטורעלע דערגרייכונגען אָפּגעריסן פונעם גאנצן פראָלעטאַריאַט אין לאַנד, פון דער גאנצער סאָציאַליסטישער בויונג אין לאַנד (פּ. 5).

צ ווײ ט נ ס, עס רעדט זיך וועגן פארייניקן אַלע יידישע קינסטלערישע שאפונגס־קויכעס אָן אונטערשייד פון קלאַסן־ריכטונג און ציל־אָנגעווענדטקייט (פּ. 1).

ד ר י ט נ ס, עס פיגורירט אינגאַנצן ניט די פראָלעטאַרישע ליטעראטור און איר יידישער סעקטער.

פ ע ר ט נ ס, אין פראַגעס פון סטיל נעמט די גרופּע איבער אלע ליטעראַרישע פאָרמען, אײַנגעשלאָסן אויך אזוינע רעאקציאָנערע פאָרמען, ווי דער סימוואָליזם און אנד.

פ י נ פ ט נ ס, דער קליינבירגערלעכער כאראַקטער פון די טעזיסן שפּארט באזונדערס ארויס פונעם טעזיס נומ. 3, ווו אלס די הויפּט־טרעגער און די הויפּט־אָנפירער פון דער עפּאָכע פיגורירן „די ברייטסטע ארבעטנדיקע פאָלקס־מאַסן" און עס פאלט אינגאנצן ארויס די דיקטאַטור פון פראָלעטאריאַט, וואס איז „דער גרונט־אינהאַלט פון דער פראָלעטאַרישער רעוואָליוציע" (סטאַלין).

ס'איז א פלאטפארם פון א שרײַבער־גרופּע, וואס שטייט אזויארום ניט אַף קײַן פראָלעטאַרישע קלאַסן־פּאָזיציעס.

נאָך בוילעטער ווערט עס קלאָר פון דעם פּראָטאָקאָל פון דער פארזאַמלונג דעם 8־טן פעווראַל 1925, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די ליט־גרופּע „אנטענע".

מיר ברענגען דאָ דעם טעקסט פון פּראָטאָקאָל.

„זיצונג פון ליט־גרופּע, פאָרגעקומען דעם 8־טן פעווראַל. אָנטייל גענומען פאָלגנדע כאַווײרים: ל. רעזניק, נ. לוריע, ע. פינינבערג, וואָלקענשטיין, אָרלאַנד, כאָראָל, דאניעל בערגעלסאָן.

פאָרזיצער — ל. רעזניק. סעקרעטאַר — בערגעלסאָן.

1) אויסגעהערט די טעזיסן. אָנגענומען — איבערגעבן לוריען און פינינבערגן ענדגילטיק רעדאגירן.

| | |
|---|---|
| 2) אינפאָרמאַציע וועגן צוזאַמענפאָר פון „האַרט" דעם 10־טן מאַרט, פאַרבינדונג מיט צענטער און לעגאַליזאַציע. | אָנגענומען — דעלעגירן דעם כ' לוריע קיין כאַרקאָוו, באַפולמעכטיקן לעגאַליזירן די גרופּע און פאָרשטעלן זי אפן צוזאַמענפאַר. |
| 3) כ' קאַנטאָרס פאָרשלאָג וועגן פאַרייניקן. | אָנגעוומען פאָלגענדע רעזאָליוציע איינשטימיק: „אויסהערנדיק די מיינונג פון כ' קאַנטאָר, אז צוליב די אינטערעסן פון דער זאַך איז ניט צוועקמעסיק צו בילדן צוויי גרופּעס, געפינט די פאַרזאַמלונג, אז זי איז מאסקים דערמיט, און אויב דעם כ' קאַנטאָר וועט זיך איינגעבן צו געפינען אָנעמבאַרע באַדינגונגען פון פאַרייניקונג, וועט די גרופּע מיט אלע קויכעס מיטהעלפן דערצו." |
| 4) וואַלן פון א ציטווייליקער ביוראָ. | ציטווייליק אויסגעוויילט נ. לוריע, ל. רעזניק און ע. פינינבערג. קאָאָפּטירן א כאַרקאָווער. סעקרעטאַר כ' בערגעלסאָן. |
| 5) וועגן סטאַטוט. | לייגן אין גרונט דעם סטאַטוט פון „האַרט", צוגעפּאַסט צו אונדזערע טעזיסן. |
| 6) וועגן אונדזערע נאָענטסטע אויפגאַבעס אין צענטער. | אָרגאַניזאַציאָנעלע סובסידיע, באַשטעלונגען פאַר די מיטגלידער פון דער גרופּע, אָן אַלמאַנאַך, מעגלעך א ביולעטן א ליטעראַריש־קריטיש־ביבליאָגראַפישן, באַזונדערע אויסגאַבן פון איינציקע כאַווערים, א פאָנד פאַר נויטבאַדערפטיקע. |

7) וועגן אַלמאַנאַך.

1) מיטן אָנטייל פון מיטגלידער פון דער גרופּע און כאַווײרים נאָענטע צו דער גרופּע. זאַכן קימאַט גרייטע.

2) לידער: ל. רעזניק (2), פינינבערג (4), כאַראַל (3), טאלאלאַיעווסקי (1), באָבער (1), מיטלמאַן (1).

פּראָזע: וואָלקנשטיין, (3—2 בויגן), נ. לוריע (2 בויגן), אָרלאַנד, (2—1 בויגן), בערגעלסאָן (1 בויגן), ל. רעזניק ($^1/_2$ בויגן), לאנדוי (?) גיטעליס (?).

קריטיק: נ. לוריע, ע. פינינבערג, שימעוני (?) אינײנעם א בויגן).

איבערערן מיט באָבערן (רעזניק), מיט מיטעלמאנען (פינינבערג), מיט לאנדוי און גיטעליס (וואָלקנשטיין). אלע גייען דורך א קוואליפיקאַציאָנס־קאָמיסיע.

8) וועגן אַרײַנציען נײַע מיטגלידער.

זען ארײַנציִען ארבעטער־ליטעראַטן אף דיזעלבע יעסוידעס.

9) וועגן קוואליפיקאַציאָנס־קאָמיסיע.

בילדן א קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון די כ'כ: וואָלקנשטיין, פינינבערג און אָרלאַנד.

באמערקונג: אין פאל פון פארייניקונג, פאָדערן א קוואליפיקאַציאָנס־קאָמיסיע אומבאדינגט.

10) וועגן ליטקרײַזן אין די הויכשולן. אינפארמאַציע פון כ' בארוך.

געפינען פאַר נייטיק צו נעמען אן אָנטייל אין דער ארבעט.

סעקרעטאַר — בערגעלסאָן.

די פריִער אָנגעוויזענע פֿאַקטן וועגן דעם סטאַטוט פֿון דער פּראָלע־טאַרישער שרײַבער־גרופּע „האַרט", ווען די גרופּע „אַנטענע" האָט אויסגענוצט פֿאַר איר סטאַטוט, ווערן קלאָרער פֿון די פּונקטן 1, 2, 5.
אין פּונקט 5 לייענען מיר: „לייגן אין גרונט דעם סטאַטוט פֿון „האַרט" צוגעפּאַסט צו אונדזערע טעזיסן". ווי אַזוי מ'האָט דעם סטאַטוט „צוגע־פּאַסט", האָבן מיר געזען. פּונקט 9 רעדט וועגן פֿאָרן אַפֿן „האַרט"־צו־זאַמענפֿאָר און פֿאַרשטעלן די „אַנטענע"־גרופּע אַפֿן צוזאַמענפֿאָר. דאָ האָבן מיר צוטאָן מיט אַ פּרוּוו צו לעגאַליזירן אַלס אַ פּראָלעטאַרישע „האַרט"־גרופּע אַן אָרגאַניזאַציע פֿון קליינבירגערלעכע שרײַבער.

אין דעם געבראַכטן פּראָטאָקאָל זײַנען ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש נאָך אייניקע באַשלוסן.

פֿון די פּונקטן 6, 7, איז צו זען, אַז די גרופּע האָט זיך געשטעלט אַן אויפֿגאַבע צו פֿירן אַ ברייטע ליטעראַריש־פֿאַרלעגערישע אַרבעט, ווי אויך צו קריגן מאַטעריעלע הילף פֿאַר אירע מיטגלידער.

אין פּונקט 8 רעדט זיך וועגן נײַע קאַדרען. אויף וועמען האָט זיך די גרופּע אָריענטירט? ווער איז עס געווען די צוקונפֿטיקע באַזע פֿאַר דער ליט־גרופּע „אַנטענע"?

אין פּונקט 8 ווערן איבערגערעכנט בלויז עטלעכע לערער. עמעס, אין דעמזעלבן פּונקט רעדט זיך וועגן אַרבעטער־ליטעראַטן, אָבער בײַ זיי ווערט געשטעלט אַ טנאַי — דורכגיין אַ קוואַליפֿיקאַציע־קאָמיסיע.

וויכטיק זײַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער לעצטער פֿראַגע, ווי אויך מיטן ליטעראַרישן גרופּן־קאַמף אין קיִעוו, די פּונקטן 9, 3 פֿונעם פּראָטאָקאָל.

דער פֿאַלקבילד האָט, ווי ס'שײַנט, דאַן געהאַט אַ קלאָרע אײַנשטעלונג וועגן דעם, אַז די קיִעווער שרײַבער דאַרפֿן זיך נישט טיילן אויף קיין גרופּעס.

די טענדענץ איז געווען אויף פֿאַרייניקן. אויף דערזעלבער פֿאַרזאַמלונג איז געווען אָנוועזנד דער פֿאַרוואַלטער פֿון קיִעווער ייִדסעקציע באַם בילד־אָפּטייל דער כ. קאַנטאָר. ער האָט אויף דער פֿאַרזאַמלונג אַרײַנ־געטראָגן אַ פֿאָרשלאָג וועגן פֿאַרייניקן די ביידע גרופּעס ייִדישע שרײַ־בער אין קיִעוו — „ווידערוווּקס" און „אַנטענע", שאַפֿן אַן איינהײַטלעכן פֿאַריין פֿון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. די פֿאַרזאַמלונג האָט פֿרינ־

ציפּיעל אף דעם מאַסקים געווען באַ געוויסע „אַנעמבאַרע באַדינ־גונגען“.

אָבער אין פּונקט 9 רעדט זיך שוין וועגן דעם, אַז אין פאַל פון אַ פאַרייניקונג, דאַרף די גרופּע „ווידערוווּקס“ (ד. ה., אַ ריי אָנגעזעענע פּ־אָלעטאַרישע און סאָוועטישע שרײַבער, ווי פּעפער, שאַפּיראָ, און אַנד.) „דורכגיין אַ קוואַליפיקאַציע־קאָמיס־יע אומבאַדינגט“.

אָט אַזוי קרײַזלדיק־באַגרענעצט האָט זיך געפּרוּווט אויספאָרמירן דידאָזיקע ליטאָרגאַניזאַציע, די פאָרגייערן פון דער שפּעטערדיקער קלײַנ־בירגערלעכער ליט־אָרגאַניזאַציע „בוי“, וואָס דיזעלבע שרײַבער (אויסער אָרלאַנדן) האָבן געגרינדעט אָנהייב 1927.

די פּרוּוון צו פאַרייניקן די ביידע ייִדישע קיִעווער שרײַבער־גרופּעס („ווידערוווּקס“ און „אַנטענע“), וואָס דער פאָלקבלד האָט אונטער־גענומען, האָבן געפירט צו אַ פאַרייניקטער פאַרזאַמלונג פון אַלע קיִע־ווער ייִדישע ליטעראַטן דעם 22־טן פעווראַל 1925.

אַף דער פאַרזאַמלונג זײַנען בײַגעווען קימאַט אַלע קיִעווער ייִדישע שרײַבער. מיר ברענגען דאָ דעם פּראָטאָקאָל פון דער פאַ־זאַמלונג.

„גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער קיִעווער ייִדישער ליטעראַטן־אַסאָ־ציאַציע פון 22־טן פעווראַל 1925 יאָר.

בײַגעווען די כ״כ דאָבין, בערגעלסאָן דאַניִעל, כאַראָל דווירע, פּעפּער איציק, קיפּניס איציק, ליפּקעס דינע, פּיאַטיגאָרסקע ניוטע, סלוצקי בער, רעזניק ליפּע, וואָלקנשטיין ד., וועלעדניצקי אַוואָס, פינינבערג עזרע, לוריע נויעך און שאַפּיראָ מ.

סיידער־האַיאָם:

1) דער סטאַטוט.
2) וואַלן פון ביוראָ.
3) לויפנדיקע פּראַגעס.

| געהערט: | באַשלאָסן: |
| --- | --- |
| סטאַטוט | נאָכדעם ווי כ׳ וואָלקנשטיין לייענט פונקטווײַז דעם סטאַטוט פון „האַרט“, ווערט דערדאָזיקער |


7. א. אבטשוק 1275

סטאטוט אָנגענומען מיט איייניקע נישט באַדײַטנדיקע אויסבעסע־רונגען.

**נאָמען פון דער אסאָציאַציע**

איינשטימיק ווערט אָנגענומען דער פאָרשלאַג פון כ׳ פּעפּער, אז די אָרגאניזאציע זאָל הייסן: „אסאָציאַציע פון ייִדישע ליטע־ראטן אף אוקראַיִנע „אָקטיאַ־בער״.

**וואלן פון ביוראָ**

איינשטימיק, בא איין אָפּ־געהאלטענעם (דאָבין), ווערן אויס־געוויילט אין ביוראָ פאָלגנדיקע כאווירים: וועלעדניצקי, לוריע, פּעפּער, פינינבערג און שאפּיראָ.

**דעלעגאַט קײַן כאַרקאָוו**

אף פירן א נטערהאנדלונגען בענעגייע די איניאָנים פוּן דער אסאָציאַציע, ווערט קײַן כאַרקאָוו דעלעגירט דער כ׳ נויעך לוריע.

פאָרזיצער פון פארזאמלונג — פּעפּער אי.
סעקרעטאר — שאפּיראָ מ.

פאר דערדאָזי. ער, ווי פאר א רײַ ווײַטערדיקע פארייניקטע פאר־זאמלונגען פון די קיִעווער ייִדישע שרײַבער אין דעם יאָר 1925, איז כא־ראקטעריסטיש איין שטריך: די פארייניקונג ווערט פראָיעקטירט אפן גרונט פון דער „הארט״־פראָגראם אָן שום ענדערונגען. אין דעם נאָר־וואָס געבראכטן פראָטאָקאָל פארן 22־טן פעווראל ווערט באשלאָסן אָנ־נעמען דעם סטאטוט מיט אייניקע ניט־באדײַטנדיקע ענדערונגען. עס ווערט אויך באשטימט א קלאָרער נאָמען פאר דער אָרגאניזאציע — „אָקטיאַבער״.

בעיס דער פארייניקונג ווערט אזויארום געשאפן א לינקערע שרײַבער־אָרגאניזאַציע, ווי די „אנטענע״. דאָסזעלבע וועלן מיר זען אויך ווײַטער.

אָבער רידאָזיקע פאַרייניקונג האָט לאַנג נישט געלעבט. שוין אַף דער ערשטער זיצונג פון דער נײַער איינשטימיק אויסגעקליבענער ביוראָ, איז די פאַרייניקונג אופגעריסן געוואָרן.

אופגעריסן זי האָבן די מיטגלידער פון דער גרופּע „אנטענע".

מיר ברענגען דאָ דעם פּראָטאָקאָל פון דער ביוראָ־זיצונג פון 24־טן פעווראַל 1925.

„זיצונג פון ביוראָ פון דער יידישער ליטעראַטן־אַסאָציאַציע „אָקטיאַבער", דינסטיק דעם 24־טן פעווראַל 7 אינאָוונט.

בײַגעווען די כ׳כ: פּעפּער, וועלעדניצקי, לוריע, פיניגבערג און שאַפּיראָ.

סיידער־האיאָם:

א) מעלדונג פון די כ׳כ לוריע און פיניגבערג.

ב) ארבעט־פּלאַן.

ג) פּרעזידיום.

ד) לויפנדיקע פראַגעס.

## מעלדונג

1) אָנהויב זיצונג מעלדן די כאַווײרים לוריע און פיניגבערג, אַז זיי געפינען נישט פאַר מעגלעך אָנטייל צו נעמען אין דער אַרבעט פון ביוראָ, ווײַל זיי געפינען, אַז ס׳זיינען דאָ צוויי גלײַכע פראַקציעס, וועלכע דאַרפן פּראָפּאָרציאָנעל פאָרגעשטעלט ווערן אין דער ביוראָ. זיי געפינען, אַז די איצטיקע ביוראָ איז אַף אַזא אויפן ניט ר׳כט׳ק צונויפגעשטעלט געוואָרן. זייער מעלדונג מאַכן זיי אין זייער נאָמען און אין נאָמען פון די כ׳כ רעזניק און וואָלקנשטיין—קאַטעגאָריש. די כ״כ וועלעדניצקי, שאַפּיראָ און פּעפּער האַלטן, אַז צום איצטיקן מאָמענט זיינען בא אונדז קיינע אויסגעשפּראָכענע פראַקציעס נישטאָ, אַזוי, אַז בויען די ביוראָ אַף פאָרשטייערשאַפט פון פראַקציעס, הייסט פון לעכאַטכילע מאַכן די ארבעט אומפּראָדוקטיוו.

די כ״כ פיניגבערג און לוריע פאַרלאָזן די זיצונג".

די פאַרייניקונג „אָקטיאַבער" איז אופגעריסן געוואָרן. פון א פּראָטאָקאָל פון דעם איבערגעבליבענעם טייל ביוראָ פון דער אַסאָציאַציע,

איז צו זען, אז די ביוראָ האט נאך עפּעס געפּרוּווט טאָן, אָבער לאַנג האָט זי נישט עקזיסטירט. דער פּרוּוו פונעם פאָלקבילד צו פאראייניקן אלע קיִעווער יִידישע שרייַבער האט זיך פאַרענדיקט מיט גאָרנישט. אָקטיאַבער 1925 יאָר ווערט געמאַכט נאָך א פּרוּוו צו שאפן (אָדער באנייַען) די אסאָציאַציע פון יִידישע שרייַבער אין אוקראַיִנע. דאָ האט אויך אָנטייל גענומען ל. קוויטקאָ, וועלכער איז נאָרוואָס געהאָט גע־קומען פון אויסלאנד. ווי מיר האבן פריִער געזען (קאַפּיטל וועגן מאָסקווע), ווערט אויך אין מאָסקווע געמאכט א פּרוּוו צו שאפן א פאריי־ניקונג פון אלע שרייַבער. אויך די אסאָציאציע האָט זיך אָרגאניזירט אף דער באזע פונעם „הארט“־סטאטוט, ווי דאָס איז געווען פריִער אין פּרילינג. פון אן אָפיציעלער ווענדונג פ ן דער ביוראָ צו ד. פעלדמאנען (דעם דעמאָלסדיקן רעדאַקטער פון דער „רויטער וועלט“) קייַן כארקאָוו, דאטירט דעם 2/10 1925, ווערט קלאָר דערדאָזיקער פאַקט. מיר ברענגען דאָ דידאָזיקע ווענדונג:

„ליבער כ׳ פעלדמאַן!

די אָקטיאַבערישע אסאָציאַציע פון יִידישע שרייַבער אף אוקראַיִנע, וועלכע איז די טעג געגרינדעט געוואָרן פון אלע קיִעווער ליטעראטן, איז אייַך מו־דיע, אז איר זייַנט באשטימט אלס אָפיציעלער פאָרשטייער פון אונדזער אסאָציאַציע אין כאַרקאָוו.

מיר האָפן, אז די יעדיע וועגן דער געשאפענער אסאָציאציע וועט איר אופנעמען מיט באפרידיקונג.

די ביוראָ פון אסאָציאציע: ד. וואָלקנשטיין,
איציק פעפער,
ל. קוויטקאָ.

איינער פון די הויפּט־צוועקן פון דער אסאָציאַציע איז געווען א ליטערארישער אלמאַנאַך, וועלכער האט געזאָלט אייַנשליסן אין זיך די ווערק פון אלע קיִעווער יִידישע שרייַבער. צוליב דיזעלבע צוועקן ווערט אין דעקאבער דעמזעלבן יאָר געמאכט א נייַער פּרוּוו צו שאפן אן אסאָציאַציע. פון א פּראָטאָקאָל פון 4/12 1925 פון א זיצונג פון דער

אָרג־ביוראָ דערוויסן מיר זיך וועגן די צילן און אופגאבעס פון דער־דאָזיקער נײַער אסאָציאציע.

מיר ברענגען דאָ דעם פראָטאָקאָל און די טאקאָנעס פון דער אסאָציאַציע, וואס זיינען צום פראָטאָקאָל בײַגעלייגט:

# טאַקאָנעס

## פון דער אסאָציאַציע יִדישע שרײַבער און קינסטלער אין אוקראַיִנע

1) די אסאָציאַציע יִדישע שרײַבער און קינסטלער אין אוקראַיִנע שטעלט כּאָר מיט זיך א פאריייניקונג פון רעוואָליוציאָנערע שרײַבער אין קינסטלער, וועלכע לייגן אין גרונט פון זייער שאפונג די אידייען און טענדענצן פון אָ ק ט י אַ ב ע ר.

2) די אַסאָציאַציע שטעלט זיך פאר א ציל צו אָרגאניזירן אַלע אָנ־וואַקסנדיקע יונגע קרעפטן צווישן די יִדישע ארבעטער און האָרעפאש־ניקעס און באזונדער צווישן די ארבקאָרן אין אוקראַיִנע, וועלכע פרווון זייערע קויכעס אפן געביט פון ליטעראַטור און קונסט.

3) די אסאָציאַציע שטעלט זיך אויך א ציל צו פארשפּרייטן דאָס רעוואָליוציאָנערע יִדישע וואָרט אין די שטעט און שטעטלעך, אין די יִדישע קאָלאָניעס, צווישן די יִדישע ארבעטער און פּויערשער, ב״כלאַל האָרעפאשנע באפעלקערונג.

4) קעדיי דאָס דורכפירן אין לעבן, טיילט אויס די אסאָציאַציע פון זיך א ריי קאָמיסיעס:

א) א קאָמיסיע אף דורכצופירן רעגלמעסיק ליטעראַרישע אָוונטן און לעקציעס אין די אונטערנעמונגען און אין די קלובן, ווו עס זײַנען קאָנ־צענטרירט יִדישע ארבעטער און ארבעטנדיקע.

ב) א קאָמיסיע, וועלכע אָרגאניזירט דאָס פארשפּרייטן דאס קינסט־לערישע רעוואָליוציאָנערע יִדישע וואָרט אין דער פּראָווינץ.

ג) א קאָמיסיע, וועלכע אָרגאניזירט ליטעראַרישע קרײַזלעך אין די אונטערנעמונגען און קלובן א. אז״וו.

5) די אסאָציאַציע גיט ארויס אלמאַנאכן, זאַמלונגען א. אז״וו., ווו אַלע יונגע סאָוועטישע און פראָלעטאַרישע שרײַבער זאָלן האבן די מעגלעכקייט צו דרוקן זייערע זאַכן.

6) די אסאָציאַציע שטעלט זיך אויך פאר א ציל צו באַזאָרגן די מיט־גלידער אירע מיט ארבעט, געבן שטיצע די נויטבאַדערפטיקע א. דג״ל.

7) די מיטלען פון דער אַסאָציאַציע באַשטייען פון די סומען, וואס דער פאָלקקאָמבילד וועט אסיגנירן ספעציעל פאר איר און אויך פון די פארשיידענע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען.

8) די אסאָציאַציע האט דאָס רעכט צו עפענען אין אלע שטעט, שטעטלעך און יידישע קאָלאָניעס אין אוקראַינע אירע פיליעס.

9) די העכסטע אינסטאַנץ פון דער אסאָציאַציע און אירע באַשלוסן און אינעם דורכפירן איר ארבעט—איז די אלגעמיינע פארזאַמלונג אירע.

10) די אסאָציאציע טיילט אויס פון זיך א צײַטווײַליקע ביוראָ, וועלכע געפינט זיך אין קיִעוו און פירט אָן מיט דער אַרבעט.

11) די אסאָציאַציע האט איר שטעמפל און בלאנק־פאָרם.

איניציאטיוו־גרופע:

ד. וואָלקנשטיין,
ל. רעזניק,
מ. שאפּיראָ,
א. וועלעדניצקי,
איצכאָק קיפּניס,
איציק פעפער,
ב. סלוצקי,
דינע ליבקעס,
ד. כאַראָל.

די נײַע אסאָציאַציע איז, ווי די פריערדיקע, געווען א ליטעראַריש־קינסטלערישע אָרגאניזאַציע, וואָס האָט געהאט דעם צוועק אויך צו פירן א מאַסן־ארבעט, פארלעגערישע ארבעט, ווי אויך מאטעריעל קומען צו הילף די שרײַבער. די אסאָציאציע איז געבויט לויטן מוסטער פון א פעדעראַציע.

אָבער אויך דער פּרווו האט צו גאָרנישט ניט געפירט. דער איינ־ציקער רעאַלער רעזולטאַט פון דער אסאָציאַציע איז געווען דער אַלמאַ־נאַך „אוקראַיִנע", וואס איז אין 1926־טן יאָר דערשי׳נען אלס אָרגאַן פון דער „אסאָציאַציע". ער איז באַצייכנט מיט נומער 1, אָבער קיין פאָרזעצונג האט „אוקראַינע" ניט געהאַט.

פארוואָסזשע האבן זיך די אַלע פּרווון צו פאראייניקן די צוויי שרייַבער־גרופּעס אין קיִעוו (און אין אוקראַיִנע) בא אַלע אָנשטרענגונגען נישט איַינגעגעבן? ווייַל די יִדישע ליטעראַטור אין אוקראַיִנע איז צו יענער צייַט שוין געווען היפּש קלאַסעווע דיפערענצירט; עס איז אפּטמאָל נישט געווען קיין איינהייט, עכע ליטעראַריש־קינסטלערישע שפּראַך. פון איין זייַט—אַן אויסגעשפּראָכענע קליינבירגערלעך־נאַציאָנאַליסטישע ליט־גרופּע „אַנטענע" (שפּעטער „בוי"), און פון דער צווייטער זייַט—א ריי יִדישע פּראָלעטאַרישע און סאָוועטישע שרייַבער, פּראָלעטאַרישער שרייַבערישער יונגוואַרג אין אוקראַיִנע, שוין אָפּגערעדט פון דער דיפערענציאַציע צווישן די יִדישע שרייַבער פון די איבעריקע רעפּובליקן, וואָס האט געמוזט האבן א ווירקונג אויך אף די יִדישע סאָוועטישע שרייַבער אין אוקראַינע.

דערבייַ דארף מען אָנווייַזן, אז באַ די פּרווון (גענויער וויַיטער), וואָס זייַנען אין קיִעוו געמאכט געוואָרן פון פארשיידענע זייַטן צו שאפן א פאראייניקונג פון אַלע שרייַבער, האבן די שרייַבער פון „אַנטענע" (שפּעטער „בוי") די פאראייניקונג נישט געוואָלט, אדער פּרעטענדירט אף אָנפירונג. אזוי איז עס געווען מיט דעם נאָרוואָס געבראַכטן פאקט, אזוי איז עס אויך געווען בא א צווייטן פּרווו—ווינטער 1926־1927.

מיר האבן אויבן אָנגעוויזן, אז אומגעפער 1925־1926 באקומט די גרופּע „אנטענע" (שפּעטערדיקע „בוי") א ליטעראַריש־קינסטלערישע טריבונע. דאס איז די „רויטע וועלט". אָפיציעל איז די „רויטע וועלט" געווען אן אָרגאַן פון מעלוכע־פארלאַג, פאַקטיש אָבער איז זי א פּאָר יאָר, און באזונדערס אין דעם אָנגעוויזענעם פּעריאָד, געווען אַן אָרגאַן פון דער גרופּע „אנטענע" („בוי"), און כאָטש די גרופּע האט אָפיציעל קיין אייגענעם אָרגאַן, וואָס זי האט זיך אַלע יאָרן באמיט צו קריגן, נישט געהאַט, האָט זי גאנץ קלאָר און בולעט ארויסגעזאָגט אירע לי־טעראַריש קינסטלערישע אָנשויונ׳ען אין פּראַגעס פון ליטעראַטור אין א גאַנצע ריי קריטישע אַרטיקלען און רעצענזיעס איבער בִיכער, ווי אויך

דורך דער קינסטלערישער פּראָדוקציע, וואס די מיטגלידער פון דער גרופּע האָבן אין יענעם פּעריאָד געדרוקט אין דער „רויטער וועלט" (באַזונדערס האט עס א שייכעס צום פּעריאָד, ווען פּאראנטוואָרטלעכער רעדאַקטער פון דער „רויטער וועלט" איז געווען ד. פעלדמאַן.

די „רויטע וועלט" האָט אָנגעהויבן ארויסצוגיין אין א פּעריאָד פון פאַרשאַרפטע קאמפן אין פּראגעס פון ליטעראַטור־פּאָליטיק (1924), אין א מאָמענט פון שארפסטער דיפערענציאַציע אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור. עס איז דאן הייס דיסקוסירט געוואָרן די פראַגע וועגן די וועגן פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן מיר דעמאָלסט אזאַ וויכטיקע דערשיינונג, ווי די שפּאַלטונג אין „שטראָם", די גרינדונג פון דער יידסעקציע „מאַפּפּ", אביסל שפּעטער,—די זאמלביכער „אָקטיאַבער" און „נייערד", אין 1925 יאָר—די רעזאָליוציע פון צ. ק. וועגן קינסטלערישער ליטעראַטור,—אף דעם פּאָן שטעלט מיט זיך פאָר די „רויטע וועלט" און באזונדערס דער קריטיש־ביבליאָגראַפישער טייל אירער א רויִק אינדזל. קיינע שלאַכטן, קיינע דיסקוסיעס, אַלץ איז אין אָרדענונג. די „רויטע וועלט" האט אפילע נישט געפונען פאר נויטיק איבערצודרוקן די רעזאָליוציע פון צ. ק. וועגן ליטעראַטור.

די הויפּטקריטיקער און רעצענזענטן פון דער „רויטער וועלט" האָבן אין דער איבערוועגנדיקער מאָס געהערט צום קליינבירגערלעכן פליגל פון דער יידישער ליטעראַטור.

ווי אזוי איז, לעמאָשל, אין דער „רויטער וועלט" באגעגנט געוואָרן אזאַ אָנגעזעענער פּראָלעטאַרישער דיכטער ווי איציק פעפער. אין נום. 3 „רויטע וועלט" 1924 האט נ. אויסלענדער אָפּגעדרוקט אן ארטיקל וועגן אזאַ בוך פעפערס, ווי „וועגן זיך און אזוינע ווי איך"—א בוך, ווו די יידישע פּראָלעטערישע דיכטונג אין ראַטנפארבאנד האט צום ערשטן מאָל דעמאָנסטרירט אירע קינסטלעריש־אידעאָלאָגישע דערגרייכונגען. די „רויטע וועלט" האָט דעם בוך באגעגנט, ווי געזאָגט, מיט אויסלענדערס אן ארטיקל, וועלכער האט דעם בוך באצייכנט ווי א פּרימיטיוו.

„פעפערס בוך,—האט נ. אויסלענדער געשריבן,—איז ניט פון יענע ביכער, וועלכע זיינען א רעזולטאַט פון שוין אופגעזאַמלטע און פארעגיסטרירטע קולטור־שאפונג. אין די ארויסטרעטונגען פון אזעלכע דיכטער,

ווי איציק פעפער, באגעגענען מיר זיך אייגנטלעך מיט יענעם רוי־מאַטע־ריאַל, פון וועלכן די קולטור (און די ליטעראַטור אויך, נאַטירלעך) הייבט זיך ערשט אָן צו וועבן. און ווירקלעך, אין פעפערס לידער, וואס זײַנען דאָסראָוו געשריבן ווי פאָלקסטימלעכע זינג־לידער, מיט דער מינדסטער אופמערקזאַמקייט צום פּערז און צום וואָרט... באקומט דער רוי־מאטע־ריאל א גאנץ באזונדערן און איינארטיקן אינטערעס".

דאס גאנצע בוך „וועגן איך און אזוינע ווי איך" ווערט באצייכנט ווי רוי־מאטעריאל. אונטער דעם פאָרמאַליסטישן קוואטש איז אָבער גע־שטאַנען א וועלטאַנשויונג פון א פרעמדן קלאַס, וועלכער איז געווען געווינט צום צוויטשערן פון די „היימישע" פייגל און אופגענומען דאס נײַע, דאָס פראָלעטארישע וואָרט, ווי רוי־מאטעריאל.

גאר אנדערש האט פעפערס „וועגן זיך און אזוינע ווי איך" באגעגנט די קאמוניסטישע געזעלשאפטלעכקייט, דער ארבעטער, דער קאָמיוג. אָטאָ די באציונג צו פּעפערן איז געקומען צום אויסדרוק אין מ. ליטוואַ־קאָווס גלענצנדיקן ארטיקל „א כאַווערישער גרוס" (דעקאַבער 1924 „עמעס"), אין וועלכן כ׳ ליטוואַקאָוו האט וועגן פעפערן געשריבן, אז דאס איז דער ערשטער דיכטער, וועלכער „זײַענדיק דורכויס א דיכטער, איז ער דורכויס אַן אונדזעריקער".

מיט אומגעפער א יאָר שפּעטער האָט די „רויטע וועלט", פונקט אזוי ווי דעם בוך „וועגן זיך און אזוינע ווי איך", באגעגנט פעפערס א צווייט ביכל לידער „א שטיין צו שטיין", וווּהין עס זײַנען אריין אזוינע ווערק, ווי „יאַטן", „בליענדיקע מיסטן" און אנדערע אָנגעזעענע ווערק פון דער פראָלעטאַרישער דיכטונג.

דער אווטער פון דעם ארטיקל איז געווען י. נוסינאָוו. וועגן דעם צווייטן אָנגעזעענעם בוך פעפערס האָט נוסינאָוו געשריבן פאָלגנדיקס:

„האַלט זיך (אָבער) פעפער די גאנצע צײַט בא אויסערלעכקייט, מאָלט ניט, דעקט ניט אוף, נאָר דערציילט און פארצייכנט, און ניט וואָס ער זעט ניט, האט קײַן אויג ניט, נאָר ער וויל זיך פּאָשעט ניט פארטיפן.

אַנדערע וועלן געבן די פארטיפטע איבערדיכטונג פון די איבער־לעבונגען, ער האָט די איבערלעבונג אליין און ניט בלויז זייער פאר־צייכענונג.

געוויס וועט מען פעפערן אויסוואַרפן, אַז נאָך זײַן ביכל „וועגן זיך און אַזוינע ווי איך“ איז ער דיכטעריש ניט אויסגעוואַקסן, זײַן פּערזאָן איז ניט געוואָרן בויגעוודיקער, זײַן וואָרט ניט שטײַפער און ניט בילדער־רײַכער, און דאָס וועט זײַן מיט רעכט.

פֿאַרמאָגן „יאַטן“ די דיכטערישע אײנזיקײט, ניט פֿאַרזיכטיקײט אין אויסוואַל פֿון נויטיקן און וואָגעדיקן, אָבער ווײלכע „יאַטן“ קענען ניט ווערן די ליד, נאָר בלויז אַ ליד וועגן קאַמיוג“.

ווידעראַמאָל אַ פֿאַרמאַליסטיש־עסטעטישער צוגאַנג, וואָס האָט אײַנגאַנצן פֿאַרזען דעם נײַעם קלאַסן־טאָן פֿון פּעפּערס לידער און האָט זיי אַנטקעגנגעשטעלט די רײַכע פֿאַרמען פֿון דער בורזשואַזער און קלײנבירגערלעכער דיכטונג.

סאָף 1925, אָנהויב 1926 הייבט י. נוסינאָוו אָן צו דרוקן אין „רויטע וועלט“ זײַנע באַוווּסטע בריוו פֿון מאָסקווע, ווו ער פֿירט דורך טראָצקיסטיש־נאַציאָנאַליסטישע טעאָריעס אין פּראַגעס פֿון ליטעראַטור בכלל און ייִדישע ליטעראַטור ביפֿראַט.

אין די אַרטיקלען אַנטוויקלט י. נוסינאָוו אַ טראָצקיסטישן טעזיס וועגן דעם, אַז אונדזער ליטעראַטור איז פֿאַרורטײלט צו פֿאַרבלײַבן אַ קלײנבירגערלעכע און דערפֿאַר דאַרף מען ניט האָבן קײן טײַנעס צו קלײנבירגערלעכע שרײַבער. ער מאָטיווירט עס דערמיט, וואָס אַזוי ווי דער גרעסטער טייל ייִדישע באַפֿעלקערונג איז אַ קלײנבירגערלעכע, מוז די ייִדישע ליטעראַטור דעריבער אויך זײַן אַ קלײנבירגערלעכע. די דאָזיקע ליטעראַטור וועט לויט נוסינאָוו זײַן אַן אַקטיאַבעריש, ד. ה. זי וועט אײַנגאַנצן אויסדריקן רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, אַנדערש גערעדט, אין דער ייִדישער ליטעראַטור וועט דער קלאַסנקאַמף, וואָס גייט אָן אין לאַנד, נישט געפֿינען זײַן אויסדרוק.

כ׳ נוסינאָוו האָט געשריבן:

„דער עצם פֿאַקט, וואָס דאָ האַנדלט זיך אין קינסטלערישן אויסדריקן אַ קאַטאַסטראָפֿע פֿון אַ שיכט (געמײנט דאָס ייִדישע בירגערטום און קלײנבירגערטום. א. א.), וואָס קומט דורך די צוואַנגען פֿון דער געשיכטע צוצופּאַסן זיך צו דער רעוואָלוציע, און פֿון אַ קלאַס, וואָס

זײַן היסטאָרישער באַרוף איז צו מאַכן די רעוואָליוציע, אָט דער עצעם גרונט־פאַקט באַדינגט, אַז אָט די ליטעראַטור קען ניט זײַן אזעלכע, ווי דאס פארלאנגען פון איר די ייִדישע מאפּאָוואצעס (די איצט שוין וואפּאָוואצעס). דאס הייסט אָבער קלאַר ניט, אַז די ליטע־ראטור פון און וועגן קלײנבירגערטום, אַז די ליטעראַטור פון די דערמאָנטע דרײַ קאטעגאריעס מוז זײַן פרעמד דער רעוואָליוציע" („ר. וועלט").

אין דעם ארטיקל, ווי אויך אין זײַן פאָרעדע צו קיפּניסעס „כאדאָשים און טעג" האט י. נוסינאָוו באַרעכטיקט דעם ערגסטן מין נאציאָנאַליזם אין דער ליטעראַטור, געשטעלט אין צענטער די ייִדישע קלײנבירגערלעכע ליטעראַטור און איז אזויארום געווארן דער רופֿער פונעם קלײנביר־גערטום אין אונדזער קריטיק.

אינעם זעלבן 1926 יאָר איז אין „רויטער וועלט" נומ. 3 ד. איסאַ־קאָוויטש ארויסגעטראָטן מיט אָנפאלן אף דער ייִדישער פּראָלעטארישער ליטעראטור.

אין דער צײַט, ווען פעפערס ווערק זײנען דורך דער „רויטער וועלט" באגעגנט געוואָרן ווי א פרימיטיוו, ווערט ע. פינינבערגס שאפן ארויסגעשטעלט ווי דער צענטער פון דער רעוואָליוציאָנערער סאָוועט־טישער ליטעראטור.

אין נומ. 3 „רויטע וועלט" באווייזט זיך דאס אויבנדערמאָנטע ארטיקל ד. איסאקאָוויטשעס ספּעציעל געווידמעט דעם פּראָזע־ווערק פון ע. פינינבערגס „גאלאָפּ".

„אין „גאלאָפּ" (דערשינען 1926 י.) האט ע. פינינבערג געוויזן די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אין אן אוקראַיִנישער קרײַז־שטאָט. דאס איז א ווערק פון א שרײַבער, פאר וועלכן די רעוואָליוציע איז דערשינען ווי א גרויסע מעהומע; דאָ איז אינגאנצן געקומען צום אויסדרוק די דערשראָקנקײַט פונעם קלײנבירגערטום בעיס דער רעוואָליוציע. וויאזוי ווערן אין „גאלאָפּ" געמאָלט די באָלשעוויקעס? זיי ווערן געמאָלט כריסטאָסיש־בלאָקיש. א מיטינג פון די באָלשעוויקעס, וואס האָבן פאר־נומען די שטאָט, שילדערט פינינבערג אָט וויאזוי: „אז די מוזיק האט

זיך צעהילכט, אז אלע זיינען אופגעשטאנען, אז אלע האבן זיך צעזונגען:

Вставай проклятьем заклейменный
Весь мир голодных и рабов

האט עס אויסגעזען, ווי א קיטע, ווי א סעקטע א קעמפערישע, א פארצייטיקע וואָלט איר אווידע געפּראוועט אין ארומרינגלונג פון באַפעלקערונג פרעמדגלויביקע.

אין פארשפארטע דירעס האט די באפעלקערונג זיך איינגעהערט: „די „גרויסע" זינגען..." (ז. 21).

ווען די ארבעטער, וואס זיינען געקומען אין שטאָט צו דער מאַכט, ווערט געזאָגט: „געפּראַוועט האבן אין שטאָט (מיין קורסיוו. א. א.) כעוורע פון ארבעטער־קלוב" א. אז. וו.

איז אָט דאָסראָזיקע ווערק פיניבערגס שטעלט ד. איסאַקאָוויטש אין צענטער פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור. דערביי גיט ד. איסאקאָוויטש א פאנאנדערגעוויקלט בילד פונעם צושטאנד אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור און דאָס בילד איז איין גרויסער פּאסקוויל אף אונדזער ליטעראטור.

אָט ווי אזוי ד. איסאקאָוויטש מאָלט דעם צושטאנד אין אונדזער ליטעראטור און ליטעראטור־באוועגונג.

„שוין עטלעכע יאָר, אז מיר ווארטן אף א ווערק פון דער רעוואָ־ליוציע, אז ס'זאָל זיין דאָס ווערק אָנגעשריבן מיט א פרייער און אופגערודערטער פען, אָן פליטערלעך, אָן פאלשגאָלד.

ס'זאָל זיין א רעזולטאט פון עפעס אינעווייניקסטן אויסגעוויטיקטן פּראָצעס באם קינסטלער, א ניט־געמעלאָכעטס, גע־מאכט לויט עמעצנס גרייטע טעזיסן.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

פארשיידענע פארשוינען האָבן פאר די לעצטע יאָרן געפּרוּווט פאר־טומלען דעם נייעם לייענער מיט געבאָרגטע פראַזן אפגיך, אפגיך געפלאָנטערטע און געסלינעטע, אראָפּגעשריבענע פון בריוונשטעלערס, פון דינינקע קאָמפּיליאַציעס און מאָגערע בראָשורקעלעך.

נו, איז טאקע אָפּט זייער און זייער אומעטיק צוצוקוקן, ווי ברודיק און אומריין ס'איז בא אונדז געוואָרן ארום אייניקע ערטער און גרופּן אין איצטיקער יידישער ליטעראטור.

מער פון אלץ האט עס געשאַדט גראָד דעם קינסטלער אליין. דער קינסטלער האט זיך פארלאָרן אסאך מער פון דעם לייענער—אָט פונוואנען ס'נעמט זיך די לעצטע צייַט אזויפיל פּסעוודאָ־ליטעראטור, אזויפיל נישטיקע בעקערייַ פון ערגסטן שאבלאָן בא סאַמע יינגסטע, בא די, וואס פריער פון אלץ וואָלט געדאַרפט נאטירלעך זייַן בא זיי דאס אומיטלבארע, דאס אָרנטלעכע אופנעמען און רעאגירן".

דאָ ווערט אומדירעקט געוואָרפן א באשולדיקונג דער סאָוועטישער ליטעראטור, אז זי איז א ליטעראטור מיט פליטערלעך, מיט פאלשגאָלד, וואס ווערט געשריבן לויט טעזיסן. דאָסדאָזיקע קלאפּערגעצייַג איז אינגאנצן גענומען פון א פרעמדן ארסענאל.

ווען די פּראָלעטאַרישע ליטעראַרישע גרופּעס אין דער ליטעראטור (יידסעקציע „מאַפּפּ", „יונגער ארבעטער", מינסק) ווערט געזאָגט: „נו, איז טאקע אָפּט זייער און זייער אומעטיק צוצוקוקן, ווי ברודיק און אומריין ס'איז בא אונדז געוואָרן ארום אייניקע ערטער און גרופּן אין איצטיקער יידישער ליטעראטור" (מייַן קורסיוו. א. א.).

די גאנצע ליטעראטור קימאַט איז לויט איסאַקאָוויטשן „נישטיקע בעקערייַ פון ערגסטן שאבלאָן בא די סאַמע יינגסטע" א. אז. וו.—מיט איין וואָרט, א קלאַסן־פרעמדע ארויסטרעטונג אקעגן דער פּראָלעטארישער און סאָוועטישער יידישער ליטעראטור.

אָבער די שווערע לאגע האט לויט ד. איסאקאָוויטשן אָ־געראטעוועט ע. פינינבערג מיט זייַן דערציילונג „גאלאָפּ".

„פריער פאר אלץ,—שרייַבט ווייַטער ד. איסאקאָוויטש,—האבן מיר אין דער נייַער יידישער ליטעראטור באקומען אין „גאלאָפּ" די ערשטע באדייַטנדיקע קינסטלערישע דערציילונג פון דער רעוואָליוציע. אָט וואס איז וויכטיק! צווישן גוואלדיקער אלגעמיינער געפעלשט־

קייט מיט אידעאָלאָגיע און מיטן וואָרט, וואָס הערשן באַ אונדז די לעצטע צײַט, שטייט פינינבערגס דערציילונג דערהויבן, ווי א פעלדז, און שטײַף ווי א פעלדז" (אונדזער קורסיוו א. א.).

די גאנצע יידישע סאָוועטישע און פראָלעטארישע ליטעראטור איז „אלגעמיינע געפעלשטקייט מיט אידעאָלאָגיע און מיטן וואָרט", און נאָר פינינבערגס „גאַלאָפּ" איז עכטע ליטעראטור.

נאָכדעם גייען אוועק לאנגע טיראדעס וועגן דעם, אז אין „גאלאָפּ" האט זיך פינינבערג דער קינסטלער ארויסגעוויזן „אלס מענטש מיט א קלאַסן־פארשטאנד צו די אלע פארקניפּטע און פארפּלאָנטערטע סיטואַציעס, וואס די רעוואָליוציע האט געשאפן אין לעבעדיקן לעבן, אין גרויסער אויעזדישער שטאָט מיט דערפער, ווי אויך אין די אלגעמיינע טענדענצן פון דער רעוואָליוציע".

לויט איסאַקאָ׳יטשן האט פינינבערג דער איינציקער ריכטיק באנומען דעם טאָך פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. אלס באשטעטיקונג דערצו דערציילט ד. איסאַקאָוויטש אפן סאָף פונעם ארטיקל פאָלגנדיקן פאַקט:

„אין ליטקרײַז באַ אונדז, געדענק איך, אז ער (פינינבערג) האט דעם „גאלאָפּ" צום ערשטן מאָל געלייענט, האט איינער א זאָג געטאָן:

— כאַווײרים, עס האט א שמעק געטאָן מיט אָקטיאַבער. בעעמעס, עס האט א שמעק געטאָן אין אונדזער ליטעראַטור מיט רעוואָליוציע, מיט ניט געפעלשטן אָקטיאַבער—דערווײַל דאס ערשטע באַ אונדז!"

די ליטגרופּע פון די שפּעטערדיקע „בויעוועצעס" האָט אין „גאלאָפּ" דאס ערשטע מאָל דערפילט די רעוואליוציע, דעם ניט־געפעלשטן אָקטיאַבער—אָפּגעלעבט 9 יאָר רעוואליוציע און געמוזט ווארטן אף פינינבערגס „גאלאָפּ", קעדיי צו דערפילן די אָקטיאַבער־רעוואליוציע! א גלענצנדיקע אטעסטאַציע פאר א גרופּע קליינבירגערלעכע יידישע שרײַבער!

וואָס האָט באַטײַט פינינבערגס „גאלאָפּ" און ד. איסאַקאָוויטשעס ארטיקל וועגן „גאלאָפּ"? דאס איז געווען איינער פון די פיל פאלן אין אונדזער ליטעראַטור, ווען א שרײַבער האט געשריבן די קינסטלערישע געשיכטע פון אָקטיאַבער, געזען מיט די אויגן פון א דערשראָקענעם

אונטערגייענדיקן קלאַס, געזען ניט דעם קלאַסן־טאָך פון דער רעוואָ־ליוציע — און אָט דאָס האָט געזאָלט ארויסגעשטעלט ווערן, ווי די עמעסע געשׂכטע פון אָקטיאַבער.

די „רויטע וועלט" האָט, ווי מיר זעען, ברייט געעפנט די טויערן פאר אָטאָ דער גרופּע שרײַבער, זיי געגעבן אלע מעגלעכקייטן צו פירן א קאַמף קעגן דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

אין זשורנאַל האט זיך אף א היפּשער צײַט ברייט צעגאָסן די יעסענינשטשינע, וועלכע האט זיך אויסגעדריקט ניט בלויז אין לידער מיט יעסענין־שטימונגען, נאָר אויך אין א גאַנץברייטן ארטיקל פון ה. סויפער („רויטע וועלט", 1925, נומ. 3.) — אן אפּאָלאָגעטישער ארטיקל וועגן יעסענינען, וועלכער איז ארויסגעשטעלט געוואָרן ווי דאָס בעסטע, וואָס די רוסישע סאָוועטישע ליטעראַטור פאַרמאָגט.

זייער כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, וואָס אין פּעריאָד פון 1926—1928 גייען פון זשורנאַל „רויטע וועלט" אָפּ א ריי אָנגעזעענע יידישע פּראָלעטאַרישע און רעוואָליוציאָנערע שרײַבער, וועלכע האבן זיך די ערשטע צײַט יאָ געדרוקט אין דער „רויטער וועלט" און מיטן פּראַקטישן איבערגיין פון דער „רויטער וועלט" צו דער „אנטענע" (שפּעטער „בוי")־גרופּע (פעלדמאן, א. אנד.) גייען זיי אָפּ פונעם זשורנאַל. אזוי האָט זיך כ. גילדין ניט געדרוקט אין „רויטע וועלט" פון 1924 יאָר נומ. 4 ביז נומ. 3—2, 1928; אי. פעפער — פון נומ. 3, 1925 ביז נומ. 4. 1927; ראבין האט זיך דאס ערשטע מאָל געדרוקט אין נומ. 9 8, 1927; קושניראָוו — איין מאָל 1926 נומ. 2־1 (ביז 1929 זיך מער ניט געדרוקט). ערשט מיטן אוועקגיין פון פעלדמאַנען אלס הויפּט־רעדאקטער, ווען דער זשורנאַל הייבט אָן ארויסצוגיין (1927) אונטער כ' לעוויטאַנס רעדאקציע, קערן זיך צוריק אום אין זשורנאַל א ריי אָנגעזעענע יידישע פּראָלעטאַרישע און סאָוועטישע שרײַבער.

א ריי נאַציאָנאַליסטישע אָפּנויגן אין דער „רויטער וועלט" האט אין איר רעזאָליוציע באצייכנט די אלפארבאנדישע באראַטונג פון די יידישע סעקציעס פון דער אל. ק. פּ.(ב), דעקאבער 1926־טן יאָר. אין דער רע־זאָליוציע פון דער באראַטונג וועגן פרעסע און פארלאג ווערט אין פונקט וועגן די זשורנאַלן געזאָגט:

„דער זשורנאַל „די רויטע וועלט״: 1. נאַציאָנאַליסטישע אָפּנויגן, וועלכע האָבן זיך באַמערקט אין איינציקע אַרטיקלען, באַזונדערס איבער דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. 2. דער ניט גע־נוגענדיקער פּאַרטייִשער קאָנטראָל איבער די אָפּטיילן ביבליאָגראַפיע״.

און אין דער באַשטימונג ווערט וועגן דער „רויטער וועלט״ אָנגע־וויזן אויף דער נייטיקייט צו פאַרשטאַרקן די פּאַרטיי־אָנפירונג מיטן זשורנאַל.

אָט אָ די אויבנדערמאָנטע אַרויסטרעטונגען פון אַ טייל קיִעווער קליינבירגערלעכע שרייַבער אין דער ליטעראַטור זיינען ניט געווען קיין צופעליקע, קיין איזאָלירטע. אין די יאָרן 1926־1927 האָבן מיר אַ ריי אָנגעזעענע סימפּטאָמען, וואָס רעדן וועגן דעם, אַז אין אוקראַיִנע פאַרשטאַרקן זיך די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען בײַ דער קליינבירגער־לעכער אינטעליגענץ. אין דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור האָבן מיר אין יענעם פּעריאָד די דיסקוסיע אַרום כווילאָוויס נאַציאָנאַליסטישער אַרויסטרעטונג וועגן דער אַנטקעגנשטעלונג פון צוויי קולטורן—דער רוסישער און אוקראַיִנישער — וועגן אָריענטאַציע אויף דער קולטורעלער „פּסיכאָלאָגישער אייראָפּע״.

די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן שומסקי, כווילאָווי און אַנד. האָבן אַרויסגעשטעלט אַ טענה, אַז די אוקראַיִניזאַציע גייט מיט שוואַכע טעמפּן. זיי האָבן געפאָדערט אַ צוואַנג־אוקראַיִניזאַציע פונעם ניט־אוקראַיִנישן פּראָלעטאַריאַט. זיי זיינען אַרויסגעטראָטן אַקעגן דעם גרונט־קערן פון דער פּאַרטיי אין אוקראַיִנע. דאָס איז געווען צונויפגעבונדן מיטן וווּקס פון דער בורזשואַזיע און באַלעגופּנטום אין שטאָט און אין דאָרף. דער כ׳ ל. קאַהאַנאָוויטש האָט די דערשיינונג אין זיין פּאָרטראַג אויפן 10־טן צוזאַמענפאָר פון ק.פּ.(ב)או. נאָיאַבער 1927־טן יאָר, אויף אַזאַ אופן כאַראַקטעריזירט:

„אַ געוויסער וווּקס פון אוקראַיִנישן שאָוויניזם, נאָכדעם ווי ער איז אין די רעוואָלוציע־יאָרן צעגראָמירט געוואָרן, האָט זיך אַרויסגעוויזן אָנהייב 1926־טן יאָר אין פאַרבינדונג מיטן וווּקס פון דער אוקראַיִנישער בורזשואַזיע און באַלעגופּנטום, און דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויך

אַפן אידעאָלאָגישן פראָנט. אַלס א רופאָר פון אָט די שיכטן, וואָס לייגן אַרויף זייערע האָפענונגען אף דער רעסטאווראַציע פון דער בורזשואַזער מאַכט אין אוקראַיִנע מיט דער הילף פון די באַוואָפנטע קויכעס פונעם אויסלענדישן אימפעריִאַליזם, האָט זיך קעגן זײַן ווילן ארויסגעוויזן דער שרײַבער און קריטיקער, מיטגליד פון פאַרטיי מ. כווילאווי מיט זײַן פראָפאגאנדע, אז די אוקראַיִנישע קולטור דאַרף זיך אָריִענטירן אַף מײַרעוו, וואָס וואַקסט, אף דער „פסיכאָלאָגישער אייראָפּע״, אלציינס—צי א בורזשואַזע, צי א פראָלעטאַרישע, און אונטערן לאָזונג: „אַוועק פון מאָסקווע״.

זייער אויסדרוק האָבן אָטאָ די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען, וועלכע זײַנען איבערגעפלאָכטן געוואָרן מיט יערידע־שטימונגען, מיט שטריכן פון דעקאדאנס, מיט מוירע פאַר מאסעוודיקײַט, געפונען אין דער ליטע־ראַרישער גרופּע „וואפליטע״, וואָס וועט געשאַפן סאָף 1925 יאָר (עקזיסטירט ביז 1298 יאָר), און אין זשורנאַל פון אָטאָ דער גרופּע מיט דעמזעלבן נאָמען... אף א צײַט ווערט דער „וואפליטע״ דער צענטער פון קאַמף קעגן דער לענינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער פאַרטיי אין אוקראַיִנע. דער זשורנאַל „וואַפליטע״ ווערט אויך אן אָרט, ווו עס דרוקן זיך יערידישע, דעקאַדענטישע ווערק און דערגייט ביז צו אן אָפן פאַשיסטיש ווערק—כוואַליאָוויס „וואלדשנעפּן״. דער „וואַפליטע״ האָט אויך געהאַט א יִדישן „פליגל״. אין „וואפליטע״ זײַנען ארײַנגעגאנגען ד. פעלדמאַן, ל. קוויטקאָ און אנד. דער „וואַפליטע״ האָט אָנהייב 1927 י., גלײַך נאָך דעם אנטשטיין פון דער „ווסּפ״־אָרגאניזאַציע, דער פאַרוואַל־טער מיטן פרעסע־אָפטייל באַם צ.ק. ק.פ.(ב)אי. כ׳ א. כווילִיע, געגעבן פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטיק:

„אף הײַנטיקן טאָג האָבן מיר אזא לאַגע מיט די אָרגאַניזאַציעס: עס עקזיסטירט „פלוג״, „מאָלאָדניאַק״. עס האָט זיך אופגעהויבן א ברייטע באַוועגונג פאַר אָרגאַניזירן אן אַסאָציאַציע פון פראָלעטאַרישע שרײַבער אין אוקראַיִנע, ס׳איז פאַראַן אויך „וואפליטע״. ביז די לעצטע וועט ניט דערוויַזן מיט ליטעראַרישע פאַקטן איר פראָלעטאַרישן פארצעף, קען מען אפילע ניט ריידן וועגן איר פּאָזיטיוון באטײַט פאַר דער אָקטיאַבער־

ליטעראטור. אף הײַנטיקן טאָג איז „וואפליטע" ניט קײַן פּאָזיטיװוער, נאָר אַ נעגאַטיװוער פאַקטער אין דער פראַגע פון קולטור־בויונג פון דער פּראָלעטאַרישער אוקראַ־יִנע" (א. כוויליאַ, „צו דער אָרגאַניזאַציע פון די ליטעראַרישע קויכעס". „קאָמוניסט" נומ. 19 ,18 1927). (אונדזער קורסיוו. א. א.).

דער וווקס פון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין שטאָט און אין דאָרף (אין די יאָרן 1925־1927) און דער קאַמף מיט זיי האָט אויך בײַ אייניקע שיכטן יִדישער אינטעליגענץ ארויסגערופן נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען.

מיר האבן אין יענעם פעריאָד, צום בײַשפּיל, טענדענצן בײַ אייניקע טיילן פון דער יִדישער לערערשאַפט און קולטור־טוער צו צוואנג־יִדישיזאַציע פון די שולן, טײַנעס, אז מיר יִדישיזירן ניט גענוג די לערן־אנשטאַלטן. דאָס ווערט באגלייט מיט א געוויסער אומצו־פרידנקײַט מיצאד דערזועלבער אינטעליגענץ מיט דער אוקראַיִניזאַציע פונעם מעלוכע־אפּאראט א. אז. וו. מיר האבן אויך א ריי נאַצאָפּאָרטו־ניסטישע ארויסטרעטונגען פון א ריי פּאַרטיייִשע כאַווײרים וועגן דער פראגע פון צוואַנג־יִדישיזאציע. אָטאָ דעם וווקס פון נאַציאָנאַליזם בא טיילן יִדישע קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ האָט די באַראַטונג פון די יִדסעקציעס בײַ דער אל.ק.פּ.(ב) פון 1926 יאָר פאַרפּיקסירט אין איר רעזאָליוציע איבער כ' ליטוואַקאָווס פּאָרטראַג. אין דער רעזאָליוציע לייענען מיר:

„די אנטוויקלונג פון דער נעץ יִדישע קולטפּאָליטופּקלער־אַנשטאַלטן, וועלכע זיינען שוין אויסגעוואקסן אין א סיסטעם פון פּאָלקס־בילדונג פון די נידעריקסטע ביז די העכסטע שטופן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרשארפונג פון דער נעץ ראטן־אנשטאלטן מיט דער יִדישער שפראַך אין אומגאנג און אין געשעפטספּירונג, האָט צוגעצויגן און ציט ווײַטער צו צו אונדז אלץ נײַע קאַדרען אינטעליגענץ, וואָס אין פּערזאָן פון איר קליינבירגערלעכן טייל פּרווט זי זיך צו דריקן אף אונדזער קולטאַרבעט אין גײַסט פון נאַציאָנאַליזם און יִדישיזם. אין דער אומגעבונג פון אוקראַיִניזאַציע און ווײַסרוסיזאַציע, וועלכע ווערט דורכגעפירט דורך דער

פּאַרטיי און דער ראַטנמאַכט, און וועלכע ציִען, נאַטירלעך, צו איר אויך צו אייניקע נאַציאָנאַליסטישע קרײַזן פון דער אוקראַיִנישער און דער ווײַסרוסישער אינטעליגענץ, ווערן דידאָזיקע פּרוּוון פון נאַציאָנאַליסטיש־יִידישיסטישן דרוק באַדײַטנדיק פאַרשאַרפט".

די נאַציאָנאַליסטיש־כוויליאָוויסטישע שטימונגען צווישן א טייל יִדישע ליטעראַטן, דעריקער, פונ דער „אנטענע"־„בוי"־גרופּע — דריקן זיך אויס אין אנטקעגנשטעלן אוקראַיִנע צו מאָסקווע, דאָס קומט צום אויסדרוק אין דער איבערגעטריבענער איבערשאַצונג פון דער אויסלענדישער יִדישער ליטעראַטור, אין דער שטרעבונג און אין די פּרוּוון צו שאַפן א באַזונדערע נאַציאָנאַלע ליטאָרגאַניזאַציע.

אין אן ארטיקל וועגן כוויליאָוויזם, אונטערן נאָמען א „ליטעראַרישע דיסקוסיע" אין „רויטע וועלט" נומ. 3, 1927, געפינט דער כ' קאָזאַקעוויטש אפילע פאר נויטיק, עמעס, אף אן עזאָפּישער שפּראַך', דאָס אָפּצוציי־כענען, ווען ער זאָגט:

... „וואס איז טײַערער: די נאַציאָנאַלע גאַנצקײַט, צי די פּראָלעטאַרישע אייניקײַט?

דאָס איז דער זין פון דער פראַגע: „מײַרעוו, צי מאָסקווע"? אין אביסל אן אנדערער מאָדיפיקאַציע ווערט דידאָזיקע פראַגע געשטעלט פון דער יִדישער נאַציאָנאַליסטישער" אינטעליגענץ. אין דעם הינזיכט האָבן מיר דעמזעלבן פּרובירשטיין, וואָס די אוקראַינער. פאַרשטייט זיך, עס האַלט בא אונדז ניט „בא אָפּרײַסן זיך פון מאָסקווע", אָבער א בענקעניש אהין, ווו עס אנטוויקלט זיך די נ אַ צ י אָ נ א ל ע י ע ר ו ש ע, — דאָס איז געוויס דאָ בא א טייל פון דער יִדישער אינטעליגענץ. נאָר דאָס איז דערעכאַגעוו"...

שעפעריש האט דידאָזיקע שרײַבער־גרופּע „אנטענע" (שפּעטער „בוי") נאָענט געמאַכט צו „וואפּליטע" די אײַנגעשלאָסנקײַט, די מוירע פאר מאסעוודיקײַט, די אָריענטאַציע אף „אקאדעמיקער" (כאָטש אי אקאדעמיקער, אי „מײַסטערס" איז אין דער „אנטענע"־„בוי"־גרופּע געווען שפּאָט ווייניק), די קרײַזלדיקײַט, די אָפּלייקענונג פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, דער פאַקטישער קאמף מיט דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. די

רעזאָליוציע פון דער פּאָליטביוראָ באַם צ.ק.ק.פּ.(ב)או. פון 1927־טן יאָר וועגן דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור האט געהאַט אינזינען אָטאָ די אַלע נעגאַט־ווע מאָמענטן אין דער ליטעראַטור און ספּעציעל אין „וואַפּליטע״, ווען זי האָט אין פּונקט 4 געשריבן:

„די ווירקלעכע אויסבאַשאַפונג פון דער אוקראַיִנישער פּראָלעטאַרי־שער ליטעראַטור קען פאַרקומען נאָר אף דער באַזע פון א שטענדיקן צוזאַמענבונד מיט די ארבעטער־ און פויערים־מאסן, פון אנטפּלעקן די קינסטלערישע ווערטן, וואָס זײַנען אייגנטימלעך פאַרן פּראָלעטאַריאַט בא א שטענדיקער צווישנווירקונג פון דער ליטעראַטור מיט די מאַסן. דאָס אָפּרײַסן זיך פון אָטאָ דער באַזע מיצאַד אייניקע פּערזאָנען, דאָס איבע־רײַסן דעם צוזאַמענבונד מיט איר, די זעלבסט־אײַנגעליבטקײַט און די זעלבסט־אײַנגעשלאָסנקײַט אפילע אונטער דעם לאָזונג פון „קוואַליפיקאַ־ציע״—דאָס אַלץ וואָלט געשאַפן דערשײַנונגען פון סאָציאַלער און קינסטלע־רישער געפאַלנקײַט (דעקאַדאַנס)״.

אָטאָ די אַלע נעגאַטיווע שטריכן, אף וועלכע ס׳ווײַזט אָן די רעזאָ־ליוציע פון פּאָליטביוראָ, זײַנען געווען כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר דער ליט־אָרגאַניזאַציע „אַנטענע״ און שפּעטער דעם „בוי״ און זיי האָבן זיך גיך געלאָזט פילן סײַ אין דער פּראָדוקציע פון די שרײַבער, סײַ אין זייער פּאָליטיש־ליטעראַרישער טעטיקײַט.

ווינטער 1926/27 ווערט לויט דער איניציאַטיוו פון דער קיעווער ייִדסעקציע באַם פאָלקבילד ווידעראַמאָל געמאַכט א פּרווו צו שאַפן אַן אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער אין קיעוו. אָבער אף דער דערדאָזיקער פאַרזאַמלונג דערקלערט דער כ׳ ל. רעזניק אין נאָמען פון א גרופּע שרײַבער, וואָס האָט זיך נאַרוואָס געשאַפן, אַז זײַן גרופּע קען ניט אײַנגיין אף קײַן אייַנהײַטלעכער אָרגאַניזאַציע פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער אין קיעוו, אַז עס איז שוין געשאַפן גע־וואָרן א ליטעראַרישע גרופּע, וואָס וועט אינגיכן ארויסטרעטן מיט א ליטעראַרישער דעקלאַראַציע.

דאָס האָט ל. רעזניק גערעדט אין נאָמען פון דער נאַרוואָס געשאַ־פענער ליטעראַרישער גרופּע „בוי״ (א מאָדיפיקאַציע פון „אַנטענע״). אויך

פון דעם פּרווו, וואָס דער פּאַלקבילד האט געמאַכט איצט, איז צוליב דער שולד פון דער „בוי"־גרופּע גאָרניט געוואָרן.

די סיבע איז דאָ געווען דיועלבע: די קליינבירגערלעכע שרײַבער־גרופּע האט געשטרעבט צו העגעמאָניע אין פּראגעס פון ליטעראַטור. ס'איז איר ניט געווען אפן וועג מיט א גאַנצער ריי פּראָלעטאַרישע און רעוואָליוציאָנערע שרײַבער.

דעמזעלבן ווינטער 1927/26 ווערט אין קיעוו געשאַפן דורך די שרײַבער טיילווײַז פונעם געוועזענעם „ווידערוווקס" איינײַנעם מיט אייניקע נײַע שרײַבער, וואָס זײַנען ארײַן אין דער ליטעראַטור אין 1926־טן יאָר, די „אסאָציאַציע פון רעוואָליוציאָנערע ייִדישע שרײַבער אין אוקראַינע".

דער באַשטאַנד פון דער „אסאָציאַציע" איז געווען א פארשיידנארטיקער. באנאַנד מיט א גרופּע פּראָלעטאַרישע און רעוואָליוציאָנערע שרײַבער זײַנען אהין ארײַנגעגאַנגען אויך אזוינע שרײַבער, וואס האבן אין זייער דאמאָלסדיקן שאפן ניט געהאַט קיין שום געמיינזאַמס מיט רעוואָליוציאָנערער ליטעראַטור, ווי צ. ב. אי. קיפּניס.

זומער 1927 זײַנען אין „רויטער וועלט" נומ. 5־6 געווען „פּארעפנט־לעכט די דעקלאַראציעס פון דער „אסאָציאציע" און פון דער ליטעראַרישער אָרגאניזאַציע „בוי". מיר ברענגען דאָ די דעקלאַראציעס.

## דעקלאַראציע פון דער „אַסאָציאציע פון רעוואָליוציאָנערע ייִדישע שרײַבער אין אוקראַינע

די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט אינגאנצן איבערגעאַנדערשט דעם צוגאנג צו פּראַגעס פון קולטור ביכלאַל און ליטעראַטור ביפּראַט. ס'איז געוואָרן קלאָר, אז די ליטעראַטור איז איינס פון די מיטלען, מיט וועלכע יעדער קלאס קעמפט פאר זײַן עקזיסטענץ. אין אונדזער צײַט פון פאַר־שאַרפטע סאָציאלע שלאכטן, וועלכע ס'פירט דער פּראָלעטאַריאט פון דער גאנצער וועלט בעראָש מיטן ארבעטער־קלאס פון פ.ס.ר.ר. אונטערן אָנפיר פון אל.ק.פּ.(ב) און קאָמינטערן, איז די ליטעראַטור באַרופן צו אָרגאניזירן די עמאָציעס, דעם באַוווּסטזײַן און ווילן פון פּראָלעטאַריאַט אין פון די ארבעטנדיקע מאַסן ביכלאַל צוליבן ענדגילטיקן זיג איבערן קאפּיטאליזם.

די אסאָציאציע איז דורכגעדרונגען מיטן געדאַנק, אז איר קינסטלע־
רישע ארבעט דארף זײַן ענג פארבונדן מיט אָט דעם קאמף, און זי
שטעלט זיך אים צו דינסט.

די אסאָציאציע שטרעבט צו זײַן אַן אָרגאנישער טייל פון דער
אַלוועלטלעכער פראָלעטאַרישער ליטעראטור, באזונדערס פון דער פראָ־
לעטאַרישער ליטעראטור אין ראטנפארבאנד. זי גרענעצט זיך שאַרף אָפּ
פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס גייט אונטער דער בורזשואזער
אידעאָלאָגיע און פילט אויס די שליכעס פון דער בורזשואַזיע.

די אסאָציאציע וועט מיט אלע מיטלען, וואס געפינען זיך אין איר
רעשוס, קעמפן קעגן פרעמדע סאָציאלע ווירקונגען (נעפמאַנישע, באַלע־
גופישע), וואס רײַסן זיך ארײַן אין דער ליטעראַטור. דעם קאמף וועט
זי פירן האנט בא האנט מיט די פראָלעטארישע שרײַבער פון אלע נאַ־
ציעס אין אונדזער ראטנפארבאנד.

די אסאָציאציע אנערקענט, אז ס'מוזן אויסגעראָטן ווערן אלע רעשט־
לעך פון נאציאנאליסטישע נאָכווייעניש, וועלכע האבן נאך אן אָרט
צווישן די יידישע שרײַבער, און פירן נאָר צו אָפּגעזונדערטקײַט און
אָפּהענטיקײַט.

אין איר ארבעט שעפּט די אסאָציאציע איר פאטאָס אינעם קאמף
אין דער סאָציאליסטישער בויונגס־ארבעט פונעם פראָלעטאַריאט. איר
באַציונג צו דער ליטערארישער ירושע פון דוירעס איז אזא: זי לערנט
זיך בא די גרויסע קינסטלער פון דער פארגאנגענהײַט, זי נוצט אויס
אלע קינסטלערישע מיטלען און טעכנישע דערגרייכונגען פון די קלאסי־
קער (באזונדערס פון די, וואָס האבן אויסגעדריקט די רעוואָליוציאָנערע
שטרעבונגען פון זייער עפּאָכע). די אסאָציאציע וועט אבער פונדאָרט
נעמען נאָר דאָס, וואָס שטימט מיט די קלאסן־צילן פון דער פראָלעטאַ־
רישער ליטעראטור.

די אַסאָציאציע האלט, אז די יידישע ליטעראַטור איז ביז דער
אָקטיאַבער־רעוואָליוציע הויפּטזאַכלעך געווען דורכגעדרונגען מיט אַ קליינ־
בירגערלעכער אידעאָלאָגיע, זי זאָגט זיך דאָך ניט אָפּ אויסצונוצן אלע קינסט־
לערישע דערגרייכונגען פון דער פאַראָקטיאַבערישער יידישער ליטעראַטור

די אַסאָציאַציע שטרעבט צו שאַפן אזא אטמאָספער פון געמיינזאַמער
ארבעט, וועלכע זאל נישט דרוקן אפן שרײַבער, ניט צווינגען אים שיל־

דערן נאָר דאָס פּאָזיטיווע פון אונדזערווירקלעכקייט, אָבער זי וועט מיט אַלע אירע מיטלען באַקעמפן יעדן פּרוּוו אוועקצוגיין פון דער ווירקלעכקייט, זיך שטעלן אויפן גליטשיקן וועג פון יערידע־שטימונגען, זיך פאַרגראָבן אינעם אייגענעם „איך“, אָדער דערבּרענגען די גאַנצע טועכץ פון ליטעראַטור צו ריין־פאָרמעלע אופגאבעס און אָפּקומען מיט איבערפלעכלעכע, ריין־אויסערלעכע אופטועכצן.

די אסאָציאַציע ווארפט אָפּ דעם פאַלשן לאָזונג פון „פרייַער קונסט“, זי געפינט פאר נויטיק אָרגאניש צונויפבינדן די פאָדערונגען פון אונדזער רעוואָליוציאָנערער ווירקלעכקייַט מיט די אינדיווידועלע שעפערישע נויגונגען פון יעדן שרייַבער.

די אסאָציאציע אנערקענט, אז דער איינציק־ריכטיקער וועג פון ליטעראַטור איז די רעאליסטישע שילדערונג פון לעבן.

די אסאָציאציע גיט צו זייער א גרויסן באַדייַט דער קוואַליטעט אין דער קינסטלערישער פּראָדוקציע. דער שרייַבער דארף ארבעטן איבער זיך זעלבסט, איבער דער אויס־אָרמירונג פון זייַן וועלטאָנשויונג און פארפולקומען זיך קינסטלעריש. ס'מוז אנטשיידן באַקעמפט ווערן די רעוואָלוציאָנערע פראַזע, וועלכע פאַרדעקט אָפטמאָל די קינסטלערישע אָנמעכטיקייַט.

די אסאָציאציע עקזיסטירט דערווייַל ווי א באזונדערע ייִדישע אָרגאניזאַציע פון רעוואָלוציאָנערע שרייַבער. זי שטרעבט אָבער באַ דער ערשטער מעגלעכקייַט זיך אָנשליסן אין א געהעריקער לאַנד־אָרגאניזאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרייַבער און אין ענגער פאַרבינדונג מיט איר פירן די ארבעט.

די אסאָציאציע רופט אלע רעוואָליוציאָנערע ייִדישע שרייַבער, אלע די, וואס זיינען גרייט אָפּצוגעבן זייער קויעך און מויעך דעם גרויסן קאַמף פון ארבעטער־קלאַס, זיך פאַרייניקן צו דער גרויסער פאַרשיידנאַרטיקער אופבוי־ארבעט פון אונדזער ראַטנפאַרבאנד אפן וועג צום סאָציאליזם, אריַינדרינגען אינעם פּראָצעס פון דער ארבעט, וואָס ענדערט דאָס סאָציאלע געוועב פון ייִדישן פאָלק און בויט איבער די ייִדישע סהיווע אף פּראָדוקטיווע יעסוידעס אין ענגער מיטארבעטשאַפט מיט אלע ארבעטנדיקע פון אונדזער סאָציאליסטישן פארבאנד.

1) ד. האָפשטיין, 2) אי. פעפער, 3) י. קיפניס, 4) א. אבטשוק, 5) מ. אראָנסקי, 6) א. פיאַטיגאָרסקאיא, 7) ד. כאָראָל, 8) מ. שאַפּיראָ, 9) א. וועלעדניצקי, 10) ד. ליבקעס, 11) מ. כענקינע, 12) א. שקאַראָווסקי, 13) מ. ליסאַק, 14) אווראָם קאַהאַן, 15) פ. שאַמעס.

## דעקלאַראַציע פון דער ליטעראַרישער פאַרייניקונג „בוי"

1) די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט איבערגעשטעלט אַף נײַע יעסוידעס דעם גאַנצן גאַנג פון דערווירטשאַפטלעכער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון אונדזער לאַנד, און, פירנדיק די בויונג־אַרבעט אַפן וועג צום סאָציאַליזם, האָט זי געשאַפן א באָדן פאַרן אופקום פון א נײַעם קולטור־שטייגער, פאַר דער אויספאָרמירונג פון דעם נײַעם מענטשן און קאָלעקטיוו.

2) אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין ראַטנפאַרבאַנד האָט די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אַרײַנגעבראַכט א גרויסע איבערקערעניש. אפן כעושבן פונעם אונטערגייענדיקן פאַ־מיטלער וואַקסן אויס און פאַרברייטערן זיך ביסלעכווײַז די פּראָדוקטיווע פּראָלעטאַרישע און פויערישע שיכטן, פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין ווערן דער הויפּט־מאָטיוו פון פאָלק. די ייִדישע שפּראַך, וואָס איז ביז אָקט־אַבער געווען גערוידעפּט און ויעכטלאָזיק, איז צוזאַמען מיט די שפּראַכן פון אַלע נאַצמינדן געוואָרן די שפּראַך פון שול און מעלוכע־אַנשטאַלטן, די שפּראַך פון הערשנדיקן פּראָלעטאַריאַט אין זײַן רעוואָליוציאָנערן קאַמף. דאָס אױך שטעלט די ייִדישע ליטעראַטור אויג אַף אויג מיט אופגאַבעס פון אַזאַ היסטאָרישן גאַנג און פאַרנעם, וואָס זײַנען אונדזער ביזאַהעריקער ליטעראַטור ניט געווען באַוווּסט.

3) פאַר דער ליטעראַטור שטייט איצט א היסטאָרישע אופגאַבע: קינסטלעריש צו באַזייִקן און פאַרקערפּערן אין וואָרט און געשטאַלט די גרויסע קלאַסן־שלאַכטן פון פּראָלעטאַריאַט, די איבערבוי־פּראָצעסן, וואָס גייען אין דער טיף פון הײַנטיקערווירקלעכקײַט אין ראַטנפאַרבאַנד, דעם קאַמף פון נײַעם קאָלעקטיוו פאַר העכערע לעבנס־פאָרמען.

4) אונדזער ליטעראַטור מוז זיך גלײַך היטן סײַ פאַר באַגרענעצטער שטייגערישקײַט, צעבּרעקלטקײַט, סײַ פאַר איבערגעשפּיצטער יעכידיש־

קייט. אינערלעך פארבונדן מיטן קעמפנדיקן קאָלעקטיוו, מוז זי דורכויס זײַן באַגײַסטערט מיט דער אָנפּירנדיקער אידייע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, מוז זי ווערן דער סומירנדיקער, סינטעטישער אויסדרוק פון די גרויסע קולטור־דערגרייכונגען פון אונדזער צײַט.

5) מיר זאָגן ארויס אונדזער איבערצײַגונג, אז די עוואָליוציע פון ליטעראַרישער פאָרם מוז איצט פירן צו לויטערקײַט און פּאַשטעס, אזוי, אז די ליטעראַטור, ניט געמינערט אין איר ווערט, זאָל קענען ווערן אַ פּארמעגן פון גרויסע פּאָלקסמאַסן.

6) צוליב דעם אלעמען מוז דער שרײַבער פריער פאר אלץ ארבעטן איבער זיך, איבער זיין אייגענער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער און קינסטלערישער קולטור, איבער זיינע ספּעציעלע קענטעענישן און פּאַך־מײַסטערשאַפט, ער זאָל שטיין אף דער הייך פון דער עפּאָכע און די אופגאבעס, וואָס שטייען פאר דער ליטעראַטור.

7) באַגײַסטערט מיטן באַוווסטזײַן פון די נײַע אופגאַבעס, וואָס שטייען פאר דער ליטעראַטור, רײַסן מיר פונדעסטוועגן ניט אײַן מיט דעם בעסטן און שענסטן, וואָס אין דער וועלט־ליטעראַטור און אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור. די גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונגען פון דער פארגאנגענהײַט באַטראַכטן מיר ווי אַן אוצער פון דויערנדיקע ווערטן, וואָס קאָן נאָך אונדז לאַנג לערנען און באַרײַכערן.

8) אײַנגעוואַקסענע אין דעם סאָציאלן קאַמף פון אונדזער צײַט, געדענקן מיר, אז קיין שום נייטראַלע באַציונג צו דער רעוואָליוציע איז ניט מעגלעך; אז דער שרייבער, וואָס שטעלט זיך אף דעם וועג, מאַסקירט דערמיט זיין פּרינציפּלאָזיקײַט און מוז באַ דער ערשטער ערנסטער שוועריקײַט ווערן קעגנעריש און קאָנטער־רעוואָליוציאָנער. מיר ווייסן אָבער צו שעצן יעדע אופריכטיקע אָנשטרענגונגען פון אלע די, וואָס זוכן שעפעריש זיך צו פארבינדן מיט דער רעוואָליוציע, באהעפטן זיך מיט איר דורך זייערע ווערק.

9) די יונגע אופקומענדיקע טאלאנטן נויטיקן זיך באזונדער שטאַרק אין א קוואַליפיצירטער געזעלשאפטלעך־ליטעראַרישער סוויווע, וואס זאָל מיט אופמערקזאַמקײַט און אכראַיס־געפיל זיך באציען צו זייערע ערשטע פּרוּוון, צו זייערע ערשטע ניט זיכערע טריט. פאריייניקנדיק זיך צוליב געמיינזאַמער ארבעט און קעגנזײַטיקער כאווערישער קריטיק, שטעלן

מיר פאר זיך גלײַכצײַטיק די אופגאבע צוצוציען צו זיך אלע נײַע שעפערישע קויכעס, וואס טראָגן מיט זיך קינסטלערישע פרישקײַט און רעוואָליוציאָנער־בויערישן ווילן.

10) אַ שרײַבער, וואָס קומט ניט מיט עפּעס אייגנס, מיט אייגנאַרטיקן אופטו און גאנג, מיט נײַער דערפאַרונג, מיט נײַעם ניואנס פון געדאנק און געפיל, איז אן איבעריקער מענטש אין דער ליטעראַטור. היינט מער ווי אלע מאָל מוז געפירט ווערן א קאמף קעגן ליטעראַרישן פאראזיטיזם, קעגן פארביליקערן און גרינג מאַכן די פּראָצעסן פון דער ווירקלעכקײַט, קעגן טאלאנטלאָזיקײַט און אידייִשער אָרעמקײַט, וואָס פּרוווט זיך אָפּטמאָל אפישירן מיט לינקער פראַזע.

11) אין העסקעם מיט די אופגאבעס, וואָס שטייען פאר דער ליטעראטור, מוז לויט אונדזער איבערצײַגונג, זיך אויסבילדן אויך די געזעלשאַפטלעכע שטעלונג צו דער שרײַבערישער פערזענלעכקײַט. דעם קינסטלערס וווקס און אנטוויקלונג מוז פארשטאַנען ווערן, ווי אן אָרגאנישער פּראָצעס. מע טאָר ניט שאפן ארום דעם קינסטלער אזא אטמאָספער, וואָס זאָל אים שטויסן זיך צו מאַסקירן מיט אנטליענע פאָרמולירונגען. מע דארף געדענקען, אז דער קינסטלער, וואס רײַסט זיך אָפּ פון זײַן דערפארונג, פון זײַן אינערלעכן אכראַיעס־געפיל—מוז ווערן דעמאָראליזירט.

12) מיר קאָנסטאטירן, אז אונדזער נײַע ייִדישע ליטעראַטור אין ראטנפארבאנד האט אינאלגעמיין ריכטיק פאַרשטאַנען איר וועג און האָט שוין באַוויזן צו שאפן א ריי שיינע ווערק, אז אונדזער ייִדישע ליטעראטור דאָ הי לעבט היינט איבער א פעריאָד פון אופגאנג און וווקס, און ווערט שוין א וויכטיקער פאקטער אין אונדזער קולטור־לעבן, אז איר רעוואָליוציאָניזירנדיקע ווירקונג פארשפרייט זיך ווײַט איבער די גרענעצן פון ראטנפארבאנד, שטאַרקט זיך און וואקסט אינײנעם מיט דער פארשפרייטונג פון קאָמוניסטישן געדאנק צווישן די ייִדישע ארבעטנדיקע מאסן אין אנדערע לענדער.

13) מיר זײַנען זיכער, אז אלע ייִדישע שרײַבער און גרופּירונגען, וואס שטייען אפן באַזיס פון דער רעזאָליוציע פון אל.ק.פּ.(ב) וועגן ליטעראטור, קאָנען און דאַרפן שאַפן איין אלגעמיינע פעדעראטיווע אַסאָציאַציע, און מיר זאָגן ארויס אונדזער גרייטקײַט אָנטייל צו נעמען אין

אזא אַסאָציאַציע און העלפן זי צו בויען. מיר האלטן אויך פאַר נויטיק אַרײַנצוטרעטן אין אָפטערע כאַווערישע באַציונגען מיט די רעוואָליוציאָנערע גרופּירונגען פון אנדער־שפּראַכיקע ליטעראַטורן אין אונדזער ראַטנפאַרבאַנד.

14) מיר קאָנסטאַטירן, אַז אונדזערע פאַרבינדונגען מיט די אוקראַיִנישע ליטעראַרישע קרײַזן זײַנען ביז אַהער געווען שוואַך. אזא אָפּגעזונדערטקײַט צווישן רעוואָליוציאָנערע שרײַבער, וואָס אַרבעטן אין איין לאַנד פאַר איין ציל, האַלטן מיר פאַר ניט נאָרמאַל. מיר מוזן מאַכן די גערעריקע שריט צו שאַפן אַן ענגן לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט די רעוואָליוציאָנערע אוקראַיִנישע ליטעראַרישע קאָלעקטיוון, וואָס גייען מיט אונדז אין איין וועג.

15) מיר האַלטן פאַר נויטיק צו באַטאָנען, אַז די פראַגע וועגן דער מאַטעריעלער לאַגע פון די שרײַבער מוז איצט געשטעלט ווערן אין צענטער פון געזעלשאַפטלעכער אויפמערקזאַמקײַט. דורך פאַרבעסערן די האָנאָראַר־באַדינגונגען, דורך גרינדן אַ ליט־פאָנד און ד. גל. מוז דער שרײַבער באַזאָרגט ווערן אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען אינגאַנצן זיך איבערגעבן זײַן אַכראַיעספולער קינסטלערישע אַרבעט. דורך אַ רײ קאָמאַנדירונגען און עקסקורסיעס, — אײַנגעאָרדנט פון אונדזערע מעלוכע־אָרגאַנען, געזעלשאַפטן און צײַט־שריפטן מוז פאַרן שרײַבער געשאַפן ווערן די מעגלעכקײַט זיך צו באַקענען מיט פאַבריק־צענטערס און בוי־פּלעצער, מיט שטעטל און דאָרף, מיט פּראָווינצן און געגנטן פון אונדזער ברייטן ראַטנפאַרבאַנד און אויך מיט פרעמדע לענדער און פעלקער, און, אַזוי אַרום, פאַרברייטערן דעם שעטעך און האָריזאָנט פון זײַן דערפאַרונג.

16) די קולטור־אַרבעט פון די ליטעראַרישע גרופּירונגען אין באַזונדערע ייִדישע שרײַבער אין אוקראַיִנע צווישן דער אַרבעטער־מאַסע אין קלוב און אויף דער פאַבריק, האָט קעסיידער פאַרנומען אַן אַנגעזעען אָרט אין דער אַלגעמיינער פּאָליט־אויפקלערערישער אַרבעט פון אונדזערע מעלוכע־אָרגאַנען און פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס. מיר האַלטן די דאָזיקע אַרבעט אויך אויף ווײַטער פאַר איינע פון אונדזערע וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבעס.

באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דאַרף אָפּגעגעבן ווערן אויף פּאָפּולאַרי־זירן די נײַע ייִדישע ליטעראַטור צווישן דער אונטערוואַקסנדיקער אַרבעטער־יוגנט.

איניציאַטיוו־גרופּע: 1) נ. אויסלענדער, 2) ד. וואָלקנשטיין, 3) נ. לוריע, 4) ע. פֿינינבערג, 5) ד. פעלדמאַן, 6) ל. רעזניק.

די ביידע דעקלאַראַציעס זײַנען באַגלייט געוואָרן מיט כ' מ. לעוויטאַנס אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „אפן וועג צו אידעאָלאָגישער אויסגעהאַלטנקייט", וווּ דער כ' לעוויטאַן האָט געגעבן אַן אָפּשאַצונג די צוויי נײַ־געשאַפענע ליטעראַרישע אָרגאַניזאַציעס. דער כ' לעוויטאַן האָט וועגן די צוויי ליטעראַרישע גרופּירונגען געשריבן:

„אינעם הײַנטיקן נומער פון אונדזער זשורנאַל זײַנען אָפּגעדרוקט די דעקלאַראַציעס פון די צוויי ליטעראַרישע פאַראייניקונגען „בוי" און „אַסאָציאַציע" (אַזוי וועלן מיר אין אונדזער אַרטיקל פון קורצקייט וועגן רופן די „אַסאָציאַציע פון רעוואָלוציאָנערע ייִדישע שרײַבער"), וואָס זײַנען ניט לאַנג צוריק ביידע קימאַט אין איין צײַט געבוירן געוואָרן צווישן די ייִדישע שרייבער אין אוקראַיִנע.

די גרינדונג פון דידאָזיקע ליטעראַרישע פאַראייניקונגען איז, אָן שום ספק, אַ וויכטיק געשעעניש פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור אין אוקראַיִנע. מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אין ביידע פאַראייניקונגען האָט זיך אָנגעשלאָסן די גרעסטע מערהײַט פון די ייִדישע שרייבער, וועלכע באַשטימען פּאַקטיש (אויב ניט אַלע, איז דאָסראָוו) אין דער גרעסטער מאָס די פיזיאָגנאָמיע פון דער איצטיקער אוקראַיִנישער ייִדישער ליטעראַטור, וואָרום אויסער ביידע פאַראייניקונגען איז פאַרבליבן נאָר דאָס ליטעראַרישע יונגוואַרג, וואָס גרופּירט זיך אַרום דער צײַטונג „יונגע גוואַרדיע", און פון די מער רײַפע שרײַבער—בלויז געציילטע פּערזאָנען.

אויף וויפל די קינסטלערישע ליטעראַטור פאַרנעמט און דאַרף פאַרנעמען בײַ הײַנטיקן טאָג אַן אָנגעזעען אָרט אין דער קולטור־בויונג פון אונדזער לאַנד בכלל און אין דער ייִדישער סוויווע בפרט, און זי קאָן האָבן אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג (סײַ אין פּאָזיטיוון זינען און סײַ אין נעגאַטיוון) אויף די אַרבעטנדיקע מאַסן, איז קלאָר, אַז די פּראָלעטאַרישע

ון פּאַוטייטשע געזעלשאַפטלעכקייט קאָן ניט פאַרבייגיין און ניט אָפּשטעלן איר אופמערקזאַמקייט אף אַט דער וויכטיקער געשעעניש פאר דער יידישער ליטעראַטור.

יעדערע פון די צוויי געשאַפענע פאריינינקונגען שטעלט דאָך פאר זיך די אופגאבע צו באַיינפליסן אין א באשטימטער ריכטונג דאָס וויַיטערדיקע שאפן פון יעדן איינציקן מיטגליד אירן, און ניט בלויז מיטגליד (יעדערע פרעטענדירט צו דערציען אין איר גייסט אויך דאָס ליטעראַרישע יונגוואַרג, די „יונגע אופקומענדיקע טאַלאַנטן",—ווי דאָס יונגוואַרג ווערט אָנגערופן אין דער דעקלאַראַציע פון „בוי") און מעמיילע צו זיין די טאָנגעבערן אין דער יידישער ליטעראַטור און, אַזוי־אַרום, אויך צו ווירקן אף איר וויַיטערדיקער אנטוויקלונג.

וואָס זשע שטעלן מיט זיך פאָר דידאָזיקע צוויי פאַריינינקונגען?

„בוי". באַם איצטיקן מאָמענט, ווען די נייַע אופגעקומענע בורזשואַזיע און די באלעגופים רייַסן זיך מיט אלע קויכעס צו באַיינפליסן די קינסטלערישע ליטעראטור אין זייער קלאסנגייַסט, קאָן מען זיך ניט באַגענוגענען בלויז מיט פראָקלאַמירן, אַז מע שטייט אפן שטאַנדפּונקט פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע. יעדע ליטעראַרישע גרופע מוז זיך, כוץ דעם, שאַרף אָפּצאָמען פון די ווירקונגען אף דער ליטעראַטור, וואָס גייען מיצאַד די עקספּלואַטאַטערישע עלעמענטן, און פירן דעם פאַרביסנסטן קאַמף קעגן יעטווידן פּרווו פון דעם מין. א יידישע ליטעראַרישע גרופּע מוז זיך אויך באַזונדערס שאַרף אָפגרענעצן פון דער יידישער אויסלענדישער ליטעראַטור, וואָס גייט אונטער דער פאָן פון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע און פילט אויס דאָס שעליכעס פון דער בורזשואַזיע. צום באַדויערן, פאַרנעמט דאָך אַט די ליטעראַטור אין אלוועלטלעכן מאסשטאַב בעקאַמעס דאָס ערשטע אָרט, און פאַרשוויַיגן די באַציִונג צו איר איז העכסט שעדלעך. אין דער דעקלאַראַציע פון „בוי" ווערט אָבער וועגן דעם ניט דערמאָנט. מעגלעך, אז דאָס איז צופעליק. אַלנפאַלס, מיינען מיר, אז „בוי" וואָלט באַדאַרפט געבן די געהעריקע דערקלערונג, קעדיי מע זאָל ניט קאָנען אַריַינלייגן אין זייַן דעקלאַראַציע קייַן יידישיסטישע קאַוואָנעס.

די דעקלאַראַציע פון „בוי" רעדט אויך גאָרניט וועגן איר באַציִונג צו די רעשטלעך פון די נאַציאָנאַליסטישע נאָכווייענישן, וועלכע האָבן

נאָך ביז איצט אַן אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור און האָבן געפֿונען זייער אויסדרוק גאָרניט לאַנג צוריק אין א גאַנצער ריי ווערק. און דאָס איז אויך א באַדײַטנדיקער פֿעלער. ס׳קאָן ניט זײַן קיין ריכטיקער צוגאַנג צום ווײַטערדיקן שאַפֿן, ווען ס׳פֿעלט די קריטישע באַציונג צו דער אייגענער פֿאַרגאַנגענהײַט. אין דער דעקלאַראַציע פֿון „בוי״ (פּונקט 12) ווערט געזאָגט דאָפּקע פֿיל שוואָכים וועגן דער ייִדישער נאָכאָקטיאַבער־רישער ליטעראַטור, ס׳ווערט אָבער גאָרנישט ניט געזאָגט וועגן די פֿאַר־שיידענע אַראָפּגליטשונגען און פֿאַרקרימטע נאַציאָנאַליסטישע וועגן, וואָס האָבן פֿאָרט געהאַט אַן אָרט.

ס׳ווערט אויך ניט געגעבן קיין קלאַסן־אַנאַליז פֿון דער פֿאַראָקטיאַבער־רישער ייִדישער ליטעראַטור, און אָן אַזאַ אָפּשאַצונג קאָן „דאָס בעסטע און שענסטע״, וואָס איז פֿאַראַן אין דער עלטערער ייִדישער ליטעראַ־טור, און וואָס די דעקלאַראַציע פֿון „בוי״ באַטראַכט עס אַלס אויצער פֿון דויערנדיקע ווערטן, פֿאַרפֿירן אַזש אין די אָרעמס פֿון דער קליינ־בירגערלעכער אידעאָלאָגיע. מע דאַרף געדענקען, אַז צו דער ליטעראַטור פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײַט דאַרף מען שטענדיק צוגיין מיטן אויסגעשלי־פֿענעם געווער פֿון מאַרקסיזם, אַניט קאָן מען אַרײַנפֿאַלן אין קלעם פֿון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע,—אין דער דעקלאַראַציע פֿון „בוי״ ווערט וועגן דעם גאָרנישט ניט געזאָגט.

ווידער איז אין דער דעקלאַראַציע פֿון „בוי״ גאָרנישט ניט געזאָגט וועגן דער באַציונג צו יערידע־שטימונגען אין דער ליטעראַטור, וואָס די רעזאָלוציע פֿון צ.ק.ק.פּ.(ב)או. באַטראַכט אַלס די בריקן, אַף וועלכע עס רײַסן זיך אַרײַן אין אונדזער ליטעראַטור פֿרעמדע ווירקונגען פֿון די פֿײַנטלעכע קלאַסן־גרופּירונגען.

נאָך מער, די דעקלאַראַציע פֿון „בוי״ פּרוּווט זיך אַפֿילע, עמעס, פֿאַרשטעלטערהייט, צו פּאָלעמיזירן מיט די, וועלכע האַלטן יערידע־שטי־מונגען פֿאַר אַן אויסדרוק פֿון א פֿײַנטלעכער צו דער פּאַרטיי אידעאָלאָ־גיע. אינדערעמעסן, וואָס זײַנען דען אויסן די אוטערן פֿון דער דעקלאַ־ראַציע מיט די ווערטער (פּונקט 11) „מע טאָר נישט שאַפֿן אַרום דעם קינסטלער אַזאַ אַטמאָספֿער, וואָס זאָל אים שטויסן זיך צו מאַסקירן מיט אַנטליענע פֿאָרמולירונגען״, אָדער מיטן זאָץ „מע דאַרף געדענקען, אַז דער קינסטלער, וואָס רײַסט זיך אָפּ פֿון זײַן דערפֿאַרונג, פֿון זײַן אינער־

לעכן אכראַיעס־געפּיל, איז דעמאָראַליזירט", אויב ניט אזוי אָדער אנדערש באַרעכטיקן אַלץ, וואס עס קומט ארויס פון דעם שרייבערס פּען און פאַרטיידיקן עס פון אַלערליי אָנפאַלן? געוויס, דאַרף יעדער שרייבער שרייבן אויפריכטיק. דער שרייַבער קאָן זיך ניט אָוועקזעצן און שרייַבן אין א מונטערן טאָן און באַשרייבן די וועלט און דאָס לעבן אין ראָזע פאַרבן, ווען „דער הימל לייגט זיך בא אים אױף דער ערד", ווען ער איז דורכגעדרונגען מיטן שוואַרצסטן פּעסימיזם. אָבער דערין באַשטייט דאָך טאַקע די אויפגאַבע פון דער שרייַבערישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע וויל זײַן אַן אָרגאַנישער טייל פון דער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפטלעכקייַט, אַז זי דאַרף באַקעמפן אָט די יערידע־שטימונגען בא יעדן מיטגליד אירן דורך ברייטער מאַכן זיין האָריזאָנט, דורך מיטהעלפן אים צוביינדן זיין אויפמערקזאַמקייַט צו די פּאָזיטיווע מאָמענטן פון אונדזערווירקלעכקייַט.

דער קאַמף קעגן יערידע־שטימונגען באַדײַט בעשום אויפן ניט, אַז מע דאַרף פאַרביליקן און גרינג מאַכן די פּראָצעסן פון דער ווירקלעכקייַט, אָדער אַז דער שרייַבער מוז שילדערן בלויז דאָס פּאָזיטיווע אין אונדזער לעבן. דער שרייַבער דאַרף גיבן אין זייַנע ווערק אַן אָפּשפּיגלונג אויך פון דעם נעגאַטיוון. ער טאָר קיין זאַך ניט פאַרשווייַגן. די פראַגע באַשטייט נאָר אין דעם צוגאַנג. ער דאַרף אונדז ניט געבן די פינצטערע זייַטן פון אונדזער ווירקלעכקייַט, ווי עפּעס אזוינס, וואס איז אייביק. דער שרייַבער, פאַרקערט, דאַרף אויפדעקן די וואָרצלען פון דעם נעגאַטיוון. ער דאַרף דאָס באַטראַכטן ווי עפּעס אזוינס, וואס מוז באַקעמפט ווערן, און ניט ווי עפּעס אזוינס, פאַרוואָס מע מוז בויגן דעם קאָפּ. ער דאַרף גיבן דאָס נעגאַטיווע נאָר אפן פּאָן פון דער גרויסער שעפערישער אַרבעט, וואָס עס ווערט געפירט אינעם ראַטנפאַרבאַנד, און ניט ווי עפּעס אזוינס, וואָס איז אָפּגעריסן פונעם גאַנצן לעבנס־קאָמפּלעקס.

ווייַטער איז אין דער דעקלאַראַציע צו לעבלעך אויסגעדריקט די שטרעבונג צו אינטערנאַציאָנאַלער פאַראייניקונג צווישן די שרייַבער. אפן צענטן יאָר פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור קאָן מען זיך ניט באַגענוגענען בלויז מיט אזא פאָרמולירונג, ווי „אַרייַנטרעטן אין כאַווערישע באַציונגען מיט די רעוואָלוציאָנערע גרופּירונגען פון אנדערשפּראַכיקע ליטעראַטורן אין אונדזער ראַטנפאַרבאַנד". ס'איז דאָך קלאָר, אז אָן א

פּעסטער פאַרייניקונג פון די רעוואָלוציאָנערע שרײַבער אין אינטערנאַ־ציאָנאַלן מאַסשטאַב קאָן ניט געפירט ווערן מיט דערפאָלג דער קאַמף קעגן דעם בורזשואַזן אָנגריף אף דער ליטעראַטור און קעגן דעם נאַצי־אָנאַליזם, אַלס איינעם פון זײַנע דערשײַנונג־פאָרמען. די ליטעראַרישע גרופּע, בײַ וועלכער אָט דער קאַמף פאַרנעמט אַן אָנגעזען אָרט, מוז אום־באַדינגט שטרעבן צו פאַרייניקן זיך אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, ווײַל נאָר מיט אַ ברייטן אינטערנאַציאָנאַלן פראָנט קאָן מען בײַקומען די בורזשואַזע אידעאָלאָגיע אין דער ליטעראַטור.

ס'איז קלאָר, אַז דער פּונקט 1, ווו וועגן פאַרבינדונגען מיט די אוקראַיִנישע ליטעראַרישע קרײַזן רעדט זיך מיט אַזוינע ווערטער, ווי „אַרײַנטרעטן אין אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט", קאָן אין דעם פּראַקט קיינעם ניט באַפרידיקן.

ווײַטער. אין דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור קומט פאָר די לעצטע צײַט אַ העפטיקער אידעאָלאָגישער קאַמף צווישן פאַרשיידענע ליטעראַ־רישע גרופּירונגען. אַ ייִדישע ליטעראַרישע אָרגאַניזאַציע מוז האָבן אַ באַשטימטע שטעלונג צו אָט דעם קאַמף, זי קאָן ניט זײַן נייטראַל. זי דאַרף זאָגן קלאָר, מיט וועמען גייט זי. די דעקלאַראַציע פון „בוי" רעדט אָבער וועגן דעם מיט אַ מין זויהער־לאָשן: ס'בלײַבט אַבסאָלוט ניט קלאָר, מיט וועלכער גרופּירונג זיי קלײַבן זיך גיין האַנט בײַ האַנט.

וואָס אָנבאַלאַנגט דער דעקלאַראַציע פון דער „אַסאָציאַציע", זײַנען אָט די אַלע מאָמענטן, וואָס זײַנען פאַרשוויגן אין „בוי", דאַפּקע קלאָר און דײַטלעך פאָרמולירט. פון דער זײַט קאָן די דעקלאַראַציע ניט אַרויס־רופן קיין שום טײַנעס צו זיך.

אף איין מאָמענט אין דער דעקלאַראַציע פון דער „אַסאָציאַציע" דאַרפן מיר זיך דאָך אָפּשטעלן. די „אַסאָציאַציע" שטייט, לויט די פּרינ־ציפּן, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט אין דער דעקלאַראַציע, נאָענט צו „וואַפּפּ". דערפון שטאַמט לאָגיש, אַז זי דאַרף מאַכן דעם ווײַטערדיקן שריט און זיך אַרײַנגיסן אין „וואַפּפּ". אף דעם טריט וואַגט נאָך דערווײַל ניט די „אַסאָציאַציע". די „אַסאָציאַציע" שטעלט פאָר מיט זיך, אַזויאַרום, אַ מין ליטעראַרישן „קאָמבונד". און דאָ וועט זײַן איינס פון די ביידע: אָדער די אַסאָ־ציאַציע וועט פאַרבלײַבן בײַ איר אָרגאַניזאַציאָנעלער זעלבשטענדיקייט, דאַן וועט איר זײַן שווער גויווער צו זיין דעם נאַציאָנאַליזם, וואָס שפּאַרט

באַ הײַנטיקן טאָג פון אַלע לעכער אין דער יידישער סוויווע, אָדער, אויב זי וועט וועלן בלײַבן פעסט אף די רעוואָליוציאָנערע פאָזיציעס, וואָס זײַנען אויסגעדריקט אין דער דעקלאַראַציע, וועט זי מוזן גיין אף דעם וועג, אף וועלכן ס'האָט געמוזט גיין די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג, ד. ה., זי וועט מוזן ווערן אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע פון שרײַבער. קורץ גערעדט, זי וועט מוזן אַרײַנגיין אין „וואָספּפּ". און וואָס פריער זי וועט דאָס דורכמאַכן, אַלץ געזונטער וועט זײַן פאַר איר און מעמיילע אויך פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור. מעגלעך, אַז ניט אַלע מיטגלידער פון דער „אַסאָציאַציע" וועלן האָבן דעם מוט אַזוי ווײַט צו גיין. דאָס דאַרף אָבער ניט אָפּשרעקן די, וואָס זײַנען שוין דערוואַקסן צו דעם".

ווי עס ווײַזט ריכטיק אָן דער כ' לעוויטאַן, איז די „אַסאָציאַציע" געשטאַנען אַפן וועג צו ווערן אַ סעקציע בײַ דער אוקראַאינישער אַסאָציאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער, אַלס אַזאַ האָט זי זיך טאַקע באַטראַכט פונעם אָנהייב פון איר אַנטשטיין.

אַ גענויע כאַראַקטעריסטיק פון דער אידייִשער אײַנשטעלונג און ליטעראַריש-קינסטלערישער פּראַקטיק פון דער „בוי"-גרופּע וועלן מיר געבן ווײַטער (אינעם קאַפּיטל וועגן דער יידישער ליטעראַטור-באַוועגונג אין אוקראַאינע אינעם פּעריאָד 1930—1928). אָבער שוין איצט איז נייטיק אונטערצושטרײַכן, אַז די נאָרוואָס געשאַפענע ליטעראַרישע גרופּירונג „בוי", וועלכע האָט געטראָגן אַן אַלוקראַאינישן און אַפילע אַן אַלפאַרבאַנדישן כאַראַקטער (איינער פון אירע לידערס איז געווען דער כ' ד. פעלדמאַן. איר „פאָרשטייערשאַפט" אין מאָסקווע איז געווען דער כ' נוסינאָוו), איז געווען אַן אויסדרוק פון אַנטיפּאַרטייִשע טראָצקיסטישע און נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען, מיט וועלכע עס האָבן זיך אין יענעם פּעריאָד אַרומגעטראָגן געוויסע טיילן קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ. וועגן דעם האָט אין זײַן מעלדונג (אַפּרעל 1931) אין דער יידסעקציע „וואָספּפּ" געשריבן דער כ' ד. פעלדמאַן:

„אין 1927-טן יאָר איז לויט מײַן איניציאַטיוו געשאַפן געוואָרן די ליטעראַרישע פאַרייניקונג „בוי". איך בין דעמאָלט געווען אַ טראָצקיסט,

און עס איז אויך געווען אין די אינטערעסן פון די טראָצקיסטן צו שאַפן אין אוקראַיִנע א „נאַציאָנאַל־קולטורעלע” אומצופרידנקײַט קעגן דער ריכטיקער לענינישער ליניע אין דער נאַציאָנאַלער פראגע, וואס האָט דעמאָלט, פונקט ווי איצטער, דורכגעפירט די ק.פּ.(ב)או. עס איז געווען אין די אינטערעסן צו שאַפן אן אָרגאניזאַציע פון יִדישע שרײַבער, וואָס זאָל זיין ענג פארבונדן מיט דער אוקראַיִנישער שרײַבער־אָרגאניזאציע „וואפליטע”, וועלכע איז פארורטיילט געווען (שפעטער) פון דער פּאַרטיי, אלס נאציאָנאליסטישע.

כאָטש דידאָזיקע אנטיפארטייִשע ליניע מײַנע (טראָצקיזם פּליוס נאַציאָנאַל־אָפּנויגלערישקײַט) איז אָפיציעל ניט געווען קײַן באַשטאַנדטייל פון דער פּלאַטפאָרם פון „בוי”, קאן אבער די כאַראַקטעריסטיק פון „בוי” זיין נאָר איינע:

די ליטעראַרישע פארייניקונג „בוי” איז אָביעקטיוו געווען אן אנטי־פּראָלעטאַרישע, נאַציאָנאַל־אָפּנויגלערישע אָרגאניזאַציע אין געביט פון דער יִדישער ליטעראטור,—אן אָרגאניזאציע, וואס האָט אויסגעדריקט אף איר ספּעציפישן אויפן די אומצופרידנקײַט פון דער יִדישער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ מיט דער ריכטיקער ליניע, וואָס די ק.פּ.(ב)או. האָט געפירט אפן געביט פון דער נאציאָנאל קולטורעלער בויונג אין דער יִדישער סוויוועס”. („פּראָליט” № 4–5. 1931. ז. 120).

א צווייטער אָנגעזעענער מיטגליד פון דער „בוי”־גרופּע, מ. ווינער, האָט וועגן דער גרופּע אין זײַן בריוו אין רעדאקציע „פּראָלעטאַרישע פאָן” (קיעוו) פארן 24 פעווראַל 1932 געשריבן פאָלגנדיקס:

„די ליטאָרגאניזאַציע „בוי” האט אויסגעדריקט רעכט אָפּארטוניסטישע, קליינבירגערלעכע אידעאָלאָגיע סײַ אין איר ליטעראַרישער דעקלאראציע, סײַ אינעם ווײַט־גרעסטן טייל ביכער פון אירע מיטגלידער (פעלדמאַן, ווינער, לוריע, פינינבערג, אויסלענדער), אין באַשטימטע קאנצעפּציעס אירע, לעמאָשל, אין איר קעגנערשאַפט צו דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, זיינען געקומען צום אויסדריק טראָצקיסטיש־וואָראָנסקישע האַנאָכעס אין פראַגעס פון ליטעראַטור. עס איז דעריבער פארשטענדלעך, אז צווישן די מיטגלידער פון „בוי” האט זיך געקענט כאָווען א טראָצקיסט (פעלדמאַן).

דאס באַווייַזט די באַזונדערע שעדלעכקייַט פון דערדאָזיקער אָרגאַני־זאַציע".

די צוויי כאַראַקטעריסטיקעס, וואָס צוויי אָנפירנדיקע כאַוויירים (ביידע קאָמוניסטן) האָבן געגעבן דער „בוי"־גרופּע, כאַראַקטעריזירט זי אינגאַנצן. ווייַטער וועט אונדז אויסקומען די כאַראַקטעריסטיקעס באַשטע־טיקן מיט דער ליטעראַריש־פּאָליטישער און קינסטלערישער טעטיקייַט פון דער „בוי"־גרופּע אין די יאָרן 1927–1930.

אין די יאָרן 1926/1927 קומען אויף אין אוקראַינע נייַע ליטעראַרישע קרייַזן. עס וואַקסט אויס אַ ליטעראַרישע יוגנט, געקומען פון זאַוואָד און פאַבריק. די ליטעראַרישע יוגנט אָרגאַניזירט זיך אַרום דעם קאָמיוג, וועלכער גייט אָפּ זייער אַסאַך אויפמערקזאַמקייַט אָט אָ דער פראַגע. אין אוקראַינע ווערט אָנהייב 1927 געגרינדעט דער „מאָלאָדניאַק"—אַ פּראָ־לעטאַרישע־קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע שטעלט פאַר זיך אַ צוועק צו קעמפן אַקעגן נאַציאָנאַליסטישע אָפּנייגן, קעגן יערידע־שטימונגען און דעקאַדאַנס, קעגן „וואַפּליטע". יאַנוואַר 1927 דערשייַנט דער ערשטער נומער פון זשורנאַל „מאָלאָדניאַק", וועלכער שרייַבט אין זייַן פאָרוואָרט פאָלגנדיקס:

„אונטער פאַרשיידענע פאָרמעלע לאָזונגען פּרווט מען פאַנאַנדערלייגן די ערשטע אָנהייבן פון דער אוקראַיִנישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און שאַפן אַ נאַציאָנאַליסטישע פראָנדע קעגן פּראָלעטאַריאַט און דעם גאַנצן פ.ס.ר.ר. די לאָזונגען, וואָס זיי האָבן געוואָרפן וועגן אָריענטאַציע אויף דער בורזשואַזער פּסיכאָלאָגישער אייראָפּע, האָבן געווירקט אויף אייניקע אונדזערע שרייַבער.

אָט אָ די לאָזונגען האָבן אונדז ערגעצאַפּט באַזונדערע כאַוויירים פון „וואַפּליטע", זיי פאַרטיפט און דערפירט צו אַ פולשטענדיקן אַנט־קעגנשטעלן זיך קעגן די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי בענעגייע די וועגן פון דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון דער פּראָלעטאַרישער אוקראַיִנע.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

בעייס „וואַפּליטע" האָט ניט בלויז ניט געקענט פאַרטיידיקן די פּאָס־טונג פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור פון דער כייַנטלעכער צו אונדז

נאציאָנאַליסטישער קאמפּאַניע, פארקערט, זי איז ארונטערגעפאלן אונטער איר ווירקונג, בעייס דער „פלוג" קרענקט אויך אף ווייטער אף עלעמענטן פון וווּלגאריזאַציע, און די נאציאָנאליסטישע קייכעס פרווון צו מאַכן נייַע אָנפאלן אף דער סאָציאַליסטישער אוקראַינע, ווי א טייל פון פ.ס.ר.ר., ווארפן מיר ארויס דעם לאָזונג פון קאַמף פאר די פאַרבאַדינגונגען פון אנטוויקלונג און וווּקס פון דער אָקטיאַבערישער אוקראַאינישער ליטעראַטור, פאר איר פראָלעטאַרישן טאָך, וואס איז אין איינקלאַנג מיט אונדזער עפּאָכע, פאר דער אָרגאניזירונג פון די יונגע פראָלעטאַרישע קייכעס, וואָס וועלן גיין האנט בא האנט מיטן אַוואנגארד פונעם פראָלעטאַריאַט—דער קאָמוניסטישער פארטיי און דעם קאָמיוג.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

מיר וועלן מיטהעלפן צו שאפן אן אָרגאניזאַציע פון פראָלעטאַרישער ליטעראטור אין אוקראַינע, ווייל בלויז די פארשטארקונג און די אייניקייט פון אונדזערע קרעפטן אונטער דער אָנפירונג פון דער פארטיי און קאָמיוג וועט אונדז פירן צום זיג".

(„מאָלאָדניאַק", נומ. 1. 1927).

אין דערזעלבער צייט (אָנהייב 1927 יאָר) ווערט צונויפגערופן דער ערשטער אַלוקראַינישער צוזאַמענפאָר פון פראָלעטאַרישע שרייבער און עס שאַפט זיך די אַלוקראַינישע אסאציאציע פון פראָלעטאַרישע שרייבער („וואפּפּ").

דער „וואפּפּ" איז געשאַפן געוואָרן פון א טייל שרייבער, וואָס זיינען פריער אריינגעגאנגען אין „האַרט", פון דעם שרייבערישן יונגוואַרג, פון „פלוג"-מיטגלידער און אנד.

דער „וואפּפּ" האט זיך גלייך פון זיין אנטשטיין געשטעלט א ציל צו קעמפן קעגן דעם נאציאָנאַליזם פון „וואפליטע", קעגן דעם אקאדעמיזם, קעגן אָריענטאַציע אף דער „פּסיכאָלאָגישער אייראָפּע", קעגן יערידע-שטימונגען, פאר א ברידערלעכער צוזאַמענארבעט צווישן די קולטורן פון די פעלקער, וואָס ווינען אין פ.ס.ר.ר. אין א מאניפעסט, מיט וועלכן דער צוזאַמענפאר האט זיך געווענדט צו דער פראָלעטאַרישער געזעלשאַפטלעכקייט, האט ער די אַלע אופגאבעס קאָנקרעטיזירט.

# מאַניפעסט פון דעם אַלוקראַיִנישן צוזאַמענפאַר פון די פראָלעטאַרישע שרײַבער

(28 יאַנוואַר 1927 יאָר)

באַ קאָמפּליצירטע באַדינגונגען איז זיך צונויפגעקומען דער ערשטער אַלוקראַיִנישער צוזאַמענפאָר פון די פראָלעטאַרישע שרײַבער.

דער קלאַסנקאַמף באַגרענעצט זיך ניט נאָר מיטן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן. מיט אַ גרויסער קראַפט און אָנשטרענגונג וויקלט זיך פאַנאַנדער דער קלאַסנפראָנט אין דער קולטור־בויונג, אין דער קינסט־לערישער ליטעראַטור בּיפראַט.

אין די באַדינגונגען פון „נעפּ" זוכט די בורזשואַזע און קליינבורזשוּ־אַזע „אוסטריאַלאָוושטשינע" מיטלען, ווי אַזוי אַרום מיטבּרענגען דערצו, אַז די סאָוועטישע אָרדענונג זאָל איבּערגעבּוירן ווערן אין אַ קאַפּיטאַ־ליסטישער. זי וויל אויך אויסנוצן די קונסט, באַזונדערס די ליטעראַטור, אַלס די אָמערסטן בוילעטע אידעאָלאָגישע פאָרם, צוליב פּאָפּוליאַריזירן אָט די אידייען אירע און קעדיי צו פאַנאַנדערלייגן די רעוואָליוציאָנער־אַקטיווע פּסיכאָלאָגיע פון דער ראַטנגעזעלשאַפט.

פריידיקנדיק אין דער ליטעראַטור דעם קער צו די אַלטע בורזשואַזע לעבנס־נאָרמען, אַלס ענדציל, וואָס איז אָפט איבער „טאַקטישע טײַמים" פאַרמאַסקירט, צוגרייטנדיק אַן אידעאָלאָגישע באַזע פאַר אָט דעם קער דורך אײַנפלאַנצן באַם לייענער דעם בורזשואַ־באַלעבאַטישן וועלט־באַנעם, לייגט די בורזשואַזיע אַ באַזונדערע אופמערקזאַמקײַט אויף פאַרשפּרייטן נאַציאָנאַליסטישע אידייען אין דער געזעלשאַפט, פאַרמאַסקירנדיק זיי מיטן לאָזונג פון פּסיכאָלאָגישער „אייראָפּעיִזאַציע", ווײַל זי פאַרשטייט זייער גוט, אַז ווען זי וועט צעקריגן צווישנאַנאַנד די פאַרשיידענע פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד, וועט זי דורך דעם אָפּרייניקן דעם וועג פאַר אַן אינעראָלען־אידעאָלאָגישער, און שפּעטער אויך פּאָליטישער, אינטער־ווענץ מיצאַד דעם קאַפּיטאַל. באַזונדערס שטרענגט זי אָן אַלע אירע קויכעס אַף אויסצוגראָבן אַ טהאָם צווישן די פראָלעטאַרישע קולטורן אין ראַטן־אוקראַיִנע און אין ראַטן־רוסלאַנד.

דער אָרטאָדאָקסאַל־בורזשואַזער פראָנט פון דער בורזשואַזער קולטור איז זייער שוואַך סײַ לויט זיין קאָמעס, סײַ לויט זײַן אייכעס. דאָס בּיסעלע

אידעאָלאָגן פון דעם זאָאָלאָגישן נאַציאָנאַליזם וועלן ניט האָבן קיין שום מעגלעכע ווירקונג אף דער ברייטער געזעלשאַפטלעכקייט פון או.ס.ר.ר.

די הויפט־געפאַר ליגט אין דער פאַרסאַמענדיקער ארבעט פון די דורכגעטריבענע בורזשואזע אידעאָלאָגן, וועלכע שטעלן זיך אָפט אפילע ארויס פאר אָנהענגער און פריינט פון דער ראַטן־אָרדענונג. שטייענדיק פאָרמעל אף דער ראַטן־פלאַטפאָרם, פלאַנצן זיי איין אין דער ליטעראַטור אומבאַמערקט, אָבער סיסטעמאַטיש, עלעמענטן פון זייער אידעאָלאָגיע און עסטעטישן וועלט־באַנעם, שטעקן זיי אָן מיט אָט די עלעמענטן א טייל פון דער וואַקלדיקער, ניט פאַרהאַרטעוועטער אין דער פראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע אינטעליגענץ, פלאַנצן זיי אין איר איין אָדער א נאַציאָנאַליסטישן וועלט־באַנעם, אָדער אן אומגלויבן אין די שעפערישע וועגן פון דער רעוואָלוציע, פלאַנצן זיי אין איר איין אן אידייִשן סקעפטיס, א מין פעסימיסטישע נודיען זיך, וואָס דאָס איז אינגאַנצן ניט אין איינקלאַנג מיט דער ווילנקרעפטיקער און מוטיקער פסיכאָלאָגיע פון דעם זיגערישן קלאַס, וואָס אים געהערט די צוקונפט.

מע דאַרף אָבער געדענקען, אז עס וואַקסט אומופהערלעך אויך דער צווייטער פראָנט—דער פראָנט פון דער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אוקראַינע. עס וואַקסן די אוקראַינישע שרייַבער־גרופעס אין כאַרקאָוו, קיעוו, אָדעס, דניעפראָפעטראָווסק, די קאָמיוגישע שרייַבער־גרופע „מאָלאָדניאַק”, די גרופע פון פראָלעטאַרישע שרייַבער „זאַבאָי”, ווי אויך די גרופעס פון רוסישע און יידישע שרייַבער אין אוקראַינע, וועלכע זיינען ניט בלויז ניט מאַסקים מיט די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן אין דער ליטעראַטור, נאָר זיי דערקלערן אן אומבאַראַכמאָנעסדיקן און אומקאָמפראָמיסדיקן קאַמף דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע.

דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די פראָלעטאַרישע שרייַבער אין אוקראַינע, אין פולן באַוווסטזיין וועגן די קלאַסן־אויפגאַבעס פון דער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור, וועגן דער גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס דער פראָלעטאַריאַט ליגט אף אים ארויף, רוקט ארויס דעם לאָזונג פון אנטשלאָסענעם קאַמף פאר אן אינטערנאַציאָנאַלן קלאַסן־פאַרבאַנד פון דער ליטעראַטור אין אוקראַינע קעגן דער באַלעבאַטישער נאַציאָנאַליסטישער ליטעראַטור, דעם לאָזונג פון א קאַמף פאר א ווילנקרעפטיקן, אקטיוון, פראָלעטאַרישן וועלט־באַנעם אין דער ליטעראַטור, קעגן דעם

בורזשואַזן און פּאַסעיסטישן וועלט־באַנעס, דעם לאָזונג פון קאַמף פאַר סאָציאַלער קינסטלערישקייט קעגן דער אינדיווידואַליסטיש־באַהעמישער.

אָנשפּאַרנדיק זיך אויף די בורזשואַז־ליטעראַרישע טראַדיציעס פון דעם פעריאָד, ווען די בורזשואַז־אינטעליגענטישע ליטעראַטור איז געווען דער העגעמאָן אין דעם קולטור־פּראָצעס און האָט איבערגעלאָזט פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם אומפאַרמעגלעכן פּויערטום בלויז מי און אָרעמקייט, ווייל אויך איצט די נײַ־אויפגעקומענע בורזשואַזיע איינהאַלטן אין אירע הענט אָט די מאָנאָפּאָל אויף דער ליטעראַטור. דעריבער באַטראַכטן אונדזערע סאָנים אונדזער אָנגריף אויף דער בורזשואַז־באַלעבאַטישער קולטור פאַר א קאַמף קעגן קולטור ביכלאַל; פילנדיק די אומפאַרמײַדלעכקייט פון זייער אייגענער מאַפּאָלע, קוקן זיי אויף דעם, ווי אויף א מאַפּאָלע פון דער אַלמענטשלעכער קולטור.

אזא איבערצײַגונג, וואָס באַזירט אויפן האַס צו די פּראָלעטאַרישע מאַסן און אויפן ניטגלויבן אין זייערע שעפערישע פעיִקייטן, ווײַזט נאָר ארויס די קולטורעלע באַגרענעצטקייט און די אידעאָלאָגישע אָרעמקייט פון דעם קליינבירגערלעכן טייל פון די אוקראַיִנישע שרײַבער, וועלכע שטעלן זיך ניט פאָר קיין אנדער קולטור, אויסער דער בורזשואַז־באַלעבאַטישער. די האַרטע ווירקלעכקייט שלאָגט ארויס פון זייערע הענט אויך אָט די לעצטע האָפענונגען אויף מאָנאָפּאָל אין דער קונסט.

דער קלאַס, וועלכער האָט אויסגעקעמפט די פּאָליטישע מאַכט, וואָס וויקלט פאַנאַנדער מיט א שטאַרקן, אומגעהערטן טעמפּ די ראַטנבויונג, וועט היסטאָריש אומפאַרמײַדלעך זיגן אויך אויף דעם דריטן — קולטור־רעלן פראָנט, און אט דער זיג קומט שוין פאָר איצט.

די ראַטנמאַכט, ווי קיינער ניט פאַר דער גאַנצער געשיכטע פון אוקראַיִנע, פאַרברייטערט די אוקראַיִניזאַציע, פאַרייניקנדיק זי ניט מיט דער שמאָל־פּראָווינציעלער אידייע פון נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט, נאָר מיט דער ברייטער קאָמוניסטישער וועלטאָנשויונג פון דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט. די ראַטנמאַכט האָט פאַנאַנדערגעוויקלט ביז א ניט־געזעענעם פאַרנעם די בילדונג צווישן די ברייטסטע ארבעט־מאַסן און ניט צווישן די פּריווילעגירטע פּניי, ווי ס׳איז געווען אין דער צײַט פון דער בורזשואַזער הערשונג.

ברייט האט זיך פאנאנדערגעוויקלט די ארבעט אויך אפן געביט פון קונסט,—אין אן אומגעהערטן פארנעם איז אויסגעוואַקסן די אוקראַיִנישע פרעסע און די קינסטלערישע ליטעראַטור.

דער עמעסער סאָוועטישער אופבלי פון דער אוקראינישער קולטור שטייט ניט אף „די ביינער" פון דער קולטור פון די נאצמינדערהייַטן אין אוקראינע, ווי דאָס האָט זיך געוואָלט און עס ווילט זיך די אוקראַיִנישע שאָוויניסטן,—פארקערט, דער קולטור־אופבוי פון די נאצמינדערהייַטן בא דעם אקטיוון אָנטייל פון די ברייטסטע ארבעטמאַסן וואקסט און וויקלט זיך פאנאנדער אין דערזעלביקער מאָס, ווי די אוקראַיִנישע קולטור. עס ווערט געשאפן די ברידערלעכע מיטאַרבעט פון פראָלעטאַרישע קולטורן, וועלכע סטימולירט נאָך מער די אינטענסיווקייַט פון זייער אנטוויקלונג, פארשטארקט נאָך מער זייער אינטערנאציאָנאלן מהוס און וויקלט פאנאנדער נייַע ברייטע האָריזאָנטן.

ניט אומזיסט פילן די אוקראַיִנישע נאציאָנאליסטן זייער אייגענעם נאָענטן אומקום אין דער סאָוועטישער אוקראַיִניזאציע. די קליינינקע מענטשעלעך, פארבלענדט פון דעם כוטערדיקן, באלעגופישן שאָוויניזם, ווילן איבערלאָזן פאר זיך כאָטש די קונסט, אלס א מיטל צו אָרגאניזירן די פייַנטלעכע צו אונדז אידעאָלאָגיע. דער פראָלעטאריאט אָבער וועט אויסרייַסן פון זייערע הענט אויך אָט דאָס לעצטע געווער, פונקט אזוי, ווי ער האָט אמאָל אף די פראָנטן פון בירגער־קריג אויסגעריסן בא דער באלעגופישער ארמיי פון די הענט די גדונגענע הארמאַטן.

פאמעלעך, נאר אומופהערלעך וואקסט פאר אונדזערע אויגן די פראָלעטאַרישע ליטעראטור. איטלעך יאָר רוקט ארויס אלץ נייַע און נייַע נעמען, וועלכע שטאמען פון די טיפענישן פון די ארבעט־מאַסן, וועלכע טראָגן ארייַן אין דער ליטעראטור זייער פראָלעטארישן קלאסן־וועלט־באַנעם און ארגאניזירן דורך איר די פסיכאָלאָגיע פון דעם רעוואָלוציאָנערן טייל אין אונדזער געזעלשאפט פאר נייַע קאמפן סיי אף די מיליטערישע פראָנטן, סיי אין די געביטן פון עקאנאמישן און קולטורעלן אופבוי.

אָט די ליטעראַטור, פארייניקנדיק די בעסטע שעפערישע קויכעס פונעם פראָלעטאַריאַט, עפנט אוף די ברייטסטע מעגלעכקייַטן פון מיטאַרבעט פאר די מיטלפויערישע עלעמענטן, וועלכע ווילן אופריכטיק זיך

דערנעענטערן צו דער אידעאָלאָגיע פונעם פראָלעטאַריאַט. די פּראָלעטאַ־רישע ליטעראַטור גיט זיי די מעגלעכקייַט דורכצומאַכן אָט די עוואָליוציע. איינצייַטיק דערקלערט אָבער די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור אַן אַנטשלאָ־סענע אידייִשע מילכאָמע די אַלע, וואָס ווילן אויסנוצן די ליטעראַטור צוליב די אינטערעסן פון די פייַנטלעכע פאַר אונדז קלאַסן.

אונדזער באַוועגונג איז נאָך זייער א יונגע. דעם פּראָלעטאַריאַט וועט נאָך אויסקומען פיל צו לערנען זיך, ער וועט דאַרפן נעמען דאָס בעסטע בא דער אייראָפּעישער קולטור, אַרבעטנדיק איינצייַטיק אין אַן ענגער פאַרבינדונג מיט די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד.

מיט דער פולער זיכערקייַט אין דער ריכטיקייַט פון די אויפגאַבעס, וואָס שטייען פאַר אונדז, הייבן מיר אָן די פאַראַנטוואָרטלעכע און שווערע אַרבעט פון ברייטער מאַכן די נאָרוואָס אויסגעטראָטענע וועגן פאַר דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

אָנשפּאַרנדיק זיך אַף דער שטיצע פון די ברייטסטע פּראָלעטאַרישע מאַסן, וועלן מיר גיין צו דעם מעכטיקן אויפבלי פון דער אַלמענטשלעכער קולטור.

ניט אָפּזאָגנדיק זיך פון די טראַדיציעס פון די ערשטע פּיאָנערן פון אָקטיאַבער אין אוקראַינע, וועלן מיר, ניט פאַראַטנדיק זיי, גיין ווייַטער פאָרויס, אומופהערלעך פאָרויס אַף אָט דעם וועג״.

פון די ייִדישע פּראָלעטאַרישע שרייַבער האָט אָפּן צוזאַמענפאָר גע־נומען אַן אַנטייל בלויז כ. גילדין. גילדין איז אַרויסגעטראָטן מיט א פאָר־טראַג וועגן דעם צושטאַנד פון דער ייִדישער ליטעראַטור. דער פאָרטראַג האָט אָבער אַבסאָליוט ניט געגעבן קיין ריכטיק בילד וועגן דעם צושטאַנד פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. גילדין האָט ניט געזען אין דער ליטעראַטור קיין שום דערגרייכונגען, ער האָט ניט דערשאַצט דעם וווּקס אירן, לינקאַטשיש אָפּגעשאַצט די מיטלויפער א. אַז. וו.

איינגעשטעלט די פאַרבינדונג מיט דער „וווספּ״־אָרגאַניזאַציע האָט אומגעפער אין א האַלב יאָר אַרום די אַסאָציאַציע פון די ייִדישע רעוואָליו־ציאָנערע שרייַבער, וואָס איז אָנהייב 1927 יאָר געשאַפן געוואָרן אין קיעוו.

אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור אין אוקראַינע קומען אין די יאָרן 1926־1927 אויף נייַע ליטעראַרישע קוויכעס, עס באַווייַזט זיך א גרופּע נייַע פּראָזאיקער (אָרלאַנד, אַלבערטאָן, אַבטשוק און אַנד.). עס קומט

אויף א שרײַבערישער יונגוואַרג, געקומען פון זאַוואָד, פאַבריק און קאָלווירט. אין א ריי שטעט ווערן געשאַפן יוגנטלעכע ליטגרופּעס. א גרויסע און פּאָזיטיווע ראָליע האט דאָ געשפּילט דער קאָמיוג און די קאָמיוגישע צײַטונג „יונגע גוואַרדיע", וועלכע הייבט אָן אָרגאַניזירן ארום זיך דאָס פּראָלעטאַרישע שרײַבער־יונגוואַרג. אזוינע ליטגרופּעס „יונגע גוואַרדיע" ווערן אין יענעם פּעריאָד געשאַפן אין כאַרקאָוו, קיעוו, אָדעס, אומאַן, בערדיטשעוו א. אנד.

די ליטגרופּע „יונגע גוואַרדיע" אין כאַרקאָוו האט זיך געשאַפן אין אָקטיאַבער 1926.

די „יונגע גוואַרדיע" האט דער גרופּע אָפּגעגעבן אסאך אויפמערקזאמקײַט, זי האט ארויסגעלאָזט א היפּשע צאָל רעגולערע ליטעראַרישע זײַטלעך בא דער צײַטונג און פון אווגוסט 1927 אָן—א ספּעציעלע ליטעראַרישע בײַלאגע צו דער צײַטונג—„דער יונגער בוי־קלאַנג".

דעם ערשטן יאָרטאָג פון דער ליטגרופּע האט די רעדאקציע פון דער „יונגע־ גוואַרדיע" באצייכנט מיט אן ארטיקל אין „יונג־בוי־קלאַנג" נומ, 2 , אין וועלכן זי האָט געשריבן:

„אין אָקטיאבער־כוידעש ווערט א יאָר צײַט זינט ארום דער „יונגער גוואַרדיע" האָבן זיך אָנגעהויבן גרופּירן די יונגע ליטעראַרישע קרעפטן—אונדזער, אזוי צוזאָגן, „יונגגוואַרדעישער" רעזערוו פון דער איצטיקער ראטן־ליטעראַטור.

וויפל מי, וויפל ווייטיק און פרייד האט איבערגעלעבט די „יונגע גוואַרדיע", האָבן איבערגעלעבט אונדזערע דיכטער און שרײַבער, ביז ס'האט זיך אײַנגעגעבן פארווירקלעכן דעם טרוים פון שאַפן א שטאנדהאפטיקע גרופּע, אזא גרופּע, מיט וועלכער מ'זאָל זיך רעכענען.

מיט גרויס ליבע האָט די „יונגע גוואַרדיע" געכאָוועט איר ליטעראַרישע גרופּע, וואָס ווײַטער אלץ מער אויפמערקזאמקײַט די יונגע ליטעראטן, אלץ ברייטער און פולער די ליטעראַרישע בלעטלעך אין דער „יונגער גוואַרדיע".

די לעצטע ליטעראַרישע זײַטלעך אין דער „יונגער גוואַרדיע", סײַ פאר דער גרופּע, סײַ פאר איינצלנע אָנפאַנגער, דערווײַזן, אז ארום דער צײַטונג האט זיך געשאַפן א שטאַרקע ליטעראַרישע באַוועגונג".

אין דער ליטגרופּע זיינען אריינגעגאַנגען: קאָטליאַר, שטורמאַן, סיטאָ, עמיל קאַזאַקעוויטש, און אנד.

די „יונגע גוואַרדיע" האט אבער ניט נאָר געליבט די יאַטן פונעם ליטקרייז, זי האָט זיך אויך אריינגעמישט אין זייער שאפן.

אין אן ארטיקל פונעם כ' וואָרהאַפט „נעענטער צום לעבן" („יונגער בוי־קלאַנג" נומ. 2) ווערט דער גרופּע ארויסגעשטעלט א פאָדערונג אוועקגיין פון די אבסטראַקטע און נייטראַלע טעמעס און איבערגיין צו שילדערן די סאָציאַליסטישע בוּיונג, דעם זאַוואָד, די פאַבריק, ווייזן די יידישע ערד־איינאָרדענונג.

„מיר פאָדערן סאָציאַלע טעמעס,—האט כאַווער וואָרהאַפט אין זיין ארטיקל געשריבן,—מיר פאָדערן, אז אונדזער ליטעראַטור זאָל אָפּשפּיגלען אונדזער פּילפאַרביקן שטייגער; מיר פאָדערן, אז אונדזערע יונגע דיכטער און שרייבער זאָלן פאַרבינדן זייער שאַפונג, זייער אינהאַלט מ י ט ל ע ב ן".

אין נומ. 3 פון „יונגן בוי־קלאַנג" (אָקטיאַבער 1927) לייענען מיר א נאָטיץ וועגן דער ארבעט פון דער ליטגרופּע:

„די ארבעט אין דער ליטגרופּע „יונגע גוואַרדיע" האָט זיך לעצטנס פאַרטיפערט. ס'פירן זיך דורך יעדע וואָך זיצונגען, וווּ ס'נעמען אנטייל פאַרטיי־טוער, עלטערע יידישע ליטעראַטן. די גרופּע האט דורכגעפירט א ליט־אָוונט אין קלוב „3־טער אינטערנאַציאָנאַל". זי גרייט נאך א ריי ליטעראַרישע אָוונטן. די גרופּע ציילט אָן בא היינטיקן טאָג 11 מיטגלידער.

די „יונגע גוואַרדיע" אין כאַרקאָוו האָט געהאט א פאַרבינדונג מיט די ליטגרופּעס אף די ערטער—די פאַרבינדונג האָט זי דעריקער געהאַלטן דורך די ליטקרייזן און דורכן „יונגן בוי־קלאַנג".

אין קיעוו איז די ליטגרופּע „יונגע גוואַרדיע" אָרגאַניזירט געוואָרן סאָף 1926. אין א באריכט פון דער קיעווער גרופּע „יונגע גוואַרדיע" ווערט דערציילט וועגן דער ארבעט פון דער גרופּע. די ערשטע צייט

איז די ארבעט געגאַן שוואַך, פאַרשטאַרקט האט זי זיך פרילינג 1927, ווען עס איז אין קיִעוו געשאַפן געוואָרן די „אסאָציאַציע פון ייִדישע רעוואָלוציאָנערע שרײַבער“ און עס זײַנען אויסגעטיילט געוואָרן אף אָנפירן מיט דער גרופע די כאַווײרים האָפשטיין און פעפער.

די גרופע האָט זיך דעריקער פארנומען מיט פאָרלייענען די אייגענע ווערק, מיט שמועסן אף טעמעס וועגן דער סאָוועטישער און פאַראָקטיאַבערישער ליטעראטור. די מיטגלידער פון דער גרופע פלעגן אויך נעמען אָנטייל אין ליטעראַרישע אָוונטן.

אין דער גרופע זײַנען ארײַנגעגאנגען: טשערניאַווסקי, ייִדל אָרלאַנד, טאבאטשניקאָוו, באליאַסנע, א. דרוקער, לאַנדמאַן און אנד.

די אָדעסער ליטגרופע „יונגע גווארדיע“ האָט זיך אויך אָרגאניזירט אין הארבסט 1926. פריער האָט דאָ עקזיסטירט א גרופע פון עלטערע שרייבער־אָנפאנגער בא דער ליטאָרגאניזאַציע „Потоки Октября“. די גרופע געהאט ביז גאָר וויניק פייִקע שרײַבער און פאר דעם אָנהייב פון דער ייִדישער סעקציע פון דער פראָלעטאַרישער ליטעראַרישער אָרגאניזאַציע אין אָדעס דארף מען דאָ רעכענען די ליטגרופע „יונגע גוואַרדיע“. אין דער גרופע זײַנען ארײַנגעגאנגען די כ׳כ עליע גאָרדאָן, יאנקעלעוויטש, שעפעטין, וואלינעץ, כאַים לעווין, מאַרקוס און אנדערע. מיט דידאָזיקע כעוורע האבן געארבעט אייניקע עלטערע ליטעראטן, ווי די כ׳כ בילאָוו און וואָראָבייטשיק. די גרופע האט אין מעשעך פון א ריי כאדאָשים געפירט סיסטעמאַטישע פראָדוציר־זיצונגען אין יוגנט־קלוב „קים“, ארויסגעטראָטן אף ליטעראַרישע אָוונטן, ארויסגעלאָזט בא דער „יונגער גוואַרדיע“ עטלעכע ליטזײַטלעך. שפעטער (1927), ווען אין אָדעס הייבט אָן ארויסצוגיין דער „אָדעסער ארבעטער“, טרעפן מיר שאַפונגען פון די יונגע אף די שפאלטן פון „אָדעסער ארבעטער“. סאָף 1927 נעמט די גרופע אן אנטייל אפן ערשטן אלוקראינישן צוזאַמענפאָר פון דער ייִדסעקציע „ווופּפּ“.

אין 1927־טן יאָר שאפט זיך אויך אין בערדיטשעוו א יוגנטלעכער ליטקרײַז, וואָס ציילט אָן עלף כאווײרים. אינעם ליטזײַטל בא דער „וואָך“ (בערדיטשעוו) טרעפן מיר די נעמען פון די יוגנטלעכע שרײַבער: מ. הארצמאַן, בלעכמאן, ליטינעצקי, מארקוס, גאָנטאַר און אנד.

אויך אין אומאן שאפט זיך אין אָנהייב 1927־טן א יוגנטלעכע ליטע־

ראַרישע גרופּע, אין וועלכער עס זײַנען אַרײַנגעגאַנגען די כ׳כ אַלטמאַן, בערדיטשעווסקי, טעפּליצקי און אַנד. אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פֿון אומאַן אין „יונגן בוי־קלאַנג״ נומ. 3 ווערט דערציילט וועגן דעם, אַז „די מיטגלידער פֿון גרופּע האָבן אַסאַך אויפֿגעטאָן. מע האָט ביז איצט פּלײַ־סיק געאַרבעט איבער זיך, אָרגאַניזירט ליטעראַרישע אָוונטן, אַקטיוו אָנטייל גענומען אין די אָרטיקע וואַנטצײַטונגען מיט אייגענע שאַפֿונגען״.

אָט אַזוי וואַקסט אין יענעם פּעריאָד (1926־1927) אַ ייִדישע יוגנט־לעכע שרײַבער־באַוועגונג אין אוקראַינע, וועלכע אָרגאַניזירט זיך אַרום דער „יונגער גוואַרדיע״.

די גרויסע ליטעראַרישע שלאַכטן, וואָס גייען אין לאַנד בכלל און אין אוקראַינע בפֿרט, שפּיגלען זיך דערווײַל נאָך שוואַך אָפּ אין דער ייִדישער ליטעראַטור־באַוועגונג. דער פּרוּוו צו שאַפֿן אין 1927 צוויי ליטעראַרישע אָרגאַניזאַציעס, קומט, אייגנטלעך גערעדט, ניט אַלס רעזול־טאַט פֿון ברייטע ליטעראַרישע דיסקוסיעס. ניט די „בוי״־אָרגאַניזאַציע, ניט די „אַסאָציאַציע״ טרעטן דערווײַל, אויסער די דעקלאַראַציעס, ניט אַרויס מיט קיין שעפֿערישע אַרטיקלען, וואָס זאָלן שטעלן ברייטע פּראָב־לעמעס פֿאַר דער ליטעראַטור. דאָס קומט אַביסל שפּעטער, ווען עס שאַפֿט זיך (סאָף 1927) די ייִדסעקציע באַם „וואָספּ״ און עס הייבט אָן דערשײַנען דער „פּראָליט״ (1928).

די „אַסאָציאַציע פֿון די ייִדישע רעוואָלוציאָנערע שרײַבער״ האָט עקזיסטירט אַ קורצע צײַט—פֿון סאָף מאַרט ביז דעקאַבער 1927־טן יאָר. געאַרבעט האָט זי פּאַקטיש ווייניקער—איבער אַראָפּרעכענען די זומער־צײַט, ווען די אָרגאַניזאַציע האָט ניט געאַרבעט, ווערט בלײַבן געציילטע חדשים.

דאָך האָט די אַסאָציאַציע פֿאַר די פּאָר חדשים, באַזונדערס אין עם ערשטן פּעריאָד (פֿרילינג, 1927) זייער אַסאַך אויפֿגעטאָן.

די אַסאָציאַציע האָט גלײַך בײַ איר אַנטשטיין אַוועקגעשטעלט אַן אינער־לעכע ליטעראַרישע אַרבעט, אָרגאַניזירט פֿאָרלעזונגען פֿון אייגענע ווערק. אַזוי זײַנען בלויז פֿאַר די חדשים אַפּריל־מײַ פֿאָרגעלייענט געוואָרן פֿאָלגנדיקע ווערק: קיפּניס—קאַפּיטלען פֿון „בונים־בער״ (אָפּן „וויהאָן״), אי. פֿעפֿער—לידער, מ. אַראָנסקי—אַ דערציילונג, אַ. אַבטשוק—„די קאַריער

פון אדוואָקאַט קרו׳ן", וועלעדניצקי — לידער, א. פּיאַטיגאָרסקע לידער — און אנדערע.

די אסאָציאַציע האט אנטוויקלט א ברייטע מאַסן־ארבעט, זיך פאַר־בונדן מיט דער פּראָווינץ און דורכגעפירט א ריי ליטערארישע אָוונטן אין קיעוו און אין דער פּראָווינץ. פאר די כאַדאָשים אפּריל ביז מיט יון זיינען אזויארום דורכגעפירט געוואָרן 20 ליטעראַרישע מאַסן־אָוונטן.

די אסאָציאַציע האט אונטערגענומען ארויסצולאָזן א ליטעראַריש־קינסטלערישן אלמאנאך, וועלכער איז ארויס אסאך שפּעטער ווי אן אלמאנאך פון דער יידסעקציע „ווּספּפּ". פון סאָף זומער אָן איז די אַסאָציאַציע געווען דעריקער פאַרנומען מיט אָנקניפּן פאַרבינדונגען מיטן „ווּספּפּ" און מיט צוגרייטן דעם ערשטן אַלוקראַינישן צוזאַמענפאָר פון די יידישע פּראָלעטאַרישע שרייבער.

אין יול 1927 ווענדט זיך אן איניציאַטיוו־גרופּע, — מיטגלידער פו דער אסאָציאַציע, — מיט אן אופרוף צו אלע יידישע רעוואָלוציאָנערע שרייבער פון אוקראַינע זיך פאַראייניקן ארום „ווּספּפּ" און שאַפן א יידישע סעקציע פון פּראָלעטאַרישע שרייבער.

אויסער די פינף מיטגלידער פון דער אסאָציאַציע האבן זיך אפן אופרוף אונטערגעשריבן אויך פאַרשטייער פון די ליטקרייזן „יונגע גוואַרדיע".

מיר ברענגען דאָ דעם אופרוף.

„צו אַלע יידישע רעוואָלוציאָנערע שרייבער אין אוקראַינע

אין דער דעקלאַראַציע פון די יידישע רעוואָלוציאָנערע שרייבער, וועלכע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין זשורנאַל „רויטע וועלט" נומער 5—6, ווערט אָנגעוויזן, אז באַ די יידישע שרייבער איז פאַראַן א ווילן זיך איינשליסן אין א געהעריקער לאַנד־אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרייבער און אין ענגער פאַרבינדונג מיט איר פירן די ארבעט.

מיר, די אונטערגעשריבענע, געפינען, אז די אָרגאַניזאַציע פון פּראָ־לעטאַרישע שרייבער „ווּספּפּ" אנטשפּרעכט אונדזערע צילן און מעטאָדן פון ארבעט.

מיר רופן אַלע פּראָלעטאַרישע און רעוואָלוציאָנערע שרײַבער פון אוקראַיִנע, וואס אנערקענען די נויטווענדיקייט צו שאַפן די ליטעראַטור פון די יִדישע פּראָלעטאַרישע מאַסן, האַנט בײַ האַנט מיטן פּראָלעטאַריאַט פון אנדערע נאַציעס, זיך פאראייניקן ארום „וווּספּפּ״.

מיר דריקן אויס אונדזער פולע זיכערקייט, אז דער אָנשלוס פון די יִדישע שרײַבער אין דער אלגעמיינער מישפּאָכע פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער, וועט געבן א מעכטיקן שטויס דעם ווײַטערדיקן וווּקס פון דער יִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און וועט אויך מיטהעלפן דער אנטפלעקונג פון נײַע שרײַבער, וועלכע דארפן און וועלן קומען פון דער פּראָלעטארישער סוויווע און פון דער ארבעטער־אינטעליגענץ.

קעדיי דורכפירן די פאראייניקונג פון די יִדישע פּראָלעטאַרישע און רעוואָליוציאָנערע שרײַבער ארום „וווּספּפּ״, רופט די איניציאַטיוו־גרופּע צונויף אף סאָף סענטיאַבער אן אלוקראַיִנישע באראטונג פון אלע די, וואס וועלן מעלדן וועגן זייער האסקאָמע זיך אײַנשליסן אין „וווּספּפּ״.

דער טערמין פון דער באראַטונג און דער טאָג־סיידער וועט גע־מאָלדן ווערן באזונדער.

איניציאַטיוו־גרופּע:

ד. האָפשטיין, אי. פעפער, אַ. אבטשוק, מ. אראָנסקי, א. קאהאן.

פון דער יוגנט־גרופּע:

כ. ווײַנערמאַן, קאָטליאַר, וויניצקי, צ. טוזמאַן״.

אינעם אופרוף ווערט דער ערשטער אלוקראַיִנישער צוזאַמענפאָר פון די יִדישע פּראָלעטארישע שרײַבער אין אוקראַיִנע פּלאַנירט אף סענ־טיאַבער, פאַקטיש אָבער איז ער צוליב א ריי טעכנישע סיבעס פאָרגע־קומען אין דעקאַבער 1927־טן יאָר.

אין דער מעלדונג פון „וווּספּפּ״ וועגן צונויפרופן דעם צוזאַמענפאָר פון דער יִדישער סעקציע, ווערט געזאָגט פאָלגנדיקס:

„דער אלוקראַיִנישער פאריין פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער (וווּספּפּ) האט באַשטימט צונויפרופן אפן 20־טן דעקאַבער אין כאַרקאָוו אן אלוקראַיִ־

נישע באַראַטונג פון די ייִדישע רעוואָליוציאָנערע און פּראָלעטאַרישע שרײַבער, וואָס זײַנען שוין אָרגאַניזירט אָדער האַלטן זיך באַם אָרגאַניזירן אַרום דעם „וווּספּפּ“.

אויף דער באַראַטונג וועט מען באַהאַנדלען פאָלגענדע פראַגעס:

1. באַריכט פון דער אַלוקראַיִנישער פאַרוואַלטונג „וווּספּפּ“.
2. דער צושטאַנד און די אויפגאַבעס פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד.
3. דער צושטאַנד און די אָרגאַניזירונג פון דער ליטעראַטור־קריטיק.
4. פאָרם און אינהאַלט פון קינסטלערישן ווערק.
5. אַרבעט־פּלאַן פון דער ייִדסעקציע באַם „וווּספּפּ“.
6. די שפּראַך פון דער ייִדישער קינסטלערישער ליטעראַטור.
7. לויפנדע פראַגעס.

אין דער באַראַטונג וועלן אָנטייל נעמען ביז 25 שרײַבער: די כ״כ פעפער, האָפשטיין, אַבטשוק, קאַהאַן א., גילדין, אָרלאַנד, אַלבערטאָן, פּיאַטיגאָרסקע, מ. שאַפּירא, קאָטליאַר, כ. וויינערמאַן, נוזמאַן און אַנדערע מיטגלידער פון דער רעוואָליוציאָנערער אַסאָציאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער און פון יוגנט־גרופּע.

אויף דער באַראַטונג ווערן אײַנגעלאַדן פאָרשטייער פון די רעדאַקציעס פון די ייִדישע צײַטונגען און זשורנאַלן, ווי אויך פאָרשטייער פון די קולטור־געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס“.

דערדאַזיקער ערשטער צוזאַמענפאָר פון ייִדישע פּראָלעטאַרישע שרײַבער ניט נאָר אין אוקראַיִנע, נאָר אויך אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט געהאַט א ביז גאָר גרויסע באַדײַטונג. אין אוקראַיִנע, וווּ עס זײַנען היפּשע יאָרן שטאַרק געווען די טראַדיציעס פון ייִדישיזם און נאַציאָנאַליזם, פון עסטעטיזירנדיקער פּײַנשמעקערײַ, ווערט צונויפגערופן א צוזאַמענפאָר פון שרײַבער, וואָס שטעלט זיך פאַר א ציל צו דינען מיט זײַן שאַפן דעם פּראָלעטאַריאַט, דעם סאָציאַליזם, אַלס א טייל פונעם גאַנצן פּראָלעטאַרישן ליטעראַטור־פליגל אין אוקראַיִנע.

דעם גרונט־פאָרטראַג אויפן צוזאַמענפאָר וועגן דעם צושטאַנד פון דער ייִדישער סאָוועטישער און פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און די אויפגאַבעס פון די פּראָלעטאַרישע שרײַבער האָט געהאַט דער כ׳ ליטוואַקאָוו.

דער כ׳ ליטוואַקאָוו האָט אין זײַן פאָרטראָג פעסטגעשטעלט דעם וווּקס פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור פאַר די פאַרגאַנגענע צען יאָר רעוואָליוציע, האָט אָנגעוויזן אויף די פערספעקטיוון פון דער ליטעראַטור און איז געקומען צום אויספיר, אַז „קעדיי די ליטעראַטור, באַזונדערס די, וואָס דעקלאַרירט זיך פאַר אַ פראָלעטאַרישער, זאָל ווירקלעך ווערן אַן אַקטיווער פאַקטער אין דער קולטור־רעוואָליוציע, מיטאַרבעטן אין אונדזער סאָציאַליסטישער בויונג, דאַרף זי זיך אָנשטרענגען צו מאַכן אַ סאָף צו די וואַקלונגען, צו ליקווידירן די יערידעשטימונגען, וואָס האָבן אין איר זיך אָנגעהויבן אַרויסצוווײַזן”.

דער כ׳ ליטוואַקאָוו האָט אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג פאַר דער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור, זי זאָל אָנהייבן שילדערן אויסער דעם שטעטל אויך די פאַבריק, דעם זאַוואָד, דעם פראָלעטאַריער. „עס איז שוין געקומען די צײַט, אַז אין דער ייִדישער ליטעראַטור זאָלן מיר דערזען דעם הויפט־צאַד אינעם צוזאַמענשלוס—דעם פ ר אָ ל ע ט אַ ר י אַ ט, דעם אַרבעטער, און דאָס פעלט נאָך אין אונדזער ליטעראַטור, סײַ אין זין פון אידעאָלאָגישער אויסגעהאַלטנקייט, סײַ אין זין פון טעמאַטיק”.

דער כ׳ ליטוואַקאָוו האָט אָנגעוויזן אויף דער נויטיקייט פאַר די פראָלעטאַרישע שרײַבער צו באַהערשן דעם מאַרקס־לענינישן וועלט־באַנעם, ווײַל בלויז בײַ דעם באַדינג וועט דער פראָלעטאַרישער שרײַבער זײַן בעקויעך צו שאַפן פראָלעטאַרישע ווערק.

דער פראָלעטאַרישער שרײַבער דאַרף זיך באַהעפטן מיט די גרויסע אַרבעטער־קאָלעקטיוון, מיט די קעמערלעך פון קלאַסן־מאַכט, קלאַסן־שאַפונג פונעם פראָלעטאַריאַט.

וועגן דער פראָבלעם פון די מיטלויפער האָט כ׳ ליטוואַקאָוו אין זײַן פאָרטראָג אָנגעוויזן, אַז די ייִדישע סעקציע „וואַספ”, ווי אַן אָטריאַד פון דער גאַנצער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור, וועט דאַרפן באַווירקן די מיטלויפער דורך אידייִישן קאַמף, דורכן געווועט אין געביט פון שאַפן ווערק, אָבער ניט דורך קיין בירגער־קריג. „די ייִדישע סעקציע פון „וואַספ” נעמט אויף זיך גרויסע היסכייַוועסן... קיין שום מאָנאָפאָל און אַנדערע ספעציעלע גונסטן וועלן די סעקציעס ניט באַקומען”.

די גרונט־געדאַנקען פונעם כ׳ ליטוואַקאָווס פאָרטראָג, ווי אויך פון די דעבאַטן אַרום פאָרטראָג, זײַנען אויסגעדריקט געוואָרן אין דער הויפט־

רעזאָליוציע פֿינעם צוזאַמענפֿאָר איבער כ׳ ליטוואַקאָווס פֿאָרטראַג. מיר ברענגען דאָ דידאָזיקע רעזאָליוציע.

1. די גרויסע דערגרייכונגען פֿון דער סאָציאַליסטישער בויונג אין אוכס״ר, אַלס אָרגאַנישן טייל פֿון פֿסס״ר, בילדן דעם יעסאָד און שאַפֿן אַלע פֿאָרהאַנדאָכעס פֿאַר דעם מעכטיקן אופֿשטײַג פֿון דער קולטור בײַ די אַרבעטנדיקע פֿון אַלע פֿעלקער אין אוקראַינע, דערין אויך זייער ליטעראַטור. דאָס איז אויך דער יעסאָד פֿאַר דער אופֿבליונג פֿון דער קולטור בײַ די ייִדישע מאַסן אַרבעטנדיקע ביכלאַל און פֿון זייער ליטעראַטור ביפֿראַט.

2. די ייִדישע ליטעראַטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד איבערהויפּט, און אין אוכס״ר ביפֿראַט, האָט פֿאַר די אָקטיאַבער־יאָרן דורכגעמאַכט עטלעכע אַנטוויקלונג־עטאַפּן. אין אָנהייב האָט זיך געהאַט אויסגעבילדעט אַ טיפֿער טהאָם צווישן די שרײַבער און די לייענער. די לייענער, די געבורויכער, דאָס זײַנען געווען דער קאָמוניסטישער אוואַנגאַרד פֿונעם ייִדישן פּראָ־לעטאַריאַט, און די שרײַבער, די פּראָדוצירער, דאָס זײַנען געווען די קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ, וועלכע האָט נאָך געצויגן די מעסוירע פֿונעם קליינבירגערלעכן נאַציאָנאַל־ייִדישיזם פֿון דער פֿאַראָקטיאַבער־עפּאָכע. אויף דעם צושטאַנד פֿון איזאָלירטקייט האָט די ליטעראַטור דאַן רעאַגירט מיט קליינבירגערלעכן נאַציאָנאַליסטישן פּעסימיזם אין געביט פֿון אינהאַלט און ליטגײַוועדיקן קולט פֿון אומפֿאַרשטענדלעכקייט און סימוואָליסטישער קאָנספּיראַציע אין געביט פֿון פֿאָרם. און נאָר יעכידים זײַנען געווען, וואָס האָבן געזוכט דיכטערישן לאָשן פֿאַר פֿאַרשטענדיקונג מיט דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.

3. וואָס מער די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט אין אוכס״ר, ווי אין גאַנצן פֿסס״ר, באַהערשט די ייִדישע סוויווע, אַלץ מער האָבן זיך געענ־דערט די אומשטאַנדן פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער קולטור ביכלאַל און דער ליטעראַטור ביפֿראַט.

די קאָמפּאַרטיי און די ראַטנמאַכט האָבן אָנגעהויבן ענערגיש איבער־בויען די ייִדישע סוויווע. עס האָבן זיך קאָנסאָלידירט די קויכעס פֿונעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט אַלס טייל פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנדישן פּראָלעטאַריאַט; עס זײַנען אויפֿגעקומען, באַזונדערס אין או.ס.ס.ר. נײַע קאַדרען ייִדישע אינדוסטריעלע פּראָלעטאַריער; אין שטעטל האָט אָנגעהויבן אויפֿגעוואַקסט

ווערן צום קולטור־פּאָליטישן לעבן און צו אָרגאַניזירטקייט אונטער דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און זײַן קאָמוניסטישן אוואַנגאַרד דאָס האָרעפּאַשנע קליינבירגערטום (קוסטאַרן); עס האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן א יִדיש פויערטום,—און דאָס אַלץ אַפן פאָן פון א ברייטער ראַטן־בויונג בא און אַלץ וואַקסנדיקער נעץ קולטור־אַנשטאַלטן. דאָס אַלץ האָט גע־שאַפן אויך אין דער יִדישער סוויווע באַדינגונגען פאַר א צוזאַמענשלוס צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און די ניט־פּראָלעטאַרישע האָרעפּאַשנע שיכטן באַפעלקערונג,—און דאָס האָט געשאַפן א מעגלעכקייט פאַרן אויפ־קום פון א פּסיכאָ־אידעאָלאָגיש דיפערענצירטער סאָוועטישער יִדישער ליטעראַטור. א טייל קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ איז צוגעבראַכט געוואָרן צום אָנעמען די ראַטנמאַכט צוליב איר גרויסער „נאַציאָנאַלער" בויונג און האָט זיך דערפילט פרײַער אין איר שאַפונג טאַקע דערפאַר, וואָס זי האָט שוין באַקומען די מעגלעכקייט אויסצודריקן, זאָל זײַן אַפילע בלויז אין דער פּערספּעקטיוו, ניט אויס־שליסלעך אַף א פּראָלעטאַרישער אוידיטאָריע, נאָר אויך און דעריקער אַף אנדערע סאָציאַלע עלעמענטן פונעם סאָוועטישן צו־זאַמענשלוס. דאָס האָט צעשטרײַט איר פּעסימיזם, האָט זי געווענדט מער צום סאָוועטישן קאָנקרעט און סטימולירט צו זוכן קאָנטאַקט מיט איר לייענער אַף דער באַזע פון קעגנזײַטיקער פאַרשטענדלעכקייט. בא דעם אנדערן טייל אינטעליגענץ איז צו אַלע אָביעקטיווע פּסיכאָ־אידעאָלאָגישע און פאָרמעלע מײַלעס פון איר שאַפונג נאָך צוגעקומען די סוביעקטיווע אידעאָלאָגישע אָריענטאַציע אַפן פּראָלעטאַריאַט. און אין דערזעלבער צײַט האָבן אָנגעהויבן אופקומען שרײַבערישע גרופּי־רונגען פון דער אַרבעטער־יוגנט, וועלכע האָבן געפונען שטיצע בא די שרײַבער־יעכידים, קעמפער פאַר פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

אָט די מאַמאָשעסדיקע און טיפע אָביעקטיווע ענדערונגען האָבן גע־בראַכט צו ליטעראַרישע שלאַכטן, וועלכע האָבן געפירט צו דער אויס־בילדונג פון באַזונדערע שרײַבערישע גרופּירונגען, וואָס אין זייער אוואַנ־גאַרד געפינען זיך די יִדישע סעקציעס פון די אָרגאַניזאַציעס פּראָלע־טאַרישע שרײַבער, דערין די יִדישע סעקציע פון „וואַפּ" מיטן שרײַ־בערשן אַרבעטער־יונגוואַרג, וואָס איז מיט איר פאַרבונדן און אַף וועלכער זי שטיצט זיך און דאַרף זיך שטיצן.

4. די ערשטע צײַט פון זייער עקזיסטענץ איז די פּראָלעטאַרישע ייִדישע שרײַבער־גרופּירונגען — ייִדסעקציע פון „מאפּפּ", ייִדסעקציע פון „וואפּפּ" אין ווײַסרוסלאַנד און „אַסאָציאַציע פון רעוואָלוציאָנערע ייִדישע שרײַבער אין אוקראַינע" — אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף אַפּן סאָוועטישן פראָנט, ד. ה. צו פאַרפעסטיקן דעם אַלגעמיין־סאָוועטישן כאַראַקטער פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין איר נײַעם פאָרמעלן שניט. אין דעמדאָזיקן קאַמף האָט זיך אינאַלגעמיין — בײַ פאַראַנענע און מעגלעכע אויסנאַמען — ווירקלעך פאַרפעסטיקט דער סאָוועטישער כאַראַקטער פון דער ייִדישער ליטעראַטור און עס האָבן זיך ענדגילטיק באַשטימט די גרענעצן צווישן די שרײַבערישע גרופּירונגען אין די ראַמען פונעם סאָוועטישן צוזאַמענשלוס.

5. נאָכדעם, ווי די פּראָלעטאַרישע ייִדישע שרײַבער־גרופּירונגען, דערין אויך די ייִדישע סעקציע פון „וווספּפּ", האָבן אויסגעפּילט זייערע אָנפאַנגלעכע אויפגאַבעס צו באַפעסטיקן דעם אַלגעמיין סאָוועטישן כאַראַקטער פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין פסס"ר בכלל און אין או.ס.ס"ר בפרט, איז זייער ווײַטערדיקע אויפגאַבע איבערצוגיין צו אַ העכערן עטאַפּ — צום עטאַפּ פון זעלבסטבאַשטימען זיך אַלס אָרגאַניזאַציעס פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער, שוין ניט בלויז לויט דער סוביעקטיווער אָריענטאַציע פון די שעפער, נאָר לויט דעם אָביעקטיוון אינהאַלט פון זייער שאַפונג.

דאָס באַציט זיך סײַ צום אידעאָלאָגישן צוגאַנג צום שטאָף, סײַ צו דער טעמאַטיק.

די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע אַלס אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, די ראַטנמאַכט אַלס דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער פירט נאָך זיך אַלע האָרעפּאַשנע שיכטן באַפעלקערונג, סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע און אַרבעטער־מאַכט, וועלכע מאַנעווירט בענוגייע צו דער קליינבירגערלעכער סטיכיע אין לאַנד און דער קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינגלונג פון דרויסן, די סאָציאַליסטישע איבערבויונג פון דער ייִדישער סוויווע, וואָס קומט פאָר אויף דרײַ אַרענעס: שטעטל — אָרגאַניזירונג און עקאָנאָמישע געזונטמאַכונג פון דער האָרעפּאַשנער אָרעמקייט, שטאָט — דער ייִדישער אַרבעטער באַם וואַרשטאַט און דער אויפקום פון נײַע קאַדרען ייִדישע אינדוסטריעלע פּראָלעטאַריער אין די

פאַבריקן און זאַוואָדן, און דאָס דאָרף—דאָס אופקומענדיקע ייִדישע פויערטום—דידאָזיקע דרייַ ארענעס און זייער ספּעציפישער געוויכט אין די פּראָצעסן פון איבערבויען דאס ייִדישע לעבן אפן וועג צום קאָמוניזם, אַלס דער איינציקער ענדציל,— אָט דאס זייַנען די הויפּט־שטריכן פון דעם אידעאָלאָגישן צוגאַנג, וועלכער איז א מוז פאר פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, איבער וועלכן שטאָף זי זאָל ניט אָפּערירן.

אין בענעגייע טעמאַטיק דארף דעקלאַרירט ווערן דער כויוו פאר דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אריינצופירן אין קרייַז פון קינסטלערישער אופמערקזאַמקייט און דיכטונג אויך דעם ייִדישן ארבעטער, דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, זייַן קאַמף אין די פארשיידנארטיקע פּראָצעסן, וואס קומען אין אים פאָר. דערבייַ איז פון איין זייַט, דארף די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור צו אָט דעם נייַעם שטאָף, ערשטנס, ניט צוגיין מיט סאַנטימענטאַלער אידעאַליזאַציע, און, פון דער צווייטער זייַט, אים באַנעמען ניט בלויז ווי א נאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, נאָר אַלס אן אָרגאַנישן טייל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטערשאַפט.

דאס מוז פאר דעם אָנקומענדיקן פּעריאָד זייַן דאס נייַע סייַ אין דער פּסיכאָ־אידעאָלאָגיע פון דער שאַפונג, סייַ אין איר טעמאַטיק, דערצו דארף די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור שטרעבן.

6. קעדיי צו פארברייטערן זייער דערפארונג און אופנעמען די אַלזייַטיקע דערפארונג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע אין אַלע אירע אנטפלעקונגען, דארפן די פּראָלעטאַרישע שרייַבער ארויסגיין פון זייערע אינדיווידועלע דאַלעדאמעס און זיך באַהעפטן צו די גרויסע פּראָלעטאַרישע קאָלעקטיוון, צו זייערע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, זיך אייַנגלידערן אין די מאַכט־און שאַפונג־קעמערלעך, ווו עס ווערט געשאַפן דער נייַער גייַסט פון קאָמוניסטישער קולטור און קאָמוניסטישן וועלט־באַנעם. פאר די נייַע קאַדרען שטייט דאָ אין דער ערשטער ריי אויך די אופגאַבע בייַצוקומען די צעך־באַציִונג צום שרייַבערישן ארבעטער־יונגוואַרג, וואס ברענגט מיט זיך נייַע דערפארונג, די אופגאַבע פון ווירקן אף זיי אין זין פון אויסשולן זיי און פון באַווירקט ווערן דורך זיי, אין זין פון זיך באַהעפטן צו א נייַער סוויווע פון ארבעטער־יוגנט. פאר דער שרייַבער־יוגנט שטייט דאָ די אופגאַבע זיך ניט אָפּצורייַסן פון זייער וואַרשטאַט־סוויווע, זיך ניט צו פארצעכוועןן — פון איין זייַט,

און צו לערנען זיך, צו קוואליפיצירן זיך אין זייער שרייבערישער מע־לאָכע — פון דער צווייטער זײַט.

7. פאַר ביידע פליגלען פון די אָרגאַניזאַציעס פראָלעטאַרישע שרײַבער — סײַ פאַר די קאַדרען, סײַ פאַר דער ארבעטער־יוגנט — שטייט די גרויסע אופגאַבע צו באַהערשן די פראָלעטאַרישע קולטור און די מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע וועלטאָנשויונג פונעם פראָלעטאַריאַט בא דער מאַכט. פון דער אנדערער זײַט, שטייט פאַר זיי די גרויסע אופגאַבע אין זין פון פראָפעסיאָנעלער אויסשולונג זיך טעכניש צו באַוואָפענען פון דעם גרויסן אלמענטשלעכן קינסטלערישן ארסענאַל. די יִדישע פראָלעטאַרישע ליטעראַטור דאַרף וויסן און באַהערשן דעם פראָצעס פון קינסטלערישן שאַפן, ווײַל די יִדישע ליטעראַטור אין ראַטנפארבאַנד וויל און דאַרף גיין האַנט בא האַנט איינעם מיט דער רוסישער און אוקראַיִנישער ליטעראַטור, וואָס האָבן אזוי פיל אופגעטאָן אין דעם געביט.

נאָר בא די אלע באַדינגונגען וועט די סאָוועטישע און פראָלעטאַרישע ליטעראַטור קאָנען ווערן איינער צווישן די פאַקטערן פון דער קולטור־רעוואָליוציע, וועגן וועלכער ס'האָט גערעדט וו. אי. לענין און וואָס אַלס א קאָנקרעטן לאָזונג פאַרן אָנקומענדיקן פעריאָד האָט ארויס־געשטעלט דער 14־טער צוזאַמענפאָר פון דער אל.ק.פ.(ב).

8. אין געביט פון באַציונגען צו אַנדערע גרופּירונגען פון דער סאָ־וועטישער יִדישער ליטעראַטור, דאָס הייסט, אין געביט פון ליטעראַ־רישער פּאָליטיק, האַלט די יִדישע סעקציע פון „וואָפּפּ", ווי א סעקציע פון „וואָפּפּ", פאַר איר כיוּוו צו פירן זיך שטרענג לויט דער רעזאָליוציע פון צ.ק. אל.ק.פ.(ב) וועגן ליטעראַטור־פּאָליטיק, ד. ה., אידייִשער קאַמף, כאַווערישע אופּווירקונג אף די אנדערע גרופּירונגען און שעפערישער געוועט מיט ווערק, וואָס זאָלן מער אויסנעמען סײַ מיט זייער אינהאַלט, סײַ מיט זייער פאָרם.

9. די מאַרקסיסטישע קריטיק האָט צו פאַרצייכענען גרויסע דער־גרייכונגען אפן געביט פון שטעלן די צענטראַלע פּראָבלעמעס פון דער יִדישע ליטעראַטור (פּראָגנאָס וועגן דער מעהוס פון דער פּאַראָקטיאַבער־ליטעראַטור, פּראָגנאָס פון דעם כאַראַקטער פון דער נאָכאָקטיאַבער־ליטעראַטור, ירושה און העגעמאָניע, סאָוועטישע און פּראָלעטאַרישע

ליטעראַטור), וואָס האט אריינגעטראָגן א געגוגנדע קלאַרקייט אין די אופגאבעס און וועגן פון דער סאָוועטישער און פּראָלעטאַרישער ליטע־ראַטור.

10. די מאַרקסיסטישע קריטיק אָבער איז ניט שטענדיק געשטאַנען אף דער וואַך און האָט ניט שטענדיק גענוג שאַרף באקעמפט די רעשט־לעך און קלוימערשט פאָרמאַליסטישע מעטאָדן אין דער ניט־מאַרקסיס־טישער קריטיק, וואס האט געשטערט דער אנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור.

11. עס פעלט לאַכלוטן די קריטיק וועגן די טאָג־טעגלעכע שאפונגען פון אונדוער סאָוועטישער ליטעראַטור, — א קריטיק, וואס דארף האלטן אין שטענדיקן פעסטן צוזאַמענשלוס דעם שרייבער מיטן לייענער און זיי אינפאָרמירן קעגנזייטיק.

12. א גרויסע און זייער וויכטיקע דערגרייכונג פון דער יידישער ליטעראַטור איז דער וווּקס פון דער יוגנטלעכער ליטעראַטור, וואס האט אין א גרויסער מאָס מיטגעהאָלפן אויסצובילדן א פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע בא א געוויסן טייל שרייבער".

אין דערדאָזיקער רעזאָלוציע זיינען באַנאַנד מיט אַ ריי ריכטיקע איינשטעלונגען פאַראַן היפּש פאַרפלאָנטערטע און פאַלשע פאָרמולירונ־גען. אזוי ווערט, צום ביישפּיל, אין פונקט 3 גערעדט וועגן אַ באַזונ־דערן צוזאַמענשלוס צווישן פּראָלעטאַריאַט און דעם האָרעפּאַשנעם קליינבירגערטום אין מאַסשטאַב פון דער יידישער סוויווע, וועגן אַ צוזאַמענשלוס, וואָס זאָל האָבן באַדינגט די דיפערענציאַציע אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור. דערביי פאַלט אינגאַנצן אַרויס אַזאַ וויכטיקער מאָמענט, ווי די ראָליע פונעם פּראָלעטאַריאַט אַלס העגעמאָן אין אָט דעם צוזאַמענשלוס.

אינעם פונקט 4 ווערט דורכגעפירט דער געדאַנק, אַז דעם ערשטן פּעריאָד פון זייער עקזיסטענץ האָבן די יידישע פּראָלעטאַרישע שריי־בער־גרופּירונגען (און די שרייבער, וואָס זיינען אַהין אַ־ייַנגעגאַנגען) נישט געשאַפן קיין פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור, זיי האָבן בלויז פאַר־פעסטיקט דעם אַלגעמיין־סאָוועטישן כאַראַקטער פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז נישט ריכטיק, ווייל שוין אין די ערשטע יאָרן

נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָבן מיר אָנגעזעענע שפּראָצונגען פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און צום 1927־טן יאָר, ווען די ערשטע „וואפּפּ“־קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען, האָבן מיר שוין געהאַט אזוינע אנגעזעענע פּראָלעטאַרישע שרײַבער, ווי פעפער, כאַריק א. אַנד.

אין פונקט 9, וווּ עס רעדט זיך וועגן דער ייִדישער מאַרקסיסטישער קריטיק, ווערן איבערגערעכנט אירע דערגרייכונגען גראַדע אין באַצוג צו אזוינע פּראַגעס, וואָס זײַנען אין דער מאַרקסיסטישער קריטיק פון יענער צײַט געווען פעלרהאַפט, ווי צ.ב., די פּראַגע וועגן ירושה און אנד. עס פעלט ביכלאַל אין דער רעזאָליוציע אויס דער קאָנקרעטער אַנאַליז סײַ פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור פאַר די 10 יאָר רעוואָליוציע, סײַ פון דער ייִדישער קריטיק אין ראַטנפאַרבאַנד. עס זײַנען אַבסאָליוט ניט אופגעדעקט געוואָרן די בורזשואַז־פּאָרמאַליסטישע טעאָריעס און אײַנשטעלונגען סײַ פון די קלײנבירגערלעכע קריטיקער, סײַ אין די אַרבעטן פון אייניקע אונדזערע מאַרקסיסטישע קריטיקער.

דעם צווייטן גרונט־פאָרזראַג וועגן די אופגאַבעס פון די ייִדסעקציעס „וואפּפּ“ האָט געהאַלטן דער כ׳ פעפער. פעפער האט אָנגעוויזן, אז די אַרבעט פון דער ייִדישער סעקציע באַם „וואפּפּ“ דאַרף גיין אין 3 ריכטונגען: לאַבאָראַטאָרישע אינערלעכע אַרבעט, פּאַרלאַג־אַרבעט און מאַסן־אַרבעט. אייניקע פּראָלעטאַריש־ליטעראַרישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך צופיל אָפּגעווענדט אָן א זײַט פון דער דירעקטער קינסטלערישער אַרבעט. זיי גיבן צײַטנווײַז אַרויס מער דעקלאַראַציעס, ווי דערציילונגען און לידער. אָנמערקנדיק איר אַרבעט־פּלאַן, דאַרף די ייִדישע סעקציע באַם „וואפּפּ“ זען אויסמײַדן דעמדאָזיקן געפערלעכן וועג. די סעקציע דאַרף אָרגאַניזירן אַן אינטענסיווע אינערלעכע לאַבאָראַטאָרישע אַרבעט, וואָס זאָל באַלויכטן דעם יונגן פּראָלעטאַרישן שרײַבער די אקטועלסטע פּראַגעס פון שאַפונג, העכערן זײַן קוואַליפיקאַציע, פאַרברייטערן זײַן דערפאַרונג. די סעקציע וועט סיסטעמאַטיש דורכפירן טעמאַטישע פאָרטראַגן, וועט אײַנשטעלן ליטעראַרישע דינסטיקן, אף וועלכע עס וועלן דורכגעפירט ווערן דיסקוסיעס וועגן פאַרשיידענע פּראַגעס פון שאַפונג, מע וועט פאָרלעזן די נײַע ווערק א. ד. ג.

אַפן געביט פון פאַרלעגערישער אַרבעט דאַרפן פון צײַט צו צײַט אַרויסגעגעבן ווערן אלמאַנאַכן (זאַמלביכער) מיט פּראָזע, לידער און

קריטישע ארטיקלען. די ייִדישע סעקציע וועט ארויסגעבן א זעלבשטענ־דיקן פּעריאָדישן זשורנאַל, וועלכער וועט באַלויכטן די פּראַגעס פון ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, געבן אינסטרוקטירנדיקן מאַטעריאַל אין געביט פון שאַפונג, באַלויכטן די שרייַבערישע פּראָפעסיאָנעלע פּראַגעס א. ד. ג״ל.

ניט ווייניקער וויכטיק איז די מאַסן־אַרבעט, וואָס די סעקציע וועט דורכפירן. די סעקציע וועט זען פּלאַנמעסיק צו באַדינען מיט ליטע־ראַרישע אָוונטן די שטעט און שטעטלעך, אין די גרעסערע שטעט איינאָרדענען ראַדיאָ־פאָרלעזונגען א. ד. ג״ל. באַזונדערס וועט שטיין פאַר דער סעקציע די פראַגע וועגן אָנפירן און דערציען די ליטעראַרישע יוגנט.

בײַ אונדזער ליטעראַרישער יוגנט באַמערקן זיך א ריי נעגאַטיווע אָפּנויגן. צווישן דער יוגנט איז שטאַרק פאַרשפּרייט די ליטגייַוועוע. באַם יוגנטלעכן שרייַבער באַמערקט זיך אָפּטמאָל א שעדלעכע זעלבסטצופרידנקייט מיט די ערשטע פּרווון און א ניט שטרעבן צו א פאַרפולקומונג, צו וויסן.

אין געביט פון מאַסן־ארבעט וועט די סעקציע זיך דאַרפן אויך ענג פאַרבינדן מיט די ארבקאָרן און אָרגאַניזירן פאַר זיי דעם ליטעראַרישן אינסטרוקטאַזש.

צום שלוס האָט דער פאָרטרעגער אָנגעוויזן אויף דער נויטיקייט צו פירן די ארבעט אין דער ענגסטער פאַרבינדונג מיט די אוקראַיִנישע ליטעראַטן, אויף דער נויטיקייט געבן איבערזעצונגען פון אוקראַיִניש אויף ייִדיש און העלפן די אוקראַיִנישע ליטעראַטן בײַם איבערזעצן פון ייִדיש אויף אוקראַיִניש.

אַפן צוזאַמענפאָר האָבן זיך באַטייליקט א גרויסע צאָל ייִדישע שרייַבער און ניט בלויז פון אוקראַיִנע, נאָר אויך פון מאָסקווע.

פון קיִעוו: די כ׳כ אי. פעפער, ד. האָפשטיין, א. אבטשוק, מ. אראָנסקי, א. פּיאַטיגאָרסקע, ש. שקאראָווסקי.

פון כאַרקאָוו: כ. גילדין, כאַנע לעווין, א. קאהאן. מ. לעוויטאן.

פון אָדעס: ש. בילאָוו, וואָראַבייטשיק.

פון מאָסקווע: מ. ליטוואקאָוו, ש. פערסאָוו. גאָדינער, ראבין.

פון בערדיטשעוו: ס. זשוקאָווסקי.

פון דניעפּראָפּעטראָווסק: אַלבערטאָן.

פון זשיטאָמיר — שאַמעס.

פון דער יוגנט: וויינערמאַן, טוזמאַן, קאָטליאַר, טאַלאַלאַיעווסקי, רעמיניק, גרינזייד, קאָזאַקעוויטש, סיטאָ, ווינצקי, טשערניאַווסקי, עליע גאָרדאָן, מאַרקוס א. אנד.

אויסער שרייבער זיינען אַפן צוזאַמענפאָר בייגעווען א גרעסערע צאָל געסט: אָנגעזעענע פּאַרטיי־כאַווערים, ארבעטער און קולטור־טוער פון פאַרשיידענע שטעט.

איינער פון די ביז גאָר וויכטיקסטע באַשלוסן פונעם צוזאַמענפאָר איז געווען דער באַשלוס וועגן ארויסגעבן א ליטעראַרישן זשורנאַל — אָן אָרגאַן פון דער יידישער סעקציע באַם „וואָפּפּ". דער דאָזיקער באַשלוס איז אין א קורצער צייט ארום רעאַליזירט געוואָרן. מאַרט 1928 האָט אָנגעהויבן דערשיינען א כוידעשלעכער זשורנאַל פון דער יידישער סעקציע באַם „וואָפּפּ" — „פּראָליט". די רעדאַקציע פון „פּראָליט" איז באַשטימט געוואָרן אין פאָלגנדיקן באַשטאַנד: אי. פעפער, כ. גילדין, מ. לעוויטאַן, ד. האָפשטיין און א. אבטשוק.

אַפן צוזאַמענפאָר איז אויסגעקליבן געוואָרן א ביוראָ פון דער יידישער סעקציע באַם „וואָפּפּ" אין באַשטאַנד פון פאָלגנדיקע כאַווערים: אי. פעפער, כ. גילדין, יאַנקל לעווין, ד. האָפשטיין, א. קאַהאַן. אַלס קאַנדידאַט — צ. טוזמאַן. אין סעקרעטאַריאַט פון „וואָפּפּ" זיינען אויסגעטיילט געוואָרן די כ"כ פעפער און גילדין.

די גרינדונג פון דער יידסעקציע „וואָפּפּ", דאָס אנטשטיין פונעם זשורנאַל „פּראָליט" עפנט אויף א נייַ בלעטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און ליטעראַטור־באַוועגונג אין אוקראַינע.

### 6־טער קאַפּיטל

# צו דער געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור־באַוועגונג אין ווײַסרוסלאַנד

## די ליטעראַרישע גרופּע „יונגער אַרבעטער"

אויב די געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור־באַוועגונג אין אוקראַיִנע און אין ר.ס.פֿ.ס.ר. איז נאָך א ניט צעאַקערט פֿעלד, און עס ווערן ערשט איצט געמאַכט די ערשטע טריט אף דעם געביט, האָבן מיר שוין וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור און ליטעראַטור־באַוועגונג אין ווײַסרוסלאַנד א גרעסערע אַרבעט. דאָס איז דעם כ׳ אָרשאַנסקיס בוך „די ייִדישע ליטעראַטור אין ווײַסרוסלאַנד נאָך דער רעוואָליוציע", וווּ דער אַוטער פּרוּווט אָנמערקן די ריכטליניעס פֿונעם קאַמף אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין ווײַסרוסלאַנד. ב. אָרשאַנסקי ווידמעט אפילע צוויי קאַפּיטלען דער געשיכטע פֿון דער ערשטער ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור־אָרגאַניזאַציע אין ווײַסרוסלאַנד נאָך דער רעוואָליוציע—דער „יונגן אַרבעטער", און קומט צום אויספֿיר, אַז די ייִדישע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור־באַוועגונג אין ווײַסרוסלאַנד איז דאָס וויגעלע פֿון דער גאַנצער פּראָלעטאַרישער ייִדישער ליטעראַטור־באַוועגונג אין ראַטנפֿאַרבאַנד. „אין דער געשיכטע פֿון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין ייִדיש אין גאַנצן פֿאַרבאַנד, זאָגט כ׳ אָרשאַנסקי, וועט גראַד דער ערשטער פּעריאָד פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין ווײַסרוסלאַנד שפּילן די ערשטע און די גרעסטע ראָליע" (ב. אָרשאַנסקי. „די ייִדישע ליטעראַטור אין ווײַסרוסלאַנד נאָך דער רעוואָליוציע", זײַט. 5). (מײַן קורסיוו. א. א.).

מיר איז שוין מיט א צײַט צוריק („פּראָליט" נומ. 10־9 1931 י.) אויסגעקומען שאַרף אַרויסצוטרעטן קעגן דער אַזויגערופענער „מינסקער שיטע", וועלכע ס'האָט געשאַפן דער כ' אָרשאַנסקי און וואָס באַשטייט אין דעם, אַז דאָס וויגעלע פון דער ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד איז מינסק, אַז אין ווײַסרוסלאַנד איז די ליטעראַטור געווען א דורכויס פּראָלעטאַרישע, און אַז אַלע קליינבירגערלעכע, קלאַסן־פרעמדע אַנטפּלעקונגען זײַנען אַהין אימפּאָרטירט געוואָרן פון אוקראַינע.

דעם כ' אָרשאַנסקיס טעאָריע וועגן דער „מינסקער שיטע" האָט, גאַנץ פאַרשטענדלעך, א שײַכעס אויך צו דער ליטעראַטור־באַוועגונג, צו די ליטעראַרישע אָרגאַניזאַציעס פון ייִדישע שרײַבער אין ווײַסרוסלאַנד. און דאָ וויל דער כ' אָרשאַנסקי, ווי געזאָגט, צושרײַבן דער יונגער ייִדישער ליטעראַטור־באַוועגונג אין ווײַסרוסלאַנד א ראָליע, וואָס אַנטשפּרעכט ניט דערווירקלעכקייט (באַ אַלע פאַרדינסטן פאַר דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, וואָס די ליטגרופּע „יונגער אַרבעטער" האָט געהאַט).

צי איז דער וועג פון קאַמף פאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין ווײַסרוסלאַנד אינגאַנצן אַן אַנדערער, ווי אין אַנדערע רעפּובליקן באַ אונדז?

מ'ר ווייסן, אַז די פּראָלעטאַרישע ייִדישע ליטעראַטור־באַוועגונג, דער קאַמף פאַר רעוואָליוציאָנערער ליטעראַטור נאָך אָקטיאַבער איז באַ אונדז אַנגעשטאַנען אײנײנעם מיטן אופקום פון דער קאָמוניסטישער און קאָמיוגישער פּרעסע. די ערשטע באָלשעוויסטישע פּרעסע־אָרגאַנען אָרגאַניזירן אָטאָ דעם קאַמף קעגן אַלע רעאַקציאָנערע רעשטלעך אין דער ליטעראַטור און קונסט. אויף דעם געביט האָט ווײַסרוסלאַנד היפּשע פאַרדינסטן, אָבער ניט קײַן קלענערע פאַרדינסטן האָבן א גאַנצע ריי אַנדערע באָלשעוויסטישע פּרעסע־אָרגאַנען אויף ייִדיש אין מאָסקווע און אין אוקראַינע. עס איז גענוג באַוווּסט די ראָליע פון „עמעס" אין דעם געביט, דאָסזעלבע פון דער באָלשעוויסטישער פּרעסע אין אוקראַינע.

מיט וואָס דען שיידט זיך דאָך אונטער דער אַנטוויקלונג־וועג פון דער ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין ווײַסרוסלאַנד?—מיט דעם, וואָס אין מינסק, אַשטייגער, ווו ס'איז פאַר דער רעוואָליוציע ניט געווען קײַן סימען פון קײַן ייִדישער ליטעראַטור און ליטעראַרישע ריכטונגען

(און דאָ איז דער כ׳ אָרשאַנסקי גערעכט), האבן די ערשטע שפּראָצונגען פון ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור נאָך דער רעוואָלוציע ניט באַגעגנט אזאַ אָרגאַניזירטן קאַמף מיצד דער קליינבירגערלעכער און בורזשואַזער ליטעראַטור און קריטיק, ווי דאָס איז געווען אין קיִעוו אין שפּעטער אין מאָסקווע (אינעם „שטראָם״־פּעריאָד). אָבער דערפון דאַרף מען ניט מאַכן קיין פאַלשן אויספיר, אז אין ווייסרוסלאַנד איז גלייך נאָך אָקטיאַבער און פריִער, ווי אומעטום, געבוירן געוואָרן א פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור, א פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור־באַוועגונג, ווי עס וויל פאַרשטעלן די זאַך דער כ׳ אָרשאַנסקי.

איז לאָמיר זיך טאַקע ווענדן צו די פאַקטן, וואָס קערן זיך אָן צו דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור־באַוועגונג אין ווייסרוסלאַנד.

מיר האבן אין א פריערדיק קאַפּיטל דערמאָנט וועגן דעם ארויסטריט פונעם וויטעבסקער זשורנאַל „כוואַליעס״ קעגן דעם עסטעטיזם פון דאָברושינען. וואָס איז שייך דעם ערשטן אָרגאַניזירטן פּרווו פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור־באַוועגונג אין ווייסרוסלאַנד, איז עס די ליטעראטור־אָרגאַניזאַציע „יונגער ארבעטער״, וואס איז פאָרמעל (לויט דער אָנגאָבע פונעם כ׳ אָרשאַנסקי) געשאַפן געוואָרן אין 1923־טן יאָר. פאַקטיש טרעפן מיר דערווייל קיינע סימאָנים פון טעטיקייט פון אָט דער גרופּע אין מעשעך פונעם 1923־טן יאָר. דאָס 1923־טע יאָר איז ביכלאַל דער אָנהייב פון דער אָרגאַניזירטער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור־באַווע־גונג אין ווייסרוסלאַנד. נאָיאַבער 1923 ווערט געגרינדעט דער ווייסרו־סישער „מאַלאַדניאַק״—די ערשטע פּראָלעטאַרישע שרייבער־גרופּע אין ווייסרוסלאַנד, וועלכע וואַקסט אין די נאָענטסטע פּאָר יאָר שטאַרק אויס, אנטוויקלט א ברייטע ארבעט אין דער פּראָווינץ. די ערשטע שפּורן פון ייִדישע פּראָלעטאַרישע יוגנטלעכע שרייבער־גרופּעס אין ווייסרוסלאַנד קערן צום 192׳ און באַזונדערס צו די יאָרן 1925־1926, ווען עס הייבט אָן אינטענסיוו צו ארבעטן די ליטגרופּע „יונגער ארבעטער״. דאס האָט א שייכעס סיי צו מינסק, סיי צו א ריי אנדערע גרעסערע שטעט אין ווייסרוסלאַנד, ווי האָמעל און אנד. אזוי איז צו אונדז דערגאַנגען א פּראָטאָקאָל פון דער ערשטער זיצונג פון א ליטגרופּע אין האָמעל אונטערן נאָמען „אָקטיאַבער־דאָר״ (דער נאָמען, דערעכאגעוו, דערמאָנט אינעם נאָמען, וואָס עס האט געטראָגן דער ייִדישער קאָמיוגישער

זשורנאַל אין אוקראַיִנע „ליבקנעכטס דאָר“, אָנהייב 1923, ארויסגעגאַן סאכאַקל איין נומער).

מיר ברענגען דאָ דעם פּראָטאָקאָל.

„ערשטע זיצונג פון 8־טן יאַנוואַר, 1924 יאָר.

גרופּע „אָקטיאַבער ־ דאָר“.

עס נעמען אָנטייל די כ״כ בילאָוו, יאָפּע, פּאָדאָלסקי, סערעבריאַני און פרידמאַן.

געהערט:

כ׳ בילאָוו.

1) אין דער גרופּע קענען אָנגענומען ווערן נאָר אזוינע, וועלכע ווייַזן ארויס געוויסע פיי־יִקייטן אף וואָסער ניט איז געביט פון ליטעראַטור, און וועלכע זייַנען דורכגעדרונגען מיט דער רעוואָליוציאָנערער קלאַסן־אידעאָלאָגיע פונעם ארבעטער ־ קלאַס.

2) די גרופּע „אָקטיאַבער־דאָר“ שטעלט זיך פאר אן אויפגאבע צו שטודירן די ייִדישע און ניט־ייִדישע ליטעראַטור, קלייַבט אויך פאנאַנדער שאַפונגען פון די אייגענע מיטגלידער פון דער גרופּע.

3) די גרופּע שטעלט פאר זיך פאַר א ציל צו פארשפרייטן דאָס געדרוקטע וואָרט און אויפהייבן דעם געשמאַק פונעם ייִדישן ארבעטער־לעזער דורך דעם קינסטלערישן וואָרט.

באַשטימט:

1) באפולמעכטיקן די כ״כ בילאָוו און סערעבריאַני זיך אדורכריידן מיט דער ייִדישער סעקציע באַם גובקאָם וועגן דער ארבעט פון דער גרופּע „אָקטיאַבער־דאָר“.

2) שטעלן זיך פאַר אן אויפגאבע צו שטודירן די ערשטע צייַט די נייַע ייִדישע דיכטער, פארטיפערן אירע קענטענישן, קעדיי אליין פּראָדוצירן.

3) די קומענדיקע זיצונג באַשטימען אף זונטיק דעם 13־טן יאַנוואַר. אַלע כאַווײרים מוזן צו דער צייט דורכלייענען מאַני לייבס לידער אף זייַט 90 — 102. א פארטראג געבן דעם כאַווער פּאָדאָלסקי.

| | |
|---|---|
| באמערקונג 1. די גרופּע דאַרף אויך אָפּט איינאָרדענען ליטעראַרישע אָוונטן, ווו עס זאָלן פּאַנאַנדערגעקליבן ווערן אייגענע און פרעמדע שאַפונגען. באמערקונג 2. זיך פאַרנעמען מיט איבערזעצונגען פון פאַרשיידענע רעוואָליוציאָנערע קינסטלערישע ווערק, קעדיי באַרייַכערן די יידישע ליטעראַטור. | |
| 4. שאַפן מעגלעכקייטן פאַר דרוקן אייגענע שאַפונגען. | 4) צייַטווייַליק ווערט באַשטימט אַלס סעקרעטאַר דער כ' סערעבריאַני". |

די איינשטעלונג פון דער גרופּע איז, ווי ס'איז צו זען פון דער פאָרמולירונג אין פּונקט נומ. 1., א קראָלעטאַרישע, אַ רעוואָליוציאָנערע. וואָס איז שייַעך דער טעטיקייט פון דער ליטגרופּע „יונגער ארבעטער" אין מינסק גופּע, הייבט זי אָן זיך צו פילן סאָף 1924־טן און באַזונדערס אין 1925 יאָר.

אין אן אַרטיקל פון אל. ס. „אין קאַמף פאַר דער נייַער קולטור" אין „יונגער ארבעטער" פאַר דעם 11/29—1924־טן יאָר ווערט גערעדט וועגן די ערשטע שריט פון דער ליטגרופּע „יונגער ארבעטער". דער אווטער פונעם ארטיקל לייגט גרויסע האָפענונגען אף דער גרופּע.

א פּראָטאָקאָל פון דער מינסקער ביוראָ פון דער ליטגרופּע „יונגער ארבעטער" פאַרן 27־טן יאַנוואַר 1925־טן (דער פּראָטאָקאָל איז לויט דער ריי דער ערשטער) זאָגט אונדז איידעס וועגן דעם, אז די גרופּע געפינט זיך אין אָרגאניז ר־פּעריאָד.

מיר ברענגען דאָ דעם טעקסט פון פּראָטאָקאָל.

„27־טער יאַנוואַר, 1925 י.

זיצונג פון ביוראָ פון דער ליטעראַרישער גרופּע „יונגער ארבעטער".

די ביוראָ אין פולן באַשטאַנד: טייף, גאָלדמאַן, סערעבריאַני.

אפן טאָג־סיידער פּאָלגנדיקע פּראַגעס:

א) וועגן אויספילן דעם פּלאַן פון אינעווייניקסטער און אויסערלעכער ארבעט.

ב) וועגן פארבינדונג מיט מאָסקווע.

ג) וועגן דיסציפּלין און

ד) לויפנדע פּראַגעס.

1. אויסערלעכע ארבעט.

א) וועגן די פּאָרמעלקייטן פון אָנקומען — אַן אנקעטע מיט געהעריקע פּראַגעס (נאָמען, פאמיליע, עלטער, שטענדיקע און איצטיקע באשעפטיקונגען, ווען אָנגעהויבן שרייבן, פאָרם פון שרייבן, בילדונג, פּאַרטייישקייט, מיט וועלכער נאציאָנאַלער ליטעראַטור באקאנט).

ב) וועגן וווּקס — דריי קוואַלן: 1. ייִדפּעדטעכניקום, באפולמעכטיקט ווערט כ׳ רובינע. 2. ארבקאָרן — באפולמעכטיקט — כ׳ רובינטשיק. יונקאָרן — כ׳ גאָלדמאַן. 3. אונטערנעמונגען — אַלע מיטגלידער פון גרופּע, פארנומענע אין דער פּראָדוקציע.

ג) וועגן אָוונט פון ערשטן מאַרט. דער דראַמאַטיש־טעכנישער טייל — באפולמעכטיקט כ׳ גאָלדמאַן, ליטעראַריש־טעכנישער — טייף און סערעבריאַני. פּראָגראַם: צוויי פּאָרטראגן, אילוסטראטיווער מאטעריאל, פּאָעזיע און פּראָזע, דראַמאַטישער טייל (פּיעסקע).

ד) דרוק־ארבעט — ארויסגעבן א זייטל (אָפּהענגיק פון מאַטעריאל) צום ערשטן מאַרט.

ה) וועגן פאַרבינדונג מיט די ארבקאָרן און יונקאָרן — פּריצייטיק.

ו) וועגן פאַרבינדונג מיט די ליטעראַרישע קייכעס („מאָלאָדניאַק”) — זיך טוישן מיט פּאָרשטייער צוליב אינפּאָרמאַציע און געמיינזאַמער ארבעט.

ז) וועגן פארבינדונג מיט דער פּעריפעריע. — דער כ׳ טייף ארבעט אויס א ווענדונג אין פּאָרם פון דער אלגעמיינער אנקעטע.

2. אינערלעכע ארבעט.

א) וועגן שפּראַך־קענטעניש. — די ביוראָ אנערקענט פאר אומבאדינגט נייטיק און נוצלעך דעם אָנגעמערקטן ציקל לעקציעס פונעם כ׳ האָלמשטאָק וועגן שפּראַך.

ב) וועגן סיסטעמאַטיזירן די קונסט־דערלערנונג—בעטן דעם כאַוואַ
האַלמשטאָק אויסאַרבעטן א פּלאַן פון רעפּעראַטן וועגן קונסט און ריכ
טונגען.

ג) די באַציונג צו די פּעריאָדישע און נײַסטע ליטעראַטור־שאַפונגען—
אַקטיוו רעאַגירן אויף אַלע ליטעראַרישע נײַעסן. אויף דער נאָענטסטער זי־
צונג צוגרייטן א פּאָרטראַג וועגן איציק פעפער, פינינבערג און אַנדערע.

3. וועגן פאַרבינדונג מיט מאָסקווע.

באַשטימט צו שיקן די אָנגענומענע אויף דער זיצונג פונעם 25־טן יאַנוואַר רעזאָלוציע אין „עמעס", אין פאַרוואַלטונג פון „וואפּפּ" מיט אַן אינפאָרמאַציע־בריוו. צו דער אַרבעט ווערט צוגעצויגן דער כ׳ טייף".

ווי מיר זעען פונעם פּראָטאָקאָל, שטעלט די גרופּע אײַן געוויסע פאָרמען פון אָנעמען מיטגלידער, פאַרבינדט זיך מיט מאָסקווע. אין א צווייטן פּראָטאָקאָל פון דערזעלבער ביוראָ, דאַטירט דעם 3/2־1925, ווערט געשטעלט די פראַגע וועגן דער שעפערישער אַרבעט. אין א פּונקט „וועגן מעטאָד פון פּאַנאַנדערקלײַבן שאַפונגען" ווערט געקעמפט קעגן וווּלגאַרער קריטיק בעיס די פאַרלעזונגען פון אייגענע ווערק. מיר ברענגען דאָ דעם פּונקט:

„אויסצוג פון פּראָטאָקאָל פון 3־טן פעווראַל, 1925 י.

וועגן מעטאָד פון פּאַנאַנדערקלײַבן שאַפונגען.

די ביוראָ קאָנסטאַטירט, אַז די דעבאַטן, וועלכע זיינען ביז אַהער געפירט געוואָרן אַרום וואָסער ניט איז שאַפונג, האָבן ניט אַנטשפּראָכן די צילן פון זאַכלעכקייט און קאָנקרעטקייט און אַזויאַרום פלעג בלײַבן נעפלדיק דער כאַראַקטער פון דער שאַפונג. אויף ווײַטער מוז אָט דער צוגאַנג באַזײַטיקט ווערן. צו דעם איז נויטיק, אַז די כאַווײרים זאָלן זיך באַצײַטנס באַקאַנען מיט די מאַטעריאַלן, וועלכע דאַרפן געלייענט ווערן צו דער נאָענטסטער זיצונג, מיט א פּאָר טעג פריִער (די אָרדע־נונג פון דעם איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן אינעם פּראָטאָקאָל נומ. 1).

די ביוראָ באַשטעטיקט דעם צוגאָב־פאָרשלאַג פונעם כ׳ טייף, אַז צו א גרעסערער, לויטן פאַרנעם, אַרבעט ווערט צוגעצויגן א כאַווער, וועלכער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אויסשעפּנדיקער באַהאַנדלונג פון דער שאַפונג. די כאַווײרים מוזן זיך אָפּזאָגן פון די ניט פאַראַנט־

וואַרטלעכע און וואולגאַרע אויסדרוקן און מוזן צוגיין צו דער אָפּשאַצונג מיט כאַוועריִשער קריטיק".

פון אַן ענטפער־בריוו דעם מאָסקווער „מאַפּפ", וואָס עס שיקט די ביוראָ פון „יונגן אַרבעטער" אין פעברואַר 1923, איז צו זען, אַז די ליטגרופּע האָט זיך געפונען אין סטאַדיע פון אָרגאַניזירן. אינעם בריוו ענטפערט די ביוראָ פון „יונגן אַרבעטער", אַז זיי זיינען ניט בעקויעך איצט זיך פאַרבינדן מיטן פאַריין פון רעוואָלוציאָנערע דראַמאַטורגן, ווייל „אונדזער אָרגאַניזאַציע געפינט זיך נאָך אין פּראָצעס פון אָרגאַניזירן".

די ליטגרופּעס, וואָס האָבן זיך געשאַפן אַרום דער קאָמיוגישער צייטונג „יונגער אַרבעטער", זיינען באַשטאַנען דעריקער פון אַרבעטער־יוגנט, ס'רוב קאָמיוגיסטן.

אין דער מינסקער גרופּע „יונגער אַרבעטער" איז אין יענער צייט אַריינגעגאַנגען מ. טייף, י. גאָלדמאַן, י. סערעבריאַני, העלמאַנד, ליפּשיק, רובינע, מילער און אַנד. שפּעטער פאַרגרעסערט זיך די גרופּע אַפּן כעזשבן פון כאַווייירים, וואָס קומען אָן קיין מינסק פון דער פּראָווינץ, ווי אויך פון אוקראַינע.

שפּעטער פּילט מען אין יענעם פּעריאָד די גרופּע „יונגער אַרבעטער" ווייניק. אויסער מ. טייף, וועלכער דרוקט זיך אָפּט אין „יונגער אַרבעטער", זעלטענער—י. גאָלדמאַן, ש. העלמאַנד, טרעפן מיר ניט ביזן 1926־טן יאָר קיין אָרגאַניזירטן אַרויסטריט פון דער גרופּע אין „יונגן אַרבעטער". די ערשטע אָרגאַניזירטע אַרויסטרעטונג פון דער גרופּע איז די זאַמלונג „קעפּ" (דערשינען אָנהייב 1926־טן יאָר). אַ גרויסע ראָליע האָט אָפּגעשפּילט אינעם אויפלעבן די אַרבעט פון דער ליטגרופּע די יידסעקציע „מאַפּפ" (מאָסקווע), וועלכע האָט געהאַלטן פאַרבינדונג מיט דער גרופּע און האָט איר די גאַנצע צייט געהאָלפן.

מיטן אַריבערפאָרן פון כ' ב. אָרשאַנסקי און באַזונדערס פון י. בראָנשטיין פון מאָסקווע קיין מינסק, ווערט פאַרשטאַרקט די אַרבעט פון דער ליטגרופּע „יונגער אַרבעטער".

פון אַן אָפיציעלן בריוו פון י. בראָנשטיין (10־3־1925) אין דער יידסעקציע „מאַפּפ" גלייך נאָך זיין קומען קיין מינסק (האַרבסט 1925)

דערוויסן מיר זיך וועגן דער לאגע אין דער ליטגרופע „יונגער ארבעטער". כ' י. בראָנשטיין שרײַבט:

„איך האב געהאט א זיצונג מיט דער ביוראָ פון „יונגער ארבעטער". איך האב זיך באקאנט גענוי מיט דער לאגע (די אינערלעכע און די אויסערלעכע). די ביוראָ האט צוגעשטימט צו די רעזאָליוציעס, וואס די ביוראָ פון „מאפפ" האט ארויסגעטראָגן אין אלע פראגעס, וואס זיינען לעצטנס געשטאנען אף דער זיצונג פון ביוראָ פון יידסעקציע „מאפפ". די יאַטן זײַנען לעבעדיקע, ענערגישע כעווערלײַט, זיי האבן מיט אומגעדולד געוואַרט אף מײַן קומע. מאָרגן וועל איך האלטן א פאָרטראג אף דער פארזאַמלונג פון דער גרופע „יונגער ארבעטער" וועגן די אופגאבעס, וואס שטייען פאָר דער גרופע. די נאָענטסטע טעג וועלן מיר צוטרעטן צו דער ארבעט. איך האב בעדייע צו אָרגאניזירן א מין שול פאר דער גרופע. אין דערדאָזיקער שול וועט מען לערנען ליטעראטור, מארקסיסטישע קונסט־וויסנשאפט, לייענען ווערק פון אָנפאנגער און אז. וו."...

אין א צווייטן בריוו (פון 11/4־1925) באריכטעט י. בראָנשטיין וועגן שעפערישע דערגרייכונגען פון דער גרופע. ער שרײַבט:

„אונדזערע מינסקער ארבעטן אינטענסיוו. אין נומ. 3 „שטערן" האבן זיי 3 זײַטלעך לידער (פּראָזע—Нема), דער זאמלבוך „קעפ" וועט זײַן פארטיק צו דעקאַבער. אכוץ דעם שרײַבט טייך א פּאָעמע „ווײַסרוסלאנד" (פאר אײַך), גאָלדמאן, העלמאנד, ליפשיץ און א פּאָר פון דער פּראָווינץ שרײַבן אויך, אָבער אלץ לידער (פּאָשעט אן אָנשיקעניש)... געזעלשאפטלעכע זיינען מיר דאָ א גרויסער קויעך".

מיר האבן שוין אין א פריערדיקן קאפיטל אָנגעוויזן אף דעם, אז באלד נאך דער שפאלטונג צווישן די יידישע שרײַבער אין מאָסקווע, ווען עס בילדעט זיך אויס די יידסעקציע „מאַפפ" און די „ניײַערד"־גרופע, באקומט די יידסעקציע „מאפפ" א פעסטונג אין ווײַסרוסלאנד. דער זשורנאל „שטערן", וואס הייבט אָן אין 1925־טן יאָר צו דערשײַנען

אין מינסק, ווערט פאקטיש דער אָרגאן פון דער ייִדישער פּראָלעטאַרי־שער ליטעראַטור אין גאנצן פאַרבאנד. צווישן דער מאָסקווער פּראָלע־טאַרישער ייִדישער ליטעראַטור־באַוועגונג און דער ווײַסרוסישער איז דער ענגסטער קאָנטאַקט. א צײַט רעדאַגירן די כ״כ קושניראָוו און וועוויאָרקע פון מאָסקווע דעם קינסטלערישן אָפּטייל אין „שטערן". די גרופּע „יונגער אַרבעטער" גייט אַרײַן אין „מאפּפּ", זי פירט א גרויסע שעפערישע און מאַסן־אַרבעט אין ווײַסרוסלאַנד, זי נעמט אויך אן אקטיוון אָנטייל אין אָרגאַניזירן די גאנצע ליטעראַטור אין ווײַסרוסלאַנד. פון א ווײַטערדיקן בריוו ־ באַריכט, געשריבן פון י. בראָנשטיין אין ייִדסעקציע „מאפּפּ", ווערט קלאָר די אַרבעט פון דער מינסקער גרופּע „יונגער אַרבעטער" סאָף 1925־טן יאָר.

„איך וועל אײַך אָפּגעבן א שטיקל באַריכט פון אונדזער אַרבעט—שרײַבט י. בראָנשטיין,—אין צענטער פון אונדזער אַרבעט שטייט איצט די פאַר־בינדונג מיט די ערטער און די אַרבעט אין מינסק גופא. מיר האָבן שוין באַוויזן אײַנצואָרדענען א ריי אָוונטן. דער לעצטער אָוונט איז געווען אין „לענין־קלוב". דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט. וועגן „אָקטיאַבער" און „ניי־ערד" האָבן גערעדט אָרשאַנסקי און איך. מיר אָרדענען אײַן דעם נאָענטסטן כוידעש צוויי פאָרלעזונגען,—וועגן דער רעזאָלוציע פון צ״ק ר.ק.פּ. און וועגן דער פּראָבלעם פון רעוואָלוציאָ־נערער ראָמאַנטיק אין דער ייִדישער ליטעראַטור. וועגן דער לעצטער פראַגע וועט שמועסן אָרשאַנסקי.—ער אַרבעט איצט איבער דערדאָזיקער פראַגע... דער מינסקער אוילעם וואַרט מיט אומגעדולד אויף זאַמלבוך פון דער מינסקער גרופּע „קעפּ", געווידמעט די געפאַלענע קאָמיוניסטן אין פּוילן. דאָס ביכל וועט אַרויסגיין אין א כוידעש אַרום. איך האָב די לידער געלייענט (קיין פּראָזע איז ניטאָ). דאָס ביכל וועט אָן א שום סאָפעק זיין א זיג... די טעג הייבט זיך אָן פאָרזעצן די אַרבעט פון שאַפן דעם פאַרבאַנד פון אַרבעטער ־ פּויערשע שרײַבער פון ווײַס־רוסלאַנד. אינעם דאָזיקן פאַרבאַנד וועט אַרײַנגיין אויך דער „יונגער אַרבעטער" אַלס סעקציע... מיט דער פּראָווינץ זײַנען מיר גוט פאַרבונדן. עס קומען צו נײַע יאַטן, אַלץ יונגע אַרבעטער, מיט וועלכע מע דאַרף נאָך אסאַך אַרבעטן. אַף דער באַראַטונג פון די ייִדסעקציעס

האבן מיר געפּויעלט מע זאָל שטיצן אונדזער גרופּע מיט אַלע קויכעס. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם שיקט מען איבער אין אונדזער רעשוס א כאַווער וויטענזאָן—אַן ארבעטער־קאָמיוגיסט—פון דער פּראָווינץ. ער וועט איצט שוין ארבעטן אין מינסק און זײַן אין אונדזער גרופּע. צו דער באַראַטונג פון ייִדסעקציע פון „וואפּפּ" וועט ווײַסרוסלאַנד זײַן אָרגאַניזירט. אָבער וואָס טוט מען מיט אוקראַיִנע"?

דער ערשטער אָרגאַניזירטער שעפערישער ארויסטריט פון דער גרופּע איז, ווי געזאָגט, געווען די לידער־זאַמלונג „קעפּ" (1926) געווידמעט די קאָרבאָנעס פונעם ווײַסן טעראָר. אין דער זאַמלונג האָבן גענומען אַן אַנטייל די דיכטער: מ. טייף, ש. העלמאַנד, ה. קאַמענעצקי, מ. ליפשיץ, י. גאָלדמאַן, י. קאַנטאָר, ע. סאַוויקאָווסקי, י. וויטענזאָן, ב. אָלעווסקי, ה. טוזמאַן.

דער כ' ב. אָרשאַנסקי האָט פאַר דער זאַמלונג אָנגעשריבן א פאָרוואָרט, ווו ער האָט אינקורצן כאַראַקטעריזירט דעם וועג, וואָס די גרופּע האָט דורכגעמאַכט.

ער האָט געשריבן:

„אונדזער גרופּע „יונגער ארבעטער" מאַכט דעם ערשטן, זעלבשטענדיקן אָרגאַניזירטן ארויסטריט. צום ערשטן מאָל גייט זי ארויס מיט א ביכעלע לידער.

די דאַטע איז פאַר אונדזער גרופּע אין אַלע הינזיכטן א היסטאָרישע. אָנגעהויבן פון איינעם, צוויי יונגע ארבעטער, אָנגעהויבן פון א פּאָר שוואַכע לידלעך, וואָס פלעגן פון צײַט צו צײַט דערשײַנען אין „וועקער" און „יונגער ארבעטער", איז אונדזער גרופּע אין פאַרלויף פון די לעצטע צוויי יאָר באַדײַטנדיק אויסגעוואַקסן. זי איז געוואַקסן אין צאָל, זי האָט ארום זיך גרופּירט דאָס פּראָלעטאַרישע, געזונטע, דאָס צאַפּלדיק־יונגע; זי האָט אויך געוועקט און טיילווײַז אָרגאַניזירט אונדזער ווײַסרוסלענדישע פּראָווינץ, כאָוועןדיק און וואַרעמענדיק אויך דאָרט יונגע, פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור־קויכעס.

אויסער אין צאָל איז אָבער אונדזער גרופּע „יונגער ארבעטער" געוואַקסן אויך אין הינזיכט פון פאָרמעלע דערגרייכונגען. נאָך גאָר ניט לאַנג זיינען די שורעס, די גראַמען, די פערזן פון אונדזערע יונגע

פּאָעטן געווען אזוי קינדעריש־אומבאהאָלפן, אזוי ניט-זיכער, אזוי אָנ־פאנגעריש־שוואך... איצט מערקט זיך שוין אָן בא אייניקע פון אונד־זערע פּאָעטן זיכערע טריט, עס הייבט שוין אָן פארגיין די שווערע אומבאהאָלפנקייט, עס הייבט זיך אָן אויסצושמידן א באשטימטער אייגנ־ארטיקער סטיל".

און אינדערעמעסן, די זאמלונג „קעפּ" האט דעמאָנסטרירט א נייַע גרופּע יונגע שרייַבער, וואס זיינען געקומען פון פּראָלעטאריאַט, פון קאָמיוג. באגלייַך מיט דער „יונגוואלד־גרופּע" אין מאָסקווע, מיט די גרופּעס „יונגע גווארדיע" אין אוקראַינע, האבן מיר דאָ געהאט צו טאָן מיט די רעזערוון פאר וואקסנדיקער יידישער פּראָלעטארישער ליטע־ראטור.

דאָס יאר 1926 איז א יאָר פון אינטענסיווער ארבעט אין דער ליט־גרופּע „יונגער ארבעטער". ערשטנס, וואקסט די ווירקונג פון דער גרופּע אין דער פּראָווינץ. אין א ריי שטעט ווערן געשאפן ליטגרופּעס, וועלכע האבן פארבינדונג מיט מינסק. אזוינע גרופּעס זיינען געשאַפן גע־וואָרן אין מאָזיר, וויטעבסק, פּאָלאָצק און אנד. אין דער צייטונג „יונ־גער ארבעטער" 1926 לייענען מיר א קאָרעספּאָנדענץ וועגן דער ארבעט פון דער מאָזירער אָפּטיילונג פון דער ליטגרופּע „יונגער ארבעטער". דער קאָרעספּאָנדענט שרייַבט:

„ניט לאנג האט זיך אין מאָזיר אָרגאניזירט אַן אָפּטיילונג פון דער ליטגרופּע „יונגער ארבעטער". די גרופּע ציילט אָן 12 כאוויירים. עס איז שוין פאָרגעקומען די אָרגאניזאציאָנעלע פארזאמלונג פון דער גרופּע.

מיר האבן אויסגעאַרבעט א פּלאַן פון ארבעט און אויסגעקליבן א ביוראָ, אין וועלכער עס איז אויך ארייַן א מיטגליד פון יידביוראָ באם קרייַז־קאָמיטעט ל.ק.יו.פ.

אונדזער ליטגרופּע, אלס אַן אָפּטיילונג פון דער ליטגרופּע „יונגער ארבעטער", האלט פאר נויטיק צו האלטן א סיסטעמאטישע פארבינדונג מיט איר. אייַנצייַטיק בעטן מיר, מ'זאָל אונדז געבן אָנווייַזונגען אין אונדזער טאָגטעגלעכער ארבעט.

אין דער נאָענטסטער צײַט רעכנען מיר אַ־ינאָרדענען אן אָוונט געווידמעט דער עפענונג פון דער ליטעראַרישער גרופּע.

„אזיר, פ. כאַזאַנאָוו"

אין א צווייטער קאָרעספּאָנדענץ פון י. בוכבינדער דערוויסן מיר זיך וועגן דער ארבעט פון וויטעבסקער ליטגרופּע.

„אונדזער ליטעראַרישע גרופּע ארבעט שוין 6 כאדאָשים. די ערשטע צײַט איז זי באשטאנען נאָר פון יאַטן פון יידפּעדטעכניקום. אונדזער ארבעט פלעגן מיר דורכפירן אין א קליינעם צימערל פון טעכניקום.

אין עטלעכע וואָכן ארום האָבן מיר די גרופּע רעאָרגאניזירט אין אן אלשטאָטישן מאַסשטאַב, באם כײַקין־קלוב. מיר האָבן ארײַנגעצויגן ארבעטער־יאַטן מיט ליטעראַרישע פייִקייטן און אָנגעהויבן ארבעטן. מיר קלײַבן פאנאנדער די שאפונגען פון אונדזערע כאווירים, דעם זשור־נאל „שטערן" און „רויטע וועלט". עטלעכע מאָל האָבן מיר אײַנגעאָרדנט ליטעראַרישע אָוונטן פאר די שניידער. די ארבעטער האָבן זיך באַ־טייליקט אין די אָוונטן גאנץ אקטיוו.

איצט קלײַבן מיר פאנאנדער צוזאַמען מיטן כ' ראָזנצווײַג, ווי מע דארף בויען א ליד אָדער א דערציילונג. די ארבעט פון דער גרופּע גייט דורך זייער לעבעדיק.

יאָסל בוכבינדער"

29-5 1936

די ליטגרופּעס טיילן זיך אויס דערמיט, וואס זיי אָריענטירן זיך גרעסטנטייל אף ארבעטער־יוגנט און גייען די גאנצע צײַט איינעם מיט דער פּראָלעטארישער ליטעראַטור־באוועגונג אין לאנד („וואפּפּ").

פון אפּריל 1926 הייבט אָן בא דער צײַטונג „יונגער ארבעטער" דערשײַנען א רעגולער ליטעראַריש זײַטל פאר אָנפאנגער, וואס ווערט רעדאגירט דורך דער גרופּע. ארום דעם ליטעראַרישן זײַטל הייבן זיך אָן צו קאָנצענטרירן א גרעסערע צאָל שרײַבערישער יונגוואַרג סײַ פון מינסק, סײַ פון דער פּראָווינץ.

אין די ליטעראַרישע זײַטלעך נעמען אין מעשעך פון 1926־טן יאָר אן אנטייל א ריי יוגנטלעכע אָנפאנגער: אײַזיק קאַהאן, בוכבינדער,

יאַנקעלעוויטש, קאהאנאָוו, מאלטינסקי, מילנער, טאלאלאי, לאסקער, בערעזאָווסקי און אנדערע.

אָנהייב 1926 נעמט אונטער די גרופּע „יונגער ארבעטער" א ליטע־ראַרישע זאמלונג „ווײַסרוסלאנד", ווו עס דארפן נעמען אן אנטייל אלע יידישע שרײַבער, געבוירענע אין ווײַסרוסלאנד. אָבער די זאמלונג איז צוליב אומבאקאנטע סיבעס ניט צושטאנד געקומען.

אין הארבסט 1926 נעמט אף זיך די מינסקער גרופּע „יונגער אַר־בעטער" די אופגאבע צו שאפן אן אָרגאניזאַציע פון יידישע פּראָלע־טארישע שרײַבער אין ווײַסרוסלאנד. א גרונט דערצו איז געווען: דער וווּקס פון די יונגע ליטעראַרישע קויכעס, די פאנאנדערוויקלונג פון די ליטקרײַזן אין דער פּראָווינץ. אָטאָ די נײַע אופגאבעס האט די קאָנ־סולטאַציע־ביוראָ פון דער ליטגרופּע „יונגער ארבעטער" פאָרמולירט אין אן ארטיקעל פארן 8־6־1926 אונטערן נאָמען „אָרגאַניזירטע ליטעראטור".

„אָרגאַניזירן אונדזער מאַסעוון ליטעראַריש־אָנפאנגערישן און לייענע־רישן ארום—דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע אופגאבעס, וואס ווערן געשטעלט האַיאָר פאר דער מינסקער ליטגרופּע „יונגער ארבעטער".

שוין פאראַיאָרן איז די מינסקער ליטגרופּע „יונגער ארבעטער", אלס די איינציקע אָרגאניזירטע גרופּע פון יידישע פּראָלעטארישע שרײַ־בער אין סאָוועטן־ווײַסרוסלאנד, געוואָרן דער צענטער, צו וועלכן ס'האבן זיך געצויגן נאָך הילף און כאוועריסער אייצע פארשיידענע ליטגרופּעס און אָנפאַנגער־יעכידים פון אונדזער פּראָווינץ. פון פארשיי־דענע פונקטן פון ווײַסרוסלאנד פלעגט די מינסקער ליטגרופּע באקומען אָפּטע ביטעס—ענגער זיך צוזאמענבינדן, ארויספאָרן אף אָוונטן, אינ־סטרוקטירן אין דער ארבעט א. א. וו.

וואס אָבער האט געקאָנט טאָן די מינסקער ליטגרופּע?

זי איז דאָך אָקאָרשט אליין צוגעטראָטן צו סיסטעמאטישער אָרגא־ניזירטער שעפערישער ארבעט, אָקאָרשט געמאכט די ערשטע שריט אף צו אָרגאניזירן די מינסקער קויכעס, צום ערשטן מאָל געגרייט זיך „ארויספאָרן" אָרגאניזירטערהייט אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט,

צום ערשטן מאָל אויסגעפּרוּווט פאַרשיידענע אַרבעט־מעטאָדן, דערצו נאָך איז די מינסקער ליטגרופּע מאַטעריעל ניט געווען באַזאָרגט און פּאָשעט ניט געהאַט קיין הויצאָעס אָף צו פירן אַ סיסטעמאַטישע אָרגאַניזיר־אַרבעט אין אַלווייַסרוסישן מאַסשטאַב.

די אָרגאַניזיר־אַרבעט אין דער פּראָווינץ האָט דעריבער ביז איצט געמוזט זייַן אַ באַגרענעצטע און אָפּקומען בלויז מיט צופעליקער און יעכידישער פאַרבינדונג. אין פאַרשיידענע פונקטן פון אונדזער פּראָווינץ זיינען פאַר דער צייַט אויסגעטיילט געוואָרן די ערשטע פּיאָנערן פאַר אונדזער קינפטיקער אָרגאַניזירטער ליטעראַרישער אַרבעט—די מער אַקטיווערע און פייִקערע אָנפאַנגער־שרייַבער, עס איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעל זייַטל פאַר שרייַבער,־אָנפאַנגער, עס איז צוגעגרייט געוואָרן דער באָדן פאַר אָרגאַניזירטער ליטעראַרישער אַרבעט.

אין מינסק גופא האָט די ליטגרופּע באַוויזן צו שאַפן אַ פעסטן יאָדער פון יונגע אַרבעטער־שרייַבער, אַרומוואַקסן מיט אַ מאַסעוון סימפּאַטיקער־אַקטיוו און איז געוואָרן מעסוגל צו נעמען אָף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו אָרגאַניזירן די יִידישע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור אין אַלווייַסרוסישן מאַסשטאַב.

די לעצטע רעזאָלוציע פון ווייַסרוסישן צ״ק, פון ווייַסרוסלענדישן קאָמיוג האָט געעפנט ברייטע פּערספּעקטיוון פאַר אונדזער אַרבעט אין ווייַסרוסלאַנד.

די פּאַרטיי, דער קאָמיוג און די ראַטן־אָרגאַנען האָבן איצט אָנגעהויבן ווידמענען אַ באַזונדער פאַרשטאַרקטע אויפמערקזאַמקייט אונדזער ליטעראַרישער אַרבעט. אַכוץ אויסגעפּרוּווטער פּאַרטייִשער און קאָמיוגישע אָנפירונג, וועט פון האַיאָר אונדזער ליטגרופּע באַקומען די געהעריקע מאַטעריעלע מיטלען אָף צו פירן אַ סיסטעמאַטיש־ברייטע אַרבעט איבער גאַנץ ווייַסרוסלאַנד.

די מינסקער ליטגרופּע נעמט אָף זיך האַיאָר די איניציאַטיוו צו אָרגאַניזירן אין אַלווייַסרוסלענדישן מאַסשטאַב אַן אָרגאַניזאַציע פון יִידישע פּראָלעטאַרישע שרייַבער, מיט אָפּטיילונגען אָף די ערטער.

טייקעף, ווי ס׳וועט נאָר זיך ענדיקן דער אורלויב־סעזאָן, טרעט צו די מינסקער ליטגרופּע צו דערדאָזיקער אָרגאַניזיר־אַרבעט.

אונדזערע כאַווייִרים און סימפּאַטיקער אױף די ערטער דאַרפֿן זיך שוין אָנהייבן גרייטן צו דער אַרבעט:

1. אינפֿאָרמירן אונדז וועגן דער מעגלעכקייט צו שאַפֿן אַן אָרטיקע ליטגרופּע.

2. ווי גרויס איז דער אָרטיקער שרײַבערשער אָנפֿאַנגער־אַקטיוו און זײַן באַשטאַנד (סאָציאַל, פּאַרטייִש און לויטן עלטער).

3. ווי גרויס איז דער אָרטיקער לייענער־אַקטיוו און זײַן באַשטאַנד.

4. צי וואָלט מען געקאָנט אױפֿן אָרט געפֿינען אַ פּאַסיקן אָנפֿירער פֿאַר ליטעראַרישער אַרבעט (פֿון די לערער, פּאַרטיי־טוער א. א. וו.).

5. צי איז פֿאַראַן אַ ייִדישע ביבליאָטעק.

בריוו דאַרפֿן געשיקט ווערן אױפֿן אַדרעס פֿון ייִדישן אָפּטייל פֿון אינוווײַסקולט. רעוואָליוציע גאַס נומ. 21. פֿאַר „יונגער אַרבעטער".

וועגן די אויפֿגאַבעס פֿון אונדזער אָרגאַניזאַציע און וועגן אונדזערע אַרבעט־מעטאָדן—אַ צווייטן מאָל.

קאָנסולטאַציע־ביוראָ פֿון דער ליטגרופּע
„יונגער אַרבעטער".

אין מינסק גופֿא האָט זיך די אַרבעט אין דער גרופּע האַרבסט 1926 אויך פֿאַרשטאַרקט. די גרופּע טרעט אַרויס אױף אונטערנעמונגען, זי אָרדנט אײַן רעגולערע שרײַבער־צוזאַמענטרעפֿונגען, ווו די מיטגלידער פֿון דער גרופּע לייענען פֿאָר זייערע ווערק. וועגן דער אַרבעט פֿון דער גרופּע אין האַרבסט 1926 דערציילט אונדז אַ נאָטיץ אין „יונגער אַרבעטער" פֿאַרן 9/7 1926.

„די ליטגרופּע „יונגער אַרבעטער" האָט נאָך איר זומערדיקער האַפּסאָקע צוגעטראָטן צו איר אַרבעט. אױף דער ערשטער פֿאַרזאַמלונג איז באַהאַנדלט געוואָרן אַ גאַנצע ריי פֿראַגעס פֿון דער ווײַטערדיקער אַרבעט פֿון דער ליטגרופּע.

פֿאַרן לעצטן יאָר האָבן זיך אין אַ גאַנצע ריי שטעט און שטעטלעך פֿון ווײַסרוסלאַנד אָרגאַניזירט ליטגרופּעס, וועלכע פֿאַרעכענען זיך אַלס אָפּטיילונגען פֿון דער מינסקער ליטגרופּע „יונגער אַרבעטער".

אזעלכע ליטגרופעס האבן מיר אין וויטעבסק, פּאָלאָצק, מאָליעוו, סלוצק, באָברויסק און אַנד. ביז אהער איז די ארבעט אין דידאָזיקע ליטגרופעס געווען סיסטעמלאָז, ס׳האט אויסגעפעלט די נויטיקע אָנפירונג. ס׳זיינען ניט געווען קיין פּראָגראַמעס. די גרופּעס זיינען ניט געווען פאר־בינדן מיט דער מינסקער ליטגרופּע „יונגער־ארבעטער" (סעקציע פון וואפּפּ).

דאָס איז געווען א רעזולטאַט פון דעם, וואס די ליטגרופּע האט ניט פארמאָגט די נויטיקע געלט־מיטלען צו האַלטן א שטענדיקן, באַ־צאָלטן טוער, וועלכער זאָל קענען אינגאַנצן אָפּגעבן זיך דער ארבעט פון אָנפירן און אינסטרוקטירן די ליטגרופּעס פון פּראָווינץ.

צו דעם נייַעם ארבעט־יאָר וועט די פראַגע וועגן געלט־מיטלען אף דעם אָדער יענעם אויפן געלייזט ווערן, ז.ון די ליטגרופּע וועט זייַן בעקויעך, ווי געהעריק איז, פאנאַנדערצוּוויקלען איר ארבעט.

גופע אין מינסק וועט זיך די ליטגרופּע באַמִיען אריבערטראָגן איר ארבעט אין די פּראָפאַריינען, אין פאַבריקן און פארברייטערן די נעץ פון קרייַזן.

די אָפענע מאַסן־טעג דארפן אויך אף ווייַטער בלייַבן אלס מיטל פון צוציִען צו דער ארבעט פון דער ליטגרופּע יִידישע ארבעטער און אינ־טעליגענץ.

ארום דעם ליטזייַטל, באַם „יונגן ארבעטער", וואס ווערט רעדא־גירט פון דער ליטגרופּע, האט זיך פאר דעם יאָר צייַט באוויזן ארויס־רוקן א גאַנצע ריי כאַוויירים, וועלכע קענען שוין פאַרעכנט ווערן אלס מיטגלידער פון מינסקער ליטגרופּע. אף אזאַ אויפן וועט די צאָל מיט־גלידער פון ליטגרופּע פאַרגרעסערט ווערן.

קעדיי צו קלאָר מאַכן א גאנצע ריי טעאָרעטישע און פּראָגראַם־פראַגעס, וועט די ליטגרופּע אין דער נאָענטסטער צייַט ארויסגעבן א ביולעטען, אין וועלכן עס וועלן גלייַכצייַטיק באלויכטן ווערן פראַגעס פון אָרגאַניזאַציע און ארבעט פון די ליטגרופּעס אין פּראָווינץ.

די כ"כ פון די ליטגרופּעס אין פּראָווינץ קענען צושיקן מאטעריאַלן וועגן צושטאנד און ארבעט פון די ליטגרופּעס. דער מאטעריאַל וועט צונויפגעקליבן ווערן אין מעשעך פון צוויי וואָכן.

די לעצטע פארזאמלונג פון ליטגרופּע האט אויסגעקליבן א נייַע ביוראָ אין באַשטאַנד פון פאָלגנדע כאַווירים: בראָנשטיין, וויטענזאָן, און א. העלמאַנד.

אין קאָנסולטאַציע־ביוראָ זיינען אַריין: בראָנשטיין, טייף, אָרשאַנסקי, א. העלמאָנד און סערעבריאַני".

עס דאַרף באַזונדערס אונטערגעשטראָכן ווערן די גרויסע ראָליע, וואָס עס האָט געשפּילט דער מינסקער זשורנאַל „שטערן" אין קאַמף פאַר פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, ווי אויך אָפן געביט פון אַרויסרוקן א ריי יונגע יידישע פּראָלעטאַרישע שרייבער פון ווייסרוסלאַנד. דער „שטערן" האָט אָפּט אָפּגעגעבן אַסאַך אָרט פאַר די מיטגלידער פון דער גרופּע, ער האָט א גאַנץ אָנגעזעענע גרופּע יונגע שרייבער אַרויסגערוקט און מיטגעהאָלפן זייער וווּקס.

וועגן דער ראָליע פון „שטערן" אין קאַמף פאַר דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור איז מיר שוין אויסגעקומען צו ריידן אין די פריקע קאַפּיטלען. איצט וויל איך נאָר פאַרצייכענען פאָלגנדיקע פאַקטן: אין „שטערן" איז צום ערשטן מאָל דורכן כ׳ אָרשאַנסקי אויפגעהויבן געוואָרן א קאַמף קעגן דעם ניסטעריזם, וואָס איז צייט לאַנג בא אייניקע אונדזערע אפילע מאַרקסיסטישע קריטיקער גערעכנט געוואָרן, ווי דער אויסגאַנג־פּונקט פאַר דער נייער רעוואָליוציאָנערער ליטעראַטור. דאָ איז אָנגעהויבן געוואָרן דורכן כ׳ בראָנשטיין א קאַמף קעגן דער „נאַציאָנאַל־עסטעטישער" קריטיק פון דאָברושין—אויסלענדער, אין „שטערן" איז געפירט געוואָרן א העפטיקער קאַמף קעגן ד. איסאַקאָוויטשעס אָנפאַלן אויף דער יידישער ליטעראַטור. דער „שטערן" האָט געהאַלטן הויך די פאָן פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און מאַרקסיסטישער קריטיק. כאָטש מ׳דאַרף פאַרצייכענען, אז דער „שטערן" האָט אויך געהאַט אייניקע לינקאַטשישע דורכרייסן, אשטייגער, ב. אָרשאַנסקי פאַלשער לאָזונג וועגן בירגער־קריג אין דער ל טעראַטור און אַנד.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז די גרופּע באַרייכערט געוואָרן מיט אייניקע יונגע טאַלאַנטפולע שרייבער, ווי ב. אָלעווסקי, נ. לוריע און אַנד.

אָנהויב 1928 גייט דער ווייסרוסישער „מאָלאָדניאַק" אַריין אין „וואַפּפּ" אַלס זיינע א סעקציע. אין נאָיאַבער דעמזעלביקן יאָר ווערט געשאַפן דער „בעלאַפּפּ" (ווייסרוסישע אַסאָציאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרייבער) מיט נאַציאָנאַלע סעקציעס, וווהין די גרופּע „יונגער אַרבעטער" גייט אַריין אַלס יידישע סעקציע.

# צוגאָב–מאַטעריאַלן

1. רעזאָליוציע פון צ״ק אלקפ(ב) וועגן דער פּאָליטיק פון דער פּארטיי אין געביט פון קינסטלערישער ליטעראטור (1925 יאָר).

2. די פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי אין דער פראגע וועגן דער אוקראַאינישער קינסט-לערישער ליטעראטור. באשטימונג פון פּאָליטביוראָ באַם צ״ק קפ(ב)או (1927 יאָר.)

3. די פּאָליטיק פין דער פּארטיי אין געביט פון קינסטלערישער ליטעראטור אין דער יידישער סוויוווע.

(אָנגענומען פון דער צ. ב. פון די יי׳ סעקציעס דעם 22-23 אפּריל 1927).

## רעזאָליוציע פון צ״ק ר.ק.פּ.(ב)

### וועגן דער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי אין געביט פון קינסטלערישער ליטעראַטור (1925 יאָר).

1. דער אופשטייַג פונעם מאַטעריעלן וווילשטאַנד פון די מאַסן פאַר דער לעצטער צייַט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער איבערקערעניש אין די מויכעס, וועלכע עס האט געמאַכט די רעוואָליוציע, מיט דער פארשטאַרקונג פון דער מאַסן־אַקטיווקייט, מיט דער ריזיקער פארברייטערונג פונעם וועלט־באַנעם און א. וו., שאַפט א גוואַלדיקן וווּקס פון די קולטורעלע אָנפראַגן און באַדערפעניש. מיר זייַנען אַזויאַרום אַרייַנגעטראָטן אין א טקופע פון א גאַנצער קולטורעלער רעוואָליוציע, וועלכע שטעלט פאָר מיט זיך די פאָרהאַנאָכע פאַר דער ווייַטערדיקער באַוועגונג צו דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט.

2. א טייל פון דעמדראָזיקן מאַסעווון קולטורעלן וווּקס איז דער וווּקס פון דער נייַער ליטעראַטור, אין דער ערשטער ריי פון ז'ער פּראָלעטאַרישער און פויערשער, אָנגעהויבן פון אירע עמבריאָנעלע פּאָרמעס, וואָס זייַנען גלייַכצייַטיק אומגעהויער ברייטע לויט דעם פאַרנעם (אַרבקאָרן, דאָרפקאָרן, וואַנטצייַטונגען און ד. ג.) און גענדיקט מיט דער ליטעראַריש־קינסטלערישער פּראָדוקציע, וועלכע האט זיך שוין אידעאָלאָגיש זעלבסטבאַשטימט.

3. פון דער צווייטער זייַט, איז די קאָמפּליצירטקייט פונעם ווירטשאַפטלעכן פּראָצעס, דער גלייַכצייַטיקער וווּקס פון קעגנזעצלעכע, אפילע פון קעגנזייַטיקע פייַנטלעכע פאָרמעס, דער פּראָצעס פון אַנטשטייונג און פון פארשטאַרקונג פון דער נייַער בורזשואַזיע, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך דערדאָזיקער אַנטוויקלונג, דער אומפאַרמייַדלעכער דראַנג

פון אָט דער בורזשואזיע מיצאַד א טייל אַלטער און נײַער אינטעלי־גענץ, האגאַם דערדאָזיקער דראנג איז ניט שטענדיק א באוווסטזיניקער, דאָס, וואס פון די געזעלשאפטלעכע טיפענישן טיילן זיך אויס אלץ נײַע און נײַע אידעאָלאָגישע אגענטן פון דערדאָזיקער בורזשואזיע—דאָס אלץ מוז אומפארמײַדלעך זיך אנטפלעקן אויך אפן ליטעראַרישן אויבער־פלאך פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

4. אזוי ווי עס הערט ניט אויף בא אונדז דער קלאַסנקאַמף ביכלאַל, אזוי הערט ער ניט אויף אפן ליטעראַרישן פראָנט. אין דער קלאַסן־געזעלשאַפט איז ניטאָ און עס קאָן ניט זײַן קיין נייטראַלע קונסט, האַגאַם די קלאַסן־נאַטור פון דער קונסט ביכלאַל און פון דער ליטעראטור ביפראַט דריקט זיך אויס אין פאָרמען, וואס זיינען פיל מער פארשיידנ־ארטיק, ווי, לעמאָשל, אין דער פאָליטיק.

5. עס וואָלט אָבער געווען אַבסאָליוט ניט ריכטיק ארויסצולאָזן פון אויג דעם גרונט־פאַקט אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, דעם פאַקט, אז דער ארבעטער־קלאַס האט דעראָבערט די מאַכט, די פראָלע־טארישע דיקטאטור אין לאנד.

אויב פארן פאַרכאַפן די מאַכט האט די פראָלעטארישע פארטיי צע־ברענט דעם קלאַסנקאַמף און געפירט א ליניע אף אופרײַסן די גאַנצע געזעלשאַפט, שטייט אין פעריאָד פון דער פראָלעטארישער דיקטאטור פאר דער גאנצער פאַרטיי די פראַגע וועגן דעם, ווי צונויפלעבן זיך מיטן פויערטום און פאַמעלעך דאָס איבערארבעטן: די פראַגע וועגן דעם, ווי דערלאָזן א געוויסע מיטארבעטשאפט מיט דער בורזשואַזיע און פאַמעלעך ארויסשטויסן זי; די פראַגע וועגן דעם, ווי אוועקשטעלן אף דינסט דער רעוואָליוציע די טעכנישע און יעדער אנדערע אינטע־ליגענץ און אידעאָלאָגיש אויסקעמפן זי בא דער בורזשואַזיע.

האגאם דער קלאסנקאַמף הערט ניט אויף, ענדערט ער אָבער זײַן פאָרם, ווײַל ביזן פאַרכאַפן די מאַכט שטרעבט דער פראָלעטאַריאַט צו רויִנירן די געגעבענע געזעלשאַפט און אין פעריאָד פון זײַן דיקטאטור ווערט אפן ערשטן פלאַן ארויסגערוקט די „פרידלעכע אָרגאַניזאַטאָ־רישע ארבעט".

6. פארהיטנדיק, פארפעסטיקנדיק און אלץ פארברייטערנדיק זײַן אָנפירונג, דאַרף דער פראָלעטאַריאַט פארנעמען די געהעריקע פאָזיציע

אויך אין א גאַנצער רייִ נײַע אָפּשניטן פון אידעאָלאָגישן פראָנט. דער אריַינדרינגונג־פּראָצעס פונעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם אין גאַנץ נײַע געביטן (אין דער ביאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, אין דער נאַטורוויסנ־שאַפט ביכלאל) האט זיך שוין אָנגעהויבן. די דעראָבערונג פון די פּאָ־זיציעס און געביט פון קינסטלערישער ליטעראטור מוז אויך, פריִער אָדער שפּעטער, ווערן א פאַקט.

7. מע דאַרף אָבער געדענקען, אז דידאַקטיק אויפגאַבעס איז א פיל מער קאָמפּליצירטע איידער די איבעריקע אופגאַבעס, וועלכע דער פּראָ־לעטאריאַט לייזט, ווײַל שוין אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט האט דער ארבעטער־קלאַס געקענט זיך צוגרייטן צו א זיג־רײַכער רעוואָליוציע, אויסבויען זיך קאַדרען קעמפער און אָנפירער און אויסארבעטן זיך א גרויסאַרטיק אידעאָלאָגיש געווער פון פּאָלי־טישן קאַמף. ער האט אָבער ניט געקאָנט פאַנאַנדערארבעטן ניט קיין נאַטורוויסנשאַפטלעכע פראַגעס, ניט קיין טעכנישע, און ווי א קלאַס א קולטורעל אונטערגעדריקטער, האט ער אויך ניט געקאָנט אויסארבעטן זײַן קינסטלערישע ליטעראטור, זײַן אייגענע קינסטלערישע פאָרם, זײַן סטיל, אויב אין די הענט פונעם פּראָלעטאַריאַט זיינען שוין איצט פאַ־ראַן אומפערלערהאפטע קריטעריען פון געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן אינ־האלט פון יעדער ליטעראַריש ווערק, האָט ער נאָך ניט אזעלכע פינקטלעכע ענטפערן אף אלע פראַגעס וועגן דער קינסטלערישער פאָרם.

8. מיט דעם איבנאַרויסגעזאָגטן דאַרף באשטימט ווערן די פּאָלי־טיק פון דער אָנפירנדיקער פאַרטיי בונעם פּראָלעטאַריאַט אין געביט פון קינסטלערישער ליטעראטור. אהער געהערן, פריִער פאר אלץ, פאָלגנ־דיקע פראַגעס: די פארהעלטעניש צווישן די פּראָלעטארישע שרײַבער, די פּויערשע שרײַבער און די אזויגערופענע „מיטלויפער" און אנדערע, די פּאָליטיק פון דער פאַרטיי בענעגייע די פּראָלעטארישע שרײַבער גופא, פראַגעס פון קריטיק, פראַגעס וועגן סטיל און פאָרם פון קינסט־לערישע ווערק און די מעטאָדן פון אויסאַרבעטן נײַע קינסטלערישע פאָרמען, לעצטנס, די פּראַגעס פון אָרגאַניזאַציאָנעלן כאַראַקטער.

9. די פארהעלטעניש צווישן די פארשיידענע שרײַבער־גרופּירונגען לויט זייער סאָציאַל־קלאַסן־אָדער סאָציאַל־גרופּן־אינהאלט, ווערט באַ־שטימט דורך אונדזער אלגעמיינער פּאָליטיק. אָבער מע דאַרף דאָ האָבן

אינזינען, אַז די אָנפירונג אין געביט פון ליטעראַטור געהערט דעם אַרבעטער־קלאַס אינגאַנצן געגומען מיט אַלע זײַנע מאַטעריעלע און אידעאָלאָגישע רעסורסן. קיין העגעמאָניע פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער איז נאָך ניטאָ, און די פּאַרטיי דאַרף העלפן די דאָזיקע שרײַבער זיך אַרויפאַרבעטן צום היסטאָרישן רעכט אױף העגעמאָניע. די פּויערשע שרײַבער דאַרפן באַגעגענען אַ פרײַנטלעכן אופן און געניסן פון אונדזער אומבאַדינגטער שטיצע. די אויפגאַבע באַשטייט אין אַריבערפירן זייערע וואַקסנדיקע קאַדרען אױף די רעלסן פון פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע, אין קיין פאַל אָבער ניט אויסראָטנדיק פון זייער שאַפונג די פּויערשע ליטעראַריש־קינסטלערישע בילדער, וועלכע זײַנען גראָד די נויטיקע פאָרהאַנאָכע פאַר דער ווירקונג אױפן פּויערטום.

10. בענעגייע די „מיטלויפער" דאַרף מען האָבן אינזינען:

1) זייער דיפערענצירטקײַט, 2) די באַדײַטונג פון פיל פון זיי, ווי קוואַליפיצירטע „ספּעציאַליסטן" פון ליטעראַרישער טעכניק, 3) דאָס פאַראַנענזײַן פון וואַקלונגען צווישן דעם דאָזיקן שיכט שרײַבער. די אַלגעמיינע דירעקטיוו דאַרף דאָ זיין אַ דירעקטיוו פון אַ טאַקטישער וואַכזאַמער באַציונג צו זיי, ד. ה., פון אַזאַ צוגאַנג, וועלכע זאָל זיכערן אַלע באַדינגונגען פאַר אַ וואָס מעגלעך שנעלערן איבערגאַנג זייערן אױף דער זײַט פון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע. אָפּזײַענדיק די אַנטיפּראָלעטאַרישע און אַנטירעוואָלוציאָנערע עלעמענטן (איצט—זייער אומבאַדײַטנדיקע), קעמפנדיק מיט דער אידעאָלאָגיע, וואָס פאָרמירט זיך פון דער נײַער בורזשואַזיע צווישן דעם טייל „מיטלויפער" פונ סמענאָוועכאָווסקן שניט—דאַרף די פּאַרטיי זיך באַציִען טאָלעראַנט צו די צווישנדיקע אידעאָלאָגישע פאָרמען, געדולדיק העלפן די דאָזיקע אומפאַרמײַדלעכע פילצאָליקע פאָרמען אויסצולעבן אין פּראָצעס פון אַ מער ענגער כאַווער־רישער מיטאַרבעטשאַפט מיט די קולטורעלע קרעפטן פונעם קאָמוניזם.

11. בענעגייע די פּראָלעטאַרישע שרײַבער דאַרף די פּאַרטיי פאַרנעמען אַזאַ פּאָזיציע: העלפנדיק אױף אַלערליי אויפנאַנים זייער וווּקס און אונטערשטיצנדיק זיי מיט אַלע מעגלעכקײַטן אין זייערע אָרגאַניזאַציעס, דאַרף די פּאַרטיי מיט אַלע מיטלען וואָרענען קעגן די אַנטפּלעקונגען פון קאָמגײַווע צווישן זיי, ווי קעגן די סאַמע געפערלעכע דערשײַנונגען.

טאַקע דערפֿאַר, ווײַל די פּאַרטיי זעט אין זיי די קינפֿטיקע אידייִשע אָנפֿירער פֿון דער ראַטנלִיטעראַטור, דאַרף זי אַף אַלערלײַ אויפֿאַנים קעמפֿן קעגן דער לײַכטזיניקער ביטלדיקער באַציִונג צו דער אַלטער קולטור־יערושע, ווי אויך צו די ספּעציאַליסטן פֿון קינסטלערישן וואָרט. אַזוי פֿאַרדינט אויך צו ווערן פֿאַרורטיילט די פּאָזיציע, וועלכע דערשאַצט ניט די עצעם ווִיכטיקײַט פֿונעם קאַמף כּאַר דער אידייִשער העגעמאָניע פֿון די פּראָלעטאַרישע שרײַבער. קעגן די קאַפּיטוליאַנטן—פֿון איין זײַט, און קעגן דער קאָמגײַווע—פֿון דער צווייטער. אַזאַ דאַרף זיין דער לאָזונג פֿון דער פּאַרטיי. די פּאַרטיי דאַרף אויך קעמפֿן קעגן די פּרוּוון פֿון ריין אָראַנזשערישער „פּראָלעטאַרישער" ליטעראַטור. א ברייט באַנעמען דערשײַנונגען אין זייער גאַנצער קאָמפּליצירטקײַט, ניט פֿאַרשליסן זיך אין די ראַמען פֿון איין זאַוואָד; זיין א ליטעראַטור ניט פֿון אַ צעך, נאָר פֿונעם קעמפֿנדיקן גרויסן קלאַס, וועלכער פֿירט נאָך זיך מיליאָנען פּויערים,—דאָס דאַרפֿן זיין די ראַמען פֿונעם אינהאַלט פֿון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

12. מיטן אויבנגעזאָגטן ווערן אינאַלגעמיין באַשטימט די אויפֿגאַבעס פֿון דער קריטיק, וועלכע איז איינע פֿון די וויכטיקסטע דערציִונג־געצײַגן אין די הענט פֿון דער פּאַרטיי. אַף קײַן רעגע ניט אָפּגעבנדיק די פּאָזיציעס פֿונעם קאָמוניזם, ניט אָפּטרעטנדיק אַף א האָר פֿון דער פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע, אופֿדעקנדיק דעם אָביעקטיוון קלאַסן־זין פֿון פֿאַרשיידענע ליטעראַרישע ווערק, דאַרף די קאָמוניסטישע קריטיק אומ־באַרעכמאָנעסדיק קעמפֿן קעגן קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע אַנטפּלעקונגען אין דער ליטעראַטור, אופֿדעקנדיק דעם סמענאָוועכישן ליבעראַליזם און אַז. וו., און גלײַכצײַטיק ארויסווײַזן דעם גרעסטן טאַקט, פֿאָרזיכטיקײַט, טאָלעראַנץ בענעגייע צו ליטעראַרישע אָפּשיכטונגען, וועלכע קאָנען זײַן מיטן פּראָלעטאַריאַט און וועלן גיין מיט אים. די קאָמוניסטישע קריטיק דאַרף ארויסיאָגן פֿון איר סוויווע דעם טאָן פֿון ליטעראַרישער קאָמאַנדע. בלויז דאַן וועט זי, דידאַקטיק קריטיק, האָבן א טיפֿע דערציִערשע באַ־דײַטונג, ווען זי וועט זיך שטיצן אַף אירע אידייִשע מײַלעס. די מאַרק־סיסטישע קריטיק דאַרף אַנטשיידן ארויסיאָגן פֿון איר סוויווע יעדן מין פּרעטענציעזע, האַלב־אַלפֿאַבעטישע און זעלבסטצופֿרידענע קאָמגײַווע. די מאַרקסיסטישע קריטיק דאַרף אַוועקשטעלן פֿאַר זיך א לאָזונג: לערנען

זיך, און דארף געבן א ווידערשטאַנד מאַקלאַטור און פּלאַפּלעריַי אין איר אייגענער סוויווע.

13. אויסגעפינענדיק אומפעלערהאַפט דעם געזעלשאַפטלעכן קלאַסן־אינהאַלט פון ליטעראַרישע שטרעמונגען, קאָן די פּאַרטיי אינגאַנצן גענומען דורכויס זיך ניט פאַרבינדן דורך אָנהענגערשאַפט צו אַוועלכער עס איז ריכטונג אין געביט פון ליטעראַרישער פאָרם. אָנפירנדיק מיט דער ליטעראַטור אינגאַנצן גענומען, קאָן די פּאַרטיי אזוי ווייניק שטיצן וואָסער ניט איז פראַקציע אין דער ליטעראַטור (קוואַליפיצירנדיק דידאָזיקע פראַקציעס לויטן אונטערשייד פון אנשויונגען אף פאָרם און סטיל) ווי ווייניק זי קאָן לייזן מיט רעזאָליוציעס די פראַגע וועגן דער פאָרם פון פאַמיליִע, האַגאַם אין אַלגעמיינעם פירט זי אָן סאָפּעק און וועט אָנפירן מיט דער בויונג פון נײַעם שטייגער. דאָס אַלץ צווינגט צו מיינען, אַז דער סטיל, וועלכער פּאַסט דער עפּאָכע, וועט געשאַפן ווערן, נאָר ער וועט געשאַפן ווערן מיט אנדערע מעטאָדן, און די לייזונג פון דערדאָזיקער פראַגע האָט זיך נאָך ניט אָנגעמערקט. אַלערליי פּרוּוון צו פאַרבינדן די פּאַרטיי אין דערדאָזיקער ריכטונג אין דער געגעבענער פאַזע פון דער קולטורעלער אנטוויקלונג פון לאנד, דאַרפן אָפּגעוואָרפן ווערן.

14. דעריבער דאַרף די פּאַרטיי זיך ארויסזאָגן פאַר א פרײַער קאָנקורענץ פון פאַרשיידענע גרופּירונגען און שטרעמונגען אין געגעבענעם געביט. יעדער אנדער לייזונג פון דער פראַגע וואָלט געווען א קאַזיאָנע־ביוראָקראַטישע פאַלשע לייזונג. פּונקט אזוי איז ניט דערלאָזבאַר דורך א דעקרעט אָדער דורך א פּאַרטיי־באַשטימונג אײַנצושטעלן א לעגאַליזירטן מאָנאָפּאָל פון וואָסער ניט איז גרופּע אָדער ליטעראַרישער אָרגאַניזאַציע אף דער ליטעראַריש־פאַרלעגערישער ארבעט.

שטיצנדיק מאַטעריִעל און מאָראַליש די פּראָלעטאַרישע און פּראָלעטאַריש־פּויערשע ליטעראַטור, העלפנדיק די מיטלויפער א. אז. וו., קאָן די פּאַרטיי ניט געבן קײַן מאָנאָפּאָל א וועלכער עס איז גרופּע, אפילע דער סאַמער פּראָלעטאַרישער לויט איר אידייִשן אינהאַלט; דאָס וואָלט געהייסן פאַטערן פריער פאַר אַלץ די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור גופע.

15. די פּאַרטיי דאַרף מיט אלע מיטלען אויסראָטן די פּרוּוון פון אייגנווילִיקן און ניט קאָמפּעטענטן אדמיניסטראַטיוון אריַינמישן זיך אין די ליטעראַרישע ענינים. די פּאַרטיי דאַרף זאָרגן פאַר אַ געהעריקן

צוקלײַבן מענטשן אין די אנשטאַלטן, וועלכע פירן אָן מיט די פּרעסע־איניאָנים, קעדיי צו זיכערן א ווירקלעך־ריכטיקע נוצלעכע און טאַקטישע אָנפירונג מיט אונדזער ליטעראַטור.

16. די פּאַרטיי דאַרף אָנווײַזן אַלע טוער פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור אויף דער נויטיקײַט ריכטיק פאַנאנדערצוגרענעצן די פונקציעס צווישן די קריטיקער און די שרײַבער־קינסטלער. פאַר די לעצטע איז נויטיק איבערצוטראָגן דעם שווערפּונקט פון זייער אַרבעט אין דער ליטעראַרישער פּראָדוקציע אין אייגנטלעכן זין פון דעמדאָזיקן וואָרט, אויסנוצנדיק דערבײַ דעם ריזיקן מאטעריאַל פון אונדזער צײַט. עס איז נויטיק צו ווענדן א באַזונדער אופמערקזאַמקײַט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור אין די פילצאָליקע רעפּובליקן און געגנטן פון אונדזער פארבאנד.

די פּאַרטיי דאַרף אונטערשטרײַכן די נויטיקײַט צו שאַפן קינסטלערישע ליטעראטור, וואָס איז אויסגערעכנט בעעמעס אפן מאַסן־לייענער, אפן ארבעטער און פּויער. מע דאַרף דרייסטער און אנטשיידענער רײַסן מיט די פּאָרורטיילן פון פּריצישקײַט אין דער ליטעראַטור און אויסנוצנדיק אַלע טעכנישע דערגרייכונגען פון דער אַלטער מײַסטערשאַפט, אויסאַרבעטן א געהעריקע פאָרם, וועלכע איז פארשטענדלעך פאַר מיליאָנען.

בלויז דאַן וועט די ראַטן־ליטעראַטור און איר קינפטיקער פּראָלעטאַרישער אוואנגארד קאָנען אויספילן איר קולטור־היסטאָרישע מיסיע, ווען זיי וועלן לייזן דידאָזיקע גרויסע אופגאַבע.

## די פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי אין דער פראַגע וועגן דער אוקראַיִנישער קינסטלערישער ליטעראַטור

(1927־טער יאָר).

באַשטימונג פון פּאָליטביוראָ באַם צ.ק.ק.פּ.(ב)או.

1. שטייענדיק אפן גרונט פון דער רעזאָליוציע פון צ.ק.ר.ק.פּ.(ב) אין דער פראַגע וועגן דער קינסטלערישער ליטעראַטור, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין יון 1925, געפינט דער צ.ק.ק.פּ.(ב)או., אַז:

די בויונג פונעם סאָציאַליזם אין אונדזער לאַנד, וואָס איינע פון איר פאַרהאַנאָכעס איז די שאַפונג פון דער אוקראַיִנישער סאָוועטישער קול־טור, רוקט אַרויס אין אָט דעם פּראָצעס אפן פאָדערגרונט דאָס שאַפן און אַנטוויקלען די אוקראַיִנישע קינסטלערישע ליטעראַטור.

זײַענדיק א מעכטיק געווער פאר העכערן דעם קולטורעלן ניוואָ פון די ארבעטער־פּויערישע מאַסן, אנטפּלעקנדיק די שאַפונג פון דער נײַער סאָציאַליסטישער קולטור, ווערט די אוקראַיִנישע קינסטלערישע ליטעראַ־טור איינס פון די מעכטיקסטע מיטלען אף צו פאַרשטאַרקן דעם בונד צווישן די ארבעטער און די פּויערים—זי ווערט א געווער אין די הענט פונעם פּראָלעטאַריאַט פאר דער אידייִשער אָנפירונג מיט דעם גאַנצן אוקראַיִנישן קולטור־פּראָצעס.

פארן פּראָלעטאַריאַט שטייט דעריבער די אופגאבע אקטיוו און אָר־גאַניש אָנטייל צו נעמען אין אָט דעם געביט, און, קוידעמקאָל, די אופ־גאַבע ברייטער צו באַקענען זיך מיט דער אוקראַיִנישער ליטעראַרישער קונסט און צו אָרגאַניזירן דעם פּראָלעטאַרישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק ארום אָט די אלע פראַגעס (פאַרגרעסערן די פאַרשפּרייטונג פון דעם

אוקראַיִנישן קינסטלערישן בוך צווישן די אַרבעטער, אין די פּראָפּאַרייִ־
נישע און אַנד. ביבליאָטעקן, אָרגאַניזירן אין פאַרשיידענע פאָרמען די
שטודירונג פון אָט דער ליטעראַטור אין די אַרבעטער־קלובן, סאָוופאַרט־
שולן און אין קאָמיוג—ליטעראַרישע דיספּוטן, אוונטן מיטן אָנטייל פון
אַרבעטער און ד. גל.).

עס איז נויטיק צו שאַפן אַ געזעלשאַפטלעך־פּראָלעטאַרישע סוויווע
אַרום דער אוקראַיִנישער קינסטלערישער ליטעראַטור, צו ווירקן אויף איר
און, אַזויאַרום, סאָציאַל מיט איר אָנפירן. אין דערזעלביקער צײַט איז
אומבאַדינגט נויטיק צו אַנטפּלעקן נײַע ליטעראַרישע קויכעס אין די
אַרבעטער־רייען גופא.

2. דורכפירנדיק די אַרבעט, וועלכע האָט דעם ציל צו העכערן די
סאָציאַלע און קינסטלערישע קוואַליטעט פון דער ליטעראַרישער קונסט,
באַקעמפט די פּאַרטיי איינצײַטיק אַלערליי קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע
בורזשואַז־ליבעראַלע און ענלעכע אַנטפּלעקונגען אין דער ליטעראַטור.
איינצײַטיק זאָגט זיך די פּאַרטיי אַרויס פאַר אַ פרײַעם געוועט פון פאַר־
שיידענע גרופּירונגען און שטרעמונגען אין אָט דעם געביט. „שטיצנדיק
מאַטעריעל און מאָראַליש די פּראָלעטאַרישע און פּראָלעטאַריש־פּויערישע
ליטעראַטור, מיטהעלפנדיק די מיטלויפער און ד. גל., קאָן אָבער די
פּאַרטיי ניט איבערגעבן די מאָנאָפּאָל צו וועלכע ס׳ניט איז גרופּע, אפילו
צו דער סאַמע אַרכיפּראָלעטאַרישער גרופּע, לויט איר אידייִשן אינהאַלט.
דאָס וואָלט געהייסן אומברענגען פריער פאַר אַלץ די פּראָלעטאַרישע
ליטעראַטור גופא” (פון דער באַשטימונג פון צ.ק.ק.פּ.(ב) אין מײַ
1925 יאָר).

דעריבער קאָן קײַן איינע פון די ליטעראַרישע גרופּעס, וואָס עקזי־
סטירן אין אוקראַינע, ניט פּרעטענדירן אויף מאָנאָפּאָל און פּריאָריטעט.

3. די קינסטלערישע זוכענישן און דער געוועט אין דער אוקראַיִ־
נישער ליטעראַטור, וואָס שטייט אויף דער באַזע פון דער פּראָלעטאַרישער
רעוואָלוציע, שפּיגלען זיך אָפּ אין דער סאָציאַלער פלאַך, וואָס איז אָנגע־
מערקט געוואָרן אין דער רעזאָלוציע פונעם יול־פּלענום פון צ.ק.ק.פּ (ב)או.,
וועלכער רעדט וועגן דעם, אַז אויפן געביט פון שאַפן די אוקראַינישע
קולטור קומט פאָר אַ קאַמף פאַר אידייִשער ריינקײַט מיט די פײַנטלעכע
קויכעס פון דער בורזשואַזיע.

וואָס אָנבאַלאַנגט די וועגן פון דער אוקראַיִנישער קולטור, שטייט די פּאַרטיי פאַר א זעלבשטענדיקער אנטוויקלונג פון דער אוקראַיִנישער קולטור, פאַר דער אנטפלעקונג פון אלע שעפערישע קויכעס אינעם אוקראַינישן פאָלק. די פּאַרטיי האַלט, אז די אוקראַיִנישע סאָציאַליסטישע קולטור, וואָס ווערט געבויט, דאַרף ברייט אויסנוצן אלע ווערטן פון דער וועלט־קולטור, אז זי דאַרף אנטשיידן רייַסן מיט די טראַדיציעס פון פּראָווינציעלער באַגרענעצטקייַט און קנעכטישער יערושעדיקייַט, פאַר שאַפן נייַע קולטור־ווערטן, וואָס פּאַסן פאַר דער שאַפונג פון א גרויסן קלאַס.

די פּאַרטיי טוט עס אָבער ניט דורך קעגנשטעלן די אוקראַינישע קולטור קעגן די קולטורן פון אנדערע פעלקער, נאָר דורך א ברידער־לעכער מיטאַרבעטשאַפט פון די ארבעטער און ארבעטנדיקע מאַסן פון אלע פעלקער באַם בויען די צווישנפעלקערלעכע פּראָלעטאַרישע קולטור, אין וועלכער דער אוקראַיִנישער פּראָלעטאַריאַט וועט אריינ־טראָגן זיין כיילעק". (יוני־פּלענום פון צ.ק.ק.פּ.(ב)או.).

שאַפן די יונגע אוקראַיִנישע פּראָלעטאַרישע קולטור קאָן מען נאָר דורך פארפולקומען זי, דורך אַנטפּלעקן נייַע קינסטלערישע ווערטן, דורך באַרייַכערן זי מיט קולטור־דערגרייכונגען פון דער גאַנצער מענטשהייַט. די אוקראַינישע פּראָלעטאַרישע קולטור דאַרף אָבער צוגיין צו אַלע קוואַלן פון דער בורזשואַזער ליטעראַטור מיט אן אויסגעשליפן מאַרק־סיסטיש געווער, קעדיי ניט אריינצופאַלן אין דער קלעם פון א פרעמ־דער אידעאָלאָגיע.

4. די ווירקלעכע אויסבאַשאַפונג פון דער אוקראַיִנישער פּראָלעטאַ־רישע ליטעראַטור קאָן פאָרקומען נאָר אף דער באַזע פון א שטענדיקן צוזאַמענבונד מיט די ארבעטער־און פויערים־מאַסן, פון אַנטפּלעקן די קינסטלערישע ווערטן, וואָס זייַנען אייגנטימלעך פאַר דעם פּראָלעטאַ־ריאַט, באַ א שטענדיקער צווישנווירקונג פון דער ליטעראַטור מיט די מאַסן.

דאָס אָפּרייַסן זיך פון אָט דער באַזע מיצאַד אייניקע פערזאָנען, דאָס איבעררייַסן דעם צוזאַמענבונד מיט איר, די זעלבסט־אייַנגעליבטקייַט־און די זעלבסט־איַנגעשלאָסנקייַט אפילע אונטער דעם לאָזונג פון „קוואַליפיקאַציע"—דאָס אַלץ וואָלט געשאַפן דערשיַינונגען פון סאָציאַל־און קינסטלערישער געפאַלנקייַט (דעקאַדאַנס).

5. איינער פון אָט די וועגן פארן צוזאמענבונד פון דער ליטעראַטור מיט דער מאַסע, איז אָנווענדן די ליטעראַריש־קינסטלערישע בילדער, וואָס זײַנען אייגנטימלעך פאַר דעם ארבעטער־קלאַס און דעם פויערטום. דאָס טאָר אָבער, זעלבסטפארשטענדלעך, אין קיין שום פאַל ניט פירן צו א ליטעראַרישן עקיזם; אנדערש גערעדט, צום אָפזאָגן זיך פון די אַלוועלטלעכע קינסטלערישע דערגרייכונגען און צו דער וווּלגאריזאַציע פונעם קינסטלערישן ווערק. דער לאָזונג פון קאַמף קעגן דער „כוטערדיקײַט" איז ריכטיק אין דעם זינען פון א פראָטעסט קעגן דער כוטערדיקער באגרענעצטקײַט און קעגן דער ווירקונג פון דעם כוטערדיקן באלעגופנטום אף דער ליטעראַטור. ער איז אָבער, אָן סאָפעק, ניט ריכטיק און שעדלעך, אויב דאָס וועט הייסן זיך אָפזאָגן אינגאַנצן פון דעם ליטעראַריש־קינסטלערישן מאטעריאַל, וואָס איז אייגנטימלעך פאַרן פויערטום: „די אופגאַבע באַשטייט אין דעם, אז מע זאָל אריבערפירן אף די רעלסן פון דער פראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע זייערע (פון די פויערישע שרײַבער) וואַקסנדיקע קאדרען, ניט אויסוואָרצלענדיק אף קיין שום אופן פון זייער שאפונג די פויערישע, ליטעראַריש־קינסטלערישע בילדערישקײַט, וועלכע איז די נויטיקע פאָרהאנאָכע פאר דער אופווירקונג אפן פויערטום" (באַשטימונג פון צ.ק.אל.ק.פ.(ב)).

6. קעדיי די אוקראַינישע קינסטלערישע ליטעראטור, וואָס שטייט אף דער באזע פון דער פראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, זאָל אנטשפרעכן אָט די אופגאבעס אין הינזיכט פון איבערבויען דאָס גאַנצע סאָציאַלע זײַן, דארף זי ארומכאפן און אנטפלעקן אין איר קינסטלערישער שאפונג אלע שאטירונגען פונעם געזעלשאפטלעכן לעבן. יעדערליי באגרענעצטע קאָנצענטראַציע פון דער ליטעראטור אויסשליסלעך אף דעם שמאָלן לעבנסקרײַז פונעם דאָרף, אָדער אף דער אָפגעריסנקײַט פון דעם גאנצן פראָלעטארישן קאָמפלעקס אין דעם ארבעטערס לעבנשטייגער, פאַרקלענערט די קויכעס פונעם פראָלעטאריאט און זײַנע שעפערישע פייִקײַטן. און דאָס אייגענע פארקערט: די פולע אָפגעריסנקײַט פונעם לעבן פון די ארבעטנדיקע אָדער דאָס אוועקגיין פונעם לעבן ביכלאַל, ברענגט צו מיסטיק, עקזאָטיק, געפאלנקײַט און אינדיווידואליסטישן זעלבסט־אנאליז.

די געפאלנקײַט, וועלכע מע קאָן מערקן אין באַזונדערע טיילן פון דער ליטעראַטור, פירט זי צו פערספעקטיוולאָזיקײַט און שלאָגט זי אראָפ

פונעם וועג צו דינען אלס אן אקטיווער פאקטער אין דער סאָציאַליס־טישער בויונג. אָט די אַלע דערשײַנונגען פארקלענערן דעם געזעלשאַפט־לעכן ווערט פון די ליטעראַרישע ווערק, און אַף פארשיידנערליי אויפאַנים ווערן זיי איינצײַטיק בריקן, דורך וועלכע עס רײַסן זיך אַרײַן אין אונדזער ליטעראַטור פרעמדע ווירקונגען מיצאַד די קלאַסן־גרופּי־רונגען, וואָס זײַנען פײַנטלעכע דער פראָלעטארישער בויונג.

7. די לעצטע צײַט אנטפּלעקן זיך די בורזשואַזע עלעמענטן אין דער ליטעראַטור ניט בלויז „אין דער אידעאָלאָגישער ארבעט, וועלכע איז אויסגערעכנט גראַד אַף צו באַפרידיקן די באַדערפעניש פון דער־וואַקסנדיקער אוקראַינישער בורזשואַזיע" (רעזאָליוציע פון יוני־פּלענום פון צ.ק.ק.פּ.(ב)או.), נאָר אויסער די גרענעצן פון ראַטן־אוקראַינע אָרגאַ־ניזירט זיך צווישן די אוקראַינישע שרײַבער פונעם פאַשיסטישן נאַציאָ־נאַליסטישן לאַגער, צוזאַמען מיט דעם פאַשיסטישן פּוילן, אן אָנגריף אַף דער ליטעראַרישער אַרענע קעגן דער סאָציאַליסטישער אוקראַינע.

די אָפּשפּיגלונג פון אָט דעם אָנגריף ווײַזט זיך אַרויס אויך אין דער ליטעראַטור פון ראַטן־אוקראַינע (מאָגיליאַנסקיס—„אוביסטוואָ" און אַנד.). דידאַזיקע אַנטיפּראָלעטאַרישע שטרעמונגען האָבן געקראָגן זייער אָפּקלאַנג אין דער ארבעט פון די אוקראַינישע בורזשואַזע ליטעראַטן פון דעם „נעאָקלאַסישן" טיפּ. זיי האָבן אויך ניט געקראָגן קײַן ווידערשטאַנד און זײַנען אַפילע אונטערגעהאַלטן געוואָרן מיצאַד אייניקע מיטלויפער פון „וואַפּליטע" אין דער שפּיץ מיט כוויליאָווי און זײַן גרופּע.

8. אָט דאָס אַלץ פאַדערט פון די אוקראַינישע פּראָלעטארישע שרײַ־בער א מער אויסדריקלעכע סאָציאַלע זעלבסטבאַשטימונג אין זייער שאַפן, א נאָך גרעסערע אָפּגעצאַמטקײַט פון אַלערליי בורזשואַזע ווירקונ־גען, א נאָך מער אויפמערקזאַמע באַציונג פון זייער זײַט, ווי אויך פון דער גאַנצער פּארטיי צו דער אויפגאַבע, וואָס די פּארטיי האָט גע־שטעלט, צו קעמפן מיט די אַנטיפּראָלעטאַרישע און אַנטי־רעוואָליוציאָ־נערע עלעמענטן, בײַצוקומען די אידעאָלאָגיע פון דער נײַער בורזשואַזיע, וואָס איז אויסגעפאָרמירט אין דער ליטעראַטור דורך די „סמענאָוועכאָ־ווישע" מיטלויפער. איינצײַטיק איז נויטיק: „געדולדיק באַציען זיך צו די צווישנדיקע אידעאָלאָגישע פאָרמען, געדולדיק מיטהעלפן זיי אויסצו־לעבן די אומפארמײַדלעכע גרויסע צאָל פאָרמען אין פראָצעס פון אַן

אלץ מער ענגער כאוועריִשער מיטארבעט מיט די קולטורעלע קויכעס פונעם קאָמוניזם״ (רעזאָליוציע פון צ.ק.אל.ק.פּ.(ב)).

9. דידאַקטיקע אופגאבע קאָן מען אויספילן נאָר אף אזויפיל, אף וויפל די פּארטיי וועט קאָנען שאפן קאדרען פאר דער אוקראַיִנישער מארקסיסטישער קריטיק.

די אוקראַיִנישע מארקסיסטישע קריטיק דארף פאר זיך שטעלן די אופגאבע, אז, צוגייענדיק מיט דער סאָציאלער קלאסן־אָפּשאצונג צו יעדן ליטעראַרישן ווערק, זאָל זי פארצייכענען זיינע קינסטלערישע דערגרייכונגען, אומאָפּהענגיק פון דעם, צו וועלכער ליטעראַרישער שול עס געהערט דאָס ווערק („מאָלאָדניאַק״, „וואפּליטע״, „נעאָקלאַסיקער״, כוויליאָוואָיס גרופּע, „מארס״ און אנד.).

מיטהעלפנדיק דער אנטפּלעקונג און אנטוויקלונג פון יונגע ליטעראַרישע קויכעס, באזונדערס פון דער פּראָלעטאַרישער סוויווע, דארף די מארקסיסטישע קריטיק כאַווערישע מיטהעלפן באזונדערע שרייבער און ליטעראַרישע גרופּעס, וועלכע האבן ארויסגעוויזן טאָעסן און אָפּנויגן פון דעם ריכטיקן פּראָלעטאַרישן וועג, וועלכע שטייען פאַר א געפאַר אריינצופאַלן אין נאַציאָנאַליסטישער געפּענקעניש, און פאר וועלכע עס שטייט די אופגאבע צו אנערקענען זייערע פעלערן און פאַריכטן זיי אין זייער פּראַקטישער ליטעראַרישער ארבעט.

די קריטיק דארף אופדעקן די כעלוקעדייעס אין דעם לאַגער פון די שרייבער־מיטלויפער, באקעמפן די בורזשואזע אנטפּלעקונגען, אונטערשטרייכן זייער דערנעענטערן זיך צו דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און אריינציִען די מער נאָענטע צו אונדז מיטלויפער אין דער סאָציאַליסטישער בויונג.

10. די אידייִשע כעלוקעדייעס אפן געביט פון ליטעראַרישע פּאָרמען און ריכטונגען, וואָס שטייען און וועלן שטיין פאר דער סאָציאַליסטישער קולטור, קאָנען ניט אָנעמען קיין שום פּאָרמען פון פייַנטשאַפט און דאַרפן געפירט ווערן אף א פאריניקנדיקער באזע פון פּראָלעטאַרישער סאָלידאַרישקייט. דאס רוקט ארויס פאר אלע ליטעראַרישע גרופּירונגען די אופגאבע צו פאריניקן זיך אין אן אלוקראַיִנישער פעדעראַציע פון סאָוועטישע שרייַבערישע אָרגאניזאַציעס, וועלכע (אָט די פעדעראַציע) דארף פאריניקן אין זיך אָט די ליטעראַרישע גרופּעס פון די נאַצמינדערהייטן

אין אוקראַיִנע (די יִידישע גרופעס, די רוסישע מיטן זשורנאַל „קראַסנאַיאַ סלאָוואָ" און אנד.)

11. ארויסגייענדיק פון דעם, אז א גרויסער טייל אוקראַיִנישע ארבעטער און ארבעטנדיקע אין אויסלאַנד געפינט זיך אין זייער א שווערן צושטאַנד אינעם זין פון קולטור־שאפונג, אין דער צײַט, ווען אין דער סאָוועטישער אוקראַיִנע געפינט זיך א גאנץ היפשע צאָל שרײַבער פון מײַרעוו־אוקראַינע,—געפינען פאר נויטיק מיטצוהעלפן דער גרופּע ליטעראַרישע קויכעס פון מײַרעוו־אוקראַיִנע (פון פוילן, טשעכאָ־סלאָוואַקיע, רומעניע) צו אָרגאניזירן אן אסאָציאַציע פון מײַרעוו־אוקראַיִנישע רעוואָליוציאָנערע שרײַבער.

12. די אייניקייט פון דער אופגאַבע צו בויען די סאָציאַליסטישע קולטור, וואָס שטייט פאר די ארבעטנדיקע פון יעדער ראַטנרעפּובליק, פאָדערט א נאָך מער ענגן צוזאַמענבונד אין דער באפרײַערישער קולטור־ארבעט פון אלע פעלקער אינעם ראַטנפאַרבאנד.

די פאַרייניקונג פון די פּראָלעטאַרישע שרײַבער אין אוקראַיִנע דארף אײַנשטעלן כאווערישע באַציונגען מיט ענלעכע שרײַבערישע פאַריי־ניקונגען אין רוסלאַנד, ווײַסרוסלאַנד, גרוזיע און פון אלע אנדערע פאר־באַנדישע און אווטאָנאָמע ראַטנרעפּובליקן. דאָס דארף ברענגען צו זייער פאריייניקונג אין אן אלפאַרבאנדישן פארבאַנד פון ליטעראַרישע פעדעראַציעס פון אלע פעלקער אין פסר"ר., אף דער באַזע פון פּראָלע־טאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם. דערביי דארף מען בײַקומען אלערליי נאַ־ציאָנאַלע קעגנשטעלונגען אָדער פּרעטענזיעס אף העגעמאָניע, אָדער אף פאַרקלענערן די זעלבשטענדיקע קולטור־שאַפונג פון יעדן פאָלק. אײנ־צײַטיק דערמיט דארף דידאָזיקע ארבעט פאָרקומען אף דער באַזע פון כאַווערישער מיטארבעטשאַפט און קעגנווירקונג און אָנטייל פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור אין אויספילן די אופגאבעס פון דער סאָציאַליסטישער בויונג.

13. קעדיי דורכצופירן דאָס אין לעבן, איז נויטיק אָנצונעמען, ווי אויך אונטערצוהאַלטן אלע מאָסמיטלען אף צו פאַרגרעסערן און פאר־ברייטערן דעם צוזאַמענבונד פון דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור מיט דער ליטעראַטור פון די איבעריקע פעלקער אין פ. ס. ר. ר. (אין א גרעסערער מאָס איבערזעצן אין אוקראַיִניש די ווערק פון די שרײַבער פון אנדערע

פעלקער אין אוכד״ר, אויך די ווערק פון אויסלענדישע שרײַבער; בײַטן זיך מיט קאָמאנדירונגען פאַר די שרײַבער צווישן אוקראַינע, רוסלאַנד, ווײַסרוסלאַנד, גרוזיע און אנדערע ראַטנרעפובליקן. ס׳איז נויטיק דער אָבליגאטערישער אָנטייל פון אוקראַינישע שרײַבער אין אלערליי קינסט־לערישע און ליטעראַרישע קאָמאנדירונגען פון פסר״ר קיין אויסלאַנד, וועלכע האבן אן אלפארבאנדישן כאַראַקטער).

דער צ. ק. שטעלט פאר אַלע פאַרטייישע און ראַטן־אָרגאַנען די אויפגאבע מיט אלערליי מיטלען מיטצוהעלפן סיי מאָראליש, סיי מאטע־ריעל די אוקראַינישע שרײַבער און זייערע אָרגאַניזאַציעס.

דער צ. ק. לייגט פאָר דעם פאָלקאָמבילד אפן סמאַך פון די אויבנ־דערמאָנטע פאָרשלאַגן פאנאנדערצוארבעטן קאָנקרעטע מאָסמיטלען, קעדיי אויסצופילן די אויבנאָנגעוויזענע באַשטימונגען, ווי אויך זייער אופ־מערקזאַם און פינקטלעך אכטונג געבן, צי זיי ווערן דורכגעפירט אין לעבן.

14. די פאָליטביוראָ פון צ. ק. ק.פ.(ב)או. גיט איבער דעם פרעסע־אָפטייל אנצומערקן קאָנקרעטע מאָסמיטלען אפ אויסצופילן די אָנגע־מערקטע באַשטימונגען און אופמערקזאַם נאָכשפירן, ווי אזוי זיי ווערן דורכגעפירט אין לעבן״. (כאַרקאָוו, „קאָמוניסט״ 6/5—1927 יאָר).

## די פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי אין געביט פון קינסטלע־רישער ליטעראַטור אין דער יִדישער סוויוועס

(אָנגענומען פון דער צ. ב. פון די ייִדסעקציעס דעם 22־23־טן אפּריל 1927 יאָר)

1. באַם אָנווענדן אין דער ייִדישער סוויווע די פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי אין געביט פון קינסטלערישער ליטעראַטור, וועלכע איז אָנגע־וויזן געוואָרן אין דער רעזאָליוציע פונעם צ. ק. פון 1 יול 1925, דאַרף מען אַרויסגיין פון פּאָלגנדיקע פאַקטן און האנאָכעס:

1) די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור, דעריקער די קינסטלערישע פּראָזע, געפינט זיך אין דער אָנפאַנג־סטאַדיע פון איר אַנטוויקלונג: אי די צאָל ייִדישע שרײַבער איז נאָך אַן אומבאַדײַטנדיקע, אי זייער ליטע־ראַרישע פּראָדוקציע איז קוואַנטיטאַטיוו זייער אַ באַגרענעצטע.

2) צווישן דער אַלגעמיינער ניט גרויסער מאַסע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער איז נאָך קוואַנטיטאַטיוו מער אומבאַדײַטנדיק די גרופּע „קוואַ־ליפיצירטע ספּעציאַליסטן פון ליטעראַרישער טעכניק", באַ וועלכע די „יאַקסנדיקע סאָוועטישע און פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור קאָן זיך לערנען. דערבײַ איז צווישן דערדאָזיקער גרופּע קימאַט ניטאָ קײַן פּראָלעטאַריער ביכלאַל און קײַן קאָמוניסטן ביפּראַט.

3) דער פאַקט, וואָס ווערט קאָנסטאַטירט אין דער רעזאָליוציע פונעם צ. ק., אַז די צאָל אַנטיפּראָלעטאַרישע און אַנטירעוואָליוציאָנערע עלע־מענטן אין דער רוסישער ליטעראַטור אין פ.ס.ר"ר איז אַ גאָר נישטיקע, איז נאָך ריכטיקער בענעגייע צו דער ייִדישער ליטעראַטור. מיט גאָר נישטיקע אויסנאַמען האָבן די ייִדישע שרײַבער, סײַ יעדערער באַזונדער,

סײַ אין זייערע ליטעראַרישע גרופּירונגען, ניט נאָר זיך אײַנגעלעבט מיט דער ראַטן־געזעלשאַפטלעכקייט, נאָר זיי גיבן זיך אויך אונטער דער פּאַרטיי־אָנפירונג.

ארויסגייענדיק פון דערדאָזיקער האַנאָבע, דאַרף מען בענעגייע דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור נאָך נויטיקער אנערקענען דעם רעזשים פון „פרײַער קאָנקורענץ פון פאַרשיידענע גרופּירונגען און שטרעמונגען“, וועלכן עס רעקאָמענדירט די רעזאָליוציע פונעם צ. ק. דאָ זײַנען נאָך ווייניקער דערלאָזבאַר דער טאָן פון ליטקאָמאַנדע און קאָמגײַווע, וואָס די רעזאָליוציע ווארפט אָפּ, און עס איז אויך ניט דערלאָזבאר איבערצוגעבן די „לעגאַלע מאָנאָפּאָל אפן ליטעראַטור־און פארלאג־וועזן אוועלכער ס׳ניט איז גרופּע אָדער ליטעראַרישער אָרגאַניזאַציע“.

2. אָבער פון דער צווייטער זײַט, דארף מען נעמען אין אכט:

1) די איבערוועגנדיקע מערהייט יידישע סאָוועטישע שרײַבער זײַנען ארויסגערוקט פון דער קליינבירגערלעכער סוויווע, און זיי זײַנען ניט דורכגעגאנגען קײַן פּראָלעטאַריש־פּאָליטישע שלאכטשול. די אידעאָלאָגישע באהעפטונג צו דער רעוואָליוציע, אפטמאָל ביז גרייטקייט אָנצונעמען די פּאַרטיי־אָנפירונג, האט זיך זיי געגעבן אין רעזולטאַט פון לאַנגן אינערלעכן קאַמף און אדאנק דער אומופהערלעכער אופווירקונג פון דער פּאַרטיי און פון איר ארבעט אין דער יידישער סוויווע.

די שרײַבער,—ווי די גאַנצע קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ, וואס איז צוגעשטאַנען צו אונדז אין פּראָצעס פון אונדזער ארבעט,—זײַנען דערייבער אונטערגעווארפן פארשיידענערליי אידייִש־פּאָליטישע וואקלונגען און רעצידיוון פון אַלע מינים קליינבירגערלעכע אידעאָלאָגיעס.

דידאָזיקע וואַקלונגען און רעצידיוון האָבן אויסער די סיבעס, וואָס זײַנען אָנגעוויזן אין דער רעזאָליוציע פון צ.ק. (די קאָמפּליצירטקײַט פונעם ווירטשאַפטלעכן פּראָצעס, דאָס פאראנענזיין פון ווידערשפּרעכלעכע און אפילע איינס דעם צווייטן פײַנטלעכע ווירטשאַפטלעכע פאָרמען, דער אופקום און די פאַרפעכטיקונג פון דער נײַער בורזשואַזיע און אז. וו.), זיך אָנגעהויבן באַזונדערס שטאַרק פילן אונטערן אײַנפלוס: א) פונעם נײַעם נאַציאָנאַליזם, וואָס פּרוּווט אויסנוצן פאַר זײַנע צילן די דערפאָלגן פון דער יידישער ארבעט און, ב) פון דער יידישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד. דיזאָזיקע ליטעראַטור אימפּאָנירט, ערשטנס, די

ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער מיטן סכום פון זייער פּראָדוקציע (א שלאַל פאַרשיידנסטע צייטונגען, זשורנאַלן און זאַמלביכער, א קוואַנטיטאַטיוו־גרויסע אָריגינעלע און איבערגעזעצטע קינסטלערישע ליטעראַטור א. א. ו.) און, צווייטנס, די דאָזיקע ליטעראַטור מיט איר אידעאָלאָגיע פון ...ן אַלוועלטלעכער אײנהײַטלעכער ייִדישער נאַציע טרעפט צו פולקום צום ...אַז דעם נײַעם נאַציאָנאַליזם פון דער נעפּמאַנישער בורזשואַזיע באַ אונז.

און אויב מע זאָל דערצו נעמען אין אכט דעם פאַקט, וואָס איז צוזאַמענהאַנג מיטן ארײַנציען די ייִדישע מאַסן אין דער פּראָדוקציע, באַזונדערס אין דער ערדארבעט, ווערן אין די רייען פון דער ראַנ...־געזעלשאַפטלעכקײַט ארײַנגעגאָסן נײַע אפגעשטאַנענע שיכטן פון קליינבירגערטום, וועלכע ברענגען מיט זיך עלעמענטן פון פּרימיטיווער האָרעפאַניקישער און פויערישער אידעאָלאָגיע, וועט זײַן קלאָר, אַז אַפן פּראָנט פון דער אלגעמיינער קאָמפּליצירטקײַט אין דעם פּראָצעס פון אונדזער סאָציאַליסטישער בויונג פאַרברייטערט דאָס אַלץ די אמפּליטודע פון אידעאָלאָגישע וואַקלונגען, וועלכע באַרכאַפּן אויך אפילע נאָענטסטע צו אונדז פּראָלעטאַריש־געשטימטע ש...בער.

דאָס אַלץ דיקטירט קאַטעגאָריש צו פאַרשטאַרקן די פּאַרטיי־אָנפירונג מיט דער ייִדישער ליטעראַטור און די אופווירקונג אף איר מיצאַד דער קאָמוניסטישער קריטיק.

3. די נאָענטסטע אופגאַבעס פון דער פּאַרטיי אין געביט פון ליטעראַטור זײַנען:

1) פאַרזיכערן דאָס דורכפירן די פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור, אופווירקנדיק אף די פּאַרטייִשע און פּראָלעטאַרישע שרײַבער־עלעמענטן, העלפנדיק זיי צונויפצואַרבעטן זיך מיט די שרײַבער־מיטגייער, וועלכע זײַנען נאָענט צו דער פּאַרטיי און צו דער ראַטנמאַכט, און באַזײַטיקנדיק די ווירקונג מיצאַד דער נאַציאָנאַליסטישער אינטעליגענץ און די קליינבירגערלעכע שרײַבער, באַזונדערס, די אויסלענדישע.

2) צונויפזאַמלען ארום דער פּאַרטיי די שעפערישע קרעפטן פון די סאָוועטישע שרײַבער און מיטווירקן, עס זאָל זיך אויסטיילן און וואַקסן נײַע שרײַבער פון צווישן די קאָמוניסטן, קאָמיוגיסטן, ארבדאָרפקאָרן, שילער פון הויכשולן, דער יונגער לערערשאַפט א. אז. וו.

4. ארויסגייענדיק פון דידאַקטיש אַלגעמיינע אויפגאַבעס, דאַרף די אויס־פאָרמירונג פון די יידישע שרייבער־אָרגאַניזאַציעס זיך בויען לויט די פאָלגנדיקע גרונט־ריכטונגען:

1) קעדיי מיטצוהעלפן, אז די יידישע שרייבער זאָלן אויסהאָבן דעם באַוווסטזיין פון זייער איזאָלירטקייט און אויך קעדיי איינצושטעלן צווישן די יידישע שרייבער א מער כאַוועריש ארבעט־אַטמאָספער און אף גיבן זיי די מעגלעכקייט צו פארבעסערן זייער מאַטעריעלע לאַגע, האלטן פאר צוועקמעסיק אויסצופאָרמירן די עקזיסטירנדיקע גרופירונגען און פארייניקונגען פון די יידישע שרייבער פון אלע ריכטונגען.

2) אלס פאָרבאַדינג צו שאַפן די אויבנאָנגעוויזענע שרייבער־פארייניקונג דאַרף זיין—פארשטאַרקן די יידישע סעקציעס פון דער אלפארבאַנדישער אסאָציאַציע פראָלעטארישע שרייבער („וואפפ”) און דעם פארטיי־קערן אין זיי.

3) נעמענדיק אין אכט:

א) אז די איינציקע אומבאַדינגל שטיצע פאר דער פאָליטיק פון דער פארטיי אין דער יידישער ליט ראטור איז דאָס ארבעטער־יונג־וואַרג, דאס פאַרטייישע און קאָמיוגישע (די גרופעס „יונגער ארבעטער”, „יונגוואלד”, „יונגע גוואַרדיע”), אדאַנק זייער גרעסטער פארבינדנקייט מיט דער פראָדוקציע, מיטן ארבעטער־קלאַס, מיטן קאָמיוג און מיט דער פארטיי;

ב) אז מער פון אלץ און פריער פאר אלץ האבן אף די פאר־רעוואָליוציאָנערע און נאָך־רעוואָליוציאָנערע יידישע שרייבער, אין זינען פון רעוואָליוציאָניזירן זייער פאָרם און אינהאלט, אופגעווירקט די קאָמ־יוגישע פרעסע־אָרגאַנען מיטן „יונגוואלד” בעראָש;

ג) אז די אָפנויגן, וואס באמערקן זיך אין דידאַקטישע גרופעס, סיי פון רעכטן, סיי פון אולטרא־לינקן כאַראַקטער, דערקלערן זיך דעריקער מיט דער שוואַכקייט פון דער פארטיי־אָנפירונג און מיט דער ווירקונג פון די אומפארטייישע גרופעס קאַדר־שרייבער;

האלטן פאר נויטיק:

א) צו בויען די יידסעקציעס פון „וואפפ” לויטן טיפ פון אן אסאָציאַ־ציע פון באַזונדערע שרייבער־גרופעס.

ב) אין דער אָרגאַניזירונג און פארפעסטיקונג פון די סעקציעס פון

„וואפפ" זיך אָריענטירן דעריקער אפן פּאַרטייִשן און קאָמיוגישן יונגוואַרג.

ג) ביז די סעקציעס פון „וואפפ" וועלן פאַרשטאַרקט ווערן מיט געד־עריקע פּאַרטיי־פּראַקציעס, מיט אַרבעטערשע און קאָמיוגישע גרופּעס, דאַרפן מיט „וואפפ" אָנפירן דירעקט די פּאַרטייִשע און קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציעס.

5. עס דאַרפן אָנגענומען ווערן אַלע מיטלען צו פאַרזיכערן פאַר די ייִדישע שרײַבער די מעגלעכקייט צו דרוקן זייערע ווערק און אויך צו פאַרבעסערן זייער מאַטעריעלע לאַגע אַלס שרײַבער. איינער פון די ערשטע טריט אין דער־דאָזיקער ריכטונג דאַרף זײַן — זיך ווענדן אין דער קאָמיסיע פונעם כ׳ קושיזשאַנאָווסקי באַם ראַטפּאָלקאָם וועגן פאַרבעסערן די לאַגע פון די שרײַבער.

1931 — 1932.

# אינהאלט


פאָרוואָרט . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 3

1—די „אייגנס“־גרופּע (1917—1920) . . . . . . . . . . . . . . . 7

2—מאָסקווער קרייַז (פאַריין) פון ייִדישע ליטעראַטן און קינסטלער (1918—1924) . . . 25

3—די „שטראָם“־גרופּע (1922—1924) . . . . . . . . . . . . . . . . 45

4—דער קאַמף פאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין מאָסקווע (1922—1927) . 69

5—דער קאַמף פאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אוקראַיִנע (1922—1927) 152

6—צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור־באַוועגונג אין ווייַסרוסלאַנד.
די ליטעראַרישע גרופּע „יונגער אַרבעטער“ . . . . . . . . . . . . . 251

צוגאַב-מאַטעריאַלן: פּאַרטייִשע דאָקומענטן וועגן ליטעראַטור־פראַגעס . . . . . . . 271

## ווערק פונעם זעלבן אוטער:


1. הערשל שאַמײַ און אנדערע דערציילונגען . . . . . . . 1929 יאָר
2. הערשל שאַמײַ (צווייטע אופלאַגע) . . . . . . . . . . . 1931 „
3. קוזבאס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 1932 „
4. דערציילונגען . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 1933 „
5. הערשל שאַמײַ 2־טער טייל . . . . . . . . . . . . . 1934 „